STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05363

FILOZOFYE FUN DER KUNST

Hippolyte Taine

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

391

יאטשקאָווסקיס
„פּאָפּולער וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק"

היפּאָליט טען

פילאָזאָפיע פון דער קונסט

ערשטער באַנד

יידיש: ד"ר ב. צפּור

וואַרשע–ניו-יאָרק 1931

Printed in Poland

Ippolit Ten — Filozofja Sztuki
Wyd. Pop. Naukowe Jaczkowskiego
Warszawa. Twarda 8.

Drukarnia „B-cia LEWIN EPSTEIN i S-ka"
Warszawa, Pawia 38.

הקדמה

דער קורס פון וועלכן עס זענען אַרויסגענומען געוואָרן די פאָלגנדע צען לעקציעס איז געהאַלטן געוואָרן אין „דער שפּיל פאַר שיינע קונסטן”; ווען מען זאָל אים אינגאַנצן איבערגעבן שריפטלעך, וואָלט ער געמוזט פאַרנעמען עלף גראָבע בענדער. איך האָב נישט געוואַגט צו באַלעסטיקן דעם לייענער מיט אַזאַ גרויסן לייען־מאַטעריאַל; איך צי אַרויס פון דערדאָזיקער אַרבעט בלויז די אַלגעמיינע באַגריפן. אין יעטוועדער פאָרשונג זענען דידאָזיקע באַגריפן די הויפּט־זאַך, און דאָ איז נאָך פיל וויכטיקער זיי אויסצושיילן, ווי ערגעץ אַנדערש, ווייל פון אַלע מענטשלעכע ווערק זעט אויס דאָס קונסטווערק צו זיין אַממערסטנס אַ צופעליקע דערשיינונג; מ'איז גענויגט צו גלויבן, אַז עס אַנטשטייט גלאַט אין דער וועלט אַריין, אָן אַ כלל און אָן אַ סבה, אויף באַראָט פונם צופאַל, פונם נישט פאָראויסגעזעענעם, פונם ווילקיר; אמת, ווען דער קינסטלער שאַפט, שאַפט ער לויט דעם שפּיל פון זיין פאַנטאַזיע, וועלכע איז אַ טייל פון זיין פערזענלעכקייט; ווען די געזעלשאַפט נעמט עפּעס אויף, טוט זי עס לויט איר געשמאַק, וועלכער איז עלול זיך צו ענדערן; די איינפאַלן פונם קינסטלער, די סימפּאַטיעס פונם פּובליקום — דאָס אַלץ קומט פון זיך זעלבסט, פריינוויליק, און זעט אויס פונקט אַזוי קאַפּריזנע, ווי דער ווינט, וואָס בלאָזט. פונדעסטוועגן אַזוי ווי דער ווינט, וואָס בלאָזט, אַזוי האָט אויך דאָס אַלץ געגויע און פעסטע געזעצן; עס וואָלט כדאי געווען זיי פאַנאַנדערצוקלייבן.

פילאָזאָפיע פון דער קונסט.

קאַפיטל א.

איבערן מהות פונם קונסטווערק.

מיינע הערן!

אָנהויבנדיק דעמדאָזיקן קורס, האָב איך בדעה געהאַט ביי אייך צו בעטן צוויי זאַכן, וועלכע זענען מיר זייער נויטיק: אויפמערקזאַמקייט קודם־כל, און דערהויפּט — גוטן ווילן. די אויפנאַם, וואָס איר באַוויליקט מיר צו מאַכן איבערצייגט מיך, אַז איר וועט זיי מיר ביידע שענקען. איך דאַנק אייך פאָראויס זייער וואַרעם, און זייער אויפריכטיק.

דאָס טעמע, וואָס איך דענק מיט אייך היי־יאָר צו באַהאַנדלען איז די געשיכטע פון דער קונסט, און הויפּטזאַכלעך די געשיכטע פון דער מאָלעריי אין איטאַליע. איידער אָבער מיר טרעטן צו צום עצם קורס גופא, וואָלט איך וועלן אייך אָנווייזן די מעטאָדע און דעם זין פונם דאָזיקן קורס.

I

דער אויסגאַנגס־פּונקט פון דערדאָזיקער מעטאָדע באַשטייט אין אָנערקענען דעם פאַקט, אַז אַ קונסטווערק איז נישט קיין אָפּגעזונדערטע זאַך, ובכן אין זוכן דעם קאָמפּלעקס צו וועלכן דאָס קונסט־ווערק געהער און וועלכער מאַכט עס אונז פאַרשטענדלעך.

דער ערשטער שריט איז נישט שווער. יעדעס קונסטווערק: אַ בילד, אַ טראַגעדיע, אַ סקולפּטור, געהער קודם־כל צו

אַ קאָמפּלעקס, איך מיין: צום סכום ווערק, וואָס אַ קינסטלער האָט געשאַפן. דאָס איז „אלף־בית". יעדער איינער ווייסט, אַז די פאַרשיידענע ווערק פון אַ קינסטלער זענען אַלע צווישן זיך פאַרוואַנדט, ווי די קינדער פון איינעם און דעמזעלבן פאָטער. דאָס הייסט, אַז זיי האָבן מיט איינאַנדער באַשטימטע ענלעכ־קייטן. איר ווייסט, אַז יעדער קינסטלער פאַרמאָגט זיין סטיל, אַ סטיל, וועלכן איר באַגעגנט אין אַלע זיינע ווערק. אויב דאָס איז אַ מאָלער, האָט ער זיין אייגענעם קאָלאָריט — אַ באַליבטן אָדער אַ מאַטן; זיינע באַליבטע טיפּן — אײדעלע אָדער פּראָסטע; זיינע שטעלונגען, זיין אופן קאָמפּאָזיציע, אפילו זיינע אייגענע אויספירונגס־פאָרטלען, זיין פאַרבן־לייגן, זיין מאָדעלירן, זיינע קאָלירן, זיין אַרט טאָן. איז עס אַ שריפטשטעלער, פאַרמאָגט ער זיך זיינע העלדן — העפּטיקע אָדער רואיקע, זיינע אינטריגעס — פאַרוויקלטע אָדער איינפאַכע, זיינע פאַרענדיקונגען — טראַגישע אָדער קאָמישע, זיינע סטיל־עפעקטן, זיין זאַץ־בוי, און אפילו זיין אייגענעם וואָרט־אוצר. דאָס אַלץ איז אַזוי אמת, אַז ווען איר וואָלט ווייזן אַ זאַכקענער אַ נישט־אונטערגעשריבן ווערק פון אַן אָנגעזעענעם מייסטער, וואָלט ער פּעאיק געווען, כמעט אויף זיכער, צו דערקענען ווער דער קינסטלער פונם ווערק איז; און אויב זיין דערפאַרונג איז אַ גענוג גרויסע, זיין חוש גענוג פיין, וואָלט ער אפילו אייך געקאָנט זאָגן אין וואָסער תקופה פונם קינסטלערס לעבן, אין וועלכן פעריאָד פונם קינסטלערס אַנט־וויקלונג דאָס ווערק, וואָס איר ווייזט אים, איז געשאַפן געוואָרן.

דאָס איז דער ערשטער קאָמפּלעקס צו וועלכן אַ קונסט־ווערק האָט אַ שייכות.

און אָט איז דער צווייטער:

דער זעלביקער קינסטלער גופא, ווען מען באַטראַכט אים צוזאַמען מיטן גאַנצן סכום ווערק, וואָס ער האָט געשאַפן, איז נישט קיין אָפּגעזונדערטע דערשיינונג. פאַראַן, אויך דאָ, אַ קאָמפּלעקס, אין וועלכן ער געפינט זיך אַלס טייל, אַ קאָמפּלעקס אַ פּיל ברייטערער, ווי דער, וואָס ער גופא שטעלט מיט זיך פאָר: דאָס איז די שול אָדער די קינסטלער־משפחה פונם זעלבן לאַנד און פון דער זעלבער צייט, צו וועלכער ער געהער.

אַרום שעקספּירן, למשל, וועלכער שיינט, אין ערשטן

אויגנבליק צו זיין אַ ווונדער פון הימל אַראָפּגעפאַלן, אַ מעטעאָר געקומען פון אַן אַנדער וועלט, געפינט מען אַ טוץ העכערע דראַמאַטיקער, ווי וועבסטער, פאָרד, מאַססינגער, מאַרלאָ, בען-דזשאָנסאָן, פלעטשטער און באָמאָן, וואָס האָבן געשריבן אינם זעלבן סטיל און אינם זעלבן גייסט, וואָס ער. זייערע טעאַטער-ווערק האָבן די זעלבע כאַראַקטער-שטריכן, וואָס זיינע; איר וועט אין זיי טרעפן די זעלבע שטורמישע און שרעקלעכע פאַר-שוינען, די זעלבע אומדערוואַרטעטע - בלוטיקע ענדערונגען, דעם זעלבן אויסדרוק פון פלוצומדיקע, אומגעצוימטע ליידנשאַפטן, דעמזעלבן סטיל אָן אָרדענונג, וואָס איז משונהדיק איבערטריבן און גלענצנד, דאָסזעלבע פיינע און דיכטערישע געפיל פאַר דאָרף און לאַנדשאַפט, די זעלבע צאַרטע און טיף-ליבנדיקע פרויען-טיפּן. און אַזוי שיינט אונז אויך רובענס צו זיין אַ פאַר-איינצלטער אָן פאָרגענגער און אָן נאָכפאָלגער. גענוג איז אָבער אַריינצופאָרן קיין בעלגיע און צו באַזוכן די קירכן פון גענט, ברי‌סל, בריגע אָדער אַנטווערפּן, אום צו באַמערקן אַ גאַנצע גרופּע מאָלער, וואָס זענען, לויטן טאַלענט, אים ענלעך: קודם-כל קרייער, וואָס איז, אין זיין צייט, באַטראַכט געוואָרן אַלס זיינער אַ געגנער, אַדאַם וואַן-נאָאָרט, געראַנד סעגהערס, ראָמבּוטס אַבּראַהאַם יאַנסענס, וואַן-ראַאָזע, וואַן-טהולדען, יאַן וואַן-אָאָסט, און נאָך אַנדערע, וואָס איר קענט; יאָרדאַענס, וואַן-דיק, וועלכע האָבן אויפגעפאַסט די מאָלעריי אין זעלבן גייסט, און נעבן זייערע אייגנטימלעכע אונטערשיידן, צעמאָל פאַרהאַלטן אַ געוויסע משפחה-ענלעכקייט.

ווי רובענס, האָבן זיי אויך הנאה געהאַט צו מאָלן געזונט-בליענדיק פלייש; דעם רייכן ציטערדיקן לעבנס-צאַפּל, דעם פילנדיקן און בלוטיקדיקן מאַרך, וואָס שלאָגט אַרויס רחבותדיק אויפן אויבערפלאַך פון אַ לעבעדיקן ווזן, טיפּן רעאַלע און אָפט — ברוטאַלע, דעם שווונג און די אָפּגעלאָזנקייט פון אַ פרייער באַוועגונג, פּרעכטיקע, גלאַנציקע בונטע שטאָפן, דעם אָפּשיין פון פּורפּור און זייד, דאָס פאַנאַנדערלייגן זיך מיט אויפגע-טרייסלטע, געפאַלדעוועטע געווענטער. ביים היינטיקן טאָג, שיינט זייער גרויסער צייט-חבר, מיט זיין באַרימטקייט, זיי צו פאַר-טונקלען; ס'איז אָבער נישט ווייניקער אמת, אַז כדי אים צו פאַר-

שטיין, מוז מען צוזאַמענקלויבן אַרום אים אָט דעם גאַרב־טאַלענטן, צווישן וועלכע ער שטעלט בלויז מיט זיך פאָר די העכסטע זאַנג, און דידאָזיקע משפחה קינסטלער, וועלכע ער איז בלויז דער גלענצנדסטער פאָרשטייער.

אָט דאָס איז דער צווייטער שריט. ס'בלייבט אָבער נאָך אַ דריטן צו מאַכן.

דידאָזיקע קינסטלער־משפחה גופא איז בלויז אַ טייל פון נאָך אַ פיל ברייטערער: די אַרומיקע וועלט מיט איר געשמאַק, וואָס איז צוגעפאַסט צום געשמאַק פון דער קינסטלער־משפחה. ווייל דער מצב פון זיטן און גייסט איז דערזעלבער ביים פובליקום, ווי ביי די קינסטלער; די לעצטע זענען לחלוטין נישט קיין אָפגעזונדערטע יחידים. אמת טאַקע, אַז בלויז זייער שטים הערן מיר אין איצטיקן מאָמענט דורך דער ווייטקייט פון די יאָרהונדערטן, אָבער אונטער דערדאָזיקער גלענצנדיקער שטים, וואָס דערגרייכט, אין אירע וויבראַציעס, ביז צו אונז, טיילט זיך אויס אַ געמורמל, און ווי אַ שטאַרק טויב זשומען: די גרויסע, אומענדלעכע און פילפאַכע שטים פונם פאָלק, וואָס האָט געזונגען אין איינקלאַנג מיט זיי צוזאַמען. און גרויס געווען זענען זיי טאַקע נאָר אַדאַנק דער דאָזיקער האַרמאָניע. און אַזוי האָט עס געמוזט זיין: פעדיאַס, איקטינוס, מענטשן, וואָס האָבן געשאַפן דעם פאַרטהענאָן *) און דעם יופיטער פון אָלימפּ, זענען געווען גלייך מיט אַלע אַטענער פרייע בירגער און געצני־דינער, אויפגעצויגענע אין אַ פאַלעסטראַ **). אויך זיי האָבן געקעמפט און זיך געאיבט נאַקעטערהייט, און געוווינט געווען צו באַראַטונגען און אָפשטימונגען אויפן פאָלקס־פלאַץ, זיי האָבן געהאַט דיזעלבע מנהגים, דיזעלבע אינטערעסן, דיזעלבע אידייען, דיזעלבע גלויבונגען; זיי זענען געווען מענטשן פון דערזעלבער ראַסע, פון דערזעלבער דערציאונג, פון דערזעלבער שפּראַך, אַזוי, אַז מיט אַלע וויכטיקע טיילן פון זייער לעבן זענען זיי געווען ענלעך צו זייערע צושויער.

*) פארטהענאָן. באַרימטער טעמפּל פון אַטהען, דעקאָרירט דורך דעם מאַלער פידיאַס.

**) פאַלעסטראַ: פאָלקס־פלאַץ פאַר קערפּערלעכע איבונגען ביי די גריכן.

דערדאָזיקער איינקלאַנג ווערט נאָך קלאָרער, ווען מ'ר באַטראַכטן אַ תקופה, וועלכע איז נאָנט צו אונזערער: למשל, די גרויסע שפּאַנישע תקופה, וואָס ציט זיך פונם 14-טן יאָר־הונדערט ביז אין דער מיט 17-טן. די תקופה פון די גרויסע מאָלער, וועלאַזקעס, מורילאָ, זורבאַראַן, פראַנציסקאָ דע הערערא, אַלאָנזאָ קאַנאָ, מאָראַלעס; די תקופה פון די גרויסע דיכטער לאָפּע דע וועגא, קאַלדעראָן, סערוואַנטעס, טירזאָדע מאָלינא, דאָן לואיס דע לעאָן, גילהעם דע קאַסטראָ און אַ סך אַנדערע. איר ווייסט, אַז שפּאַניע איז אין יענער צייט געווען דורך און דורך מאָנאַרכיסטיש און קאַטויליש, אַז זי האָט מנצח געווען די טערקן אין לעפּאַנטע, אַז זי האָט פאַרכאַפּט אפריקע און דאָרט פאַרלייגט געוויסע אַנשטאַלטן, אַז זי האָט באַקעמפט די פּראָ־טעסטאַנטן אין דייטשלאַנד, זיי גערודפט אין פראַנקרייך און זיי באַפאַלן אין ענגלאַנד; אַז זי האָט אונטעריאָכט און אָפּגעשמדט די געטשנדינער פון דער נייער וועלט, פאַרטריבן פון איר לאַנד די יידן און די מוירן, געלייטערט איר אייגן גלויבן דורך שייטערהויפנס און כלערליי רדיפותן, אַז זי האָט פאַרשווענדעט אירע שיפן, אירע אַרמייען, דאָס גאָלד און זילבער פון איר אַמעריקע, דאָס בעסטע בלוט פון אירע קינדער, דאָס באַלעבאַ־דיקע בלוט פון איר אייגן האַרץ, אויף איבערמאָסיקע און פיל־פאַכע קרייץ־צוגן, מיט אַזאַ עקשנות און מיט אַזאַ פאַנאַטיזם, אַז אין אַ משך פון אָנדערטהאַלבן יאָרהונדערט איז זי געפאַלן אַ דערשעפּטע צו די פיס פון אייראָפּאַ, אָבער מיט אַזאַ ענטוי־זיאַזם, מיט אַזאַ גלאַנץ און רום, מיט אַזאַ נאַציאָנאַלער התלהבות, אַז אירע אונטערטאַנען, פאַרליבטע ממש אין דער מאָנאַרכיע, אַרום וועלכער ס'האָבן זיך אַלע כוחות קאָנצענטרירט, פאַרליבטע אינם ציל, וועלכן זיי האָבן זייער לעבן אָפּגעגעבן, האָבן פאַר־מאָגט נאָר איין-איינציקן ווונטש: עקזאַלטירט צו דינען דעם קעניג און די רעליגיע מיט געהאָרכזאַמקייט, און צו בילדן אַרום קירך און טראָן אַ כאָר פון געטרייע, פון קעמפער און פאַר־ערער.

אין דערדאָזיקער מאָנאַרכיע פון אינקוויזיטאָרן און קרייץ־פאָרער, וואָס האָבן נאָך פאַרהאַלטן אין זיך די געפילן פון ריטערטום, די פינסטערע ליידנשאַפטן, די ווילדקייט, די

אומטאָלעראַנץ און דעם מיסטיציזם פונם מיטלאַלטער, זענען די גרעסטע קינסטלער געווען מענטשן, וואָס האָבן פאַרמאָגט אויף דער העכסטער מאָס די אייגנשאַפטן, די געפילן און די ליידנ־שאַפטן פונם פאָלק, וואָס האָט אַרום זיי געלעבט. די באַרימטעסטע דיכטער, לאָפע דע וועגא און קאלדעראָן, זענען געווען סאָלדאַטן אַוואַנטוריסטן, פרייוויליקע פון אַרמאַדא, דועליסטן און פאַרליבטע, פונקט מיט אַזויפיל התפעלות און מיסטיק אין זייער ליבע, ווי די דיכטער און די דאָן־קישאָטס פון די פעאָדאַלע צייטן; זיי זענען געווען ליידנשאַפטלעכע קאַטאָליקן און מיט אַזאַ ברען, אַז איינער פון זיי איז צום סוף פון זיין לעבן געוואָרן אַ מחותן מיט דער אינקוויזיציע, די אַנדערע — גלחים, און דער באַרימ־טעסטער צווישן זיי, דער גרויסער לאָפע איז בעתן געבעט געפאַלן אין חלשות, ביים געדאַנק וועגן דער אָפּפערונג און דער פייניקונג פון יעזוס־קריסטוס.

אומעטום וועלן מיר באַגעגענען ענלעכעביישפילן פון פאַרבינדונג און אינערלעכער האַרמאָניע, וואָס שטעלן זיך איין צווישן דעם קינסטלער און זיינע צייט־מענטשן; און מיר קענען מיט זיכערקייט שליסן, אַז אויב מען וויל פאַרשטיין דעם געשמאַק פונם קינסטלער, זיין טאַלענט, די סיבות, וואָס האָבן געווירקט, אַז ער זאָל אוסוויילן אַזא און אַזאַ זשאַנר מאָלעריי אָדער דראַמע, ליבער קריגן אַזאַ און אַזאַ טיפּ, אָדער קאָלאָריט, פאָרשטעלן די און די געפילן, דאַרף מען דאָס אַלץ זוכן אינם אַלגעמיינעם מצב פון זיטן און גייסט, ביים פאָלק מיט וועלכן ער לעבט.

ס׳קומט אונז אַלזאָ אויס אוועקצושטעלן פאָלגנדן כלל:

כדי צו פאַרשטיין אַ קונסטווערק, אַ קינסטלער, אַ גרופּע קינסטלער איז נויטיק זיך געניי פאָרצושטעלן דעם אַלגעמיינעם מצב פון דעם גייסטיקן ניוואָ און פון די זיטן פון דער צייט צו וועלכער זיי געהערן. דערין ליגט די לעצטע דערקלערונג, דערין ליגט די פרימיטיווע סבה וואָס באַשטימט דעם גאַנצן רעשט. דערדאָזיקער אמת, מיינע הערן, ווערט באַשטעטיקט דורך דער דערפאַרונג; ווען מען קוקט דורך די וויכטיקסטע תקופות פון דער קונסט־געשיכטע, באַמערקט מען, אַז די פאַרשידענע קונסטן באַווייזן זיך און פאַרשווינדן צוזאַמען מיטן מצב פונם צייט־

נייסט און פון די זיטן צו וועלכע זיי זענען געבונדן. — די גריכישע טראַגעדיע, למשל, די טראַגעדיע פון עסכילאָס, סאָפאָקלעס און אויריפּידעס באַווייזן זיך בעתן נצחון פון די גריכן איבער די פּערסער, אין דער העראָאישער תקופה פון קליינע רעפּובליקאַנישע שטאַטן, אינם מאָמענט פון גרויסער אָנשטרענגונג, דורך וועלכער זיי דערווערבן זייער אומאָפּהענגיקייט און באַפעסטיקן זייער השפעה אויף דער ציווילזירטער וועלט; און מיר זעען ווידער, ווי זיי פאַרשווינדן צוזאַמען מיט דערדאָזיקער אומאָפּהענגיקייט און ענערגיע, ווען די ירידה פון די כאַראַקטערן און די מאַצעדאָנישע דעראָבערונג גיט אָפּ גריכנלאַנד אין רשות פון די אויסלענדער. — און אַזוי אויך די גאָטישע אַרכיטעקטור, זי אַנטוויקלט זיך מיט דער פאָלקאָמער איינשטעלונג פונם פעאָדאַלן רעזשים אין דער האַלב-רענעסאַנס פונם 11-טן יאָרהונדערט, בעת די געזעלשאַפט, וואָס איז אָקאָרשט באַפרייט געוואָרן פון די נאָרמאַנען און פון די רויבער, הויבט זיך אָן פעסטצושטעלן; און מען זעט, ווי זי פאַרשווינדט מיטן מאָמענט, ווען דער מיליטערישער רעזשים פון די קליינע אומאָפּהענגיקע באַראָנען, מיט זיין גאַנצן קאָמפּלעקס זיטן, ווערט אויפגעלייזט אין סוף פונם xv-טן יאָרהונדערט, דורכן אויפקום פון די מאָדערנע מאָנאַרכיעס.

דאָסזעלבע קומט פאָר מיט דער מאָלעריי אין האָלאַנד; זי בליט אויף אינם רומפולן מאָמענט, ווען האָלאַנד באַפרייט זיך אָקאָרשט פון דער שפּאַנישער הערשאַפט, קעמפט מיט ענגלאַנד גלייך אויף גלייך, ווערט די רייכסטע, פרייסטע, אינדוסטריעלסטע און שפּעדיקסטע מלוכה אין אייראָפּע; און מיר זעען ווידער איר ירידה אינם אָנהויב פונם 18-טן יאָרהונדערט, בעת זי פאַלט אַרונטער צו דער מדרגה פון אַ צווייטראַנגיקער מלוכה, און לאָזט ענגלאַנד פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט: זי באַגניגט זיך דעמאָלט צו בלייבן אַ רואיק, גוט רעגולירט באַנק-און-האַנדלס-הויז, מיט אַ גוטער אַדמיניסטראַציע; אַ ווינקל, ווו דער מענטש קאָן זיך לעבן צופרידן, אַלס באַשיידענער קליינבירגער, פריי פון גרויסע אַמביציעס און גרויסע עמאָציעס. —

און אַזוי באַווייזט זיך אויך די פראַנצויזישע טראַגעדיע אין אַ צייט, ווען די רעגלמעסיקע און איידעלע מאָנאַרכיע

גרינדעט, אונטער לודוויק דעם 14־טן, די ממשלה פון אָנשטענ־דיקייט: דאָס הויף־לעבן, די שיינע אויפנאַמעס, די עלעגאַנטע, אַריסטאָקראַטישע דינערשאַפט. און פאַרשווינדן פאַרשווינדט זי, בעת דער אַדל־שטאַנד און די פּאַרצימער־מנהגים ווערן אָפּגע־שאַפט דורך דער רעוואָלוציע.

איך וואָלט וועלן אייך קלאָר מאַכן דורך אַ פאַרגלייך דין ווירקונג, וואָס דער צושטאַנד פון זיטן און גייסט האָט אויף דער שיינער קונסט. ווען איר פאָרט אַרויס פון אַ דרום־לאַנד און ווענדט זיך, אין אייער נסיעה, קיין צפון, באַמערקט איר אַריינ־קומענדיק אין אַ געוויסער צאָנע, ווי ס׳הויבט זיך אָן אַ נייער מין קולטור און אַ באַזונדער פלאַנצן־וועלט: תחילת ווייזט זיך דער אַלאָעס, און דער אָראַנזשן־בוים, אַביסל שפּעטער — דער איילבירט און דער וויינשטאָק, דערנאָך — דער דאָמב און דער האָבער; אַביסל נאָך ווייטער — די סאָסנע, און גאָר צום סוף — כלערליי מעכן. יעדע צאָנע פאַרמאָגט איר אייגענע קולטור און פלאַנצן־וועלט; ביידע הויבן זיך אָן און ענדיקן זיך מיט איר גופא; זי איז פאַר זיי דער באַדינג פאַר עקזיסטענץ; מיט איר אָנוועזנ־הייט באַווייזן זיי זיך; מיט איר אָפּוועזנהייט פאַרשווינדן זיי; זיי זענען צו איר געבונדן. אָבער, וואָס איז דען אַזוינס אַ צאָנע, אויב נישט אַ געוויסע טעמפּעראַטור, אַ געוויסער גראַד וואַרעמקייט און פייכטקייט, אין איין וואָרט, אַ געוויסער סכום הערשנדע אומשטענדן, וואָס זענען אין זייער מין ענלעך צו דעם, וואָס מיר האָבן פריער אָנגערופן — אַלגעמיינער מצב פון צייט־גייסט און זיטן? פונקט ווי ס׳איז פאַראַן אַ פיזישע טעמפּעראַטור, וואָס רופט אַרויס, דורך אירע פאַרענדערונגען, דאָס דערשיינען פון אַזאַ און אַזאַ מין פלאַנץ; אַזוי איז אויך פאַראַן אַ מאָראַלישע טעמפּעראַטור, וואָס רופט אַרויס, דורך אירע פאַרענדערונגען, דאָס דערשיינען פון אַזאַ און אַזאַ מין קונסט. און פונקט ווי מען שטודירט די פיזישע טעמפּעראַטור, כדי צו פאַרשטיין די דערשיינונג פון דעם און דעם מין פלאַנץ, קוקורוזע, האָבער, אַלאָעס אָדער סאָסנע, אַט אַזוי דאַרף מען שטודירן די מאָראַלישע טעמפּעראַטור, כדי צו פאַרשטיין דאָס דערשיינען פון דעם און דעם מין קונסט, די סקולפּטור פון די היידן, צי די מאָלעריי פון די רעאַליסטן, די מיסטישע אַרכיטעקטור, צי די קלאַסישע

ליטעראַטור, די זינלעכע מוזיק, צי די אידעאַליסטישע פּאָעזיע. די פּראָדוקטן פונם מענטשלעכן גייסט, ווי די פון דער לעבע־דיקער נאַטור, קאָנען דערקלערט ווערן נאָר דורך זייער סביבה.

אָט אַזאַ שטודיום איבער דער געשיכטע פון דער מאָלעריי אין איטאַליע, נעם איך מיר פאַר מיט אייך דורכצומאַכן אין משך פונם הייגטיקן יאָר. איך וועל זיך באַמיען צוריק אויפצו־בויען פאַר אייערע אויגן די מיסטישע סביבה, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ דזשיאָטאָ און אַ בעאַטאָ אַנדזשעליקאָ, און צו דעם צוועק וועל איך אייך לייענען אויסצוגן פון דיכטער און שרייבער, לויט וועלכע מען קאָן זען וואָסער אַ באַגריף די מענטשן פון יענער צייט האָבן געהאַט פון גליק, פון אומגליק, פון ליבע, פון גלויבן, פון גן־עדן, פון גיהנם, פון אַלע גרויסע, מענטשלעכע לעבנס־אינטערעסן. מיר וועלן געפינען דידאַקטישע דאָקומענטן אין די לידער פון דאַנטע, פון גואידאָ קאַוואַלקאַנטי, פון די פרומע פראַנציסקאַנער, אין דער „גאָלדענער לעגענדע", אין דער נאָכאַמונג פון יעזוס־קריסטוס, אין די פיאָרעטיס פונם הייליקן פראַנציסקאָ, ביי אַזעלכע היסטאָריקער, ווי דינאָ קאָמפּאַני, אין יענער ברייטער זאַמלונג כראָניקערס, וואָס מוראַטאָרי האָט צוזאַמענגעקליבן, און וועלכע שילדערן אַזוי נאַאיוו די קנאה און געוואַלט־טאַטן פון זייערע קליינע רעפּובליקן. — און אַזוירנאָך וועל איך זיך אויך באַמיען אויפצובויען פאַר אייך צוריק יענע געטשנדינערישע סביבה, וואָס האָט, מיט אָנדערטהאַלבן יאָרהונדערט שפּעטער, אַרויסגעגעבן אַ לעאָנאַרדאָ־דאַ־ווינטשי, אַ מיקעל־אַנדזשעלאָ, אַ ראַפאַעל און אַ טיציאַן. צו דעם צוועק וועל איך אייך לייענען זכרונות פון מענטשן פון יענער צייט, די פון בענווענוטאָ טשעליני, למשל, ווי אויך אויסצוגן פון די פנקסן, וואָס פלעגן געפירט ווערן טאָג־טעגלעך אין רוים און אין די הויפּט־שטעט פון איטאַליע, שליחות־בריוו פון אַמבאַסאַדאָרן, באַשרייבונגען פון פייערלעכ־קייטן, מאַסקאַראַדן און פייערלעכע אַריינמאַרשן אין די שטעט, אָפיציעלע פראַגמענטן, וואָס וועלן אייך ווייזן די אכזריות, די זינלעכקייט, דעם כח פון די אַרומיקע זיטן און, גלייכצייטיק, דעם שטאַרקן פּאָעטישן און ליטעראַרישן חוש, די אינסטינקטיווע בייגונגען צו דעקאָראַציעס, דעם געברויך פון אויסערלעכער

פראַכט, וועלכע מ׳האָט דעמאָלט באַגעגנט אַזוי גוט ביי דעם המון און ביי דער אומוויסנדער מאַסע, ווי ביי די גדולים און ביי דער אינטעליגענץ.

איצט, מיינע הערן, לאָמיר אָננעמען, אַז דידאַקטיק פאַר־שונג וועט זיך אונז איינגעבן, אַז מיר וועלן באַווייזן פעסטצו־שטעלן מיט אַ פולער גענויאיקייט די פאַרשידענע גייסטיקע סבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן די אַנטשטייאונג פון דער איטאַליענישער קונסטמאָלעריי, איר אַנטוויקלונג, איר אויפבלי, איר פאַרשידנ־אַרטיקייט און איר ירידה. לאָמיר אָננעמען, אַז דידאַקטיק פאַר־שונג זאָל זיך אונז אויך איינגעבן בנוגע אַנדערע יאָרהונדערטן, אַנדערע לענדער, און פאַר אַלע פאַרשידענע צווייגן פון דער קונסט: אַרכיטעקטור, מאָלעריי, סקולפּטור, דיכטונג און מוזיק. שטעלט זיך פאַר גלייכצייטיק, אַז אַלס פועל יוצא פון די אַלע אַנטדעקונגען, זאָל זיך איינגעבן צו דעפינירן די נאַטור פון יעדער מין קונסט, און פעסטשטעלן אירע עקזיסטענץ־באַדינגונ־גען; מיר וואָלטן אַזויערנאָך באַקומען אַ קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן שיינער קונסט, און וועגן דער קונסט בכלל; דאָס הייסט — אַ פילאָזאָפיע פון דער קונסט; און דאָס אייגנטלעך רופט מען עסטעטיק. צו אָט אַזאַ עסטעטיק שטרעבן מיר טאַקע, מיינע הערן, צו אַזאַ און נישט צו קיין אַנדערער! אונזערע איז אַ מאָדערנע; זי איז אַנדערש פון דער אַלטער דערמיט, וואָס זי איז אַ היסטאָרישע און נישט קיין דאָגמאַטישע, ד. ה. דערמיט, וואָס זי צווינגט נישט אויף קיין תורות, נאָר שטעלט פעסט כללים. די אַלטע פלעגט פריער געבן אַ דעפיניציע פון דעם, וואָס הייסט „שיין", און, למשל, זאָגן: דאָס שיינע איז דער אויסדרוק פונם עטישן אידעאַל; אָדער, אַז דאָס שיינע איז דער אויסדרוק פון די מענטשלעכע ליידנשאַפטן; און האַלטנ־דיק דידאַקטיק דעפיניציע פאַר אַ תורה, פלעגן זיי פאַרמשפטן, פריישפּרעכן, אויסמוסרן און מדריך זיין בדרך הישר. איך בין באמת גליקלעך, וואָס איך האָב נישט אַזאַ שווערע אויפגאַבע צו דערפילן; איך האָב אייך נישט צו פירן, ס׳וואָלט מיר צו שווער אָנגעקומען: איבריקנס קלער איך מיר אין דערשטיל, אַז אין הלכות דינים, זענען אין דער הינזיכט פאַראַן קוים צוויי: דער ערשטער הייסט אונז געבוירן ווערן געניאַל; און דאָס איז

אַן עסק פאַר אייערע עלטערן, פאַר מיר — נישט; דער צוזייטער צעהט אַ סך צו אַרבעטן, כדי די קונסט צו באַהערשן: דאָס איז ווידעראַמאָל נישט מיין עסק, נאָר אייערער. דער איינציקער חוב מיינער איז אייך נאָר פאָרצושטעלן די פאַקטן און אייך צו ווייזן ווי אַזוי זיי זענען אַנטשטאַנען. די מאָדערנע מעטאָדע, וואָס איך באמי זיך צו פאָלגן, און וואָס הויבט אָקאָרשט אָן אַריינצודרינגען אין אַלע עטישע וויסנשאַפטן, באַשטייט אינם באַטראַכטן די מענטשלעכע ווערק, ובפרט די קונסטווערק, ווי פאַקטן און פראָדוקטן, פון וועלכע מען דאַרף פעסטשטעלן די נאַטור, זוכן די סבות און מער גאָרנישט. אַזויערנאָך פאַר־שטאַנען, שרייבט די וויסנשאַפט גאָרנישט פאַר און איז גאָרנישט מוחל: זי שטעלט בלויז פעסט דערשיינונגען און קלערט זיי אויף. זי זאָגט אייך נישט, למשל: „האָט פיינט די האָלענדישע קונסט, ווייל זי איז גראָב, און געניסט נאָר פון דער איטאַליענישער". זי זאָגט אייך אויך נישט: „פאַראַכטעט די גאָטישע קונסט — זי איז קראַנקהאַפט, און קוויקט זיך בלויז מיט דער גריכישער". זי לאָזט יעדערן די פרייהייט זיך נאָכצוגעבן זיינע באַזונדערע תאוות, ליב צו האָבן דאָס וואָס איז פאַסיק פאַר זיין טעמפעראַ־מענט, און צו שטודירן זאָרגפעלטיק און מיט מער אויפמערק־זאַמקייט דאָס, וואָס האָט אַ גרעסערע שייכות צו זיין אייגענעם גייסט. וואָס איז נוגע דערדאָזיקער מעטאָדע סימפּאַטיזירט זי מיט אַלע קונסטפאָרמען און מיט אלע קונסט־שולן, אפילו מיט יענע, וואָס שיינען צו שטיין מיט אַנאַנדער אין דער גרעסטער סתירה; זי נעמט זיי אַלע אויף, אַלס דערשיינונגען דורך וועלכע דער מענטשלעכער גייסט קומט צום אויסדרוק; זי האַלט, אַז וואָס גרעסער אין דער צאָל און וואָס מער סתירהדיק דידאָזיקע דערשיינונגען זענען, אַלס מער אַנטפּלעקן זיי דעם מענטשלעכן גייסט דורך פרישע צאָלרייכע כחות; זי טוט ווי די באָטאַניק, וואָס שטודירט מיטן זעלבן אינטערעס אַמאָל דעם אָראַנזשען־בוים און דעם לאָרבער־בוים, אַמאָל די סאָסנע און די בזשאָזע; זי גופא איז אַ מין באָטאַניק, וואָס ווערט אָנגעווענדט נישט אויף פלאַנצן, נאָר אויף מענטשלעכע ווערק. אין דער הינזיכט גייט זי נאָך דער אַלגעמיינער באַוועגונג, וואָס דערנענטערט, ביים היינטיקן טאָג, די מאָראַל־לערע צו דער נאַטור־לערע.

געבנדיק דער ערשטער די יסודות, די פּאָרזיכטס־מיטלען און די ריכטונגען פון דער צווייטער, זיכערט זי איר דעמזעלבן באַשטאַנד און דעמזעלבן פאָרשריט.

II

איך וואָלט וועלן גלייך אָנווענדן דידאַקטיקע מעטאָדע אויף דער ערשטער און וויכטיקסטער פראַגע מיט וועלכער ס׳דאַרף זיך אָנהויבן אַ קורס איבער עסטעטיק: דאָס איז די דעפיניציע פון דער קונסט.

וואָס איז אַזוינס קונסט און אין וואָס באַשטייט איר מהות?

אָנשטאָט אייך אָנצוּוואַרפן אַ פאָרמול, וועל איך אייך ליבער שטעלן פנים אל פנים מיט פאַקטן. ווייל פאַקטן זענען פאַראַן דאָ, אַזוי גוט, ווי ערגעץ אַנדערש; פאַקטן פּאָזיטיווע, וועלכע מען קאָן באַטראַכטן; איך מיין — קונסטווערק אויסגע׳סדרטע משפחותווייז, אין מוזעאומס און אין ביבליאָטעקן, ווי פלאַנצן אין אַ פלאַנצן־זאַמלונג, און ווי חיות אין אַ מוזעאום. מען קאָן אָנווענדן די מעטאָדע פון אַנאַליז ביי די, ווי ביי יענע, זוכן וואָס עס איז אַ קונסטווערק בכלל, ווי מען זוכט וואָס עס איז אַ פלאַנץ אָדער אַ חיה בכלל. ס׳איז גאָרנישט בויטיקער, אין ערשטן פאַל, ווי אין צווייטן אַריבערצוטרעטן די גרענעצן פון דער דערפאַרונג, און די גאַנצע אַרבעט באַשטייט אויסצוגעפינען, דורך צאָלרייכע פאַרגלייכונגען און שטופנווייזע אויסטיילונגען, די געמיינזאַמע שטריכן, וואָס געהערן בכלל צו אַלע קונסטווערק, און גלייכצייטיק די באַזונדערע שטריכן, דורך וועלכע קונסטווערק אונטערשיידן זיך פון אַנדערע פּראָדוקטן פונם מענטשלעכן גייסט.

פון די פינף גרויסע קונסטן: דיכטונג, סקולפּטור, מאָלעריי, אַרכיטעקטור און מוזיק, לאָמיר לאָזן אָן אַ זייט די צוויי לעצטע, וועלכע לאָזן זיך שווערער דערקלערן — מיר וועלן זיך צו זיי אומקערן שפּעטער — און לאָמיר קודם באַטראַכטן בלויז די דריי ערשטע. זיי האָבן אַלע, ווי איר זעט, אַ געמיינזאַמען כאַראַקטערשטריך: זיי זענען מער־ווייניקער — „נאָכאַמונגסקונסטן".

אין ערשטן אויגנבליק דאַכט זיך, אַז טאַקע דאָס איז זייער הויפּט־כאַראַקטער, און אַז דער ציל זייערער איז די מעגלעכסט געטרייע נאָכאַמונג פון דער ווירקלעכקייט. ווייל ס'איז דאָך גאַנץ קלאָר, אַז אַ סטאַטוע איז באַשטימט נאָכצואַמען גאַנץ גענוי אַ ווירקלעך לעבעדיקן מענטשן, אַז אַ בילד האָט אַלס ציל מיט זיך פאָרצושטעלן פּערזאָנען, ווירקלעכע, אין ווירקלעכע שטעלונגען, אַ באַלבאַטישקייט, אַ לאַנדשאַפט, ווי די נאַטור גופא שאַפט אים. ס'איז נישט ווייניקער קלאָר, אַז אַ דראַמע, אַ ראָמאַן פּרוּווט צו שילדערן מיט געטרייקייט ווירקלעכע כאַראַקטערן, האַנדלונגען און געשפּרעכן, און צו געבן פון זיי, אויף וויפל ס'איז מעגלעך, אַ פּינקטלעך און געטריי בילד. און טרעפט, אַז אַ בילד איז נישט געניגנד, אָדער אומפּינקטלעך, זאָגן מיר צום בילדהויער: „נישט אַזוי מאַכט מען אַ ברוסט־קאַסטן אָדער אַ פוס". מיר זאָגן צום קונסט־מאָלער: „די געשטאַלטן פון אייער צווייטן פּלאַן זענען צו גרויס; דער קאָלאָריט פון אייערע בוימער איז אַ פאַלשער". און צום שריפטשטעלער זאָגן מיר: „אַ מענטש האָט קיינמאָל אַזוי נישט געפילט און געטראַכט, ווי איר שטעלט דאָס פאָר".

ס'זענען אָבער נאָך פאַראַן אַנדערע אַרגומענטן, שטאַרקערע: קודם־כל די טאָג־טעגלעכע דערפאַרונג. ווען מען קוקט זיך צו צום לעבן פון אַ קינסטלער, דערזעט מען, אַז עס טיילט זיך געוויינלעך אין צוויי טיילן. במשך פונם ערשטן טייל, בעת דער יונגקייט און רייפקייט פון זיין טאַלענט, קוקט ער אויף די זאַכן גופא; ער שטודירט זיי זאָרגפעלטיק און ציטערדיק; ער האַלט זיי שטענדיק פאַר די אויגן; ער פּלאָגט זיך און פּייניקט זיך זיי אויסצודריקן, און ער גיט זיי איבער מיט אַ געוויסער האַפטער, טיילמאָל אַפילו איבערגעטריבענער געטרייקייט. אָנקומענדיק צו אַ געוויסן עלטער, מיינט ער אַז ער קען זיי שוין אַלע; ער געפינט שוין אין זיי נישט קיין שום נייעס; ער לאָזט אָן אַ זייט דעם לעבעדיקן מאָדעל, און מיט דער הילף פון פאָרמלען, וואָס ער האָט אָנגעקליבן אין משך פון זיין פּראַקטיק, מאַכט ער אַ דראַמע אָדער אַ ראָמאַן, אַ בילד אָדער אַ סטאַטוע. די ערשטע תקופה איז די פונם אמתן פילן; די צווייטע — אַ תקופה פון געקינצלטקייט, פון ירידה. ווען מיר באַטראַכטן דאָס לעבן

פון די גרעסטע מענטשן, געפינען מיר דערין, כמעט תמיד, אַזעלכע צוויי תקופות.

ביי מיקעל־אַנדזשעלאָ איז די ערשטע געווען אַ זייער לאַנגע, און האָט זיך געצויגן נישט ווייניקער ווי זעכציק יאָר; איר באַמערקט אין אַלע ווערק זיינע פון דערדאָזיקער צייט, אַ געפיל פון קראַפט און העלדישער גרויסקייט. דער קינסטלער איז אָנגעזאַפּט מיט אָט דעם געפיל; ער טראַכט גאָרנישט וועגן עפּעס אַנדערש. זיינע צאָלרייכע סעקציעס, די אָן אַ שיעור צייכנונגען, דאָס שטענדיקע אַנאַליזירן דאָס אייגענע האַרץ זיינס, דאָס שטודירן די טראַגישע ליידנשאַפטן און דעם אופן ווי אַזוי זיי אויסצודריקן קערפּערלעך — דאָס זענען פּאַר אים אַלץ מיטלען אַרויסצווייזן די קעמפנדע ענערגיע, אין וועלכער ער איז געווען ווי פאַרליבט. אָט דאָס איז די אידייע, וואָס נידערט אויף אייך אַרונטער פון אַלע ווינקלען, און פון דער גאַנצער וועלבונג פון דער סיקסטינער קאַפּעלע. גייט אָבער אַריין דערנעבן, אין דער פּאולוס־קאַפּעלע, און באַטראַכט די ווערק פון זיין עלטער. „די טויפונג פון פּאולוס, „די קרייצונג פון פּעטרוס” ; באַטראַכט אפילו „דאָס לעצטע געריכט”, וואָס ער האָט געשאַפן צו זיבן־און־זעכציק יאָר. זאַכקענער, און אפילו נישט קיין זאַכקענער, דערקענען באַלד, אַז די צוויי פרעסקעס זענען געמאָלט געוואָרן לויט אַ רעצעפּט, אַז דער קינסטלער באַזיצט אַ געוויסע צאָל פאָרמען און באַנוצט זיי מיט אַ געוויסער אויסרעכענונג; אַז ער מערט די אויסטערלישע שטעלונגען, די בייגיריק געזוכטע פאָרם־קירצונגען, אַז די לעבעדיקע שעפערישקייט, די נאַטירלעכקייט, דער גרויסער האַרץ־שוואונג, דער פולקאָמער אמת, מיט וועלכע זיינע ערשטע ווערק זענען איבערפולט, זענען איצט פאַרשווונדן, לפּחות טיילווייז, צוליבן מיסברויך פונם פּאָרטל און פון דער מלאכה־רוטינע, און אַז, אויב ער שטייט נאָך אַלץ פיל העכער פון אַנדערע, שטייט ער אָבער אָן אַ שיעור נידריקער פון זיך גופא.

דיזעלבע באַמערקונג קאָן געמאַכט ווערן בנוגע דעם לעבן פון אונזער פראַנצויזישן מיקעל־אַנדזשעלאָ. אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן, איז אויך קאָרנעיל פאַרכאַפּט געווען פונם געפיל פון קראַפט און גייסטיקער העראָאישקייט. דאָס־

דאָזיקע געפּיל האָט ער געשעפּט אומעטום אַרום זיך, אין די קרעפּטיקע ליידנשאַפטן, וואָס די רעליגיאָנס־קריגן האָבן איבער־געלאָזט בירושה דער נייער מאָנאַרכיע, אין די דרייסטע טאַטן פון די דועליסטן, אינם שטאָלצן ערנגעפּיל, וואָס האָט באַהערשט די דעמאָלטיקע גייסטער, וואָס זענען נאָך געווען אונטער דער השפּעה פונם פעאָדאַליזם, אין די מערדערלעכע טראַגעדיעס וואָס די פּרינצישע קאָנספּיראַציעס און די טויט־שטראָף־עקזעקוציעס פון רישעליע פלעגן געבן, אַלס בלוטיקע פאַרשטעלונג, דעם קעניגלעכן הויף: און דעמאָלט האָט ער געשאַפן אַזעלכע גע־שטאַלטן, ווי שימען און דער סיד, ווי פּאָליעקט און פּאָולין, ווי קאָרנעליע, סערטאָריוס, עמיליע און די משפּחה האָראַציוס. שפּעטער האָט ער געשאַפן פּערטאַריט, אַטילאַ, און פיל אַנדערע פּיעסעס, אין וועלכע די סיטואַציעס דערגייען ביזן גרויל, און דער אדלמוט פון די העלדן ווערט פאַרלוירן אין אַ לעכער־לעכער איבערגעטריבנקייט.

אין דעמדאָזיקן מאָמענט האָבן די לעבעדיקע מאָדעלן, וואָס ער איז געווינט געווען צו באַטראַכטן, שוין נישט פאַר־נומען קיין שום אָרט אויף דער וועלט־בינע; אָדער, ער ווייניקסטנס פלעגט זיי שוין לחלוטין נישט זוכן, און זיין באַגייסטערונג מיט גאָרנישט נישט באַנייען. ער האָט געאַרבעט לויט אַ רעצעפּט, לויטן זכרון, מיט דער הילף פון פּאָרטלען, וואָס ער האָט אויסגעפונען אינם ברען פון זיין אַמאָליקער באַגייסטערונג, מיט דער הילף פון ליטעראַרישע טעאָריעס, אָפּהאַנדלונגען, כּללים איבער פּלוצימדיקע, טעאַטראַלע סיטואַציע־ענדערונגען און דראַמאַטישע פּריקייטן. ער האָט נאָכגעאַמט זיך גופא, און זיך גופא איבערגעטריבן. וויסנשאַפט, אויסרעכנונג, רוטינע האָבן ביי אים פאַרנומען דאָס אָרט פון פּערזענלעכן, אוממיטלבאַרן באַטראַכטן גרויסע עמאָציעס און מוטיקע מעשים. ער האָט שוין דעמאָלט נישט געשאַפן; ער האָט פאַבריצירט.

נישט נאָר די לעבנסגעשיכטע פון דעם און דעם גרויסן קינסטלער באַווייזט אונז די נויטווענדיקייט נאָכצואַמען אַ לעבע־דיקן מאָדעל, און צו האָבן תּמיד אין אויג די נאַטור; נאָר אויך די געשיכטע פון יעדער גרויסער שולע. אַלע שולן (איך גלויב נישט אַז ס'זאָלן זיין אויסנאַמען) ווערן ענטאַרטעט און

פֿאַלן, טאַקע גראָד צוליב דעם, וואָס זיי פֿאַרנאַכלעסיקן דעם לעבעדיקן מאָדעל און פֿאַרגעסן די קונסט אים געניי נאָכצואַמען. אָט דאָס איז דער פֿאַל, אין דער מאָלעריי, ביי די מאַכערס פֿון מוסקולן און איבערטרײַבלעכע פּאָזעס, וואָס זענען געקומען נאָך מיקעל־אַנדזשעלאָ; ביי די ליבהאָבער פֿון טעאַטער: דעקאָראַציעס און לייביקע רונדקייטן, וואָס זענען געקומען נאָך די גרויסע ווענעציאַנער, ביי די מאָלער פֿון אַקאַדעמיעס, אָדער באָדוואַרן, מיט וועלכע ס׳האָט זיך פֿאַרענדיקט די פֿראַנצויזישע מאָלעריי פֿונם אַכצנטן יאָרהונדערט; דאָס זעלבע קומט פֿאָר, אין דער ליטעראַטור, מיט די פּערזן־שרייבער, און מיט די לערער פֿון דער רעדנער־קונסט, בעת דער לאַטיינישער דעקאַדענץ; דאָס זעלבע אויך — מיט די זינלעכע אויפגעבלאָזענע דראַמאַטורגן, מיט וועלכע ס׳האָט זיך פֿאַרענדיקט די ענגלישע דראַמע, און מיט די פֿאַבריקאַנטן פֿון סאָנעטן, גלייכווערטלאַך און געקינצלטקייטן, בעת דער דעקאַדענץ־תּקופֿה אין איטאַליע. פֿון די אַלע ביישפּילן וועל איך זיך אָפּשטעלן בלויז אויף צוויי, אָבער זייער טרעפֿלעכע:

דער ערשטער, דאָס איז די ירידה פֿון דער סקולפּטור און דער קונסטמאָלעריי אין אַלטערטום; אום צו קריגן וועגן דעם אַ לעבעדיקן באַגריף, איז גענוג צו באַזוכן נאָכאַנאַנדער פּאָמפּעאַ און ראַווענאַ. אין פּאָמפּעאַ, געהערן די מאָלערייען און די סקולפּטורן צום ערשטן יאָרהונדערט; אין ראַווענאַ, געהערן די מאָזאַאיקעס צום זעקסטן יאָרהונדערט, און באַציען זיך אויף דער צייט פֿונם קייסער יוסטיניאַנוס. אין אָט דער צווישן־צייט פֿון פֿינף־הונדערט יאָר, איז די קונסט קאַליע געוואָרן, אַז ס׳איז גאָר־ניִשט צום העלפֿן איר. און די גאַנצע ירידה איז אַרויסגעקומען דערפֿון, וואָס מ׳האָט פֿאַרגעסן אָן דעם לעבעדיקן מאָדעל.

אין ערשטן יאָרהונדערט האָבן נאָך עקזיסטירט די זיטן פֿון דער „קאַמפּס־שול״, און דער היידנישער געשמאַק. די מענער האָבן נאָך געטראָגן לויזע מלבושים און געקאָנט לייכט זיי אויסטאָן, זיך גיין באָדן, נאַקעטערהייט זיך איבן, ביי־וווינען ביי די קאַמפֿן אין צירק, און באַטראַכטן מיט סימפּאַטיע און מיט פֿאַרשטענדניש די אַקטיווע שטעלונגען פֿון אַ לעבעדיקן קערפּער. די סקולפּטאָרן, מאָלער און קינסטלער זייערע, האָבן

געהאַט אַרום זיך נאַקעטע און האַלב-נאַקעטע מאָדעלן, און געקאָנט זיי רעפּראָדוצירן. דערפאַר טאַקע זעט איר אין פּאָמפּעאַ, אויף די מויערן, אין די קליינע געבעט-זאַלן, אין די אינערלעכע געהעפטן, שיינע טאַנצנדיקע פרויען, יונגע העלדן, מונטערע און שטאָלצע, שטאַרקע ברוסט-קאַסטנס, פיס — לייכט-באַוועגלעכע: אַלע זשעסטן, אַלע קערפּער-פאָרמען זענען איבערגעגעבן מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט און מיט אַזאַ לייכטקייט, אַז אין היינטיקער צייט, איז דער טיפסטער שטודיום נישט ביכולת דאָס צו באַווייזן. ביסלעכווייז אָבער, ענדערט זיך אַלץ אין משך פון די קומענדיקע פינף הונדערט יאָר. די היידנישע זיטן פאַרשווינדן, די געוווינהייטן פון דער פּאַלעסטרא, דער חוש פאַר גרויסער נאַקעטקייט. מען שטודירט נישט מער דעם קערפּער, מען באַהאַלט אים אונטער קאָמפּליצירטע מלבושים, אונטער אַ הויפן שטיקערייען, אונטער פּורפּור און אָריענטאַלישער פּראַכט. מען אַכטעט שוין נישט מער דעם אַטלעט און דעם נאָר וואָס רייפצוואָרענעם בחור, נאָר — דעם סָריס, דעם שריפט-געלערנטן, די פרוי, דעם מאָנאַך; דער אסקעטיזמוס נעמט אויס, און מיט אים — דער חוש פאַר ווייבערעשע טרוימערייען, פאַר פּוסטע ויכוחים, פאַר טינטלעריי און ליידיקער חקרנות. די אָפּגעלעבטע ביזאַנטינישע פלאַפּלער פאַרנעמען דאָס אָרט פון די מוטיקע גריכישע אַטלעטן, און פון די געהאַרטעוועטע רוימישע קעמפער. ביסלעכווייז ווערט פאַרבאָטן דאָס קענען און שטודירן דעם לעבעדיקן מאָדעל, מ׳הערט אים לחלוטין אויף צו זען. פאַר די אויגן האָט מען בלויז די ווערק פון אַלטע מייסטערס און אָט די קאָפּירט מען. באַלד באַגניגט מען זיך מיט קאָפּירן קאָפּיעס פון קאָפּיעס און אַזוי גייט עס, ביז, מיט יעדן דור, דערווייטערט מען זיך איין טריט מער פונם אָריגינאַל. דער אַרטיסט הערט אויף צו האָבן זיין פּערזענלעכן געדאַנק, און זיין פּערזענלעכן געפיל; ער ווערט אַ קאַלק-מאַשין.

די קירכן-פעטער דערקלערן, אַז דער קינסטלער טאָר קיין אייגנס נישט צוגעבן. ער דאַרף נאָר נאָכשרייבן די גרונדשטריכן, וואָס זענען אָנגעצייכנט דורך דער טראַדיציע. און סאַנקציאָנירט דורך דער מאַכט. דאָסדאָזיקע פאַנאַנדערטיילן דעם קינסטלער מיטן מאָדעל, דערפירט די קונסט צו דעם מצב, ווו איר זעט

זי אין ראָוועננא. נאָך פינף הונדערט יאָר צייט, קאָן מען שוין מער אַ מענטשן נישט מאָלן, ווי נאָר זיצנדיק אָדער שטייענדיק; יעדע אַנדערע שטעלונג איז צו שווער, און דער קינסטלער איז נישט ביכולת זי איבערצוגעבן. הענט, פיס קומען אַרויס פאַר־שטאַרט און ווי געבראָכן; פאַלטן פון אַ מלבוש — ווי פון האָלץ געמאַכט. די געשטאַלטן זעען אויס ווי מאַנעקענען; די אויגן האָבן פאַרכאַפּט דעם גאַנצן קאָפּ; די קונסט איז ווי אַ חולה, וואָס ליידט אויף אַ שטערבלעכער אויסצערונגס־קראַנקהייט: זי וועט אויסגיין, זי וועט שטאַרבן.

אין נאָנטסטן פון אונז יאָרהונדערט, טרעפן מיר, ביי אונז גופא, אויף אַן׳אַנדער קונסט־געביט, אַן׳ענלעכע דעקאַדענץ, וואָס איז געקומען צוליב ענלעכע סבות. בעתן יאָרהונדערט פון לודוויק דעם XIV האָט זיך די ליטעראַטור דערהויבן צו אַ סטיל, וואָס איז געווען פאָלקום, אומפאַרגלייכלעך ריין, געניי, און שפּאָרזאַם אין ווערטער. און די טעאַטער־קונסט, דערהויפּט, האָט זיך געשאַפן אַ שפּראַך און אַ פּרעז, וועלכע גאַנץ אייראָפּאַ האָט געהאַלטן פאַרן מייסטערווערק פונם מענטשלעכן גייסט. דאָס איז טאַקע צוליב דעם, וואָס די שרייבער האָבן געהאַט אַרום זיך מאָדעלן, וועלכע זיי האָבן געהאַלטן תמיד אין באַטראַכטן. לודוויק דער XIV פלעגט רעדן קאָרעקט, מיט ווירדע, שיין און ערנסט, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ קעניג. אונז איז באַוווסט דורך בריוו, דעפּעשעס, זכרונות פון הויפלייט, אַז דער אַריסטאָקראַטישער טאָן, די שטענדיקע עלעגאַנץ, דער אמתער אויסדרוק, דער איידעלער אופן, די קונסט אַלצדינג שיין צו זאָגן — דאָס אַלץ איז געווען אייגן אַזוי גוט די הויפלייט, ווי דעם פּרינץ גופא. אַן אַנדער שרייבער האָט, אַזיערנאָך, געדאַרפט זוכן בלויז אין זיין זכרון, אָדער אין זיין טאָג־טעגלעכער דערפאַרונג, כדי צו געפינען די בעסטע מאַטעריאַלן פאַר זיין קינסטלערישן שאַפן.

נאָך איין יאָרהונדערט, וואָס איז אַריבער, פון ראַסינען ביז דעלילן, איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. דידאָזיקע רעדעס אין פּערזן האָבן אַרויסגערופן אַזאַ באַוווּנדערונג, אַז אָנשטאָט צו קוקן, ווי ביז אַ הער, אויף לעבעדיקע געשטאַלטן, האָט מען זיך באַגרענעצט מיטן שטודירן די טראַגעדיעס, וואָס האָבן זיי געשילדערט. מ׳האָט גענומען פאַר אַ מאָדעל נישט

דעם מענטשן, נאָר דעם שרייבער. מ׳האָט זיך געשאַפן אַ קינסט־לעכע שפּראַך, אַן אַקאַדעמישן סטיל, אַ געקינצלטן פּערזן־בוי, אַ צענזורירטן וואָרט־אוצר, אַ באַשטעטיקטן, אַן אַרויסגענומענעם פון די ווערק פון גוטע שריפטשטעלער. אין יענער צייט האָט אָנגעהויבן געוועלטיקן דער אומדערטרעגלעכער סטיל, וואָס האָט פּאַרפלייצט דעם סוף פון לעצטן יאָרהונדערט, און דעם אָנהויב פונם היינטיקן; אַ מין זשאַרגאָן, ווו איין גראַם האָט צוגעצויגן אַ צווייטן, וועלכן מ׳האָט געקאָנט פּאָראויסזען; מ׳האָט נישט געוואָגט אָנצורופן אַ זאַך ביים אמתן נאָמען, אַ קאַנאָן האָט מען באַצייכנט מיט אַ גאַנצן באַרג פראַזן, דער ים האָט געהייסן „אַמפיטריטאָ״ *), דער געדאַנק איז געווען אין תּפיסה, אָן קלאַנג, אָן אמת, אָן לעבן. אַזאַ סטיל האָט אויסגעזען צו זיין דאָס ווערק פון אַ חברה פּעדאַנטן, וואָס זענען ראוי צו פּאַרוואַלטן מיט אַ פאַבריק פון לאַטיינישע פּערזן.

די אויספירונג שיינט אַלזאָ צו זיין — אַז מען דאַרף תּמיד האָבן פאַר די אויגן די נאַטור, כּדי איר נאָכצואָמען, אַזוי טריי ווי מעגלעך, און אַז די גאַנצע קונסט באַשטייט אין אַ פּינקט־לעכער און פאָלקאָמער נאָכאַמונג פון דערווירקלעכקייט.

III

צי איז אַלץ דורך און דורך אמת, און צי דאַרף מען דערפון שליסן, אַז די קונסט האָט אַלס איינציקן ציל נאָכצואַמען אַבסאָלוט און גענוי די ווירקלעכקייט?

ווען דאָס וואָלט אמת געווען, מיינע הערן, וואָלט מען, מיט דער הילף פון אַן אַבסאָלוטער און פּינקטלעכער נאָכאַמונג, געשאַפן די שענסטע ווערק. באמת אָבער איז עס נישט אַזוי. אין דער סקולפּטור, למשל, איז פּאָרמגיסערײַ דאָס מיטל, וואָס גיט דעם געטרייסטן און פּינקטלעכסטן אָפּדרוק פונם מאָדעל, און פונדעסטוועגן איז זיכער אַ גוטער אָפּגוס נישט אַזוי־פיל ווערט, וויפיל אַ גוטע סטאַטוע. — און אַנדערש ווו, ווידער, אויף אַן אַנדער געביט, איז פאָטאָגראַפיע אַ קונסט, וואָס

*) אַמפיטריטאָ: די ים־געטין, אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע.

רעפּראָדוצירט אַמפּאָלקאָמסטן, און אָן דעם מינדסטן, מעגלעכסטן פעלער, מיט ליניעס און פאַרבן, אויף אַ פלאַכן גרונד, דעם קאָנטור און די פאָרם פון דער זאַך, וואָס זי דאַרף נאָכאַמען. בלי ספק, אַז פאָטאָגראַפיע איז פאַר דער מאָלעריי אַ נוצלעך געהילף־מיטל; זי ווערט טיילמאָל אויסגענוצט מיט געשמאַק דורך מענטשן מיט קולטור און מיט אינטעליגענץ; אָבער נאָך אַלעם קאָן אפילו קיין רייד נישט זיין, אַז זי זאָל זיך פאַרגלייכן מיט דער מאָלעריי. און אום צו נעמען, ענדלעך, אַ לעצטן ביישפּיל: אויב ס׳וואָלט געווען אמת, אַז דער העכסטער ציל פון קונסט באַשטייט אין נאָכאַמען געטרוי די ווירקלעכקייט, ווייסט איר וועלכע טראַגעדיעס, קאָמעדיעס אָדער דראַמען וואָלטן געווען די בעסטע? די סטענאָגראַפישע באַריכטן פון פּראָצעסן אין אַ קרייז־געריכט. ובאמת ווערן דאָרט אַלע געשפּרעכן געטרוי איבערגעגעבן. פונדעסטוועגן איז קלאָר, אַז אויב אפילו מען באַגעגנט דאָרט אַמאָל אַ שטריך פון נאַטירלעכקייט, אָדער אַן אויסברוך פון געפילן, איז עס ווי אַ ברעקל גוטער מעטאַל אין דעם פּראָסטן קלעפּעדיקן שטיק ליים פונם מעטאַל־גרובן. אַזאַ סטענאָגראַפישער באַריכט קאָן דינען דעם שרייבער אַלס מאַטעריאַל, אָבער קיין קונסטווערק איז ער נישט.

מען וועט אפשר זאָגן, אַז פאָטאָגראַפיע, פאָרמגיסערײ און סטענאָגראַפיע זענען מעכאַנישע מיטלען, אַז מען דאַרף לאָזן די מאַשינען אויסער די ראַמען פון דער פראַגע, און פאַרגלייכן ווערק פון אַ מענטשן מיט ווערק פון אַ מענטשן. לאָמיר אַלזאָ זוכן ווערק פון קינסטלער, נאָכגעאַמטע אַזוי געטרוי, ווי נאָר מעגלעך. מיר האָבן אין לוווּר אַ בילד פון „דענער״: דער־דאָזיקער קינסטלער פלעגט אַרבעטן מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז, און אָפּגעבן גאַנצע פיר יאָר צייט אויף אַ פּאָרטרעט; אין זיינע געשטאַלטן ווערט קיין זאַך נישט פאַרגעסן; נישט די רינצלעך אויף דער הויט, נישט די קוים באַמערקבאַרע מאַרמאָר־רעפלעקסן אויף די אויבערבאַקן, נישט די שוואַרצע פּינטלעך, וואָס זענען פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער דער נאָז, נישט די בלוילעכע, מיקראָסקאָפּישע דינע אָדערלעך, וואָס שלענגלען זיך אונטער דער אויבערהויט און רייסן זיך צום אויבערפלאַך און נישט אפילו דער גלאַנציקער טייל פונם אויג, ווו ס׳שפּיגלען אָפּ זיך די

אַרומיקע זאַכן. מען בלייבט ממש דערשטוינט, ווי דער קאָפּ פונם פּאָרטרעט טוישט אונז, און מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט פון דער ראַם אַרויסגעגאַנגען. אַזוי געלונגען איז עס נאָך קיינעם נישט; און אַזאַ גדולה האָט מען נאָך אין ערגעץ נישט געזען. אָבער סוף־כל־סוף, ווירקט אַ ברייטער סקיץ פון וואַן־דייק הונדערט מאָל שטאַרקער; ווייל הן אין מאָלעריי, הן אין אַנדערע קונסטן, איז פּאָרט נישט דאָס, וואָס גענאַרט דאָס אויג — דער עיקר.

נאָך אַ שטאַרקערער אַרגומענט, אַז נישט די אומבאַדינגט פּינקטלעכע נאָכאַמונג איז דער ציל פון דער קונסט, איז דאָס, וואָס פּאַקטיש זענען געוויסע קונסטן בכוונה נישט פּינקטלעך, און קודם־כל — די סקולפּטור. געוויינלעך איז אַ סטאַטוע איינ־פּאַכיק: זי האָט די פאַרב פונם בראָנז אָדער פונם מאַרמאָר; און דערצו זענען אירע אויגן אָן שוואַרצאַפּלען. און טאַקע אָט די איינטעניקייט פון דער פאַרב, און די אָפּשוואַכונג פונם גייסטיקן איינדרוק גיבן איר דעם גאַנצן חן. באַטראַכט, ווידער, ענלעכע ווערק, ווו די נאָכאַמונג איז דערפירט געוואָרן ביז גאָר. ס'זענען פאַראַן, אין די קירכן פון נעאַפּאָל און שפּאַניע סטאַטוען קאָלירטע און אָנגעטוענע: הייליקע אין אמתער גלחים־קליידונג, די הויט זייערע—געלבלעך און ערדפאַרביק, ווי ס'פּאַסט פאַר אסקעטן; די הענט — אין בלוט; די זייטן — צעשטאָכן, ווי מענטשן געבראַנדמאַרקטע. נעבן זיי שטייען מאַדאָנעס אין קעניג־לעכער קליידונג, אין יומטובדיקע טואַלעטן, אין גלאַנציקן זייד, מיט דיאַדעמעס אויף די קעפּ, מיט טייערע האַלזבענדער, פרישע ווסטענגעס און פרעכטיקע שפּיצן: לייבער — ראָזע; אויגן — גלאַנציקע, און שוואַרצאַפּלען — פון קאַרבונקל־שטיין. מיט אַזאַ איבערגעטריבענער נאָכאַמונג רופט דער קינסטלער אַרויס, אַנשטאָט פאַרגעניגן, אָפּשיי, אָפּט — עקל, און טיילמאָל — גרויל.

און דאָסזעלבע איז אויך מיט ליטעראַטור. די בעסטע העלפט פון דער דראַמאַטישער דיכטונג, דאָס גאַנצע קלאַסישע טעאַטער: סיי דאָס גריכישע, סיי דאָס פראַנצויזישע; דער גרעסטער טייל פון די שפּאַנישע און ענגלישע דראַמען זענען גאַנץ ווייט פון קאָפּירן געשפּרעכן אין זייער געוויינלעכער פאָרם; זיי פאַרענדערן אַלע דאָס מענטשלעכע וואָרט בכוונה. יעטוועדער

פון אָט די דראַמאַטישע דיכטער לאָזט רעדן זיינע העלדן אין פערזן, וואַרפט אָן דעם געשפּרעך זייערן דעם ריטמוס און טיילמאָל — דעם גראַם. צי איז דידאָזיקע פעלשונג שעדלעך פאַרן ווערק ? בשום אופן נישט ! די דערפאַרונג האָט עס אונז באַוויזן, אויף אַ טרעפלעכן אופן, מיט איינעם פון די גרעסטע ווערק פון היינטיקער צייט : די „איפיגעניע״ פון געטהען, געשריבן תחילת אין פּראָזע, און שפּעטער — אין פערזן. אין פּראָזע איז זי שיין ; אין פערזן אָבער—וואָס פאַר אַן אונטערשייד ! דאָ זעט מען באַשיינפּערלעך, אַז דאָס פאַרענדערן די געוויינטלעכע שפּראַך, און דאָס אַריינברענגען ריטמיק און מאָס, גיבן דעם ווערק זיין אומפאַרגלייכלעכן טאָן, דערהויבן עס צו די לויטערסטע הויכן, מאַכן עס פאַר אָט דעם אויסגעהאַלטענעם טראַגישן געזאַנג מיטן ברייטן פאַרנעם, וואָס ביי די קלאַנגען זיינע דערהויבט זיך דער גייסט איבער אלע וואָכעדיקייטן פונם געוויינלעכן לעבן, און דערזעט פאַר זיך די העלדן פון אַמאָליקע צייטן, די גאַנצע ראַסע פרימיטיווע נשמות, און צווישן זיי, די שטאָלצע יונגפרוי, וואָס איז פותר די צייכנס פון די געטער, די היטערין פון די געזעצן, די ווילטעטערין פון דעם מענטשן וואָס קאָנצענטרירט אין זיך די גאַנצע גוטסקייט און די גאַנצע איידלקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור, צום שבח פון אונזער מענטשלעכן מין, און צו דער דערהויבונג פון אונזער האַרץ.

IV

מען דאַרף אַלזאָ אין יעטוועדער זאַך געניי נאָכאַמען צפּעס-וואָס, אָבער נ י ש ט אַ ל צ ד י נ ג. בלייבט נאָר אויסצוגעפינען אויף וועלכן טייל פונם געגנשטאַנד די נאָכאַמונג דאַרף חל זיין. איך ענטפער פאָראויס : — „אויף דעם פאַרהעלטעניש פון די טיילן צואַנאַנדער״ און אויף זייער געגנזייטיקער פאַרבינדונג״. — זייט מיר מוחל די אַבסטראַקטע דעפיניציע : זי וועט אייך באַלד קלאָרער ווערן :

אָט שטייט איר פאַר אַ לעבעדיקן מאָדעל, אַ מאַן אָדער אַ פרוי, און, כדי אים צו קאָפּירן, פאַרמאָגט איר אַ בליישטיפט און אַ פּאַפּיר צווימאָל אַזוי גרויס ווי די האַנט. געוויס קאָן מען

ביי אייך נישט פאָדערן, איר זאָלט געגוי איבערגעבן די גרויס פון די גלידער; אייער פּאַפּיר איז צו קליין; מען קאָן אויך נישט פאַרלאַנגען, אז איר זאָלט איבערגעבן די פאַרב; איר האָט אין אייער באַזיץ בלויז שוואַרץ און ווייס. וואָס מען פאַרלאַנגט אָבער פון אייך יאָ, איז, אַז איר זאָלט איבערגעבן דאָס פאַרהעלטעניש פון די טיילן צו אַנאַנדער, און, קודם־כּל — זייער פּראָפּאָרציע, דאָס הייסט — זייער „מאָס־פאַרהעלטעניש". אויב דער קאָפּ האָט אַזאַ און אַזאַ לענג מוז דער גוף זיין אַזוי פיל און אַזוי פיל מאָל לענגער פונם קאָפּ, די לענג פון דעם אָרעם, הגם זי איז אַן אַנדערע, דאַרף אויך זיין אָפּהענגיק פון דער לענג פונם קאָפּ; דאָסזעלבע — דער פוס, און אַזוי אויך — די איבעריקע קערפּער־טיילן.

און וואָס מען פאַרלאַנגט נאָך ביי אייך, איז איבערצוגעבן די פאָרמען, אָדער — די פּאָזיציאָנס־פאַרהעלטענישן: אַזאַ בויגונג, אַזאַ אָוואַל, אַזאַ ווינקל, אַזאַ און אַזאַ פאַרטיפונג אינם מאָדעל מוז איבערגעחזרט ווערן אין דער קאָפּיע דורך אַ ליניע פון דערזעלבער נאַטור. בקיצור, עס האַנדלט זיך וועגן רעפּראָדוצירן דעם גאַנצן סכום פאַרהעלטענישן אַ דאַנק וועלכער עס בינדן זיך אַלע טיילן צוזאַמען, און מער גאָרנישט; נישט די איינפאַכע קערפּערלעכע ענלעכקייט דאַרפט איר איבערגעבן, נאָר — די לאָגיק פונם קערפּער־בוי.

דאָסזעלבע, ווען איר געפינט זיך פאַר מענטשן, וואָס טוען עפּעס, פאַר אַ רעאַליסטישער לעבנס־סצענע, אַ פאָלקסטימלעכע, צי אַ וועלטלעכע, און מען בעט אייך זי צו באַשרייבן. צו דעם האָט איר אייערע אויגן, אייערע אויערן, אייער זכרון און אפשר אויך אַ בליישטיפט, מיט וועלכן איר קאָנט פאַרצייכענען אַ פינף, זעקס באַמערקונגען: ס'איז ווייניק; אָבער אין אמתן, איז דאָס גענוג. ווייל מען פאַרלאַנגט נישט ביי אייך, אַז איר זאָלט איבערחזרן אַלע ווערטער, אַלע זשעסטן, אַלע האַנדלונגען פון די געשטאַלטן, אָדער פון די פופצן, צוואַנציק פּערזאָן, וואָס איר האָט געזען.

מען פאַרלאַנגט ביי אייך איצט, אַזוי גוט ווי פריער, נאָר צו פאַרצייכענען פּראָפּאָרציעס, פאַרבינדונגען, שייכותן; און קודם־כּל צו היטן געגוי די טעטיקייטס־פאַרהעלטעניש פונם העלד, אייך

מיין, אַז אין אייער שילדערונג וועט איר דאַרפן לאָזן דאָמינירן זיינע אַמביציעזע האַנדלונגען — אויב דער העלד איז אַמביציעז; זיינע קאָמיַשע, אויב ער איז אַ קאַרגער; זיינע גוואַלטזאַמע, אויב ער איז אַ מענטש פון געוואַלט; דערנאָך פאַרלאַנגט מען ביי אייך, איר זאָלט אַכט לייגן אויף דעם געגנזייטיקן צוזאַמענבינדן זיך פון די זעלבע האַנדלונגען. ווי, למשל, פּראָוואָצירן אַ רעפליק דורך אַ רעפליק. באַרעכטיקן אַ באַשלוס, אַ געפיל, אַ געדאַנק מיט אַ פריערדיקן געדאַנק אָדער געפיל אָדער באַשלוס, און אויסער דעם, מיט דער אַקטועלער לאַגע פונם העלד; און חוץ דעם, אויך — מיטן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, וואָס איר האָט אים צוגעשריבן, בקיצור, אין אַ ליטעראַריש ווערק אַזוי גוט ווי אין אַ מאָלערישן, האַנדלט זיך נישט אין באַשרייבן די זינלעכע אויסערלעכקייט פון זאַכן און געשעענישן, נאָר דעם סכום שייכותן און פאַרבינדונגען, וואָס זיי האָבן צואַנאַנדער; דאָס הייסט — זייער לאָגישע באַרעכטיקונג. און אַזוי קאָן מען אָננעמען פאַר אַן אַלגעמיינעם כלל, אַז: דאָס וואָס אונז אינטערעסירט אין אַ רעאַלער זאַך, און דאָס וואָס מיר בעטן ביים קינסטלער אַרויסצוציען און איבערצוגעבן — דאָס איז די אינערלעכע אָדער אויסערלעכע לאָגיק פון דער באַטרעפנדיקער זאַך, אין אַנדערע ווערטער — איר סטרוקטור, איר קאָמפּאָזיציע און איר צוזאַמענגלידערונג.

איר זעט שוין מיט וואָס מיר האָבן פאַרבעסערט די פריערדיקע דעפיניציע אונזערע. מיר האָבן זי נישט צעשטערט, נאָר — געריייניקט; מיר האָבן אויסגעפונען נאָך אַ כאַראַקטערשטריך, אַ העכערן, וועלכער מאַכט די קונסט פאַר אַ גייסטיקער באַשעפטיקונג, אַזוי גוט ווי פאַר אַ האַנט־אַרבעט.

V

צי איז דאָס גענוג? און צי הייסט דאָס, אַז קונסט־ווערק דאַרפן זיך באַגרענעצן מיט איבערגעבן בלויז די מאָס־פאַרהעלטעניש פון די טיילן צואַנאַנדער? — חלילה! ווייל אין היגזיכט פון ווירקלעכער מאָס־פאַרהעלטעניש זינדיקן די גרעסטע שולן גראָד אַממייַנסטן.

לאָמיר, צום בײַשפּיל, באַטראַכטן די איטאַליענישע שול, אין איר גרעסטן קינסטלער, מיקעל־אַנדזשעלאָ, און פון קלאָרקייט וועגן, דערמאָנט זיך זײַן מײַסטערווערק — די פיר מאַרמאָר־סטאַטועז, וואָס שטייען אין פלאָרענץ, אויפן קבר פון די „מעדיטשיס". די יעניקע צווישן אײַך, וואָס האָבן דעם אָריגינאַל נישט אָנגעזען, קענען מסתמא אַ קאָפּיע. אַוודאי זענען בײַ דידאָזיקע מענער און נאָכמער, בײַ דידאָזיקע ליגנדיקע פרויען, וואָס האַלטן אין שלאָפן אָדער אין דערוואַכן, די קערפּער־טיילן נישט אַזוי פּראָפּאָרציאָנעל, ווי בײַ רעאַלע געש־טאַלטן. איר וועט אַזעלכע קיינמאָל נישט טרעפן אַפילו אין איטאַליע גופא. איר קאָנט דאָרט זען שיינע יונגע־לײַט, אָנ־שטענדיק געקליידטע; פויערים מיט גלאַנציקע אויגן און ווילדע פּנימער, אַקאַדעמישע מאָדעלן מיט שטײַפע מוסקלען און שטאָלצע זשעסטן; אָבער, אין קיין שום דאָרף, אויף קיין שום פייערלעכ־קייט, אין קיין שום קינסטלער־אַטעליע: סיי אין איטאַליע גופא, סיי אַנדערשוווּ, צי אין הײַנטיקער צײַט, צי אין XVI־טן יאָר־הונדערט, וועט זיך נישט געפינען אַ מאַן אָדער אַ פרוי, וואָס זאָלן אין דער ווירקלעכקייט זײַן ענלעך צו אָט די אויפגעבראַכטע העלדן אָדער צו דידאָזיקע ריזיקע בתולות פול יאוש, וואָס דער גרויסער קינסטלער האָט פאַנאַנדערגעלייגט אין דער טויטן־קאַפּעלע. אַזעלכע טיפּן האָט מיקעל־אַנדזשעלאָ געקאָנט געפינען נאָר אין זײַן אייגענעם זשעני און אין זײַן אייגן האַרץ. כדי זיי אויסצודיכטן האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ נשמה פון אַ פּרוש, פון אַ גריבלער, פון אַ שטרענגן ריכטער: אַ נשמה — אַ היציקע און אַ גרויסמוטיקע, וואָס איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין אַ סביבה פון פאַרווייכטע און פאַרדאָרבענע נפשות, אין אַ סביבה פון בגידה און אונטערדריקונג. שטייענדיק פאַרן אומפאַרמייד־לעכן טריאומף פון דער טיראַניי און פון דער אומגערעכטיקייט, אונטער די חורבות פון דער פרייהייט און פונם פאָטערלאַנד, זייענדיק אַליין באַדראָט מיטן טויט, און פילנדיק, אַז אויב ער לעבט, איז עס אַ חסד, און אפשר טאַקע נאָר אויף אַ קורצער ווייל, אומפּעאיק, ווי ער איז געווען, זיך צו בויגן און אונטער־צוגעבן זיך יענעמס רצון, האָט דער קינסטלער זיך אינגאַנצן באַהאַלטן אין זײַן קונסט, דורך וועלכער זײַן גרויס האַרץ און

זיין יאוש האָבן געקאָנט רעדן פריי, אַפילו בעתן קנעכטישן שווייגן פון דער צייט, ער האָט אָנגעשריבן אויפן פיעדעסטאַל פון זיין שלאָפנדיקער סטאַטוע:

„שלאָפן איז זיס· פון שטיין זיין — נאָך זיסער, כל זמן ווי עס דויערן עלנט און שאַנד. גאָרנישט צו זען און גאָרנישט צו פילן — דאָס איז מיין גליק. טאָ וועק־זשע נישט אויף מיך... אָ! רעד גאַנץ שטיל!" אָט דאָס איז דאָס געפיל, וואָס האָט אים אַנטפלעקט אַזעלכע פאָרמען; און כדי דאָס אויסצודריקן האָט ער געענדערט די געוויינלעכע פראָפאָרציעס, פאַרלענגערט דעם גוף און די גלידער, איינגעקורטשעט דעם קערפער איבער די היפטן, אויסגעהוילט די אויגן־לעכער, דורכגעשטרייפט דעם שטערן מיט קנייטשן, ווי ביי אַ לייב, וואָס ציט צוזאַמען די ברעמען; אויפגעבלאָזן אויפן אַקסל אַ גאַנצן באַרג מוסקלען, שטייף געמאַכט די אָדערן אויפן רוקן און די ריפן געקלאַמערט איינע אין דער אַנדערער, ווי אַ צו שטאַרק אָנגעצויגענע אייזערנע קייט, וואָס די רינגען אירע האַלטן זיך אין ברעכן.

לאָמיר אויך אַן ענלעכן אופן באַטראַכטן די פלאַמאַנדישע שולע, און אין דערדאָזיקער שולע — דעם גרויסן פלאַמאַנדער — רובענס, און פון רובענסעס ווערק, איינס פון די טרעפלעכסטע בילדער: די „קערמעססע". פונקט ווי ביי מיקעל אַנדזשעלאָ, וועט איר אויך דאָ נישט געפינען קיין נאָכאַמונג פון געוויינלעכע פראָפאָרציעס. פאָרט קיין פלאַנדריען, קוקט זיך אָן דידאָרטיקע טיפן ווי זיי זעען אויס, אפילו אין די מאָמענטן פון פרייד, און פון לאָזן זיך וווילגיין, למשל: ביי די פעסטלעכקייטן פון „געיאַנט", אין אַנטווערפן אָדער אַנדערש־ווו; איר וועט דאָרט זען גוטע מענטשן, וואָס עסן גוט און טרינקען נאָך בעסער, וואָס רויכערן מיט אַ גרויסן נחת־רוח, מענטשן פלעגמאַטישע און מיושבדיקע, מאַטאָווע געזיכטער, גרויסע אומרעגלמעסיקע געזיכטס־ציגן, געװוּג ענלעך צו די געשטאַלטן פון טעניערן; אָבער וואָס באַלאַנגט די פרעכטיקע בהמות פון דער „קערמעססע", וועט איר אַזוי וואָס אינערגעץ נישט באַגעגענען, און רובענס האָט זיי זיכער אַרויסגעצויגן פון אַ גאַנץ אַנדער אָרט.

נאָך די שרעקלעכע רעליגיאָנס־קריגן, האָט דאָס פעטע פלאַנדריען, וואָס איז אַזוי לאַנג פאַרוויסט געווען, ענדלעך צוריק־

געקריגן פרידן און בירגערלעכע זיכערקייט. דער באָדן איז דאָרט אַזאַ גוטער, און די מענטשן אַזעלכע חכמים, אַז, איינס און צוויי, האָט מען צוריקגעוווּנען ווײַלשטאַנד און מזל־ברכה. יעדער באַזונדער האָט געפילט דידאָזיקע פרישע שפע און איבער־פולקייט; און אָט דער קאָנטראַסט פונם איצט מיטן עבר, האָט געטריבן די פרייגעלאָזענע, רויע, קערפּערלעכע אינסטינקטן צו געניוס; ווי נאָך אַ לאַנגן תענית, פערד און שטיר־אָקסן, אויף אַ גרינער וויזע, אָנגעהויפט מיט פאַשע. רובענס האָט זיי געפילט אין זיך גופא, און די פּאָזיע פונם גראָבן, פעטן לעבן, פונם זאַטן פרעכן פלייש, פון רחבותדיק צעגאָסענער חיהשער פרייד, האָט זיך פאַנאַנדערגעלייגט אין די אָפגעלאָזענע זינלעכקייטן, אין די תאוהדיקע רויטקייטן, אין דער קלאָרקייט און אין דער פרישקייט פון אַ גוזמא אַקטן, וואָס ער האָט געגעבן. כּדי אויס־צודריקן דאָסדאָזיקע געפיל, האָט ער אין זיין „קערמעססע" ברייטער געמאַכט די גופים, האָט דיקער געמאַכט די געזעסן, צעדרייט די טאַליע, געפאַרבט די באַקן, צעשויבערט די האָר, אָנגעצונדן אין די אויגן אַ ווילדן פלאַקער פון אומגעצוימטער תאוה, אויסגעשאָטן דעם גאַנצן געקלאַפער פון זולל־וסובאשאַפט; צעבראָכענע ווײַן־קרוגן, איבערגעדרייטע טישן, אַ געוויעריי, אַ געקוּשעריי, אָרגיע, און דער וווּנדערלעכסטער טריאומף פון מענטשלעכער חיה׳שאַפט, וואָס אַ מאָלער־פּענזל האָט ווען אַמאָל פאָרגעשטעלט.

דידאָזיקע ביידע ביישפּילן ווייזן אייך, אַז אויב דער קינסטלער ענדערט די מאָס־פאַרהעלטעניש פון די טיילן, ענדערט ער זיי אינם זעלבן זין, און מיט אַ כּיוון, אַזוי, אַז ער זאָל בולט מאַכן אַ געוויסן עצמדיקן כאַראַקטער־שטריך אינם געגנ־שטאַנד, וואָס ער מאָלט, און אַזויערנאָך, אויך דעם הויפּט־באַגריף, וואָס ער מאַכט זיך וועגן דעמדאָזיקן געגנשטאַנד. לאָמיר זיך פאַרצייכענען דאָסדאָזיקע וואָרט, מיינע הערן. אָט דער כאַ־ראַקטער־שטריך איז דאָס, וואָס די פילאָזאָפן רופן — די עצם־זאַך; און דערפאַר אויך זאָגן זיי, אַז די קונסט האָט אַלס ציל צו ברענגען צום אויסדרוק דעם עצם פון די זאַכן. מיר וועלן לאָזן אָן אַ זייט דאָס וואָרט עצם, וואָס איז אַ טעכנישער אויסדרוק, און מיר וועלן זאָגן גאַנץ איינפאַך: די קונסט האָט

אַלס ציל צו ברענגען צום אויסדרוק אַן הויפּט-כאַראַקטער-שטריך, עפּעס אַ בולטע באַדייטנד אייגנשאַפט, אַ שטאַנד-פּונקט, אָדער אַ געוויסן אופן זיין פונם געגנשטאַנד.

דאָ קומען מיר צו צו דער אמתער דעפיניציע פון דער קונסט, און מיר נויטיקן זיך אין אַ פולקאָמער קלאָרקייט. מיר דאַרפן זיך אַלזאָ דערביי פעסט האַלטן, און אָנצייכענען מיט געניקייט, וואָס עס איז אַזוינס אַן עצם כאַראַקטער-שטריך. איך ענטפער טאַקע באַלד: דאָס איז אַזאַ מין אייגנשאַפט, פון וועלכער אַלע איבעריקע, אָדער לפּחות, אַ סך פון זיי קומען אַרויס, אַ דאַנק באַשטימטע שייכותן. זייט מיר ווידער אַמאָל מוחל אַזאַ אַבסטראַקטע דערקלערונג: זי וועט באַלד ווערן פאַרשטענדלעך דורך ביישפילן.

דער עצם-כאַראַקטער-שטריך, דורך וועלכן אַ לייב פאַר-נעמט זיין באַשטימטן אָרט אין די קלאַסיפיקאַציעס פון דער נאַטור-געשיכטע — איז דאָס וואָס ער איז בטבע אַ גרויסער פלייש-פרעסער. איר וועט זען, אַז כמעט אַלע אייגנשאַפטן פונם לייב, סיי די פיזישע, סיי די מאָראַלישע, שווימען אַרויס פון דעמדאָזיקן הויפּט-שטריך, ווי פון אַן איינציקן קוואַל. פיזיש, קודם-כל, זענען זיינע ציין, ווי די שערן; די קין-ביינער געבויט אַזוי, אַז זיי זאָלן קאָנען צעמאָלן און צערייסן; אָט דאָס איז אומבאַדינגט נויטיק, ווייל אַלס פלייש-פרעסער נערט ער זיך אויסשליסלעך מיט פלייש און מיט לעבעדיקן רויב. כדי צו קאָנען זיך ווי געהעריק באַנוצן מיט דידאָזיקע שרעקלעכע צוואַנגען, זענען אים נויטיק ריזיקע מוסקלען, און כדי אַזעלכע מוסקלען זאָלן זיך האָבן וווּ צו האַלטן, דאַרף ער האָבן פּאַסנדע שלייפן-לעכער. דערצו האָבן די פיס גאָר אַנדערע מינים צוואַנגען, געוואַלטיקע נעגל, עלאַסטישע, אַ לייכט באַוועג-לעכן גאַנג, אויף די שפּיץ פינגער, אַ געפערלעכן שוווּנג אין די דיכן, וואָס שליידערט אים פאָראויס, ווי אַ שפרונג-פעדער, אויגן, וואָס זעען אין דער פינצטער; ווייל ביינאַכט איז די בעסטע צייט פאַר געיעג. אַ נאַטוראַליסט, וואָס האָט מיר אַמאָל געוויזן דעם סקעלעט פון אַ לייב, האָט מיר געזאָגט: „דאָס איז אַ פּאָר קינבאַקן, אויף פיר פיס.‟ — מאָראַליש ווידער, זענען אויך אַלע איינצלהייטן אין איינקלאַנג מיטן הויפּט-

כאַראַקטער־שטריך: קודם־כל — דער בלוט־דורשטיקער אינסטינקט, דאָס נויטיקן זיך אין פריש פלייש, דער עקל צו יעטוועדע אַנדערע נאַרונג; דערנאָך, דער כוח און דער נערוועזער פלאַקער, וואָס דערמעגלעכט אים, אינם קורצן מאָמענט פון אָנגריף אָדער פאַרטיידיקונג, צו קאָנצענטרירן, אויף איין מאָל, אַ געוואַלטיקע מאַסע ענערגיע; און אַלס געגנזאַץ, די שלעפערדיקייט, די ערנסטע און טונקעלע אינערציע, אין די מאָמענטן פון פויסטעוועץ, די לאַנגדויערנדיקע גענעצן, נאָך דער התלהבות פון דער יאַגד: די אַלע שטריכן זיינע פליסן אַרויס פון זיין פלייש־פרעסערישן כאַראַקטער, און טאַקע דערפאַר האָבן מיר דאָס אָנגערופן זיין „עצם־כאַראַקער־שטריך".

לאָמיר איצט באַטראַכטן אַן אַנדער פאַל, אַ פיל שווערערן: אַ גאַנצע געגנט מיט אירע אָן אַ שיעור איינצלהייטן, ווי סטרוקטור, אויסזען, קולטור, פלאַנצן, חיות, איינוווינער און שטעט; צום ביישפיל — האָלאַנד. דער עצם כאַראַקטער פונם דאָזיקן לאַנד איז דאָס, וואָס ס'האָט זיך געבילדעט פון וואַסער־אָפלייגעכץ, דאָס הייסט: פון די גרויסע שיכטן ערד, וואָס די טייכן שלעפן מיט זיך מיט און וואַרפן אַרויס ביי זייער אויספלוס. פון דעמדאָזיקן איינציקן וואָרט אַנטשטייען אָן אַ שיעור איינצלהייטן, וואָס בילדן דעם גאַנצן מהות פון דערדאָזיקער געגנט, נישט נאָר בנוגע איר פיזישן אויסזען און בנוגע דעם, וואָס זי איז פאַר זיך גופא, נאָר אויך בנוגע דעם גייסט און די מאָראַלישע אייגנשאַפטן פון אירע איינוווינער און זייער שאַפן. קודם־כל, אַלס אומבאַלעבטע נאַטור, פאַרמאָגט זי פייכטע און פרוכטבאַרע פלאַכן. דאָס איז נויטווענדיק, צוליב דער גרויסער צאָל טייכן, צוליב זייער ברייטקייט, און צוליב די גרויסע אויפזאַמלונגען פון פלאַנצן־ערד. דידאָזיקע באָדן־פלאַכן זענען אַלעמאָל גרין, ווייל די גרויסע רואיקע און פוילע טייכן, די אָן אַ צאָל קאַנאַלן, וואָס לאָזן זיך לייכט דורכגראָבן אינם פלאַטשיקן און פייכטן באָדן, האַלטן אים אין אַן אייביקער פרישקייט. איצט טרעפט איר שוין אוודאי, און בלויז מיטן כוח פונם שכל, דאָס אויסזען פון אַזאַ לאַנד, זיין בלייערנעם, רעגנדיקן הימל, וואָס ווערט אָן אויפהער געשמיסן פון גאָס־רעגנס, וואָס, אַפילו, אין שיינע טעג, איז ער ווי פאַרשלייערט

מיט אַ דינער גאַזע פון לייכטער פּאַרע, וואָס דערהויבט זיך פונם נאַסן באָדן און בילדעט אַ דורכזיכטיקן קופּאָל, אַ לופטיקן געוועב פון דיניקע שניי־קיילעכלעך, איבערן גרויסן קאָרב מיט גרינס, וואָס דאָס אייביק קאָן קוים אַרומנעמען, און וואָס ציט זיך און רונדיקט זיך אַזש ביז צו די האָריזאָנטן. וואָס אָנבאַלאַנגט דער לעבעדיקער נאַטור פון דער באַטראַכטער געגנט, ציט זי צו מיט אירע מענגעס רייכע פּאַשע, גרויסע, רויזיקע סטאַדעס, וואָס הויערן אין גראָז, קייען מיטן פולן מויל, און פאַרשפּרייטן געלע, ווייסע און שוואַרצע פלעקן איבערן אומענדלעכן, גרינעם פלאַכן שטח. — פון דאַנען קומט אויך דער גרויסער זול אויף מילך און פלייש, וועלכע שאַפן, צוזאַמען מיט די תּבואות און ירקות, וואָס דער פעטער באָדן גיט אַרויס, אַ שפעדיקע און ביליקע דער־נערונג פאַר די איינוואוינער. וועגן דעמדאָזיקן לאַנד וואָלט מען קאָנען זאָגן, אַז דאָס וואַסער שאַפט דאָרט גראָז, דאָס גראָז — בהמות, וועלכע שאַפן קעז, פּוטער און פלייש, און זיי אַלע צוזאַמען מיטן ביר שאַפן דעם איינוואוינער. און ווירקלעך. פון אָט דעם פעטן לעבן און פיזישן אָרגאַניזם, אָנגעזאַפּט מיט פייכטער לופט, זעען מיר געבוירן ווערן דעם טעמפּעראַמענט פונם פלאַמאַנדער. זיין פלעגמאַטישע נאַטור, זיינע רעגלמעסיקע געוואוינהייטן, די רואיקייט פון זיין גייסט און פון זיינע נערוון, די פעאיקייט אויפצונעמען דאָס לעבן פאַרנונפטיק און באַשיידן, זיין באַשטענדיקע צופרידנקייט, זיין חוש פאַר וווילשטאַנד און אַלס פועל־יוצא פון דעם אַלעם, די ממשלה פון ריינלעכקייט און פולער באַקוועמלעכקייט.

די פאַלגן גייען אַזוי ווייט, אַז זיי זענען אַזש משפּיע אויפן אויסערלעכן אויסזען פון די שטעט. אין די נידערלענדער פעלדער שטיין; אָנשטאָט שטיינער באַנוצט מען דאָרט געבּרענטע ליים, ציגל אָדער דאַכעוועקעס. צוליב די שטאַרקע און אָפטע רעגנס זענען די דעכער פון די הייזער זייער משופּעדיק, היות די פייכטקייט איז דאָרט אַ באַשטענדיקע, לאַקירט מען די פאַסאַדן. אַזויערנאָך איז אַ פלאַמאַנדישע שטאָט אַ נעץ פון רויטלעכע און ברוינלעכע בנינים, אַלעמאָל זויבערע, אָפט גלאַנציקע שפּיציקע דעכער. דאָ און דאָרט דערהויבט זיך אַן אַלטע קירך, געבויט פון ים־שטיינער, אָדער פון קליינע שטיינדלעך,

באַפעסטיקטע דורך צעמענט. די גאַסן זענען זאָרגפעלטיק געהאַלטן, און ציען זיך צווישן צוויי רייען טרעטערס, וואָס האָבן, מיט זייער זויבערקייט, גאָר קיין גלייכן נישט. אין האָלאַנד ווערן זיי געמאַכט פון ציגל, און באַלייגט טיילמאָל מיט פאַיאַנס. פינף פאַרטאָג טרעפט מען די דינסטמיידלעך שטיין אויף די קני, מיט שמאַטעס אין די הענט און וואַשן די טראָטואַרן. וואַרפט אַ בליק דורך די לויכטנדיקע שויבן; גייט אַריין אין אַ קלוב; ער איז באַפוצט מיט גרינע בוימער; די פּאָדלאָגע איז באַדעקט מיט זאַמד, וואָס ווערט כסדר באַנייט. גייט נאָר אַריין אין אָט די קנייפּעס, וואָס זענען געמאָלט מיט ליכטיקע, מילדע פאַרבן, ווו פעסער שטייען שורותווייז, און ווייזן זייער ברוינע בייכעדיקייט, און דער געלבלעכער שוים פונם ביר שלאָגט אַרויס פון די פיין־געשניצטע גלעזער. אין די אַלע איינצלהייטן פונם געוויינלעכן לעבן, און די אַלע סמנים פון אינערלעכער צופרידנקייט און דויערהאַפטער הצלחה, וועט איר זען דעם פועל יוצא פונם גרונט־כאַראַקטער, וואָס האָט זיך איינגעפּרעגט אינם קלימאַט, אינם באָדן, אין דער פלאַנץ און אין דער חיה, אינם מענטשן און אין זיין שאַפן, אינם כלל, ווי אינם יָחיד.

דורך די אַלע אומצאָליקע ווירקונגען קאָנט איר אורטיילן ווי וויכטיק דערדאָזיקער גרונט־כאַראַקטער איז. און טאַקע אים האָט די קונסט אַלס ציל בולט צו מאַכן, און אויב די קונסט פאַרשטייט די וויכטיקייט פון דערדאָזיקער אויפגאַבע, איז עס אַ באַוויז, אַז בלויז נאַטור איז נישט גענוג. אין דער נאַטור איז דער גרונט־כאַראַקטער נאָר מיטהערשנד; עס האַנדלט זיך אים צו מאַכן אין דער קונסט פאַר דעם אַליין־הערשער. דער דאָזיקער כאַראַקטער פאָרמט די רעאַלע זאַכן, ער פאַרמט זיי אָבער נאָר טיילווייז, ער ווערט געשטערט אין זיין טעטיקייט, געפּענטעט דורכן אַריינמישן זיך פון אַנדערע סבות. ער האָט נישט געקאָנט אַריינדרינגען גענוג שטאַרק און גענוג ממשותדיק אין זאַכן, וואָס טראָגן זיין צייכן. דער מענטש פילט דעמדאָזיקן בלויז, און כדי אים אויסצופילן, באַשאַפט ער די קונסט. און איצט לאָמיר צוריקגיין צו דער „קערמעססע" פון רובענסן.

אָט די בליענדיקע „קומאָשקעס", די שטאָלצע שכורים,

די אַלטע ברוטקאַסטנס און די אַלטע פּרעכע, גראָב־באַקיקע אָנ־געפּרעסענע חיהשע פּיסקעס, האָבן אפשר געהאַט עפּעס ענלעכס צו זיך אין דער זולל־וסובא־שאַפט פון דער צייט. אַ רייכע און גוט גענערטע נאַטור האָט געוויס געשטרעבט צו פּראָדוצירן אַזעלכע גראָבע זיטן און גרויסע בעלי־גופים, דאָס איז איר אָבער באַר טיילווייז געלונגען. אַנדערע סבות האָבן זיך אַריינגעמישט, און האָבן איינגעהאַלטן דעם שוווּנג פון פרייליכער און פליישיקער ענערגיע.

קודם־כל — די אָרעמקייט: אפילו אין די בעסטע צייטן, און אין די רייכסטע לענדער, זענען פאַראַן אַ סך מענטשן, וואָס האָבן נישט גענוג צו עסן, און די תעניתים, אָדער אפילו דאָס טיילווייזע אָפּזאָגן זיך פון דאָס נויטיקסטע, דער עלנט, די שלעכטע לופט, און אַלץ וואָס שלעפּט זיך נאָך נאָך דער אָרעמקייט, שוואַכן אָפּ די אַנטוויקלונג און די העפטיקייט פון דער איינגעבוירענער ברוטאַליטעט: אַ מענטש, וואָס האָט געליטן איז שוואַכער און איינגעהאַלטענער. די רעליגיע, דאָס געזעץ, די פּאָליציי, די געוווינהייטן, וואָס מען נעמט אָן, דורך אַ רעגלמעסיקער באַשעפטיקונג, ווירקן אינם זעלבן זינען: פאַר דעם זאָרגט שוין די דערציאונג. אויף הונדערט איינגעבוירענע, וואָס וואָלטן, ביי פּאַסנדע באַדינגונגען, געקאָנט דינען רובענסן אַלס מאָדעלן, האָבן זיך אפשר קוים געפונען אַ פינף־זעקס פּאַסיקע. איצט, נעמט אין אַכט, אַז אפילו אָט די פינף־זעקס, וואָס ער האָט ווירקלעך געקאָנט באַגעגענען אויף די פּאָלקס־פעסטלעכקייטן, האָבן זיך פאַרלוירן אין אַ מיש־מאַש פון מער ווייניקער דורכשניט־לעכע, אומבאַדייטנדע געשטאַלטן; נעמט אויך אין אכט, אַז בעת ער האָט זיי באַטראַכט, האָבן זיי נישט געהאַט נישט די שטעלונג, נישט דעם אויסדרוק, נישט דעם זשעסט, נישט די באַוועגונג, נישט די קליידונג, נישט די צעכראַסטעטקייט, וואָס זענען נויטיק בילדלעך פאַרצושטעלן איבערפלוס און גראָבע פרייד. צוליב די אַלע נישט גענוגזאַמקייטן, האָט די נאַטור זיך גערופן צו הילף די קונסט. נישט קאָנענדיק אַליין גענוג אונטער־שטרייכן דעמדאָזיקן כאַראַקטער, איז נויטיק געווען, אַז דער קינסטלער זאָל דאָס דערגאַנצן.

דאָסזעלבע קומט פאַר מיט יעדן העכערן קונסטווערק.

ווען ראַפֿאַעל האָט געמאַכט זיין „גאַלאַטעאַ", האָט ער געשריבן, אַז די שיינע פרויען זענען אַ זעלטנהייט, ער איז נאָכגעגאַנגען „אַ געוויסע אידייע, וואָס ער האָט געהאַט". דאָס וויל זאָגן, אַז באַגרייפנדיק אויף אַ געוויסן אופן די מענטשלעכע נאַטור, איר לויטערקייט, איר גליקזעליקייט, איר שטאָלצע און חנעוודיקע מילדקייט, האָט ער נישט געפונען קיין לעבעדיקן מאָדעל, וואָס זאָל זי ווי געהעריק אויסדריקן. די פויערטע, וואָס האָט פאַר אים פּאָזירט, האָט געהאַט העגט, פאַרקריפּלטע פון דער אַרבעט; פיס — אַנטשטעלטע דורך די שיך, אויגן — דערשראָקענע פון בושה, אָדער באַשעדיקטע דורך איר פאַך. אפילו ביי זיין „פאָרנאָרינאַ" גופא *), זענען די אָקסלען צו שיף, די הינטער־אָרעמס — מאָגערע, די מינע, אַ שטייפע און אַ באַגרענעצטע; אויב ער האָט זי געמאָלט אינם „פאַרנעזינאַ־פּאַלאַץ", האָט ער זי אָבער לחלוטין איבערגעשטאַלטעט, און האָט אַנטוויקלט, אינם געמאָלטן געזיכט, דעם גרונט־כאַראַקטער, וואָס איז, אינם פאַקטישן געזיכט, געווען אָנגעדייטעט נאָר טיילווייז.

אַזוי־ערנאָך קומט אויס, אַז דאָס אייגנטימלעכע פון אַ קונסט־ווערק באַשטייט אין דעם, וואָס עס מאַכט, ווי ווייט מעגלעך, דאָמינירנד און אָנזעעוודיק אין אַ זאַך, זיין „עצם־כאַראַקער", אָדער לפּחות, אירן אַ וויכטיקן כאַראַקטער־שטריך, און צו דעם צוועק, שניידט דער קינסטלער אויס יענע טיילן, וואָס פאַר־שטעלן דעם גרונט־כאַראַקטער פון דער זאַך, ווילט זיך אויס די, וואָס מאַכן אים בולט, פאַרבעסערט די, וואָס שטעלן אים פאָר נישט פינקטלעך און אַרבעט איבער יענע טיילן פון וועלכע ער איז לחלוטין פאַרשוווּנדן.

און איצט, לאָמיר באַטראַכטן, שוין נישט די קונסטווערק, נאָר די קינסטלער גופא, איך מיין זייער אופן פילן, ערפינדן און שאַפן; איר וועט איינזען, אַז ער איז אין איינקלאַנג מיט אָט דער דעפיניציע פונם קונסטווערק. דערדאָזיקער אופן איז פאַר די קינסטלער אַ באַגאַבונג, וועלכע איז זיי אומבאַדינגט נויטיק. מען קאָן אים נישט ערזעצן מיט קיין שום שטודיום,

---

*) פאָרנאַרינאַ — וווּנדערשיינע רוימערין, וועלכע ראַפֿאַעל האָט ליב געהאַט און וואָס פלעגט אים אָפט דינען אַלס מאָדעל.

און מיט קיין שום געדולד; אויב אַזעלכער פעלט זיי, זענען זיי נישט מער, ווי קאָפּיסטן און בעלי־מלאכות. ווען זיי באַטראַכטן אַ זאַך דאַרפן זיי קאָנען קריגן פון דער זאַך „אַן אָריגינעלע עמפּינדונג”. אויב עפּעס אַ כאַראַקטער־שטריך פון אַ זאַך האָט זיי פאַרכאַפּט, איז דער פּועל־יוצא דערפון — אַ שטאַרקער, אייגנאַרטיקער איינדרוק. אין אַנדערע ווערטער, אויב אַ מענטש ווערט געבוירן מיט טאַלענט, זענען זיינע פאָרשטעלונגען, אָדער, לפּחות, זיינע פאָרשטעלונגען פון אַ געוויסער אַרט, פיינע און פלוצימדיקע; ער נעמט אויף און קלויבט פאַנאַנדער, נאַטירלעך און מיט אַ ווצַקערן און זיכערן חוש, ניואַנסן און פאַרבינדונגען, דעם קלאָגעדיקן אָדער הערצאָאישן זינען פון אַ ריי קלאַנגען, צי גאָר דעם שטאָלץ אָדער די אָפּהענדיקייט פון אַ שטעלונג, צי די רייכקייט אָדער מעסיקייט פון צוויי טענער, וואָס דערגאַנצן זיך אָדער וואָס טרעפן זיך צוזאַמען; דורך אָט דער אייגנשאַפט, דרינגט דער קינסטלער אַריין אינם מהות פון די זאַכן און שיינט דעריבער צו זיין פיל שאַרפזיכטיקער פון אַנדערע מענטשן. און דידאָזיקע טיפע און פּערזענלעכע עמפּינדונג פאַרבלייבט נישט אומטעטיק. די גאַנצע דענק־ און נערוון־ מאַשין ווערט, אַ דאַנק איר, אויפגעטרייסלט. נישט ווילנדיק דריקט דער מענטש אויס זיין אינערלעכע עמפּינדונג; זיין קערפּער מאַכט אַ באַוועגונג, זיין שטעלונג ווערט מימיש, ער דערפילט אַ נויטיקייט די זאַך איבערצוגעבן אויסערלעך, ווי ער האָט זי אויפגענומען אינערלעך. דאָס קול זיינס זוכט נאָכאמענדע בויגונגען, די שפּראַך געפינט פאַרביקע ווערטער, אומפּאָראויסגעזעענע ווענדונגען, אַ סטיל, אַ בילדלעכן, אַן ערפונדענעם, אַן איבערגעטריבענעם; עס איז קלאָר, אַז אונטער דער מעכטיקער פּרימיטיווער אָנרעגונג, האָט דער אַרבעטנדער מוח איבערגעדענקט און איבערגעמאַכט דעם גאַנצן געגנשטאַנד, כּדי אים צו באַלויכטן און צו פאַרגרעסערן, אָדער גאָר אים איינצוקורטשן, כּדי אים גראָטעסקמעסיק איבערצוּוואַרפן אינגאַנצן אויף איין זייט; אין דער צופעליקער סקיצע, ווי אין דער שטאַרקסטער קאַריקאַטור, דערפילט איר גלייך, ביי אַ דיכטערישן טעמפּעראַמענט, די אויבערמאַכט פון דעמדאָזיקן אומווילקירלעכן איינדרוק. באַמיט זיך איצט אַריינצודרינגען אינם

אינערלעכן לעבן פון די גרויסע קינסטלער און שריפטשטעלער פון אייער אייגענעם יאָרהונדערט; שטודירט די סקיצן, די פּראָיעקטן, דאָס אינטימע טאָגבוך, די קאָרעספּאָנדענץ פון די אַלטע מייסטערס; אומעטום וועט איר געפינען דעמזעלבן איינגעבוירענעם פּאָרטל. מעג מען אים פאַרפּוצן מיט די שענסטע נעמען, אים רופן — באַגייסטערונג, זשעני — דאָס איז אַלץ גוט, מ׳האָט רעכט; ווייל מען אים אָבער געניי דעפינירן, מוז מען איינזען, אַז דאָס איז די טיפע אומאָפּהענגיקע עמפּינדונג, וואָס גרופּירט ארום זיך דעם גאַנצן באַגאַזש נעבן־אידייען, בעסערט זיי אויס, פאָרמט זיי, פאַרוואנדלט זיי און נוצט זיי אויס, כדי זיך זעלבסט צו אנטפּלעקן.

אָט זענען מיר צוגעקומען צו דער דעפיניציע פונם קונסטווערק. ווארפט, מיינע הערן, א בליק אויף צוריק, און קוקט זיך צו, א ווייל, צום וועג, וואָס מיר זענען אָפּגעלאָפן. מיר זענען צוגעקומען, בהדרגה, וואָס־אמאָל צו א העכערער אויפפאסונג פון דער קונסט, און דערמיט אליין שוין, וואָס אמאָל — צו א געגויערער. תחילת האָבן מיר געהאלטן, אז דער צוועק אירער איז נאָכצומאכן דאָס זינלעכע אויסזען פון א זאך. שפּעטער האָבן מיר אָפּגעטיילט די גשמיותדיקע נאָכאמונג פון דער רוחניותדיקער, און איינגעפונען, אז מיטן זינלעכן אויסזען פון דער זאך, מיינט די קונסט נאָכצומאכן די מאָס־פארהעלטענישן, וואָס די טיילן פון דער זאך האָבן צווישנאנדער. איינזעענדיק, סוף־כל־סוף, אז, כדי צו דערפירן די קונסט צו איר העכסטער מדרגה, מעגן און דארפן דידאָזיקע מאָס־פארהעלטענישן איבערגעענדערשט ווערן, זענען מיר געקומען צו דער אויספירונג, אז מיטן שטודירן די פארהעלטנישן פון די טיילן, איז מען אויסן בולט צו מאכן, אין דער זאך, איר „עצם־כאראקטער״. קיין איינע פון די אלע דעפיניציעס איז נישט סותר די פריערדיקע, אדרבה, איינע די אנדערע פארבעסערט און פרעציזירט זי, אזוי, אז מיר קאָנען זיי אלע פאראייניקן, שטעלנדיק די נידעריקערע נאָך די העכערע, און רעזומירן אונזער גאנצע ארבעט אויף פאָלגנדן אופן:

דאָס קונסט־ווערק האָט אלס ציל צו אנטפּלעקן עפּעס א וועזנטלעכן אָדער אָנזעעוודיקן כאראַקטער־שטריך, און מיט

אים — עפּעס א וויכטיקע אידייע, און זיי צו ברענגען צום אויסדרוק מיט מער קלאָרקייט און גאנצקייט, ווי אין די רעאלע קערפּערס. דעמדאָזיקן ציל דערגרייכט זי, באנוצנדיק זיך מיט א קאָמפּלעקס באהעפטע צווישן זיך טיילן, פון וועלכע זי פארענדערט סיסטעמאטיש דעם צוזאמענהאנג, וואָס זיי האָבן מיט אנאנדער. אין די דריי נאָכאמונגס־קונסטן: סקולפּטור, מאָלעריי און דיכטונג, זענען דידאָזיקע קאָמפּלעקסן אזעלכע, וואָס אנטשפּרעכן רעאלע קערפּערס.

VI

ארויסגייענדיק פון אָט דער הנחה, מיינע הערן, זעט מען, ווען מען באטראכט גוט די באזונדערע טיילן פון דערדאָזיקער דעפיניציע, אז דער ערשטער טייל איז א דורכאויס נויטווענדיקער, בעת דער צווייטער איז נאָר א נעבן־זאך. אין יעדער קונסט איז נויטיק א קאָמפּלעקס באהעפטע צווישן זיך טיילן, וועלכע דער קינסטלער פארענדערט אזוי, אז זיי זאָלן מסוגל זיין בולט צו מאכן א באשטימטן כאראקטער־שטריך; עס איז אָבער קיין חיוב נישט, אז אין יעטוועדער קונסט זאָל דערדאָזיקער קאָמפּלעקס זיין אנטשפּרעכנד צו רעאלע קערפּערס; ס'איז גענוג, ווען דער קאָמפּלעקס גופא עקזיסטירט. אויב מען וואָלט אלזאָ געקאָנט באגעגענען קאָמפּלעקסן געבונדענע טיילן, וועלכע זענען נישט קיין נאָכאמונג פון רעאלע קערפּערס, וואָלט מען דערפון געקענט שליסן, אז עס זענען פאראן אויך נישט־קיין נאָכאמונגס־קונסטן. און דאָס נעמלעך קומט פאָר ביים אנטשטיין פון דער ארכיטעקטור און דער מוזיק. א חוץ פארבינדונגען, מאָס־פארהעלטענישן און צוזאמענהאנגען פון קערפּערלעכער און מאָראלישער נאטור, וואָס די דריי נאָכאמונגס־קונסטן קאָפּירן, זענען פאראן אויך מאטעמאטישע פארהעלטענישן, וועלכע ווערן קאָמביּנירט דורך די צוויי קונסטן, וואָס מאכן גאָרנישט נאָך.

לאָמיר קודם באטראכטן די מאטעמאטישע פארהעלטענישן, וועלכע ווערן אויפגענומען דורך דעם חוש הָראִיָה. די מאָס־גרויסן, וואָס ווערן געזען מיטן אויג, קאָנען בילדן מיטאנאנדער קאָמפּלעקסן טיילן, געבונדענע צווישן זיך, דורך מאטעמאטישע

געזעצן. ווייל קודם־כּל, קאָן א שטיק האָלץ אָדער שטיין האָבן א געאָמעטרישע פאָרם; די פאָרם פון א קוב; פון א קאָנוס, פון א צילינדער אָדער פון א באלם, און דאָס שטעלט פעסט רעגלמעסיקע ווייטקייט־פארהעלטנישן, צווישן די פארשידענע פונקטן פון זיין קאָנטור. — א חוץ דעם קאָנען די אויסמעסטונגען זיינע בילדן סכומים געבונדענע צווישן זיך דורך איינפאכע פראָפּאָרציעס, וועלכע מען קאָן לייכט תופס זיין; די הויך, למשל, קאָן זיין צוויי, דריי, פיר מאָל אזוי גרויס, ווי די גרעב אָדער די ברייט, און אזא פרט בילדעט שוין א צווייטע סעריע פון מאטעמאטישע פארהעלטענישן. — און צולעצט, קאָן אויך געמאָלט זיין, אז מערערע פון דידאָזיקע שטיקער שטיין אָדער האָלץ זאָלן ליגן אויסגעלייגט איינס אויפן אנדערן, אָדער איינס נעבן אנדערן, סימעטריש, לויט ווייטקייטן און ווינקלען, וואָס זענען פארבונדן צווישן זיך דורך א מאטעמאטישן צוזאמענהאנג. — אויף אָט אזא קאָמפּלעקס געבונדענע טיילן, גרינדעט זיך די ארכיטעקטור. ווען דעם ארכיטעקט פאלט איין אזא און אזא דאָמינירנדער כאראקטער־שטריך, ווי למשל: הייטערקייט, תמימות, קראפט, עלעגאנץ, ווי אמאָל, אין גריכנלאנד און אין רוים; אָדער — אויסטערלישקייט, פאַרשיידנארטיקייט, אומענדלעכקייט, פאנטאסטישקייט ווי אין די גאָטישע צייטן, קאָן ער דעמאָלט קאָמבינירן פארבינדונגען, מאָס־פארהעלטענישן, מאָס־גרויסן, פאָרמען, שטעלונגען, אין איין וואָרט — די פארהעלטנישן פון די מאטעריאלן, ד. ה. באשטימטע ממשותדיקע גרויסן, אויף אזא אופן, אז זיי זאָלן בולט מאכן דעם כאראקטער־שטריך, וואָס איז אים איינגעפאלן.

נעבן די גרויסן, וואָס דער חוש הראיה נעמט אויף, זענען פאראן אזעלכע. וואָס ווערן אויפגענומען מיטן געהער; איך מיין די שנעלקייטן פון די קלאנגען־וויבראציעס; און היות דידאָזיקע וויבראציעס זענען מאָס־גרויסן, קאָנען זיי פאר זיך גופא אויך בילדן קאָמפּלעקסן, וואָס די טיילן זייערע זענען צווישן זיך געבונדן דורך מאטעמאטישע געזעצן. — פאר אלעם, ווי אייך איז באוווסט, שטעלט זיך א מוזיקאלישער קלאנג צוזאמען פון א נישט אונטערבראָכענער ריי וויבראַציעס, וועלכע באגלייטן זיך מיט א גלייכער שנעלקייט, און דידאָזיקע גלייכהייט גופא,

שאפט שוין צווישן זיי א מאטעמאטישע פארהעלטניש. — והשנית, נעמענדיק אין באטראכט צוויי קלאנגען, איז מעגלעך, אז דער צווייטער זאָל זיין צוזאמענגעשטעלט פון צוויי, דריי, פיר מאָל שנעלערע וויבראציעס, ווי דער ערשטער. דיביידע קלאַנגען האָבן אלזא צווישן זיך א מאטעמאטישע פארהעלטניש; און דאָס באצייכנט מען אינם נאָטן־סיסטעם דערמיט, וואָס מען שטעלט זיי אויף א געוויסער ווייטקייט איינס פון דאָס אנדערע. אזויערנאָך, אויב, אָנשטאָט צוויי קלאנגען, נעמט מען א באשטימטע צאָל, וואָס שטייען אויף א גלייכן מרחק פון אנאנדער, באקומט זיך א גראדאציע: דידאָזיקע גראדאציע איז די גאמע, און אלע קלאנגען זענען אזויערנאָך פארבונדן מיט אנאנדער, לויט דער שטעלונג וואָס זיי פארנעמען אין דער גאמע. — איצט קאָנט איר פעסטשטעלן דידאָזיקע פארבינדונגען, סיי צווישן קלאנגען, וואָס פאָלגן זיך נאָך, סיי צווישן קלאנגען, וואָס קומען גלייכ־צייטיק. דער ערשטער מין פארבינדונג שארפט די מעלאָדיע, דער צווייטער בילדעט די הארמאָניע. און אָט האָט איר די מוזיק מיט אירע צוויי הויפט־טיילן, געגרינדעט, ווי די ארכיטעקטור, אויף מאטעמאטישע פארהעלטנישן, וועלכע דער קינסטלער קאָן קאָמבינירן און איבעראנדערשן.

אויף דער מוזיק איז אָבער חל נאָך א צווייטער פרינציפ, און דערדאָזיקער נייער עלעמענט גיט איר צו אַ באַזונדער מעלה און א אויסערגעוויינלעכע וויכטיקייט. חוץ די מאטעמאטישע אייגנשאפטן, וואָס דער קלאנג פאַרמאָגט, איז ער נאָך דערצו ענלעך צום געשריי, און אלס אזעלכער, איז ער מסוגל אויסצו־דריקן אוממיטלבאר, געטרוי, פיין און קרעפטיק אָן א גלייכן — צער, פרייד, צאָרן, עמפערונג, אלע עמאָציעס און אויפטרייסלונגען פון א לעבעדיק און פילנדיק באשעפעניש, מיט זייערע דינסטע ביוואנסן און פארהוילנסטע סודות. אין דער הינזיכט איז ער ענלעך צו דער דיכטערישער דעקלאמאציע, און שאפט א גאנצע מוזיק, א מוזיק פון עקספרעסיע, ווי די פון גלוקן, ביי די דייטשן, אין געגנזאץ צו דער געזאנג־מוזיק, ווי די פון ראָסינין און פון די איטאַליענער. נאָר וועלכן פון די ביידע שטאנדפונקטן א קאָמפאָזיטאָר זאָל נישט וויילן, פארבלייבן נישט ווייניקער די ביידע אייגנשאפטן פונם קלאנג צוזאמען, און די קלאנגען בילדן

אלעמאָל קאָמפּלעקסן טיילן, וואָס בינדן זיך דורך זייערע מאַטע־מאַטישע פאַרהעלטענישן, און גלייכצייטיק, דורך דער פאַרבינדונג וואָס זיי האָבן מיט די ליידנשאַפטן און מיט די פאַרשיידענע אינערלעכע איבערלעבענישן פונם אינטעלעקטועלן וועזן. אַזוי, אַז ווען אַ מוזיקער האָט באַמערקט אין אַ זאַך עפּעס אַ וויכטיקן און בולטן כאַראַקטער־שטריך: טרויער אָדער פרייד, צאַרטע ליבע צי אויפגעברויזטער כּעס; צי אַ וואָסער נישט איז אַנדער געדאַנק אָדער געפיל, קאָן ער, פון דידאַקטישע מאַטעמאַטישע און זעלישע פאַרבינדונגען, זיך ווײַלן וועלכע נאָר ער וויל, און זיי קאָמבינירן, כּדי צו ברענגען צום אויסדרוק דעם כאַראַקטער־שטריך, וואָס ער האָט באַמערקט.

ווי מיר זעען איז די אָנגעגעבענע דעפיניציע כּולל אין זיך אַלע קונסטן: אין אַרכיטעקטור און אין מוזיק, אַזוי גוט, ווי אין סקולפּטור, מאָלערײַ און דיכטונג, האָט דאָס ווערק פאַר אַ ציל אַרויסצוווײַזן עפּעס אַן עצם כאַראַקטער־שטריך, און דאָס מיטל דערצו איז — אַ קאָמפּלעקס געבונדענע צווישן זיך טיילן, וואָס די פאַרהעלטענישן זייערע ווערן קאָמבינירט און מאָדיפיצירט דורכן קינסטלער.

VII

איצט, ווען מיר קענען שוין די נאַטור פון דער קונסט, זענען מיר ערשט ביכולת צו פאַרשטיין איר וויכטיקייט. תּחילת האָבן מיר דידאַקטיקע וויכטיקייט בלויז געפילט. דאָס איז געווען אַן ענין פאַרן אינסטינקט, אָבער נישט פאַרן פאַרשטאַנד; מיר האָבן געפילט דרך־ארץ און אַכטונג, מיר האָבן אָבער נישט גע־קאָנט די אַכטונג און דעם דרך־ארץ דערקלערן. אַצינד זענען מיר פעאיק אונזער באַוווּנדערונג צו באַרעכטיקן און אָנצוצייי־כענען דאָס אָרט, וואָס די קונסט פאַרנעמט אינם מענטשלעכן לעבן. — אין פילע הינזיכטן איז דער מענטש אַ חיה, וואָס שטרעבט זיך צו פאַרטיידיקן קעגן דער נאַטור אָדער קעגן אַנ־דערע מענטשן. ער מוז זאָרגן פאַר זיין דערנערונג, פאַר זיין קליידונג, פאַר זיין וווינונג; ער מוז זיך פאַרטיידיקן קעגן שלעכטן וועטער, קעגן הונגער און קראַנקהייטן. צו דעם צוועק אַקערט

ער, רייזט ער אויפן ים, טוט ער פֿאַרשיידענע מלאכות און פירט פֿאַרשיידענע מסחרים. — חוץ דעם מוז ער פֿאַראייביקן זיין אייגענעם מין און זיך שיצן קעגן די געוואַלט-טאַטן פֿון די אַנדערע מענטשן. און צוליב דעם גרינדעט ער פֿאַמיליעס און שאַפֿט מלוכות; ער שטעלט אַוועק ריכטער, באַאַמטע, שאַפֿט קאָנסטיטוציעס, געזעצן און אַרמייען. אָבער נאָך אַזויפֿיל ערפֿינ־דונגען און שווערער אַרבעט, איז ער דאָך נישט אַרויס נאָך פֿון זיין ערשטן קרייז; ער איז נאָך אַלץ נאָר אַ חיה, וואָס איז בעסער פֿאַרזען און בעסער געשיצט ווי אַנדערע חיות; געזאָרגט האָט ער דערווייל רק וועגן זיך גופא און וועגן זיינס גלייכן. — אין דעם מאָמענט אָבער עפֿנט זיך פֿאַר אים אַ העכער לעבן: אַ לעבן פֿון פֿאַרטראַכטן זיך, פֿון אינטערעסירן זיך מיט די אייביק-שאַפֿנדיקע סיבות, פֿון וועלכע ס'איז אָפּ־הענגיק זיין אייגענע עקזיסטענץ, ווי אויך די עקזיסטענץ פֿון זיינע מיט-מענטשן; פֿון אינטערעסירן זיך מיט די אויבער-הערשנ־דיקע און עצמדיקע כאַראַקטער-שטריכן, וואָס באַוועלטיקן יעט־וועדער צוזאַמענשטעל, און לייגן זייער חותם אויף די מינדסטע איינצלהייטן. כדי דאָס אַלץ צו דערגרייכן, האָט דער מענטש צוויי וועגן: דער ערשטער — די וויסנשאַפֿט, מיט דער הילף פֿון וועלכער ער שיילט אויס די סיבות און די יסוד-געזעצן, און דריקט זיי אויס אין פּינקטלעכע פֿאָרמולן, און אין אַבסטראַקטע טערמינען. דער צווייטער — איז די קונסט, מיט דער הילף פֿון וועלכער ער ווייזט אַרויס דידאָזיקע סבות און דידאָזיקע יסודי־געזעצן, שוין נישט דורך טרוקענע דעפֿיניציעס, וואָס זענען אומצוגענגלעך פֿאַר דער מאַסע, און פֿאַרשטענדלעך בלויז פֿאַר אַ קליין הייפֿל ספּעציאַליסטן, נאָר אויף אַ בילדלעכן אופֿן, וועלכער איז געווענדט נישט רק צום שכל, נאָר אויך צו די חושים און צום האַרץ, אַפֿילו פֿון דעם געוויינלעכסטן מענטש. ווייל דאָס כאַראַקטעריסטישע אין דער קונסט איז דאָס, וואָס זי איז גלייכ־צייטיק ה ע כ ע ר א ו ן פּ אָ ל ק ס ט י מ ל ע ך. זי ברענגט צום אויסדרוק דאָס ה ע כ ס ט ע, און ווייזט עס פֿאַר אַלע גלייך.

קאַפּיטל ב.

וועגן דער אַנטשטייאונג פונם קונסטווערק.

נאָכן אונטערזוכן מיט אייך די נאַטור פונם קונסטווערק בלייבט נאָך צו שטודירן דאָס געזעץ פון זיין אַנטשטייאונג. דאָס דאָזיקע געזעץ קאָן אויפן ערשטן אויגנבליק אויסגעדריקט ווער אויף אַזאַ אופן:

דאָס קונסטווערק ווערט באַשטימט דורך אַ צוזאַמענשטעל, וועלכער איז — דער אַלגעמיינער מצב פונם גייסט און פון די אַרומיקע זיטן. איך האָב אייך שוין לעצטנס דאָס געזעץ אָנגעגעבן; אַצינד דאַרף מען עס באַגרינדן.

עס באַרוט אויף צווייערליי באַווייזן; איינער שטאַמט פון דער דערפאַרונג; דער אַנדערער — פונם שכל. דער ערשטער באַוויַז באַשטייט אין אויסרעכענען אַ גרעסערע צאָל פאַלן, דורך וועלכע דאָס געזעץ ווערט באַשטעטיקט; אייניקע האָב איך אייך אויסגערעכנט, איך וועל אייך שפּעטער ווייזן נאָך אַנדערע; אויסער דעם, קאָן מען פאַרזיכערן, אַז עס איז נישט באַקאַנט קיין איינער ווו דאָסדאָזיקע געזעץ זאָל נישט שולט זיין; אין אַלע שטודירטע פאַלן, האָט זיך עס אַרויסגעוויזן אַלס פּינקטלעך, נישט נאָר בנוגע דעם אַנטשטיין און דעם פאַרגיין פון די גרויסע קונסט-שולן, נאָר אויך בנוגע אַלע פאַרענדערונגען און אַלע וואַקלענישן פון דער קונסט גופא. —

דער צווייטער באַוויַז דאַרף פעסטשטעלן, אַז פאַקטיש איז דידאָזיקע אונטערגעוואָרפנקייט נישט גלאַט אַ שטרענגע, נאָר אַ מחויבדיקע. צו דעם צוועק אַנאַליזירט מען דאָס, וואָס מיר האָבן אָנגערופן — אַלגעמיינער מצב פון גייסט און זיטן,

מען פֿאַרשט לויט די געוויינלעכע כּללים פֿון דער מענטשלעכער נאַטור, דעם פּועל יוצא, וואָס אַזאַ מצב דאַרף האָבן אויפֿן פֿאָלק, ווי אויך די קינסטלער, און דערמיט אויך אויפֿן קונסטווערק. אַזויערנאָך שליסט מען, אַז דאָ איז פֿאַראַן אַ געצוווּנגענע פֿאַרבינדונג און אַ באַשטענדיקער צוזאַמענהאַנג, און מען קומט צו דער אויספֿירונג, אַז דאָס, וואָס מ'האָט געהאַלטן פֿאַר אַ צופֿעליקן צוזאַמענטרעפֿן זיך פֿון אומשטענדן, איז, אין תּוך, אַ נויטווענדיקע האַרמאָניע. דער צווייטער באַווייז באַגרינדעט דאָס, וואָס דער ערשטער האָט בלויז באַשטעטיקט אַלס פֿאַקט.

1

כּדי איבערצוגעבן די דאָזיקע האַרמאָניע בילדלעך, לאָמיר צוריקנעמען אַ פֿאַרגלייך, וועלכן מיר האָבן שוין פֿריער באַנוצט. אַ קונסטווערק אָדער אַ געוויקס, און לאָמיר זען אין וואָסערע אומשטענדן אַ געוויקס, אָדער אַ געוויסער מין געוויקס, דער פּאָמעראַנצן־בוים, למשל, וואָלט קענען זיך אַנטוויקלען און פֿאַרשפּרייטן אויף אַ געוויסן באָדן. מיר שטעלן זיך פֿאָר אַלערליי קערנער און זאָמען, וואָס דער ווינט טראָגט אָן און דער צופֿאַל פֿאַרשפּרייט; ביי וועלכע באַדינגונגען וואָלטן די זאָמען פֿונעם פּאָמעראַנצן־בוים געקאָנט שפּראָצן, ווערן ביימער, בליִען, טראָגן פּירות, אַרויסגעבן צווייגלעך, אַ גאַנצע משפּחה ביימער, און צודעקן דעם באָדן?

דערצו וואָלטן נויטיק געווען [illegible] אַ סך גינסטיקע באַדינגונגען. קודם־כּל, אַז דער באָדן זאָל זיך נישט צופֿיל קרישלען, און נישט זיין צו מאָגער; אַנדערש וועלן די וואָרצלען נישט האָבן גענוג טיפֿקייט און באַפֿעסטיקונג, און דער בוים וועט אומפֿאַלן ביים ערשטן בלאָז פֿונעם ווינט. דער באָדן וועט אויך נישט טאָרן זיין צו טרוקן, ווייל צוליבן דוחק אין דערפֿרישונג מיט פֿליסנדיק וואַסער, וועט דער בוים פֿאַרדאַרט ווערן שטייענדיקערהייט. נויטיק איז אויך, אַז דער קלימאַט זאָל זיין אַ וואַרעמער, אויב נישט וועט דער בוים, וואָס איז בטבע זייער פּיליק אויף קעלט, דערפֿרוירן ווערן, אָדער לפּחות, פֿאַרוועלקן און נישט בכוח זיין צו עפֿענען זיינע קנאָספּן. דער זומער

דאַרף זיין אַ גענוג לאַנגער, כדי די פּרוכט, וואָס איז בטבע אַ שפּעטע, זאָל צייט האָבן רייף צו ווערן. דער ווינטער מוז זיין אַ מילדער, כדי די יאַנואַר־פּרעסטלעך זאָלן נישט פאַרוועלקן און פאַרברענען די פאַרשפּעטיקטע פּאָמעראַנצן אויף די צווייגן; און צו דעם אַלעם איז נויטיק, אַז דער באָדן זאָל נישט זיין צו גינסטיק פאַר אַנדערע געוויקסן, אַנדערש וואָלט דערדאָזיקער בוים, זייענדיק אָנגעוויזן אויף זיך גופא, דערשטיקט געוואָרן דורך דער קאָנקורענץ, און דורכן אַריינרייסן זיך פון אַ שטאַר־קערן פלאַנצן־מין. אויב די אַלע באַדינגונגען וועלן זיך צוזאַ־מענטרעפן, וועט דאָס קליינע פּאָמעראַנצן־בוימל וואַקסן, אויס־וואַקסן און אַרויסגעבן אַנדערע, וואָס וועלן זיך מערן און פּרוכ־פערן פון זיך זעלבסט. אוודאי קאָן זיך אַמאָל טרעפן, אַז שטורם־ווינטן, שטיינער, וואָס פאַלן אַרונטער, אָדער גאָר ציגן זאָלן צעשטערן אייניקע באַפּלאַנצטע שטחים, בכלל אָבער, דורכמאַכנ־דיק די אַלע אומגליקס־פאַלן, וואָס ברענגען אום דעם יחיד, וועט זיך דאָס מין גופא פאַרשפּרייטן, באַדעקן דעם באָדן, און נאָך אַ געהעריקער צאָל יאָרן, וועט מען זען וואַקסן אַ בליענדיקן פּאָמעראַנצן־וואַלד. און טאַקע דאָס קומט פאַר אין די גוט־געשיצטע בערג־שלוכטן פון דרום־איטאַליע אין דער געגנט פון ס אָ ר ע נ ט א און א מ א ל פ י ביים באָרטן פון די בוכטעס*), אין די קליינע לוי־וואַרעמע טאָלן, וואָס ווערן דערפרישט דורך די וואַסערן פון די בערג, און געצערטלט דורכן זאַנפטן און מילדן ים־ווינטל. ס'איז נויטיק געווען דאָס צוזאַמענטרעפן זיך פון די אַלע אומ־שטענדן, כדי צו קאָנצענטרירן אויף איין אָרט אַזויפיל שיינע רונדע קעפ, דידאָזיקע פּרעכטיקע, טיף־גרין־שימערנדיקע קופּאָלן, די אָן אַ שיעור גאָלדענע עפּל, דידאָזיקע ווערטפולע און פאַר־פומירטע פלאַנצן־וועלט, וואָס מאַכט דעמדאָזיקן ברעג, אין מיטן ווינטער, פאַר דעם שענסטן און גלענצנדסטן גאָרטן.

איצט לאָמיר באַטראַכטן אויף וואָסער אופן עס זענען גע־שען די אַלע זאַכן, אין דעמדאָזיקן ביישפּיל. איר האָט אָקאָרשט געזען די ווירקונג פון די אומשטענדן און פיזישער טעמפּעראַ־טור. ריכטיק געזאָגט, האָבן נישט זיי אַרויסגעגעבן דעם פּאָמע־

---

*) Golfes.

ראַנצן־בוים. קערנער זענען געווען, און די גאַנצע לעבנס־קראַפט האָט זיך געפונען אין די קערנער גופא. די אַלע אויסגערעכנטע אומשטענדן זענען אָבער געווען אומבאַדינגט נויטווענדיק, כּדי דאָס געוויקס זאָל קאָנען וואַקסן און זיך פאַרשפרייטן, און וואָלטן זיי נישט געווען, וואָלט דאָס געוויקס אויך נישט געווען, פונקט ווי זיי.

דער פועל יוצא דערפון איז, אַז ווען די טעמפעראטור וואָלט ווערן אַן אַנדערע, וואָלט דאָס פלאנצן־מין אויך אַנדערש געוואָרן. באמת, לאָמיר זיך פאָרשטעלן באדינגונגען לחלוטין אין היפך צו די, וואָס איך האָב דאָ געשילדערט; אַ שפּיץ באַרג געשמיסן דורך געוואַלטיקע ווינטן, אַ דינע און זעלטענע שיכט פלאנצן־ערד, אַ קאַלטן קלימאַט, אַ קורצן זומער, שניי — אין משך פונם גאַנצן ווינטער; נישט נאָר דער פאָמעראַנצן־בוים וואָלט דאָרט נישט געקאָנט געבוירן ווערן, נאָר ס׳רוב אַנדערע בוימער וואָלטן אויך דאָרט אומגעקומען. פון אַלע מינים זאָמען וואָס דער צופאַל וואָלט געבראַכט, וואָלט זיך בלויז איינער איינ־געגעבן, און איר וואָלט זען, ווי עס דויערט און ס׳פאַרשפרייט זיך בלויז יענער מין, וואָס קאָן זיך צופאַסן צו די שווערערע אומשטענדן: סאָסנעס און יאָדלעס וועלן צודעקן די וויסטע שפּיצן, די לאנגע פעלזיקע רוקנס, די שטיילע באַרג־משופּעס מיט זייערע שטאַרקע ציילנגענג און מיט זייערע גרויסע טרויער־נרינע מאַנטלען; און איר וואָלט, דאָרט אַזוי גוט, ווי אין די וואָגעזן, אין שאָטלאַנד און אין נאָרוועגן, גערייזט מיילנווייז אונטער שטומע בוימער־קופּאָלן אויף אַ טעפּיך פון אויסגעטרוקנטע נאָדלען, צווישן וואָרצלען וואָס קלאַמערן זיך עקשנותדיק אָן די פעלזן, אינם געביט פון אָט דער ענערגישער און געדולדיקער פלאַנץ, וואָס טאַקע נאָר זי איינע איז בכוח אויסצוהאַלטן דעם אומאויפהערלעכן אָנגריף פון די שטורם־ווינטן און דאָס אייז פונם לאַנגן ווינטער.

מען קאָן זיך אַלזאָ פאָרשטעלן די טעמפעראַטור און די פיזישע באַדינגונגען, ווי זיי וואָלטן, פון אַלע מינים בוימער, זיך אויסגעקליבן, געלאָזט לעבן און זיך פארשפרייטן נאָר אַ באַ־שטימטן מין, אויסשליסנדיק מער־ווייניקער אלע איבעריקע. די פיזישע טעמפעראטור ווירקט דורך אויסטיילונגען, דורך אָפּשאַפונגען

דורך נאַטירלעכער אויסוויילונג: אָט דאָס איז דאָס גרויסע געזעץ, מיט וועלכן מען דערקלערט היינט די אַנטשטייאונג און דעם בוי פון די פאַרשידענע לעבעדיקע פאָרמען; און אָנגעווענדט ווערט עס אויפן מאָראַלישן געביט, אזוי גוט, ווי אויפן פיזישן; אין געשיכטע אזוי גוט, ווי אין באָטאניק און אין זאָאָלאָגיע; אויף טאלענטן און כאראקטערן אזוי גוט, ווי אויף חיות און געוויקסן.

11

פאקטיש איז פאראן א גייסטיקע טעמפּעראטור, וועלכע איז — דער אלגעמיינער מצב פון די זיטן און פון די געמיטער, און די ווידער ווירקט אויף דעמזעלבן אופן, ווי די פיזישע. ריכטיק גערעדט באשאפט זי נישט די קינסטלער; עס עקזיסטירן זשעניען און טאלענטן, ווי עס עקזיסטירן קערנער; דערמיט וויל איך זאָגן, אז אינם זעלבן לאנד, אין פארשידענע תקופות, איז מסתמא פאראן דיזעלבע צאָל מענטשן מיט טאלענט, און דיזעלבע צאָל מיטלמעסיקייטן. אין דער טאט, ווייסט מען פון דער סטאטיסטיק, אז אין צוויי זיך נאָכפאָלגנדיקע דורות, געפינט מען כפי־ערך דיזעלבע צאָל מענטשן, וואָס פארמאָגן די געהעריקע וווקס פאר מיליטער־פליכט, און דיזעלבע צאָל מענטשן, וואָס זענען צו קליינגעוויקסיק צו זיין סאָלדאטן. לויט אלע השערות קומט פאָר מיט די גייסטער דאָסזעלבע, וואָס מיט די קערפּערס; און די נאטור, וועלכע זייט מענטשן, שעפנדיק מיט דערזעלבער האנט, אין דערזעלבער טאָרבע, פארשפּרייט לפי־ערך דיזעלבע צאָל, דיזעלבע קוואליטעט און דיזעלבע פּראָפּאָרציע קערנער אויף די פעלדער, וועלכע זי פארזייט רעגלמעסיק און לויט דער ריי. אָבער פון די אלע זשמעניעס זאָמען, וואָס זי צעשפּרייט ארום זיך, מעסטנדיק צייט און רוים, גייען נישט אלע קערנער אויף. א באַשטימטע מאָראלישע טעמפּעראטור איז נויטיק, כדי געוויסע טאלענטן זאָלן זיך אנטוויקלען; און פעלט זי, ווערן זיי צונישט. און דערנאָך, אויב די טעמפּעראטור ענדערט זיך, וועט זיך אויך ענדערן דער טאלענטן־מין; ווערט זי א להיפּכדיקע, וועט דער טאלענטן־מין אויך ווערן א

להיפּכדיקער, און בכלל, וועט מען זיך קאָנען פֿאָרשטעלן די גייסטיקע טעמפּעראַטור, ווי זי וואָלט פֿון צווישן די פֿאַרשידענע מינים טאַלענטן, זיך אויסגעקליבן און געלאָזט זיך אַנטוויקלען בלויז דעם און דעם מין, אויסשליסנדיק מער ווייניקער אַלע איבעריקע. אַדאַנק אָט דעם מעכאַניזם, זעט איר, ווי אין געוויסע צייטן און אין געוויסע לענדער אַנטוויקלט זיך, אין די שולן, אַמאָל דער חוש פֿאַרן אידעאַלן, און אַמאָל פֿאַרן רעאַלן, אַמאָל דאָס געפֿיל פֿאַר צייכענונג, און אַמאָל פֿאַר פֿאַרב. עס איז פֿאַראַן אַ הערשנדיקע ריכטונג: דאָס איז די ריכטונג פֿונם יאָרהונדערט. פֿאַר די טאַלענטן, וואָס וואָלטן וועלן וואַקסן אין אַן אַנדער זין, איז דער אויסגאַנג געשלאָסן; דער דרוק פֿונם פֿאָלקס־גייסט און פֿון די אַרומיקע זײַטן דריקט זיי צוזאַמען, לענקט זיי אויס, און וואַרפֿט זיי אָן אַ באַשטימטן אופֿן פֿון וואַקסן.

III

דערדאָזיקער פֿאַרגלײַך קאָן אויך דינען אַלס אַלגעמיינע אָנווייזונג. לאָמיר איצט אַרײַן אין די איינצלהייטן און זען, וויאַזוי די גייסטיקע טעמפּעראַטור ווירקט אויף די קונסטווערק.

פֿון קלאָרקייט וועגן וועלן מיר נעמען אַ זייער איינפֿאַכן פֿאַל, אַ פֿאַל, אַ בכיוון פֿאַראיינפֿאַכטן, אַ גייסטיקן מצב, אין וועלכן דער טרויער איז פֿאָרהערשנד. דידאָזיקע השערה איז בײַשט קיין אויסגעטראַכטע; אַזאַ מצב האָט זיך מער ווי איינמאָל געטראָפֿן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, און כּדי אים אַרויסצורופֿן, איז גענוג אַ פֿינף־זעקס הונדערט יאָר ירידה, פֿאַרוויסטונג, פֿרעמדע אינוואַזיעס, הונגער, מגיפֿות און וואַקסנדיקע נויטן. דאָס איז געשען אין אַזיע אינעם VI־טן יאָרהונדערט פֿאַר קריסטוסן, אין אייראָפּע — פֿונעם III־טן ביזן X־טן י״ה לויט דער קריסטלעכער צײַטרעכענונג. אין אַזאַ צײַט טרעפֿט, אַז מענטשן פֿאַרלירן דעם מוט און די האָפֿענונג און קוקן אויפֿן לעבן, ווי אויף אַן אומגליק.

לאָמיר באַטראַכטן דעם פּועל יוצא פֿון אַזאַ גייסטיקן מצב און פֿון די באַדינגונגען, וואָס רופֿן אים אַרויס, אויף די קינסט־

לער פון אזא צייט. מיר נעמען אָן, אז ס׳איז דעמאָלט פאראן כפי־ערך דיזעלבע צאָל מעלאנכאָלישע, פריילעכע און האלב־פריילעכע טעמפעראמענטן, ווי אין אנדערע תקופות. וויאזוי און אין וועלכן זין וועט דער הערשנדער מצב זיי איבעראנדערשן?

קודם דארף מען באמערקן, אז די צרות, וואָס באטריבן דאָס פאָלק, באטריבן גלייכצייטיק אויך דעם קינסטלער. היות ער איז איין קאָפּ פון דער סטאדע, ליידט ער דעם גורל פון דער סטאדע. אויב, למשל, אינוואזיעס פון בארבארן, מגיפות, הונגערס, כלערליי אומגליקן האלטן זיך אין איין שיטן, אין א משך פון הונדערטער יאָרן, און פארשפרייטן זיך איבער דער גאנצער מדינה, וואָלט מען דארפן א נס און הונדערטער ניסים, אז די אלגעמיינע פארפלייצונג זאָל פארבייגיין נעבן אים און אים נישט אָנרירן. אין געגנטייל, ס׳איז ווארשיינלעך און אפילו זיכער, אז ער וועט האָבן זיין חלק אין די פאָלקס־צרות, אז ער וועט ווערן רואינירט, געשלאָגן, פארוואונדעט, אוועקגעפירט אין גע־פאנגענשאפט, ווי אלע איבעריקע; אז זיין פרוי, זיינע קינדער, זיינע עלטערן, זיינע פריינט וועלן טראָגן דעם אלגעמיינעם גורל, אז ער וועט האָבן צו ליידן און מורא צו האָבן פאר זייערן, ווי פאר זיין אייגנעם. אונטער אָט דעם באשטענדיקן רעגן פון אייגענע פיינען, וועט ער ווערן וויינקער פריילעך, אויב ער איז בטבע א פריילעכער, און מער טרויעריק, אויב ער איז בטבע אַ טרויעריקער. אָט דאָס איז דער ערשטער פועל־יוצא פון דער סביבה.

פון אַן אנדער זייט איז דער קינסטלער אויפגעוואקסן צווישן די מעלאנכאָלישע מענטשן פון זיין צייט, און דערפאר זענען די אידייען, וואָס ער האָט באקומען בעת זיין קינדהייט, און אפילו די, וואָס ער קריגט טאָג־טעגלעך, מעלאנכאָלישע. די הערשנדע רעליגיע, וואָס האָט זיך צוגעפאסט צום טרויעריקן גאנג פון די געשעענישן, רעדט אים איין, אז די ערד איז א פאר־שיקונגס־אָרט, די וועלט — אַ תפיסה, דאָס לעבן אַן אומגליק און אז אונזער גאנצער ענין איז ווערט צו זיין, — דערפון פטור צו ווערן. די פילאָזאָפיע, ווידער, אויפבויענדיק איר מאָראל, לויטן קלאָגעדיקן בילד פון דער מענטשלעכער ירידה, באווייזט אים, אז עס וואָלט א סך בעסער זיין גאָרנישט געבוירן צו ווערן. דאָס טאָג־טעגלעכע געשפרעך דערציילט אים בלויז וועגן טרויע־

ריקע געשעענישן: אינוואזיע פון א פראווינץ, צעשטערונג פון א דענקמאָל, אונטערדריקונג פון שוואכע, בירגער-קריג פון שטארקע. די טעגלעכע באָאָבאכטונגען ווייזן אים נאָר בילדלעך פון אנטמוטיקונג און פון טרויער; פון בעטלער און הונגעריקע, א צעבראָכענע בריק, וועלכע מען פארריכט שוין נישט, א פאר־וואָרלאָזטע פאָרשטאָט, וואָס פאלט איין, פעלדער נישט פאר־אקערטע, שווארצע ווענט פון אָפגעברענט הויז. די אלע איינדריקן דרינגען אין אים אריין פונם ערשטן יאָר אָן פון זיין לעבן ביזן לעצטן און פארשטארקן אָן אויפהער די מרה־שחורה, וואָס זיינע אייגענע צרות ברענגען אים.

וואָס מער גרינדלעכער קינסטלער ער איז אלץ מער פאר־שטארקן די איינדרוקן זיין מרה־שחורה. ווייל דאָס וואָס אים מאכט פאר א קינסטלער, דאָס איז די געוווינהייט ארויסצו־ברענגען פון א זאך איר עצם־כאראקטער און אירע וויכטיקסטע שטריכן; די אנדערע מענטשן זעען נאָר טיילן, ער אָבער איז תופס דאָס גאנצע און אויך דעם זינען פון דער זאך. און היות, אין דעם געגעבענעם פאל, איז דער עצם־כאראקטער — טרויער: זעט ער טרויער אין אלצדינג. נאָכמער, אדאנק דעם איבערפלוס פון פאנטאזיע און דער נייגונג צו איבערטרייבונג, וואָס ער פארמאָגט בטבע, פארגרעסערט ער דעם טרויער איבער אלע גרענעצן, ער זאפט אים אין זיך אריין און אלע זיינע ווערק זענען מיט אים אָנגעזאפט, אזוי, אז געוויינלעך זעט ער און מאָלט אלצדינג נאָך מיט פיל שווארצערע פארבן, ווי די מענטשן פון זיין צייט.

מען דארף אויך צוגעבן, אז אין דער הינזיכט באקומט ער פון זיי א געוויסע מיטהילף. ווייל איר ווייסט דאָך, אז א מענטש, וואָס מאָלט, אָדער שרייבט, בלייבט נישט אליין פנים אל פנים מיט זיין טינטער, אָדער מיט זיין בילד. להיפך, ער גייט שפאצירן, שמועסט, קוקט, קריגט אָנווייזונגען פון זיינע פריינט, פון זיינע געגנער, זוכט אָנרעגונגען אין די ביכער און אין די קונסטווערק פון דער ארומיקער סביבה. אָן אידייע איז ענלעך צו א זאָמען; אויב צו שפראָצן, צו אנטוויקלען זיך און צו בליען איז דעם זאָמען נויטיק א יניקה, וועלכע ווערט אים געבראכט דורך וואסער, לופט, זון און באָדן, איז נויטיק דער

אידייע פאר איר פאָלקומענהייט, און כדי צו געפינען איר פאָרם, דערגאַנצונגען און מעגלעכקייטן זיך פאנאנדערצוּוואקסן, וועלכע זי קריגט פון די גייסטער פון דער ארומיקער סביבה. אָבער אין אזעלכע צייטן פון טרויער, וואָס פאר א אָנרעגונגען קאָנען אים די ארומיקע גייסטער פארשאפן? אָנרעגונגען טרויעריקע, ווייל נאָר אויף דעם געביט האָבן זיי געארבעט, די מענטשן. אַזוי ווי זייער גאנצע דערפארונג באשטייט פון עמפינדונגען אָדער געפילן, פיינלעכע, האָבן זיי געקאָנט באמערקן ניואנסן און מאכן אנטדעקונגען נאָר אויפן געביט פון ליידן; באאָבאכטנדיק, באאָבאכטעט מען אלעמאָל ס׳אייגענע הארץ, און אויב ס׳איז אָנגעפילט נאָר מיט פיין, קאָן מען דערין שטודירן בלויז פיין. זיי זענען אלזאָ גאנצע לומדים אין הלכת צער, יסורים, יאוש, שפלות און טאקע דערין בלויז. אויב דער קינסטלער בעט ביי זיי עפעס א באלערונג, וועלן זיי אים געבן נאָר אָט אזעלכע; ביי זיי זוכן א געדאנק אָדער אן אויסקונפט איבער די פארשידענע מינים און אופנים פון אויסדריקן פרייד, וואָלט געווען אן עבירה די מי; זיי קאָנען געבן נאָר דאס, וואָס זיי האָבן. און דערפאר, אויב ער וועט ארבעטן פאָרצושטעלן גליק, פרייד, אָדער פריילעכקייט וועט ער זיין פאראיינזאמט, אויסגעטון פון יעטוועדער הילף, איבערגעלאָזט אויף זיינע אייגענע כוחות, און די יכולת פון א פאראיינזאמטן מענטשן איז אלעמאָל א קליינע; דערפאר וועט אויך זיין ווערק זיין אַ מיטלמעסיקס. אין געגנטייל, וועט ער אָבער וועלן שילדערן די געפילן פון מרה-שחורה, וועט ער האָבן די מיטהילף פון זיין גאנצן יאָרהונדערט, ער וועט געפינען מאטעריאלן, צוגעגרייטע, דורך פריערדיקע שולן, א גרייט-געשאפענע קונסט, פאָרטלען באקאנטע, א וועג אן אויסגעטראָטענעם. א קירכלעכע צערעמאָניע, אן אויסשטאטונג, א געשפרעך, וועלן אים סוגערירן די פאָרם, די פארב, דעם זאץ אָדער דעם העלד וועלכער האָט אים נאָך געפעלט, און דאָס ווערק זיינס, ביי וועלכן ס׳וועלן האָבן מיטגעארבעט שטילערהייט מיליאָנען אומבאקאנטע מיטארבעטער, וועט זיין אויף אזוי פיל שענער, אויף וויפל חוץ דער ארבעט און דעם זשעני פונם קינסטלער, וועט עס אין זיך אנטהאלטן דעם זשעני און די ארבעט פונם פאָלק וואָס איז ארום אים און פון די דורות, וואָס זענען געווען פאר אים.

עס איז פאראן נאָך א סיבה, די שטארקסטע פון אלע, וועלכע שטויסט אים צו טרויעריקע טעמען: אויב דאָס ווערק זיינס ווערט אויסגעשטעלט פאר די אויגן פון פובליקום, וועט עס אויפגענומען ווערן ווי געהעריק נאָר דעמאָלט, ווען ס׳וועט ברענגען צום אויסדרוק מרה־שחורה. ווייל פאקטיש קאָנען מענטשן פארשטיין נאָר אזעלכע געפילן, וואָס זענען ענלעך צו די, וואָס זיי גופא האָבן איבערגעלעבט. ווי גוט אנדערע געפילן זאָלן נישט אויסגעדריקט ווערן, האָבן זיי אויף זיי קיין שום שליטה נישט: די אויגן קוקן, דאָס הארץ אָבער פילט נישט און באלד טאקע קערן זיך די אויגן אָפּ. שטעלט זיך פאָר א מענטשן, וואָס האָט פארלוירן זיין פארמעגן, זיין פאָטערלאנד, זיינע קינדער, זיין געזונט, זיין פרייהייט און איז אָפּגעזעסן צוואנציק יאָר אין א תפיסה א געשמידעטער אין קייטן, ווי פעליקאָ אָדער אַנדריאנאָ, א מענטש, וועמענס כאראקטער ס׳האָט זיך ביסלעכווייז פארענדערט און צעבראָכן, וואָס איז געוואָרן מרה־שחורהדיק און מיסטיש און וואָס זיין אומעט איז אומהיילבאר: אזא מענטש וועט פילן אן עקל צו טאנץ־מוזיק; ער וועט נישט גערן לייענען ראבלען; אויב איר שטעלט אים אַוועק פאַר די פריילעכע און ברוטאַלע קערפּערס פון רובענסן, וועט ער זיך פון זיי אָפּקערן; ער וועט גערן זען די בילדער פון רעמבראַנדטן; ער וועט ליב האָבן נאָר די מעלאָדיען פון שאָפּענען, וועט וועלן הערן נאָר די געדיכטן פון לאַמאַרטינען, אָדער פון היינען. דאָסזעלבע קומט פאָר מיטן פובליקום; זיין געשמאַק איז אָפּהענגיק פון זיין מצב; זיין טרויעריקייט גיט אים דעם חוש פאַר טרויעריקע ווערק. ס׳וועט אַלזאָ אָפּוואַרפן אַלע ווערק, וואָס זענען פריילעכע, און וועט טאַדלען אָדער פאַרנאַכלעסיקן דעם קינסטלער. ווייסט איר דאָך אָבער, אַז אַ קינסטלער קאָמפּאנירט, כדי אָפּגעשאַצט און געלויבט צו ווערן; דאָס איז אַ ליידנשאַפט, וועלכע באַהערשט אים. אָט האָט איר אַלזאָ, חוץ אַזויפיל אַנדערע סבות, אויך זיינע אַ דאָמינירנדע ליידנשאַפט, וועלכע צוזאַמען מיט דער צפּנטלעכער מיינונג, נויגט אים, און טרייבט אים, און פירט אים צוריק אָנאויפהערלעך צו די אויסדריקן פון מרה־שחורה, און פאַרשטעלט אים אַלע וועגן, וואָס וואָלטן אים געפירט צום מאָלן זאָרגלאָזיקייט און גליק.

צוליב דערדאָזיקער סעריע פאַרצוימונגען וואָלט געווען געשלאָסן יעדער מעגלעכער דורכגאַנג פאַר קונסטווערק, וואָס וואָלטן וועלן שילדערן פרייד. אויב דער קינסטלער וועט אַרײַנבערטרעטן דעם ערשטן צוים, וועט ער פאַרהאַלטן ווערן דורכן צווייטן, און אַזוי ווייטער. אויב ס'וועלן זיך טרעפן פריילעכע נאַטורן, וועלן זיי טרויעריק ווערן דורך זייערע פערזענלעכע אומגליקן. די דערציאונג און די לויפנדע געשפרעכן וועלן זיי אָנפילן מיט טרויעריקע געדאַנקען: די באַזונדערע און העכערע אייגנשאַפט זייערע, מיט וועלכער זיי טיילן אויס און פאַרגרעסערן דעם וויכטיקסטן כאַראַקטער־שטריך פון אַ זאַך, וועט פון יעטוועדער זאַך אַרויסשיילן בלויז די שטריכן פון טרויער. די דערפאַרונג און די אַרבעט פון אַנדערע וועט זיי באַזאָרגן מיט סוגעסטיעס און מיטווירקונגען, אויסשליסלעך אין טעמען פון טרויער. און חוץ אַלעם, וועט זיי דער דעצידירנדער און רוישענדער ווילן פון דער עפנטלעכקייט דערלויבן צו באַהאַנדלען נאָר טרויער־טעמען. אַלס פועל־יוצא , וועט דער מין קינסטלער און קונסטווערק, וואָס זייער אייגנס איז צו שילדערן הומאָר און פרייד, פאַרשווינדן אָדער רעדוצירט ווערן כמעט ביז אַ גאָרנישט.

איצט באַטראַכט אַ פאַרקערטן פאַל, דעם פאַל פון אַ צייט, אין וועלכער דער אַלגעמיינער מצב פון די געמיטער איז — פרייד. דאָס טרעפט אין די תקופות פון רענעסאַנס, ווען די זיכערקייט, די עשירות, די באַפעלקערונג, דער ווױלשטאַנד, די הצלחה, די שיינע און נוצלעכע דערפינדונגען האַלטן אין איין וואַקסן. איבערדרייענדיק די טערמינען, קאָן דער גאַנצער אַנאַליז, וואָס מיר האָבן אָקאָרשט געמאַכט, וואָרט ביי וואָרט דאָ אָנגעווענדט ווערן, און דערזעלבער געדאַנקענגאַנג באַווייזט, אַז אַלע קונסטווערק וועלן, אין דעם פאַל, ברענגען צום אויסדרוק מיט מער־ווייניקער בולטקייט, ד י פ ר יי ד.

און אַצינד ווידער, באַטראַכט אַ מיטלפאַל: דאָס הייסט דעם געמיש פון אַזאַ און אַזאַ מין פרייד און טרויער, וואָס איז אייגנטלעך דער דורכשניטלעכער מצב. איבעראַנדערשנדיק ווי געהעריק די טערמינען, קאָן דער גאַנצער אַנאַליז אָנגעווענדט ווערן מיט דערזעלבער גענויקייט; דערזעלבער געדאַנקענגאַנג

שטעלט פעסט, אַז די קונסטווערק ווערן, אין אַזאַ פאַל, אויס־דריקן אַן אַנטשפּרעכנדן געמיש פונם געהעריקן מין פרייד און טרויער.

לאָמיר אַלזאָ דערפון שליסן, אַז אין יעטוועדן פאַל, צי דאָס איז אַ קאָמפּליצירטער, צי דאָס איז אַ געוויינלעכער, באַשטימט די סביבה, דאָס הייסט — ד ע ר א ל ג ע ־ מ יי נ ע ר מ צ ב פ ו ן ז י ט ן א ו ן ג יי ס ט — דעם כאַראַקטער פון די קונסטווערק, אַז זי פאַרטראָגט בלויז די, וואָס זענען צו איר צוגעפּאַסט, און שליסט אויס אַלע אַנ־דערע מינים, דורך אַ גאַנצער ריי שטערונגען און אָנגריפן, וועלכע זי באַנייט אויף יעטוועדער טריט פון זייער אַנטוויקלונג.

IV

איצט לאָמיר אַוועקלאָזן די השערות, וואָס מיר האָבן פון קלאָרקייט וועגן געמאַכט, און לאָמיר צוטרעטן צו רעאַלע פאַקטן. דורכקוקנדיק די סעריע פון די וויכטיקסטע תקופות פון דער געשיכטע, וועט איר געפינען די באַשטעטיקונג פון דעמדאָזיקן געזעץ. איך וועל פון זיי אויסקלייבן נאָר פיר, די פיר גרויסע מאָמענטן פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע: דאָס אַלטערטום, דאָס גריכיש־רוימישע; דעם מיטלאַלטער, דעם פעאָדאַל־קריסט־לעכן; די אַדעליקע און רעגלמעסיקע מאָנאַרכיעס פונם 17־טן יאָרהונדערט, און די אינדוסטריעלע דעמאָקראַטיע מיט איר וויסנ־שאַפטלעכן יסוד, אין וועלכער מיר לעבן אין דער היינטיקער צייט. יעדע פון די אַלע תקופות האָט זיך איר קונסט, אָדער דעם זשאַנר קונסט וואָס איז איר אייגנטימלעך: סקולפּטור, אַרכי־טעקטור, טעאַטער, מוזיק; לפּחות האָט יעדע תקופה אירן אַ באַזונדערן מין פאַר יעטוועדער פון די פיר גרויסע קונסטן. אַלנפאַלס איז עס אַ גאַנץ פאַרשיידענע פלאַנצן־וועלט, אַ מאָדנע שפּעדיקע און גאַנצע, וואָס אין אירע הויפּט־שטריכן שפּיגלט זי־אָפּ די הויפּט־שטריכן פון איר תקופה און פון איר נאַציע. לאָ־מיר, לויט דער ריי, באַטראַכטן די פאַרשיידענע באָדנס, און מיר וועלן זען, ווי ס׳ווערן דאָרט געבוירן, לויט דער ריי, פאַר־שיידענע בלומען.

V

מיט אַן ערך דריי טויזנט יאָר צוריק, האָט זיך אויף די ברעגעס און אויף די אינזלען פון עגעאישן ים, באַוויזן אַ שיינע און קלוגע ראַסע, וואָס האָט פאַרשטאַנען דאָס לעבן אויף אַ גאָר נייעם אופן. זי האָט זיך נישט געלאָזט פאַרשלינגען דורך גרויסע, רעליגיעזע קאָנצעפּציעס, ווי די הינדוסן און די עגיפּטער, דורך גרויסע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס, ווי די אַסיריער און די פּערסיער, און דורך אַ גרויסן טריב פון אינדוסטריע און האַנדל, ווי די פעניציער און קארטאגער. אָנשטאָט אַ פּריסטער-הערשאַפט מיט אַ היעראַרכיע פון קאַסטעס, אָנשטאָט אַ מאָנאַרכיע מיט אַ היעראַרכיע פון באַאַמטע, אָנשטאָט דער איינפירונג פון אַ גרויסן האַנדלס-פאַרקער, האָבן די מענטשן פון דערדאָזיקער ראַסע פאַר־מאָגט אַן אייגענע דערפינדונג: ד י ש ט אָ ט*),—און יעדע שטאָט האָט זיך געשאַפן נייע שטעט, און יעדער שפּראָצלינג, ווען ער האָט זיך אָפּגעטיילט פונם שטאַם, האָט אַרויסגעגעבן נייע שפּראָצ־לינגען. איינע פון דידאָזיקע שטעט, מ י ל ע ט, האָט אויפגעבויט דריי הונדערט אַנדערע און קאָלאָניזירט דעם גאַנצן ברעג פונם שוואַרצן ים. די איבריקע שטעט האָבן דאָסזעלבע געטאָן, און פון צירענע ביז מאַרסעיל, לענג-אויס די בוכטעס און די פאָר־געבערג פון שפּאַניע, איטאַליע, גריכנלאַנד, קליין-אַזיע און אפריקע, האָבן זיי געפלאָכטן אַ קרוין פון בליענדיקע שטעט, אַרום דעם מיטללענדישן ים.

וויאַזוי פלעגט מען לעבן אין דערדאָזיקער שטאָט?**) אַ

---

*) Cité פון לאַטיין, ציוויטאס: שטאָט. אין אַלטערטום איז יעדע שטאָט געווען אַן אמתער קליין-שטאַאַט, וואָס האָט געהאַט זיינע באַזונדערע אינטערעסן און אַ באַזונדערע געזעצגעבונג, טיילמאָל אַ גאַנץ אַנדערע, ווי די אַנדערע שטעט פונם זעלבן לאַנד. די צ י ו י ט א ס דערמאָנט מיט איר פאָרם די פרייע איטאַליענישע רעפּובליקן פון מיטלאַלטער, און די פריישטאָט פון הייַנטיקער צייט. (באַמערק. פון איבערזעצ.)

**) זע, גראָטע, היסטאָרי אָף גריס II, 337 — באָעק, פּאָליטישע עקאָנאָמיע פון די אַטהענער. I, 61. — וואַלאָן, איבער דער שקלאַפעריי אין אַלטערטום. (היפּ. טען.)

בירגער האָט דאָרט מיט זיינע אייגענע הענט וויניק געאַרבעט; מיט פּראָוויאַנט האָבן אים באַזאָרגט געוויינלעך, אונטערוואָרפענע און מס־פּליכטיקע, און באַדינט האָבן אים אַלעמאָל שקלאַפן. דער אָרעמסטער, אפילו, האָט איינעם געהאַט, צו פירן די באַלע־באַטישקייט. אין אַטהען האָט אויסגעמאַכט פיר שקלאַפן אויף איין בירגער. און אַזעלכע געוויינלעכע שטעט, ווי אייגינא און קאָרינט האָבן פאַרמאָגט פון פיר ביז פינף הונדערט טויזנט שקלאַפן; אַזויערנאָך זענען משרתים געווען איבערגענוג. איבעריקנס האָט זיך דער בירגער גאָר אַזוי שטאַרק נישט געגויטיקט אין קיין באַדינונג. ער איז געווען מעסיק ווי די מענטשן פון אַלע פיינע ראַסעס פון די דרום־לענדער, פלעגט אָפּלעבן מיט דריי מאַסלינעס, אַ הייפּטל קנאָבל און אַ קעפּל פון אַ סאַרדינקע*); זיין קליידונג איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר סאַנדאַלן, אַ האַלב העמד און אַ גראָבן מאַנטל, אַזעלכן, ווי די פּאַסטוכער טראָגן. זיין הויז איז באַשטאַנען פון אַ גאַנץ שמאָלן בנין, אַ שלעכט געמויערטן און אַ שוואַכן. גנבים פלעגן זיך דערין אַריינבאַקומען, איינברעכנדיק די וואַנט. מען פלעגט דערין שלאָפן, דערויף האָט עס הויפּטזאַכלעך געגוצט. אַ בעט, אַ צוויי, דריי שיינע קריגן איז געווען דאָס וויכטיקסטע מעבל. דער בירגער האָט קיין באַדערפעניש נישט געהאַט, און האָט פאַרבראַכט דעם טאָג אונטערן פרייען הימל.

און ווי פלעגט ער פאַרברענגען זיין פרייע צייט? היות ער האָט נישט געהאַט צו דינען נישט קיין קעניג, נישט קיין גלח, איז ער, בנוגע זיין חלק אין דער שטאָט געווען פריי און הערשנד. אים האָט געדינט דאָס רעכט צו וויילן ריכטער און גלחים; ער האָט אויך געקאָנט אַליין געוויילט ווערן אויפן פריי־סטער־אַמט אָדער אויף די אַנדערע אַמטן. האָט ער אפילו גע־מעגט זיין אַ גאַרבער צי אַ שמיד, אים האָט געדינט דאָס רעכט צו משפּטן, אין די טריבונאַלן, די גרעסטע פּאָלי־

---

*) ז. אַריסטאָפאַנעס — די פרעש. — לוציאַן — דער האָן.

(היפּ. טען)

טישע פראָצעסן, צו דעצידירן, אויף די פאַרזאַמלונגען, וועגן די גרעסטע מלוכה־ענינים. בכלל איז די עובדא פונם בירגער גע־וועג זיך צו פאַרנעמען מיט פאָלקס־עסקים און מיט מלחמה־פראַגן. אים איז געלעגן צו זיין אַ פאָליטיקער און אַ סאָלדאַט. אויף אַלעם איבעריקן קוקט ער, ווי אויף זאַכן פון אַ קליינער וויכטיקייט. לויט אים, דאַרף די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון אַ פרייען מענטשן אָנגעווענדט ווערן אויף אָט די צוויי אַמטן. און ער האָט געהאַט רעכט: ווייל אין יענער צייט איז דאָס מענטש־לעכע לעבן נישט אַזוי גוט געשיצט געווען ווי אין אונזערער, און די מענטשלעכע געזעלשאַפטן האָבן נישט געהאַט די פעסט־קייט, וואָס זיי האָבן דערוואָרבן ביי אונז. ס׳רוב פון די אַלטע שטעט זענען געלעגן צעשפּרייט אויף די ברעגן פונם מיטללענ־דישן ים, און געווען אַרומגערינגלט פון באַרבאַרן, וואָס וואָלטן זיי געגרן צעראַבי ט, דער בירגער איז געווען געצוווּנגען צו זיין תמיד אונטערן געווער, ווי היינט — דער אייראָפּעער אין ניי־זעלאַנד, אָדער אין יאַפּאַן — ווייל אויב נישט, וואָלטן גאַ־ליער, ליביער, סאַמניטן און ביטהיניער באַלד געזעסן אויף די חורבות פון דער דורכגעבראָכענער שטאָטישער מויער, און פון די אויף אַש פאַרברענטע טעמפּלען. אויסער דעם זענען די שטעט גופא געווען פיינטלעך געשטימט איינע צו אַנדער, און דאָס קריגס־רעכט איז שווידערלעך; ס׳רוב איז יעדע באַזיגטע שטאָט — אַ חרובע שטאָט. היינט אַ רייכער און אָנגעזעענער בירגער, קאָן אים מאָרגן אויסקומען צו זען זיין הויז פאַרברענט, זיין האָב און גוטס — פאַגראָמירט, זיין פרוי און טאָכטער — פאַרקויפטע אין שאַנד־הייזער אַריין, און זיך אַליין מיט זיינע זין — געגומענע אַלס שקלאַפן, באַגראָבענע ערגעץ־ווו, אין די מינעס, אָדער געצוווּנגענע צו דרייען אַ מילשטיין אונטער די שמיץ פון אַ בייטש. ווען די סכנות זענען אַזעלכע גרויסע, איז עס גאַנץ נאַטירלעך זיך צו פאַרנעמען מיט מלוכה־ענינים, און צו וויסן, ווי אַזוי מען שלאָגט זיך; מ׳איז דעמאָלט אַ פאָליטי־קער אונטער דער מורא פאַר טויט־שטראָף. — מ׳איז עס אויך אויס אַמביציע, אויס ליבע צו רום. אַ־יעדער שטאָט ליגט עס דערין, אונטערצוויאָכן אָדער צו דערנידעריקן די איבעריקע, צו דערווערבן וואסאלן, גובר צו זיין און צו עקספּלואַטירן אַ

צווייטן*). דער בירגער פאַרברענגט זיין לעבן אויפן פּאָלקס־פּלאַץ, פירנדיק ופּוחים ווענן די בעסטע מיטלען צו קאָנסערווירן און צו פאַרגרעסערן זיין שטאָט, ווענן שליסן אַ בונד אָדער אַן אָפּ־מאַך, ווענן דער קאָנסטיטוציע און די געזעצן; ער הערט די רעדנער; ער אַליין רעדט, ביז ס'קומט אָן דער מאָמענט, און ער גייט אַרויף אויף זיין שיף, אום צו קעמפן אין טהראַציען אָדער עגיפּטן קעגן די גריכן, קעגן די באַרבאַרן אָדער קעגן דעם גרויסן קעניג.

כּדי דעמדאָזיקן ציל צו דערגרייכן, האָבן זיי דערפונדן אַ באַזונדערע דיסציפּלין. היות אין יענער צייט איז נישט געווען קיין אינדוסטריע, האָט מען אויך פון קיין קריגס־מאַשינען נישט געוווסט; מען פלעגט זיך שלאָגן מאַן געגן מאַן. דעריבער, כּדי מנצח צו זיין אין קריג, איז דער עיקר געווען, נישט צו מאַכן פון די סאָלדאַטן אָנגעדרייטע מאַשינען, ווי היינט, נאָר צו אַנטוויקלען ביי יעדן סאָלדאַט דעם קערפּער אַזוי, אַז ער זאָל זיין וואָס מער ווידערשטאַנד־פעאיק, שטאַרק און פלינק; קורץ, צו מאַכן דעם סאָלדאַט פאַר אַ גלאַדיאַטאָר פונם בעסטן טיפּ, און פאַר פעאיק צו דויערן, וואָס לענגער. צו דעם צוועק, האָט ספּאַרטאַ, וועלכע האָט אין 18־טן יאָרהונדערט פ. ק. געגעבן גאַנץ גריכנלאַנד דעם ביישפּיל און דעם שטויס, פאַר־מאָגט אַ רעזשים אַ זייער קאָמפּליצירטן, און אַ זייער ווירקזאַמען. זי גופא איז געווען אַ קריגס־פעלד אָן מויערן, וואָס איז געלעגן, ווי אונזערע סטאַציעס אין קאַבּיליע, צווישן באַזיגטע און שונאים, מיליטעריש באַוואָפנט און פולקאָם גרייט צו דער פאַרטיידיקונג און צום קאַמף. קודם־כּל, אום צו האָבן פאָלקאָמע קערפּערס, איז וויכטיק געווען צו פאַבּריצירן שיינע ראַסעס; געמאַכט האָט מען דאָס, ווי אין די שטוטערייען **). שלעכט געבויטע קינדער פלעגט מען דערהרגענען. נאָך מער, דאָס

*) טהוצידידעס, בוך ן. זעט די פאַרשיידענע עקספּעדיציעס פון די אַטהענער אין דער צווישנצייט פונם שלום פון ציליאַ און פונם פעלאָפּאָנעז. (היפּ. טען.)

**) שטוטעריי, פערד־צוכט־אַנשטאַלט, וואָס האָט אַלס אויפגאַבּע צו פאַרבעסערן דאָס מין. (באַמערק. פונם איבערזעצער)

געזעץ פלעגט פעסטשטעלן דעם עלטער פון חתונה האָבן און די בעסטע אומשטענדן פאַר אַ גינסטיקער באַפרוכפּערונג. אויב אַן אַלטער מאַן האָט געהאַט אַ יונגע פרוי, איז ער מחויב געווען איר צו פאַרשאַפן אַ יונגענמאַן, כדי זי זאָל געבוירן געזונטע קינדער. אויב אַ מיטליעריקער מענטש האָט געהאַט אַ פריינט וועמענס כאַראַקטער און שיינקייט ער פלעגט באַוווּנדערן, האָט ער געמעגט אַוועקבאָרגן די פרוי זיינע *). נאָכן פאַבריצירן די ראַסע, האָט מען זיך גענומען פאַרמירן דעם יחיד. די יונגעלייט פלעגט מען אַריינציען אין רעגימענטן, זיי איבן, און צוגעוווינען זיי צו לעבן געמיינשאַפטלעך, ווי סאָלדאַטן־קינדער. זיי זענען געווען געטיילט אין צוויי געגנערישע באַנדעס, וואָס האָבן זיך געדאַרפט היטן איינע די אַנדערע, און זיך שלאָגן מיט די פיס און מיט די פויסטן. שלאָפן פלעגן זיי אונטערן פרייען הימל, און זיך באָדן אין די קאַלטע וואַסערן פונם טייך אייראָטאס. זיי פלעגן גיין צוזאַמען אויף לייכטע גנבהלעך, עסן ווייניק, גיך און שלעכט, שלאָפן אויף בעטן פון טראָשטשינעס, טרינקען נאָר וואַסער, און איבערטראָגן די שלעכטסטע וועטערן. אויך יונגע מיידלעך פלעגן זיך איבן. דערוואַקסענע מענטשן אפילו, זענען אויך געווען אונטערגעוואָרפן אַ כמעט ענלעכן לעבנס־שטייגער. אַוודאי איז, אין די איבעריקע שטעט, די שטרענגקייט פון דער אַלטערטימלעכער דיסציפלין נעווען אַ מילדערע אָדער אַ קלענערע, פונדעסטוועגן האָט מען, ביי געוויסע דערלייכטערונגען, געשטרעבט, מיט אַן ענלעכן וועג, צום זעלבן ציל. די יונגעלייט האָבן פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פונם טאָג אויף די איבונגס־פלעצער, אין ראַנגלען זיך, אין שפרינגען, באָקסן, לויפן, וואַרפן דעם דיסקוס, און אין קרעפטיקן זיך און אין נאָכגיביק מאַכן די נאַקעטע מוסקלען. ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין שאַפן זיך דעם שטאַרקסטן, דעם מונטערסטן און דעם שענסטן קערפער, וואָס מעגלעך, און דאָס האָט זיך קיין שום אַנדערן דערציאונגס־סיסטעם נישט בעסער איינגעגעבן, ווי אָט דעם לעצטן.**)

**) קסענאפאָן, די רעפובליק פון די לאצעדעמאָניער (היפ. טעז.)

**) דיאַלאָגן פון פלאטאָנען — אריסטאָפאַנעס, וואָלקנס. (זיפ. טען.)

פון אַזעלכע אייגנטימלעכע זיטן זענען ביי די גריכן געבוירן געוואָרן אייגנטימלעכע אידייען. דעם אידעאַלן מענטשן־טיפּ האָבן זיי זיך נישט פאָרגעשטעלט אַלס דענקנדן גייסט, אָדער אַלס פיינפילנדע נשמה, נאָר אַלס נאַקעטן קערפּער פון אַ גוטער ראַסע און פון אַ שיינעם וווקס, וווילגעפאָרמט, טעטיק, אַ מושלם אין כלערליי קערפּערלעכע איבונגען. דערדאָזיקער אופן פון דענקען ווייזט זיך אַרויס אין אַ מאַסע שטריכן. —

קודם־כל, בעת די קאַריער, די לידיער און בכלל אַלע פרעמדע שכנים זייערע פון די אַרומיקע לענדער, האָבן געשעמט זיך צו ווייזן נאַקעטערהייט, האָבן די גריכן, אָן שוועריקייטן, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס מלבוש ביים ראַנגלען זיך אָדער ביים לויפן. אין ספּאַרטא פלעגן אַפילו די מיידלעך גופא זיך איבן כמעט נאַקעטע. אָט דאָ זעט איר, אַז דער מנהג פון גימנאַסטישע איבונגען האָט אָפּגעשאַפט אָדער פאַרענדערט דעם באַגריף פון בושה. פון אַן אַנדער זייט זענען זייערע גרויסע נאַציאָנאַלע יומים־טובים, די אָלימפּישע, פּיטישע און נעמעאישע שפּילן געווען אַ מין אויסשטעלונג און טריאומף פונם נאַקעטן קערפּער. יונגעלייט פון די אָנגעזעענסטע משפחות פלעגן זיך צונויפקומען פון אַלע עקן גריכנלאַנד און פון די ווייטסטע גריכישע קאָלאָניעס; זיי פלעגן זיך לאַנג צוגרייטן צו די שפּילן דורך אַ באַזונדערן רעזשים און דורך פלייסיקער אַרבעט; און דאָרט, פאַר די אויגן און אונטער די אַפּלאָדיסמענטן פון דער גאַנצער נאַציע, פלעגן זיי נאַקעטערהייט ראַנגלען זיך, באָקסן, שליידערן דעם דיסקוס, לויפן צופוס אָדער מיטן רייטוואָגן. אָט די נצחונות, וועלכע מיר לאָזן היינט פאַר די הערקולעסעס פונם יאָרמאַרק, זענען דעמאָלט באַטראַכט געוואָרן פאַר די העכסטע פון אַלע. אויב אַן אַטלעט האָט גובר געווען אינעם פוס־לויף־געוועט, האָט מען אָנגערופן די אָלימפּיאַדע אויף זיין נאָמען; די גרעסטע דיכטער פלעגן אים באַזינגען; דער גלענצנדסטער לירישער פונם אַלטערטום, פּינדאַר, האָט באַזונגען אויסשליסלעך וועט־געלויפן און רייטוועגן. ווען אַן אַטלעט, אַ זיגער, איז אַהיימגעקומען אין זיין שטאָט אַריין, האָט מען אים מקבל־פּנים געווען מיט טריאומף, און זיין כוח און פלינקייט זענען געוואָרן אַ כבוד פאַר דער שטאָט. איינער פון זיי, מילאָן פון קראָטאָן, וואָס איז אינעם גע־

ראנגל געווען אומבאַזיגבאַר, איז אויסגעוויילט געוואָרן פֿאַר אַ גענעראַל און האָט געפֿירט זיינע לאַנדסלייט צום קאמף אין אַ לייבן־פעל, מיט אַ דובינע אין דער האַנט, ווי הערקולעס, צו וועלכן מ'האָט אים פֿאַרגליכן. מען דערציילט, אַז די צוויי זין פֿון אַ געוויסן דיאַגאָראַס, וואָס זענען ביידע אינם זעלבן טאָג געקרוינט געוואָרן, האָבן געטראָגן זייער פֿאָטער אין טריאומף, פאר די אויגן פֿון דער גאנצער פארזאמלונג. דאָס פֿאָלק, איינגעפינענדיק, אַז אַזא גליק איז צו גרויס פאר אַ בשר־ודם, האָט אים נאָכגעשריגן: „שטארב, דיאַגאָראַס, ווייל קיין גאָט קאָנסטו במילא נישט ווערן!” דיאגאָראַס האָט זיך געפֿילט ממש דערשטיקט דורך דער שטארקער עמאָציע און איז אויף אַן אמת געשטאָרבן אין די אָרעמס פֿון זיינע קינדער. דער פאקט, אז זיינע זין פֿאַרמאָגן די שטארקסטע פויסטן און די פלינקסטע פיס פֿון גאנץ גריכנלאנד, האָט ביי אים, ווי ביי אַלע גריכן, אויסגעזען צו זיין די העכסטע מדרגה פֿון ערדישן גליק. צי דאָס איז אַן אמת, צי אַ לעגענדע, דאָס באווייזט אָבער, ווי ווייט איבערגעטריבן ס'איז דאָרט געווען די באוואונדערונג פֿון קערפּערלעכער פֿאָלקאָמענהייט.

דערפאר האָט מען נישט מורא געהאט אויסצושטעלן דעם קערפּער פֿאַר די געטער בעת די פייערלעכע ימים־טובים. ס'האָט עקזיסטירט אַ לערע פֿון שטעלונגען און באוועגונגען, גערופֿן די „אָ ר ק ע ס ט ר י ק”, וואָס האָט רעגולירט און געלערנט די שענסטע פּאָזעס פֿון די הייליקע טענץ. נאָך דער שלאכט פֿון סאַלאַמיס, האָט זיך דער טראַגעדיע־דיכטער סאָפאקלעס, דעמאָלט פופצן יאָר אַלט, און בארימט מיט זיין שיינקייט, זיך אויסגעטאָן נאקעט, כדי צו זינגען און טאנצן דעם פּעאַן פֿאַרן טראָפּיי. הונדערט פופציק יאָר שפּעטער האָט אַלעקסאנדער, דורכגייענדיק קליין־אַזיע אום צו באקעמפֿן דאריאוסן, זיך אויסגעטאָן מיט זיינע וואפן־חברים נאקעט, כדי צו באַהערן מיט וועט־געלויף דעם קבר פֿון אכילעסן. מ'איז נאָך ווייטער געגאנגען: מ'האָט באַטראַכט די קערפּערלעכע פֿאָלקאָמענהייט אַלס אַ כאַראַקטער־שטריך פֿון דער גאָטהייט. אין אַ שטאָט פֿון סיציליען איז איינער אַן אויסערגעוויינלעך שיינער יונגערמאַן פֿאַרגעטערט געוואָרן צוליב זיין שיינקייט און נאָכן טויט, האָט מען אים אויפגעשטעלט

דעקט אים באמת צו, די לעבעדיקע פאָרם, וועלכע איז זיין מזבחות *). אין די ווערק פון האָמערן, וואָס מען האַלט פאַר דער ביבל פון די גריכן, ווערט איר אומעטום באַגעגענען, אַז די געטער האָבן אַ מענטשלעכן קערפּער, אַ לייב, וואָס שפּיזן קאָ־צען צערייסן, העל־רויט בלוט, וואָס רינט, אינסטינקטן, אַ כעס און אַ פאַרגעניגן, וואָס זענען ענלעך צו אונזערע, אַזוי ווייט, אַז די העלדן פאַרליבן זיך אין געטינס, און די געטער האָבן קינדער מיט שטערבלעכע מענטשן־ווייבער. פונם אָלימפּ צו דער ערד, איז נישט פאַראַן קיין שום אָפּגרונט; זיי גייען אַרונטער צו אונז און מיר גייען צו זיי; אויב זיי שטייגן אונז מיט עפּעס אַריבער, איז עס נאָר דערמיט, וואָס זיי זענען פּטור פונם טויט, ווייל אויף זייער לייב פאַרהיילן זיך די ווונדן שנעל, ווייל זיי זענען שטאַרקער, שענער און גליקלעכער ווי מיר. מיט אַלעם איבעריקן זענען זיי ווי מיר: זיי עסן, טרינקען, שלאָגן זיך, געניסן פון אַלע חושים און פון אַלע קערפּערלעכע אייגנשאַפטן. גריכנלאַנד האָט פון דער שיינער מענטשן־חיה זיך געשאַפן אַזאַ פולקאָמען מאָדעל, אַז ס'האט אים אַזש גענומען פאַר זיין אָפּגאָט; ס'גלאָריפיצירט אים אויף דער ערד — פאַרגעטערנדיק אים אין הימל.

פון אַזאַ מין קאָנצעפּציע איז אַרויסגעקומען דער בילד־הויער און מען קאָן געגוי באַצייכענען אַלע מאָמענטן ווי אַזוי ער האָט זיך אויסגעשיילט. — פון איין זייט האָט יעדער אַט־לעט, וואָס איז איינמאָל געקרוינט געוועזן, רעכט אויף אַ דענקמאָל; און אויב ער איז דריי מאָל געקרוינט געוואָרן האָט ער רעכט אויף אַ „א י ק אָ נ י ש ע ר" סטאַטוע, דאָס הייסט — אויף אַ בילד, וואָס זאָל פאַרשטעלן זיין פּאָרטרעט. פון אַן אַנדער זייט, היות די געטער האָבן מענטשלעכע קערפּערס, נאָר קלאָ־רערע און שענערע, איז גאַנץ נאַטירלעך דורך סטאַטועס. דערצו דאַרף מען גאָרנישט עובר זיין אויף קיין שום דאָגמע. דאָס מאַרמאָר־ אָדער בראָנז־בילד איז לחלוטין נישט קיין אַלעגאָריע, נאָר — אַ געטריי בילד; מען באָרגט נישט דאָ אויס דעם באַ־טרעפנדיקן גאָט, מוסקלען,ביינער, אַ וואָגיקן לבוש, וואָס ער האָט נישט; דאָס בילד שטעלט פאַר דעם אויבערצוג פון פלייש, וואָס

*) העראָדאָטעס. (ה. ט.)

סובסטאַנץ. כדי ס'זאָל זיין אַן אמתער פּאָרטרעט, איז גענוג, אַז ס'זאָל זיין שענער פון אַלע אַנדערע און זאָל אויסדריקן די אומשטערבלעכע רואיקייט, מיט וועלכער דער גאָט דערהויבט זיך איבער אונז.

אָט איז די סטאַטוע אין דער אַרבעט; צי וואָלט דער סקולפּטאָר געוווסט ווי זי צו מאַכן? באַטראַכט די פּאָרבאַרייטונג ויינע. די מענטשן פון יענער צייט האָבן באַאָבאַכטעט דעם קערפּער אַ נאַקעטן, און אין באַוועגונג, בעתן באָדן, אויף די קאַמפּספּלעצער, בעת די הייליקע טענץ, בעת די פאָלקס־שפּילן. זיי האָבן באַמערקט און ליבער געהאַט אַזעלכע פאָרמען און שטעלונגען, וועלכע ווייזן אַרויס קראַפט, געזונטקייט און טעטיקייט. זיי האָבן געאַרבעט מיט אַלע כּוחות אים איינצופרעגן דידאָזיקע פאָרמען, און אים צוצוגעוויינען צו דידאָזיקע שטעלונגען. אין משך פון דריי אָדער פיר הונדערט יאָר צייט, האָבן זיי אַזויערנאָך אויסגעבעסערט, אויסגעלייטערט, אַנטוויקלט זייער באַגריף וועגן פיזישער שיינקייט. ס'איז אַלזאָ קיין ווונדער נישט, וואָס זיי האָט זיך, מיט דער צייט, איינגעגעבן צו אַנטדעקן דעם אידעאַלן מאָדעל פונם מענטשלעכן קערפּער. אויב מיר גופא קענען אים שוין היינט, האָבן מיר אים איבערגענומען פון זיי. ווען ניקאָלאַ פון פּיזא האָט צום סוף פונם גאָטישן אַלטער, צוזאַמען מיט די ערשטע דעמאָלטיקע סקולפּטאָרן, פאַרלאָזן די מאָגערע, ביינערדיקע און העסלעכע פאָרמען פון דער קירכלעכער טראַדיציע, האָבן זיי זיך גענומען אַלס ביישפּיל די אויפבאַוואָרטע אָדער די אויסגעגראָבענע גריכישע „באַרעליעפן” *). און אויב היינט ווילט זיך אונז אַמאָל פאַרגעסן די נישט געראָטענע און פאַרקריפּלטע קערפּערס פון אונזערע קליינבירגער און פון אונזערע געדאַנק־מענטשן און ס'ווילט זיך אונז צוריקבאַקומען עפּעס אַן אַנונג פון אַ פאָלקאָמער קערפּער־פאָרם, גייען מיר זי זוכן אין די סטאַטועס און אין די דענקמעלער פונם איידעלן און ליידיקגייערישן לעבן פון די אַמאָליקע רינג־פּלעצער.

נאכמער, נישט נאָר די פאָרם איז אין דידאָזיקע דענקמעלער אַ פאָלקאָמע, נאָר וואָס זעלטענער איז, זי באַפרידיקט אינגאַנצן די פאָרשטעלונג פונם קינסטלער. היות די גריכן האָבן

---

*) פלאכן־סקולפּטור. (באמ. פ. איבערז.)

צוגעגעבן דעם קערפּער אַ גאַנץ באַזונדערע ווירדע, האָבן זיי נישט געהאַלטן, אַזויווי די מאָדערנע, אַז ער דאַרף זיין אונטער־געוואָרפן דעם קאָפּ. אַ ברוסטקאַסטן, וואָס אָטעמט פריי, אַ גוף, וואָס זיצט פעסט אויף זיינע היפטן, אַ נערווועזע לידקע, וואָס וועט פלינק שליידערן דעם קערפּער פאָראויס, אָט דאָס אינטע־רעסירט זיי; איבערהויפּט זענען זיי לחלוטין נישט אַזוי באַ־שעפטיקט, ווי מיר, איבער דער פולקייט פון אַ דענקנדיקן שטערן, איבערן צוקן פון צערייצטע ברעמען, איבערן קנייטש פון שפּאָטערישע ליפּן. זיי קענען פאַרבלייבן אין די ראַמען פון אַ פאָלקאָמער בילדהויער־קונסט, וואָס לאָזט די אויגן אָן שוואַרצ־אַפּלען און דעם קאָפּ — אָן אויסדרוק, וואָס שילדערט ליבער געשטאַלטן רואיקע, אָדער פאַרנומענע ביי עפּעס אַן אומבאַדייטנ־דער אַרבעט, וואָס באַנוצט זיך מיט אַן איינציקער פאַרב: די פונם בראָנז אָדער פונם מאַרמאָר, וואָס לאָזט איבער דער מאַ־לעריי דעם פאַרגעניגן פון מאָלערישקייט, דער ליטעראַטור — דעם אינטערעס פאַר דראַמאַטישקייט; אַ בילדהויער־קונסט, וואָס זייענדיק געבונדן, אָבער גלייכצייטיק געאיידלט דורך דער נאַ־טור פון זייערע מאַטעריאַלן, און דורך דער שמאָלקייט פון איר געביט, מיידט זי אויס פאָרצושטעלן איינצלהייטן, פיזיאָנאָמיע־שטריכן, צופעליקייטן, זעלישע אויפטרייסלונגען אום אַרויסצו־באַקומען די אַבסטראַקטע און ריינע פאָרם און צו מאַכן לייכטן אין אירע הייליקטימער די רואיקע ווייסקייט פון די פרידלעכע און אַלערהעכסטע בילדער, אין וועלכע די מענטשלעכע ראַסע דערקענט אירע העלדן און אירע געטער. — דערפאַר טאַקע איז די בילדהויעריי די וויכטיקסטע קונסט אין גריכנלאַנד, אַלע אַנ־דערע קונסטן פּאַסן זיך צו צו איר, באַגלייטן איר, אָדער מאַכן איר נאָך. קיין איינע האָט נישט אַזוי גוט געבראַכט צום אויס־דרוק דאָס נאַציאָנאַלע לעבן, קיין איינע איז נישט אַזוי פיל קולטיווירט און פּאָפּולער געוואָרן ווי זי. אַרום דעלפי, אין די הונדערט קליינע טעמפּלען, אין וועלכע ס׳זענען באַהאַלטן געווען די אוצרות פון די שטעט, האָט זיך געפונען „אַ גאַנץ פאָלק פון מאַרמאָר, גאָלד, זילבער, קופּער, בראָנז, פון צוואַנציק מינים פאַרשידענע בראָנזן און פון כלערליי פארבן. טויזנטער רומפּולי־טויטע אין נישט רעגלמעסיקע גרופּן, זיצנדיקע און שטייענדיקע,

האָבן געשטראַלט, ווי אמתע אונטערטאנען פונם גאָט פון ליכט *). שפּעטער, ווען רוים האָט באַרויבט די גריכישע וועלט, האָט די־דאָזיקע ריזיקע שטאָט פאַרמאָגט אירס אַ פאָלק דענקמעלער, וואָס איז אין דער צאָל כמעט געווען גלייך צו איר באַפעל־קערונג פון לעבעדיקע. היינט נאָך, נאָך אַזויפיל צעשטערונגען און יאָרהונדערטער, שאַצט מען, אַז מ'האָט אַרויסגעצויגן פון רוים און איר אומגעגנט העכער זעכציק טויזנט סטאַטועס. מ'האָט גאָר קיינמאָל אַזאַ ענלעכע בליאונג פון דער סקולפּטור נישט געזען, אַזאַ װוּנדערלעכע שפע פון בלומען, בלומען אַזעלכע פולקאָמע, אַזאַ וואקסן, אַזאַ לייכטעס, אַזאַ דויערנדיקס און אַזאַ פאַרשידנ־פאַרביקס; איצט האָט איר געפונען די סיבה דערפון. דורכ־גראָבנדיק דעם באָדן פון שיכט צו שיכט, האָט איר איינגעזען, אַז אַלע יסודות פונם מענטשלעכן באָדן, ווי איינריכטונגען, מנהגים, אידייען, האָבן מיטגעווירקט צו איר יניקה.

VI

דאָסדאָזיקע מיליטערישע אָרגאַניזירן זיך, וואָס איז געווען אַן איינגנשאַפט פון אַלע אַלטערטימלעכע שטעט, האָט געהאַט מיט דער צייט איר ווירקונג, אַ ווירקונג אַ טרויעריקע. היות מלחמה איז געווען דער נאַטירלעכער מצב, האָבן די שטאַרקערע דעראָבערט די שוואַכערע. נישט נאָר איינמאָל האָבן זיך געבילדעט גרויסע שטאַטן אונטער דער פירונג צי אונטער דער טיראַניי פון אַן איבערוויגנדער אָדער זיגערישער שטאָט. און צום סוף האָט זיך געפונען איינע, רוים, אַ שטאָט, וואָס איז געווען ענערגישער, געדולדיקער און געשיקטער, פעאיקער צו אונטעראָרדנונג און צו באַפעל, מיט בליקן אויסגעהאַלטענע' מיט פּראַקטישער אויסרעכנונג, און איר האָט זיך איינגעגעבן, נאָך זיבן הונדערט יאָר אָנשטרענגונג, איינצושליסן אין איר הערשאַפט דעם גאַנצן טאָל אַרום מיטל־לענדישן ים און מערערע גרויסע אַרומיקע לענדער. אום צו זיין ביכולת דאָס צו דערגרייכן, האָט זי זיך אונטערגעגעבן אַ מילי־טערישן רעזשים, און ווי די פרוכט ווערט געבוירן פונם זאָמען,

*) מישלע, די ביבל פון דער מענטשהייט, 205, (ה. ט.)

אַזוי איז פון דעם רעזשים אַרויסגעקומען דער מיליטערישער דעספּאָטיזם. אַזוי האָט זיך געבילדעט דאָס קייזערטום, און אַרום ערשטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער צייטרעכנונג, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די וועלט, וואָס האָט זיך געהאַט אָרגאַניזירט אונטער אַ רעגלמעסיקער מאָנאַרכיע, האָט ענדלעך געפונען רו און אָרדנונג. געפונען האָט זי אָבער בלויז ירידה. אין דער שוידערלעכער צעשמעטערונג, וואָס דאָס דעראָבערן רופט אַרויס, זענען שטעט אומגעקומען הונדערטערווייז און מענטשן — מיליאָנענווייז. די זיגערס גופא האָבן זיך איינס דאָס אַנדערע געהאַלטן אין איין אויסקוילענען, אין משך פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט, און די ציוויליזירטע וועלט, אַן אויסגעליידיקטע פון אירע פרייע מענטשן, איז אויסגעליידיקט געוואָרן אויף אַ העלפט פון אירע איינוווינער *). די בירגער, ווערנדיק אונטערטאַנען, האָבן נישט געהאַט מער קיין גרויסן ציל צו פאַרפאָלגן, און האָבן זיך אָפּגעגעבן דער אינערציע און דעם לוקסוס. זיי האָבן אָפּגעזאָגט זיך פון חתונה האָבן, און האָבן קיין קינדער נישט געהאַט. היות מ'האָט פון קיין מאַשינען דעמאָלט נישט געוווּסט, און אַלצדינג איז געמאַכט געוואָרן מיט די הענט, זענען די שקלאַפן, וואָס אויף זיי איז געלעגן דער חוב, מיט בלויזע אָרעמס, צו באַזאָרגן די גאַנצע געזעלשאַפט, מיט אַלעם נויטיקן, פאַר אירע אויסגעטראַכטע תאוות, פאַרגעניגנס און פאַראַדן, אומגעקומען, דערדריקטע אונטער דער צו שווערער לאַסט. נאָך פירהונדערט יאָר צייט, האָט דאָס קייזערטום, וואָס איז נאָך געווען דערשעפּט און אַנטפּעלקערט, נישט פאַרמאָגט גענוג מענטשן און גענוג ענערגיע אָפּצושטויסן די באַרבאַרן. די כוואַליע זייערע האָט זיך אַרייַנגעריסן, דורכברעכנדיק אַלע צוימען, און נאָך דער ערשטער כוואַליע, איז געקומען אַ צווייטע, און דערנאָך, נאָך איינע, און אַזוי ווייטער, אַ משך פון פינף הונדערט יאָר צייט. דאָס שלעכטס, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן, איז גאָרנישט צום שילדערן: פעלקער פאַרטיליקט, דענקמעלער — צעשטערט, פעלדער — פאַרוויסטעט, שטעט — פאַרברענט, אינדוסטריע, שיינע קונסטן און די וויסנשאַפטן — פאַרדאָרבן, דערנידעריקט, פאַרגעסן, און אומעטום פאַר-

*) רוים דרייסיק יאָר פאַר קריסטוס, דורך וויקטאָר דורואַי (באַמ. ה. ט).

שפרייט און באַפעסטיקט פחד, אומוויסנהייט און חיהשע אכזריות; ווילדע מענטשן, ענלעכע צו די הוראָנען אָדער צו די איראָקעזען, האָבן זיך פּלוצים צעלאַגערט אין מיטן אַ וועלט, וואָס איז מיט איר קולטור און דענקען געווען גלייך צו אונזערער. שטעלט זיך פאָר אַ סטאַדע שטיר־אָקסן, אַן אָפגעלאָזטע צווישן דעם מעבל און די טאַפעטן פון אַ פּאַלאַץ, און נאָך דער סטאַדע — אַן אַנדערע, אַזוי, אַז דאָס וואָס בלייבט גאַנץ פון דער ערשטער, ווערט צעשטערט אונטער די קלאָען פון דער צווייטער, און אַז, קוים איינגעאָרדנט אין דערדאָזיקער אומאָרדנונג, זאָל יעדע באַזונדערע סטאַדע בהמות מוזן זיך באַלד צוריק אויפהויבן, און אָפּשטויסן מיט אירע הערנער, אַ מרוקענדיקע און נישט באַפרידיקטע, אַ פרישע סטאַדע, וואָס רייסט זיך אַריין. און ווען אפילו, אין צענטן יאָרהונדערט, האָט די לעצטע באַנדע שוין געהאַט אָפּגעזוכט איר ביסל שטרוי, און איינגעאָרדנט זיך איר חזיר־שטאַל, האָט נאָך אַלץ די לאַגע פון די מענטשן נישט אויסגעזען זיך צו בעסערן. די באַרבאַרישע שעפן, ווערנדיק דעמאָלט פעאָדאַלע פריצים, האָבן זיך אַרומגעשלאָגן צווישן זיך, באַראַבעוועט די פויערים, פאַרברענט די תבואות, געלאָזט די סוחרים אין הוילן העמד, באַגנבעט זייערע אומגליקלעכע קנעכט, און געמאַכט זיך אַ פאַרגעניגן זיי צו פייניקן. די ערד איז געבליבן נישט פאַראַקערט, און ס׳האָבן פאַרפעלט לעבנס־מיטלען. אין 11־טן יאָרהונדערט, קומט אויס אויף פינף און זיבעציק יאָר צייט — פערציק הונגער־יאָרן. אַ מאָנאַך, ראַאול גלאַבער, דערציילט, אַז ס׳איז געוואָרן אַ מנהג צו עסן מענטשן־פלייש; מ׳האָט אַ קצב פאַרברענט לעבעדיקערהייט, ווייל ער האָט אַזעלכעס אַרויסגעהאַנגען עפנטלעך אין זיין יאַטקע. דערצו, נעמט אין אכט, אַז אין דער אומריינקייט און אינם אַלגעמיינעם דלות, דורכן פאַרגעסן די געוויינלעכסטע כללים פון היגיענע, האָבן זיך פעסטן, קרעץ און מגיפות איינגעבירגערט, ווי ביי זיך אינדערהיים. מ׳איז דערגאַנגען צו די מנהגים פון די מענטשן־פרעסער פון ניי־זעלאַנד, צו דער העסלעכער פאַרווילדערונג פון די קאַלעדאָניער און פון די פּאַפּואַסן, צום בידעריקסטן טיף פונם מענטשלעכן מיסט־גרוב. ווייל די זכרונות פונם עבר האָבן נאָך פאַרערגערט דעם קעגנוואַרטיקן עלנט,

און די עטלעכע דענקנדיקע קעפּ, וואָס האָבן נאָך געלייענט אַלטע שפּראַך, האָבן נעפּלהאַפט געפילט די געוואַלטיקייט פון דער ירידה און די גאַנצע טיפקייט פונם אָפּגרונט, אין וועלכן דאָס מענטשלעכע געשלעכט האָט געהאַלטן אין איין זינקען זייט טויזנט יאָר.

איר מאָלט זיך שוין, וואָס פאַראַ געפילן אַזאַ פאַרשלעפּ־טער אוןווילדער מצב האָט איינגעפלאַנצט אין די נשמות פון די דעמאָלטיקע מענטשן. קודם־כל — אַ נידערגעשלאָגנקייט, אַן עקל צום לעבן און אַ מרה־שחורה. „די וועלט, זאָגט אַ דע־מאָלטיקער שרייבער, איז שוין בלויז אַ תהום פון שלעכטיקייט און אומפאַרשעמטקייט". דאָס לעבן האָט אויסגעזען אַ פּריצייטיקער גיהנם. אַ גוזמא מענטשן האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דער וועלט, און נישט נאָר אָרעמע, שוואַכע און פרויען, נאָר אויך הערשנדיקע פירשטן און אפילו קעניגן. פאַר עטוואָס איידעלערע און פיינערע נשמות, האָט די איינטעניקייט און דער פרידן פון אַ קלויסטער זיך בעסער געלוינט. ביים דערנענטערן זיך פונם טויזנטסטן יאָר, האָט מען געגלויבט, אַז די וועלט גייט אונטער, און אַ סך מענטשן האָבן, אונטערן איינדרוק פון שרעק, אַוועקגעשענקט זייערע פאַרמעגנס פאַר קירכן און קלויסטערס. — פון אַן אַנדער זייט, איז גלייכצייטיק מיטן פחד און מיטן אומעט, געבוירן געוואָרן די נערוועזע איבערשפּאַנונג. ווען מענטשן זענען שטאַרק אומ־גליקלעך, ווערן זיי רייצבאַר, ווי קראַנקע און ווי געפּאַנגענע; זייער פילבאַרקייט פאַרשטאַרקט זיך און באַקומט אַ ווייבלעכע פיינקייט. זייער האַרץ האָט קאַפּריזן, אויפבראַוזונגען, אומעטיקייטן, איבערטרייבונגען און השתפכותן, וועלכע ס׳האָט נישט געהאַט, בעת זיי זענען געווען געזונט, זיי דערווייטערן זיך פון די מיטעלע געפילן, די איינציקע, וואָס זענען ביכולת אויפצוהאַלטן אַ דויערנדיקע מענלעכע טעטיקייט; זיי טרוימען, וויינען, קניען, ווערן אומפעאיק זיך אַליין צו געניגן, טראַכטן אויס פאַרגעניגנס, באַגייסטערונגען, אומענדלעכע צערטלעכקייטן, ווילן אויסגיסן די ראַפינעריע און די ענציקונג פון זייער צערייצטן און איבער־טרייבנדן כוח־הדמיון; קורץ, זיי זענען אויפגעלייגט ליב צו האָבן, אוןווירקלעך, מ׳האָט ממש געזען זיך דעמאָלט אַנטוויקלען, מיט אַן אומגעהויערער איבערגעטריבנקייט, אַ ליידנשאַפט, וועלכע

איז דעם ערנסטן און מענלעכן אַלטערטום לחלוטין אומבאַקאַנט געווען, איך מיין די ריטערלעכע און מיסטישע ליבע. מ׳האָט אונטערגעוואָרפן די רואיקע און שכלדיקע ליבע, וועלכע איז פּאַסיק פאַרן חתונה־שטאַנד, דער עקסטאַטישער און אומגעצוימטער ליבע, וועלכע מען טרעפט אויסערן חתונה־שטאַנד. מ׳האָט פון איר אַרויסגעצויגן אַלע פיינקייטן, און פון זיי אויפגעשטעלט אַ געזעץ־בוך פאַר טריבונאַלן, ווו פרויען האָבן געפירט דעם פאָרזיץ. דאָרט האָט מען באַשלאָסן, „אַז ס׳קאָן נישט עקזיסטירן קיין ליבע צווישן מאַן און ווייב —". „אַז די ליבע קאָן דער ליבע גאָרנישט אָפּזאָגן" *). מ׳האָט אויפגעהערט צו קוקן אויף דער פרוי, ווי אויף אַ באַשעפעניש פון בלוט און פלייש, ווי דער מאַן. מ׳האָט פון איר געמאַכט אַ געטין. מ׳האָט איינגעפונען, אַז דער שכר פונם מאַן איז געוואָג גרויס דערמיט, וואָס ער האָט דאָס רעכט זי צו פאַרגעטערן און זי צו באַדינען. מ׳האָט געקוקט אויף דער מענטשלעכער ליבע, ווי אויף אַ הימליש געפיל, וואָס פירט צו דער געטלעכער ליבע און מישט זיך מיט איר אויס. דער דיכטער האָט פאַרוואַנדלט זיין מעטרעסע אין אַן איבער־נאַטירלעכן כוח, און ביי איר געבעטן, זי זאָל אים פירן צום העכסטן הימל־שפּיץ, און צו גאָטס היכל. — איר קאָנט זיך לייכט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ שליטה אַזעלכע געפילן האָבן געגעבן דער קריסטלעכער רעליגיע. דער עקל צו דער וועלט און די נייגונג צו עקסטאַז, דער געוויינלעכער יאוש און דאָס אומענדלעכע בענקען נאָך צערטלעכקייט, שטויסט נאַטירלעך די מענטשן צו אַ לערע, וואָס שטעלט פאַר די ערד, ווי אַן עמק־הבכה, דאָס ערדישע לעבן, ווי אַ נסיון, און דאָס אַנטציקן זיך אין גאָט — פאַרן העכסטן גליק, די ליבע צו גאָט — אַלס אַן ערשטן חוב. די פאַרווייטאָקטע אָדער ציטערדיקע פילבאַרקייט ציט איר יניקה פון דער אומענדלעכקייט אין דער מורא, און פון דער אומענד־לעכקייט אין דער האָפענונג, אין דער שילדערונג פון די פלאַמענדיקע תהומות פונם אייביקן גיהנם, אין דער השגה פון אַ שטראַלנדיקן גן־עדן און פון אומבאַשרייבלעכע תענוגים. גע־שטיצט אויף אַזאַ יסוד, באַהערשט דאָס קריסטנטום די נשמות,

---

*) אַנדרײ לע שאַפּעלען.

באַגייסטערט די קונסט, און נוצט אויס די קינסטלער. „די וועלט — זאָגט איינער פון יענער צייט — טרייסלט פון זיך אַרונטער די אַלטע שמאַטעס, כדי אָנצוטאָן אירע קירכן אין ווייסע קליידער,״ און די גאָטישע אַרכיטעקטור באַווייזט זיך.

לאָמיר זען ווי אַזוי דער נייער בנין וואַקסט אויס. אין היפך צו די אַלטערטימלעכע רעליגיעס, וואָס זענען געווען לאָקאַלע און האָבן געהערט צו קאַסטעס און צו משפחות, איז דאָס קריסטנ־טום אַ רעליגיע, אַן אַלוועלטלעכע, וועלכע ווענדעט זיך צו דער מאַסע און רופט אַלע מענטשן צו דערלייזונג; אַזאַ בנין דאַרף אַלזאָ זיין זייער רחבותדיק און דאַרף קאָנען אין זיך אַריינעמען די גאַנצע באַפעלקערונג פונם קרייז אָדער פון דער שטאָט, ווייבער, קינדער, קנעכט, בעלי־מלאכות און אָרעמעלייט, אַזוי גוט, ווי אדלמענער און פריצים. די קליינע נישע אין וועלכער ס'איז געשטאַנען דאָס בילד פונם גריכישן גאָט, דער פּאָרטיקוס *), ביי וועלכן עס פלעגט זיך אַנטוויקלען די פּראָצעסיע פון די פריי־בירגער, וואָלטן פאַר דערדאָזיקער מאַסע נישט גענוג געווען. זי האָט נויטיק אַ בנין, וואָס זאָל אינעווייניק זיין אומגעהויער גרוימיק, מיט ברייטע, דאָפּלטע זייטנגענג אין דער לענג און אין דער ברייט, גרענעצלאָזע וועלבונגען, ריזיקע זיילן, און די דורות אַרבעטער, וועלכע קומען אַהער, אין משך פון הונדערטער יאָרן, אַרבעטן פאַר דער רעטונג פון זייער נשמה, וועלן צעפּיצלען גאַנצע בערג, איידער זיי וועלן פאַרענדיקן דעמדאָזיקן בנין. די מענטשן וואָס קומען אַהער אַריין, ווערט זיי טרויעריק אויף דער נשמה און די געדאַנקען, וואָס זיי קומען דאָ זוכן זענען ווייטאָקדיקע; זיי פאַרטראַכטן זיך וועגן דעם העסלעכן לעבן, דעם געפּלאָגטן, וואָס איז אָפּגעגרענעצט דורך אַזאַ תהום; זיי טראַכטן וועגן גיהנם און זיינע פּייניקונגען אָן אַ מאָס, אָן אַ סוף און אָן אָפּרו, וועגן דיליידן פון קריסטוסן, וואָס גוססט אויפן קרייץ, וועגן די ענוים פון די הייליקע, וואָס ווערן געפּייניקט דורך די פאַר־פּאָלגער. ביי דידאָזיקע תורות פון דער רעליגיע, און אונטער דער לאַסט פון זייער אייגענעם פחד, וואָלטן זיי זיך זייער שלעכט געפילט מיט דער איינפאַכער פריילעכקייט און שיינקייט

---

*) זוילנגאַנג.

אינם טאָג; דערפאַר לאָזן זיי אַהין נישט צו די העלע און געזונטע ליכטיקייט. דער אינערער טייל פונם בנין בלייבט דער־טרונקען אין אַ קילן טרויער־שאָטן. דאָס טאָג־ליכט, וואָס דרינגט אַהין אַריין, ווערט פאַרענדערט דורך די שויבן אין בלוטיקן פור־פור, אינם פרעכטיקן גלאַנץ פון אַמעטיסטן און טאָפּאזן, אינם מיסטישן פלאַקער פון איידלשטיינער, אין אויסטערלישע אילומינאַצ־יעס, וואָס זעען אויס, ווי פענסטערלעך אויפן גן־עדן אַרויס.

איידעלע און צערייצטע פאַנטאַזיעס, ווי אָט די, באַפרידיקן זיך נישט מיט קיין געוויינלעכע פאָרמען. און קודם איז די פאָרם, פאַר זיך גופא, נישט גענוג זיי צו פאַראינטערעסירן; זי מוז מיט זיך פאָרשטעלן עפּעס אַ סימבאָל, און זיין אויך עפּעס אַ גרויסער רמז: דער בנין, מיט זיינע גענג און קוואַר־גענג, שטעלט פאָר דעם צלם, אויף וועלכן קריסטוס איז געשטאָרבן, די רויזנפאָרמי־קע באַפּוצונגען, מיט די דימענטענע בלעטלעך, שטעלן פאָר די „אייביקע רויז", פון וועלכער אַלע אויסגעלייזטע נשמות זענען בלעטלעך; די מאָס־אויסרעכנונגען פון אַלע טיילן זענען אַנטשפּרעכנד געוויסע הייליקע צאָלן. חוץ דעם, זענען די פאָרמען מיט זייער רייכקייט, אויסטערלישקייט, דרייסטקייט, פיינקייט און ריזיקייט, גאַנץ אין איינקלאַנג מיט דער אוממעסיקייט און מיט דער נייגיר פון אַ קרענקלעכער פאַנטאַזיע. אַזעלכע נשמות נויטיקן זיך אין לעבעדיקע איינדרוקן, פילפאַכע, זיך בייטנדיקע, איבערגעטריבענע און משונהדיקע. צוליב דעם טעם, באַנוצן זיי נישט אינם בנין, דעם זייל, דעם קוואַר־באַלקן, דעם בויגן־שניט; קורץ, דעם פעסטן אַנלען, די גלייכגעוויכטיקע פּראָפּאָרציעס, די שיינע גאַקעטקייט פון דער אַנטיקער אַרכיטעקטור. זיי סימפּאַטיזירן לחלוטין נישט מיט אָט די פעסטע וועזנס, וואָס שיינען געבוירן צו ווערן אָן מי, און צו דויערן אָן אָנשטרענגונג, וואָס קומען צו דער שיינקייט, קומענדיק צו זייער עקזיסטענץ, און וואָס זייער גרינדלעכע הער־לעכקייט נויטיקט זיך נישט אין קיין צולאָגן און אין באַפּוצונגען.

זיי ווילן זיך נישט אַלס טיפ די געוויינלעכע רונדקייט פונם האַלב־קרייז, אָדער דעם געוויינלעכן פיר־עק, וואָס בילדעט זיך פונם זייל מיטן אונטערבאַלקן, נאָר די קאָמפּליצירטע פאַראיי־ניקונג פון צוויי געבויגענע ליניעס, וואָס שניידן זיך דורך קעגנ־זייטיק, און דאָס איז אייגנטלעך די שפּיץ־רונדיקע פאָרם. זיי

שטרעבן צו דער ריזיקייט, פאַרדעקן אַ פערטל מייל מיט זייערע
הויפנס שטיינער, בילדן פון מערערע געוויינלעכע זיילן ריזיקע
שטיק־זיילן, בויען גאַלעריעס אין דער לופטן, דערהויבן די וועל־
בונגען ביזן הימל אַריין, שטעלן אויף גלאָקנטורעמס אויף גלאָקנ־
טורעמס, אין די וואָלקנס. זיי דערפירן די פיינקייט פון די פאָר־
מען צו אַן איבערגעטריבענער פאַרגרעסערונג, וויקלען אַרום די
טויערן מיט גאָרנדיקע פיגורקעס, דעקן צו די זייטן מיט דאַך־
שפיצן און מיט רינע־העלזער, פאַרפלעכטן די פאַרטיפונגען פון
די פענסטער־רעמלעך, אין די שימערירנדיקע פורפור־פאַרבן פון די
רויזן־באַפוצונגען, זיי העפטן אויס דעם כאָר־ווינקל, ווי אַ שפּיצן־
געוועב, שפּרייטן אויס איבער די קברים, איבער די אַלטאַרן,
איבער דער קירכן־הויב,*) איבער די טורעמס, די פאַרפלעכטונג
פון זיילעכלעך און פון געדרייטע פראַנזן, פון בלעטער־קנוילן און
פון סטאַטוען. מען וואָלט זאָגן, אַז זיי ווילן דערגרייכן גלייכציי־
טיק צום אומענדלעכן אין דער גרויסקייט און צום אומענדלעכן
אין דעם קלײנקייט, אַז זיי ווילן פלעפן דעם גייסט פון צוויי
זייטן אויף אַמאָל, דורך אַן אומגעהויערער מאַסע און דורך אַ
וווּנדערלעכער שפע פון קליינלעכע איינצלהייטן. ס'איז קלאָר, אַז
זיי נעמען זיך פאָר צו שאַפן אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק, אַן
איינדרוק פון דערשטוינונג און פאַרבלענדונג.

דערפאַר טאַקע, וואָס מער דידאַקטישע אַרכיטעקטור אַנטוויקלט
זיך, אַלס מער פאַראַדאָקסאַל ווערט זי. אין XIV־טן און אין XV־טן
יאָרהונדערט, ווען די גאָטישע קונסט איז געווען אין פולן פלאַ־
קער, שיינט זי, אין שטראַסבורג, אין מילאַן, אין נירענבערג,
אין דער קירך פון ברו, צו פאַרציכטן אויף דער פעסטיקייט
פונם בנין, אום זיך אינגאַנצן אָפּצוגעבן אָרנאַמענטיק. אָט שטעלט
זי זיך אַרויס מיט אַן איבערפלוס פון גלאָקן־טורעמס, אויפאַנאַנ־
דערליגנדע און פאַרפילפאַכטע; אָט באַקליידט זי אַלע אירע דרויסן־
ווענט מיט געזימס־שפּיצן. די אויסגעהוילטע ווענט זענען כמעט
אינגאַנצן פאַרנומען דורך די פענסטער; דער אונטערלען פעלט
לגמרי, און ווען נישט די אויסערלעכע קאָנטרע־פאָרטן**),

*) די מזרח וואַנט אין אַ קירך.

**) קאָנטרעפאָרט: אויסערלעכער אונטערלען אונטערצושפּאַרן אַ וואַנט
פון אַ בנין, וואָס איז אין סכנה איינצופאַלן. (ב. פ. איב.

וואָס שפּאַרן אונטער די ווענט, וואָלט זיך דער גאַנצער בנין צעפאַלן; ער האַלט זיך אין ברעקלען אומאויפהערלעך, און קאָלאָניעס מויערער שטייען ביי אים צופוסנס, און האַלטן אין איין פאַריכטן זיין אייביקן חורבן. דידאָזיקע פון שטיין אויסגעאַרבעטע אַזשורשטיקעריי, וואָס דערהויבט זיך און גייט אַלץ דינער און דינער ביזן שפּיץ, האַלט זיך נישט אויף זיך אַליין; מ'האָט געמוזט זי אויפקלעפּן אויף אַ פעסטן געשטעל פון אייזן; און דאָס אייזן, ווען עס זשאַווערט, רופט עס די האַנט פונם אַרבעטער, אונטערצוהאַלטן די נישט דויערדיקייט פון דערדאָזיקער ליגנערישער פּראַכט. דאָס צעבלימלען זיך פון דער אינערלעכער דעקאָראַציע האָט זיך אַזוי שטאַרק פאַרוויקלט, די געזימס־אָדערן פון די ווינקלשטייבער האָבן אַזוי רייך פאַנאַנדערגעשפּרייט זייערע זיך שלענגלענדיקע און שטאַכלדיקע געוויקסן; די זיצפלעצער, די טריבונע, די קראַטעס שוויבלען מיט אַזאַ לוקסוס פון פאַרפלאָנטערטע און צעפלאָנטערטע אַראַבעסקן, אַז די קירך זעט שוין לחלוטין נישט אויס קיין בנין, נאָר עפּעס אַ שמוק־זאַך, וואָס אַ גאָלדשמיד האָט געמאַכט. דאָס איז אַ מין בונטפאַרביקער גלאָז־בעקן, אַ ריזיקער פ י ל י ג ר א ן *). אַ יום־טובדיקער פוץ, אויסגעאַרבעט פיין, ווי פאַר אַ קעניגין אָדער פאַר אַ כלה. דאָס איז דער פוץ פון אַ נערוועזער איבערגערייצטער פרוי, וועלכער דערמאָנט די אָפּגעשמאַקטע קאָסטיומען פונם זעלבן יאָרהונדערט, ווען די פיינע, אָבער אומגעזונטע, דיכטונג ווייזט אַרויס דורך איר איבערגעטריבנקייט די אויסטערלישע געפילן, די פאַרווירטע באַגייסטערונג, די העפּטיקע און מאַכטלאָזע שטרעבונג, וועלכע פאַסט פאַר אַ צייט פון מאָנאַכן און ריטער.

דידאָזיקע אַרכיטעקטור, וועלכע האָט געדויערט גאַנצע פירהונדערט יאָר, האָט זיך נישט אָפּגעשלאָסן אין אַן איינציקן לאַנד, האָט זיך נישט באַגרענעצט מיט אַן איינציקן בנין־טיפּ; זי האָט צוגעדעקט גאַנץ אייראָפּע, פון שאָטלאַנד ביז סיציליען; זי האָט אויפגעבויט אַלע וועלטלעכע און רעליגיעזע בנינים, פּריוואַטע און עפנטלעכע; זי האָט געלייגט איר חותם נישט בלויז אויף קאַטעדרעס און קאַפּליצעס, נאָר אויף פעסטונגען און פּאַלאַצן, אויף מלבושים און אויף בירגערלעכע הייזער, אויף

*) דראָט־אַרבעט פון גאָלד און זילבער.

פלערליי מעבלירונגען און אויסשטאַטונגען. אַזוי, אַז דורך איר אַלוועלטלעכקייט, ברענגט זי צום אויסדרוק און באַשטעטיקט דעם גרויסן מאָראַלישן קריזיס, דעם קראַנקן אָבער גלייכצייטיק הויכן, וועלכער האָט אין משך פונם גאַנצן מיטלאַלטער עקזאַל־טירט און פון וועג אַראָפּגעפירט דעם מענטשלעכן גייסט.

VII

מענטשלעכע איינריכטונגען שאַפן זיך און לייזן זיך אויף, ווי לעבעדיקע קערפּערס, דורך זייער אייגענעם כּח, און זייער געזונט גייט אַוועק אָדער זייער גענעזונג קומט דורך דער בלויזערווירקונג פון זייער נאַטור און פון זייער מצב. צווישן די פעאָדאַלע שעפן, וואָס האָבן רעגירט און עקספּלואַטירט די מענטשן אין מיטלאַלטער, האָט זיך, אין יעדן לאַנד, געפונען אַ שטאַרקערער, אַ בעסער סיטואירטער, און אַ גרעסערער פּאָליטי־קער פון די אַנדערע, וועלכער איז געוואָרן דער פּאַרטיידיקער פונם עפנטלעכן פרידן. געשטיצט דורך דעם אַלגעמיינעם הסכם, האָט ער שוואַך געמאַכט, רעאָרגאַניזירט, אונטערגעיאָכט אָדער אונטערגעאָרדנט ביסלעכווייז אַלע איבעריקע, האָט אַוועקגעשטעלט אַ רעגולערע און געהאַרכזאַמע אַדמיניסטראַציע, זיך גענומען דעם טיטל קעניג, און געוואָרן דער שעף פון דער נאַציע. אַרום XV־טן יאָרהונדערט, זענען זיינע אַמאָליקע גלייכע, די באַראָנען, שוין געווען ביי אים נישט מער ווי אָפּיצירן ; אַרום XVII־טן, זענען זיי שוין בלויז הויפלייט.

וועגט גוט איבער דעם כּח פון דעמדאָזיקן וואָרט. אַ הויפמאַן דאָס איז אַ מענטש פון קעניגלעכן הויף, דערמיט מיין איך — אַ מענטשן, וואָס האָט אַ ראַנג אָדער אַ הויזלעכן אַמט אינם פּאַלאַץ, וועלכער איז ערשטער שטאַלמייסטער, קאַמער־הער, אויבעריעגערמייסטער, וועלכער באַקומט צוליב דעם געלט, און רעדט צום האַר מיטן גאַנצן קריכערישן דרך־ארץ ; מיט אַלע עניוותדיקע גריסונגען, וואָס פּאַסן פאַר אַזאַ אַמט. ער איז אָבער נישט קיין איינפאַכער לאַקיי, ווי אין די מזרח־מאָנאַרכיעס. דער עלטערזיידע פון זיין עלטערזיידן איז געווען דעם קעניגס גלייכן, זיין חבר, וואָס איז געשטאַנען מיט אים אויף דער

זעלבער מדרגה, און דערפאַר, איז ער גופא אויך פון אַ פּריווי־לעגירטן קלאַס, אַ קלאַס פון אדלמענער; אויך, דינט ער נישט זיינע פּרינצן בלויז לשם אייגננוץ; ער האַלט עס פאַר אַ כבוד, זיי צו זיין געטריי. די פּרינצן, פון זייער זייט, פאַרגעסן קיינ־מאָל נישט אים אַרויסצווייזן לייטזעליקייט. לודוויק דער XIV־טער וואַרפט אַרויס זיין שטעקן דורכן פענסטער, שטייענדיק פאַרן נסיון, צו דאַרפן שלאָגן לאַוזאָנען, וועלכער האָט זיך לגבי אים אַביסל פאַרגעסן. דער הויפמאַן ווערט געערט פון זיינע האַרן, און באַהאַנדלט ווי איינער פון זייער סביבה, ער לעבט מיט זיי נאָענט, טאַנצט אויף זייערע בעלער, עסט ביי זייער טיש, פאָרט מיט זיי צוזאַמען אין דער קאַרעטע, זיצט אויף זייערע שטולן, איז פון זייער סאַלאָן. — אויף אָט דעם יסוד וואַקסט אויס דאָס הויפלעבן, קודם אין איטאַליען און אין שפּאַניען, דערנאָך אין פראַנקרייך, שפּעטער אין ענגלאַנד, אין דייטשלאַנד און אין צפון־אייראָפּע. אָבער זיין צענטר איז געווען פראַנקרייך, ווו לודוויק דער XIV־טער האָט דעם הויפ־לעבן צוגעגעבן דעם גאַנצן גלאַנץ.

לאָמיר נאָכפאָלגן די ווירקונגען פון אַזאַ מצב אויף די כאַראַקטערן און אויפן גייסט פון די דעמאָקטיקע מענטשן. דעם קעניגס סאַלאָן איז דער ערשטער אין לאַנד, די געקליבנסטע געזעלשאַפט פאַרזאַמלט זיך דאָרט, ובכן, איז די אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייט, דער מושלם בכל המעלות, וועלכן אַלע נעמען זיך פאַר אַ מוסטער, יענער גרויסער שר, וועלכן דער קעניג איז אַמייננסטן מקרב. אַזאַ גרויסער שר האָט אדלמוטיקע געפילן, ער האַלט אַז ער קומט אַרויס פון אַ העכערער ראַסע, און טראַכט זיך, אַז — „נאָבלעס אָבליזש״ — *). ער איז מער עמפּינדלעך, ווי אַנ׳אַנדערער, אויפן פּינטעלע כבוד, און שטעלט איין, אָן מי, זיין לעבן פאַר דער קלענסטער באַליידיקונג; אונטער דער הערשאַפט פון לודוויק דעם דרייצנטן זענען פיר טויזנט אַדעליקע אומגעקומען פון דועלן. ביי אַן אַדלמאַן איז דאָס פאַראַכטן די געפאַר דער ערשטער חוב פון אַ ווילגעבוירענער נשמה. אָט דער עלעגאַנט, דער וועלטמענטש, וואָס איז אַזוי מדקדק אויף זיינע

*) אדעלקייט פאַרפליכטעט.

ליענטעס, וואָס איז אַזוי פאַרנומען מיט זיין פּערוק, מעלדעט זיך פרייוויליק, צו גיין לאַגערן אין די בלאָטעס פון פלאַנדריען און שטייט צען שעה נאָכאַנאַנד אין נעערווינדען, אַן אומבאַוועגלעכער, אונטער די גראַנאַטן. ווען לוקסעמבורג איז מודיע, אַז ער גייט איבער אויף אַן אָנגריף, ווערט ווערסאַל ליידיק, און אַלע פּערפומירטע גאַלאַנטן לויפן אין דער אַרמיי אַריין, ווי צום טאַנץ. און גאָר צום סוף, און אַדאַנק אַן איבערבלייבעניש נאָך פון אַלטע פעאָדאַלע שטימונגען, קוקט אונזער גרויסער האַר אויפן קעניג, ווי אויף זיין נאַטירלעכן און געזעצלעכן שעף; ער ווייסט, אַז ער געהער צו אים לייב און לעבן, ווי אַמאָל דער וואַסאַל צום אָבערלענסהאַר. *); ער איז גרייט אים אָוועקצושענקען, אויב מען דאַרף, זיין האָב און גוטס, זיין בלוט און זיין לעבן. אונטער לודוויק דעם XIV-טן האָבן זיך אַדלמענער פרייוויליק איבערגעגעבן דעם קעניג, און אַ סך פון זיי האָבן דעם צענטן אויגוסט זיך געלאָזט פאַר אים אומברענגען.

פון אַן אַנדער זייט זעען זיי הויפלייט, דאָס הייסט וועלטלעכע מענטשן, און אַלס אַזעלכע, פולקאָם העפלעך. דער קעניג גופא גיט זיי דערצו דעם ביישפּיל, לודוויק דער XIV-טער האָט געצויגן דעם הוט אַפילו פאַר אַ שטובנמיידל, און אין די זכרונות פון סאַנט-סימאָנין ווערט דערציילט וועגן אַ פירשט וואָס האָט זיך תמיד געהאַלטן אין איין גריסן, און נישט געקאָנט דורכגיין דעם ווערסאַלער הויף, אַנדערע ווי מיטן הוט אין דער האַנט. צוליב דעמזעלבן מאָטיוו איז אונזער הויפמאַן אַ בקי אין אָביַשטענדיקייטן, אַ מומחה אויף שיין רעדן, אין פאַרוויקלטע אומשטענדן, אַ דיפּלאָמאַט, אַ באַלעבאָס איבער זיך גופא, אַ מושלם אין דער קונסט צו פאַרשלייערן און צו פאַרווישן דעם אמת, צו חנפענען און צו שוינען יענעם, קיינמאָל נישט דערווידער צו זיין, און אָפּט יענעם צו געפעלן. —

די אַלע טאַלאַנטן און די אַלע געפילן זענען אַ פּראָדוקט פונם אַריסטאָקראַטישן גייסט, פאַרפיינערט דורכן פאַרקער מיט מענטשן; זיי האָבן דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה, אין

---

*) אַ העכערער אַדעל-טיטל אין די פעאָדאַלע צייטן מיט אַ אַבטשפּרעכנד באַדן-באַזיץ.

אָט דעם הויף, און אין דעם יאָרהונדערט. און אויב מיר ווילן היינט באַטראַכטן דידאַקטיקע פיינשמעקנדיקע בלומען, וואָס זייער פאָרם איז אַזוי פאַרגעסן, זענען מיר געצוווּנגען צו פאַרלאָזן אונזער האַרטע און פאַרפלאָנטערטע געזעלשאַפט פון גלייכבאַרעכטיקטע, און זיי גיין באַוווּנדערן, אינם גראַדליניקן און מאָנומענטאַלן גאָרטן, ווו זיי האָבן געבליט.

איר שטויסט זיך שוין אוודאי אָן, אַז מענטשן פון אַזאַ שניט, האָבן זיך געמוזט צוקלייבן פאַרגעניגנס, פאַסיקע פאַר זייער כאַראַקטער. און טאָקע זייער געשמאַק איז ענלעך צו זייער פערזאָן; ער איז איידל, ווייל זיי גופא זענען איידל, און נישט נאָר פון געבורט, נאָר אויך פון געפיל, קאָרעקט, ווייל זיי זענען דערצויגן געוואָרן אין דרך־ארץ און אין אָנשטענדיקייט. אָט דער געשמאַק האָט עס, אין XVII־טן יאָרהונדערט, געפאָרמט אַלע קונסטווערק, די מעסיקע, דערהויבענע, שטרענגע פון פוסען און פון לעסיוער; די ערנסטע פאָמפּעדיקע, גוט באַדענקטע אַרכיטעקטור פון מאַנסאַרטן און פעררױלטן; די מאָנאַרכיסטישע און געצירקלטע גערטנער פון לענאָטר. איר וועט געפינען סמנים פון דעמדאָזיקן געשמאַק אין די מעבלירונגען, קאָסטיומען, ווינונג־דעקאָראַציעס, קאָטשן פון פערעל, סעבאַסטיאַן לעקלערק, ריגאָד, נאַנטעי, און פיל אַנדערע. מיט זיינע גרופּעס גוט דערצויגענע געטער, זיינע סימעטרישע אַלייען, זיינע מיטאָלאָגישע שפּרינגברונעמס, זיינע ברייטע קינסטלעכע באַסיינען, זיינע געשניצטע און באַשוירענע בוימער, אויסגעשטעלטע, ווי אַרכיטעקטאָראַלע דעקאָראַציעס, איז ווערסאַל אַ מייסטערווערק פון אָט דעם זשאַנר: בנינים און בלומענפּלעצער, — אַלץ איז דאָרט געבויט געוואָרן פאַר מענטשן, וואָס זאָרגן פאַר זייער כבוד און היטן די כללים פון אָנשטענדיקייט. אַמבולטסטן אָבער ליגט דער חותם פון דעמדאָזיקן געשמאַק אויף דער ליטעראַטור: הן אין פראַנקרייך, הן אין אייראָפּע, האָט מען נאָך קיינמאָל נישט דערפירט די קונסט פון שרייבן צו אַזאַ הויכער מדרגה. איר ווייסט דאָך אַז אַלע גרויסע פראַנצויזישע שרייבער געהערן צו דער דעמאָלטיקער תקופה: באָסיוע, פאַסקאַל, לאַפאָנטען, מאָליער, קאָרנעל, ראַסין, לאַראָשפוקאָ, מאַדאַם דע סעוויניע, בואַלאָ, לאַברויער, בורדאַלו. און נישט נאָר גרויסע

לייט האָבן גוט געשריבן, נאָר יעדער איינער. קוריע פלעגט זאָגן, אַז אַ פשוט שטובנמיידל פון יענער צייט, האָט געוווּסט מער אין אַזעלכע זאַכן, ווי אַ מאָדערנע אַקאַדעמיע. און ווירקלעך, דער גוטער סטיל האָט דעמאָלט געשוועבט אין דער לופט; מ'האָט ממש מיט אים געאָטעמט, נישט וויסנדיק; דאָס טעגלעכע געשפּרעך, די געוויינלעכע בריוו האָבן אים פאַרשפּרייט אומעטום; אין הויף האָט מען אים געלערנט, ער איז אַריין אינם לעבנס-שטייגער פון דער העכערער געזעלשאַפט. שטרעבנדיק, אין אַלע זיינע אויסערלעכקייטן, צו ריטערלעכקייט און צו קאָרעקטקייט, פלעגט דער מענטש דאָס אַלץ דערגרייכן אין דעם מין אויסער-לעכקייט, וואָס מען רופט שריפט און וואָרט. צווישן אַזוי פיל פאַרשידענע ליטעראַרישע זשאַנרס, אַנטוויקלט זיך איינער, די טראַגעדיע, מיט אַ זעלטענער פאָלקאָמענהייט, און טאַקע אין אָט דעם זשאַנר, דעם ערשטן פון אַלע, געפינט מען דעמאָלט דעם גלענצנדסטן ביישפּיל פון האַרמאָניע, וועלכע פאַרבינדט מענטשן און ווערק, זיטן און קונסט.

לאָמיר לכתחילה באַטראַכטן די אַלגעמיינע שטריכן פון דער טראַגעדיע; זיי זענען אַלע אויסגערעכנט צו געפעלן פּריצים און הויפלייט. דער דיכטער פאַרגעסט נישט צו פאַרטושן דעם אמת, וועלכער איז בטבע טיילמאָל זייער רוי; ער ווייזט קיינמאָל נישט קיין מאָרד אויף דער בינע; ער פאַרשטעלט די גראָבקייטן, ער באַזייטיקט די געוואַלט-טאַטן, געשלעגן, שחיטות, געשרייען און כאָרכלערייען, אַלץ וואָס וואָלט געקאָנט פאַר-לעצן די חושים פון אַ צושויער, וועלכער איז צוגעוווינט צו דער מעסיקייט און צו דער עלעגאַנץ פון אַ סאַלאָן. צוליבן זעלבן מאָטיוו, מיידט ער אויס די אומאָרדנונג; ער גיט נישט נאָך דער פאַנטאַזיע און אירע קאַפּריזן, ווי דאָס טוט שעקספּיר; זיין ראָם איז אַ רעגלמעסיקער, ער לאָזט נישט צו קיין אומדער-וואַרטעטן אינצידענט, קיין נישט געשטויגן און נישט געפלויגן-דיכטונג, ער קאָמבינירט די סצענעס, דערקלערט דאָס אויפטרעטן פון אַ העלד, שטייגערט דעם אינטערעס, גרייט פאָר די סיטואַציע-ענדערונגען, זאָרגט באַצייטנס, און פון דערווייטנס, פאַר דער אַנטבינדונג. ער פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן דיאַלאָג, ווי אַן איינ-הייטלעכן לאַקיר-גלאַנץ, אַ געשיקטע פערזנפאָרם, אַ צוזאַמנגע-

שטעלטע פון געקליבענע ווערטער און פון האַרמאָנישע גראַמען. אויב מיר ווען זוכן אין די גראַוויורן פון דערדאָזיקער צייט, די קאָסטיומען פון איר טעאַטער, געפינען מיר אירע העלדן און אירע פּרינצעסינס מיט די פאַלבן, מיט די שטיקערייען, די שטיוולעטן, העלם־פעדערן, די שווערט און די גאַנצע קליידונג, גריכיש לויטן נאָמען, אָבער פראַנצויזיש לויטן געשמאַק און לויט די פאָרמען, וואָס דער קעניג, דער קרוינפּרינץ און די פּרינצעסינס האָבן פאַנאַנדערגעשפּרייט, אונטערן קלאַנג פון די פידלען, אין די הויף־באַלעטן.

באַמערקט אויך, אַז די אַלע פאַרשוינען זענען הויפלייט, קעניגן, קעניגינס, פּרינצן, פּרינצעסינס לויטן בלוט, אַמבאַסאַדאָרן, מיניסטאָרן, וואַך־קאַפּיטאַנען, קרוינפּרינץ־באַגלייטער און פאַרטרויטע. די מקורבים פון די פּרינצן זענען נישט דאָ, ווי אין דער אַלט־גריכישער טראַגעדיע, אַמען, הויז־שקלאַפן, געבוירענע אונטערן באַלעבאָס דאַך, נאָר פוץ־דאַמען, ערשטע שטאַלמייסטערס, פּאָרצימער־אדל־לייט, מיט אַ געוויסן ראַנג אין הויף; דאָס מערקט מען גלייך אין זייער טאַלאַנט צום רעדן, אין זייער געשיקטקייט צו חנפענען, אין זייער אויסגעצייכנטער דערציאונג, אין זייער געשמאַקפולער האַלטונג, אין זייערע מאָנאַרכיסטישע געפילן פון אונטערטאַנען און וואַסאַלן. זייערע הערן זענען, אַזוי גוט ווי זיי, פראַנצויזישע שררות פונם XVII־טן יאָרהונדערט — זייער שטאָלצע און זייער העפלעכע, העראָאישע אין די ווערק פון קאָרנעלן, איידלמוטיקע — ביי ראַסינען; זיי זענען גאַלאַנט מיט דאַמען, געטריי זייער נאָמען און זייער ראַסע, פעאיק מקריב צו זיין פאַר זייער ווירדע זייערע שטאַרקסטע אינטערעסן, זייערע טייערסטע ליידנשאַפטן, אומפעאיק זיך צו דערלויבן אַ וואָרט אָדער אַ זשעסט, וועלכער זאָל נישט זיין אין הסכם מיט די שטרענגסטע כּללים פון אָנשטענדיקייט. ווען ביי ראַסינען ווערט איפיגעניע איבערגעגעבן אין די הענט פון די פּריסטער, כּדי געקוילעט צו ווערן, באַדויערט זי נישט איר לעבן מיט טרערן פון אַ יונג מיידל, ווי ביי אוריפּידעסן; זי האַלט פאַר איר חוב נישט צו מורמלען, און געהאָרכזאַם צו זיין איר פאָטער, וואָס איז גלייכצייטיק איר קעניג, און נישט צו וויינען ביים שטאַרבן, ווייל זי איז אַ פּרינצעסין. אַכילעס, וועלכער

טרעט, ביי האָמערן, אויפן אָפּשטאַרבנדיקן קערפּער פון העק־
טאָרן, און פילט זיך נאָך אַלץ נישט געזעטיקט, און ווי אַ לייב
אָדער, ווי אַ וואָלף, וואָלט ער וועלן „עסן דאָס רויע פלייש״
פונם מענטשן, וואָס ער האָט באַזיגט; דערזעלבער אַכילעס
קומט אַרויס ביי ראַסינען אַ מין פּרינץ פון קאָנדע; ער איז
רייצנד און גלענצנד,ליידנשאַפטלעך ערגייציק, דינסטפּערטיק
אַרום פרויען, בלי ספק אַן אויפגעקאָכטע און אַ ברויזנדיקע
נאַטור, אָבער מיט דער איינגעהאַלטענער רירעוודיקייט פון
אַ יונגן אָפיציר, וואָס אין זיינע אויפגערעגטעסטע מאָמענטן,
פאַרשטייט ער ווי צו לעבן, און קיינמאָל נישט צו זיין גראָב.
די אַלע פאַרשוינען רעדן זייער העפלעך, און זענען זיך, ביי
זייער באַנעמונג מיט מענטשן, קיינמאָל נישט סותר. לייענט ביי
ראַסינען דעם ערשטן געשפּרעך פון אָרעסטן מיט פּירוסן, די
גאַנצע ראָל פון אַקאָמאַטן, פון אוליסעסן; מ׳האָט נאָך אינערגעץ
נישט באַגעגנט מער טאַקט און רעדנערישע געשיקטקייט, אַזעלכע
שאַרפזיניקע קאָמפּלימענטן און חניפות, אַזעלכע געלונגענע
התחלות, אַזאַ שנעלן איינפאַל, אַזאַ פלינקע צוזאַמענפּאַסונג און
אַזאַ פיינע אינסינואירונג פון ווערטפולע מאָטיוון. די צאַרנדיקסטע
און ווילדסטע ליבהאָבער, היפּאָליט, בריטאַניקוס, פּירוס, אָרעסט,
קסיפאַרעס, זענען פּערפעקטע ריטער, וואָס קאָמפּאָנירן גאַלאַנטע
לידעלעך און מאַכן קניקסן. ביי דער גאַנצער געוואַלטיקייט פון
זייער ליידנשאַפט, האַלטן זיך דאָך הערמיאָן, אַנדראָמאַך, באָק־
סאַן, בערעניקאַ, ביי דעם טאָן פון דער בעסטער געזעלשאַפט.
מיטרידאַט, פעדרע, אַטאַליע הויכן אויס די נשמה, אַרויסזאָגנדיק
גאַנץ קאָרעקטע זאַצן. אַ פּרינץ איז מחויב צו פּרעזענטירן ביז
צום סוף, און צו שטאַרבן מיט פייערלעכקייט. מען וואָלט קאָנען
אָנרופן דאָסדאָזיקע טעאַטער — אַ פיינע שילדערונג פון דער
הויכער געזעלשאַפט. עס שטעלט מיט זיך פאָר, ווי די גאָטישע
אַרכיטעקטור, אַ שאַרף־בולטע און פאַרענדיקטע פאָרם פונם
מענטשלעכן גייסט; דערפאַר טאַקע איז עס געוואָרן אַזוי אַל־
וועלטלעך, ווי די גאָטישע אַרכיטעקטור גופא. מ׳האָט עס אימ־
פּאָרטירט און נאָכגעמאַכט צוזאַמען מיט דער ליטעראַטור, מיט
דעם געשמאַק און מיט די זיטן, וואָס באַגלייטן עס, אין אַלע
אייראָפּעאישע הויפן: אין ענגלאַנד — נאָך דער צוריקשטעלונג פון

די סטיואַרטס ; אין שפּאַניען — נאָכן פאַרנעמען דעם טראָן דורך די בורבאָנס, אין איטאַליען און אין דייטשלאַנד, אין רוסלאַנד — אין XVIII-טן יאָרהונדערט. מען קאָן זאָגן, אַז אין יענער צייט האָט פראַנקרייך דערצויגן אייראָפּע, און איז געווען אַ קוואַל פון עלעגאַנץ, פון חן, פון גוטן סטיל, פון פיינע געדאַנקען, פון באַנעמונג ; און, ווען אַ ווילדער מאָסקוויטש, אַ כאַמעוואַטער דייטש, אַ געפּענטעטער ענגלענדער, אַ באַרבאַר אָדער אַ האַלבער באַרבאַר פונם צפון, האָט איבערגעלאָזט זיין בראָנפן, זיין ליולקע, זיינע פּעלצן, זיין יעגעריש און גראָב-דאָרפיש לעבן, פלעגט ער קומען אין אונזערע סאַלאָנען און אונזערע ביכער זיך לערנען די קונסט צו באַגריסן, צו שמייכלען און צו שמועסן. —

VIII

דידאָזיקע גלענצנדע געזעלשאַפט האָט נישט לאַנג גע-דויערט ; טאַקע איר אַנטוויקלונג גופא איז געווען די סיבה פון איר צעפאַלן זיך. היות די רעגירונג איז געווען אַן אַבסאָ-לוטיסטישע, איז זי סוף כל סוף געוואָרן נאַכלעסיק און טיראַניש ; דער-צו האָט דער קעניג אַוועקגעגעבן אַלע אַמטן און אַלע זיינע חסדים זיינע הויף-פריצים, וואָס זענען געווען איינגייער אין זיין סאַלאָן. דערדאָזיקער פאַקט האָט אויסגעזען אַ אומגערעכטיקייט אין די אויגן פון דער בורזשואַזיע און פונם פאָלק, וועלכע זענען מיט דער צייט זייער רייך געוואָרן, זייער אויפגעקלערט, האָבן זיך צעוואַקסן אין דער צאָל, און זיך דערפילט מעכטיקער, וואָס מער די אומצופרידנהייט זייערע האָט זיך געשטאַרקט. זיי האָבן געמאַכט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, און נאָך צען יאָר אומרואיקייט, אַוועקגעשטעלט דעם דעמאָקראַטישן און גלייכבאַרעכטיק-דיקן רעזשים, אַ׳ן וועלכן אַלע אַמטן זענען צוגענגלעך פאַר אַלע, געוויינלעך, נאָך פריפונגען און עקזאַמענס, לויט פעסטע כללים פון אַוואַנס: ביסלעכוויז האָבן די מלחמות פונם קייזרטום און דאָס אָנשטעקן זיך מיטן ביישפּיל אַריבערגעטראָגן דעמדאָזיקן רעזשים איבער די גרענעצן פון פראַנקרייך, און מען קאָן היינט פאַרזיכערן, אַז, מיט געוויסע אונטערשיידן פון אָרט און צייט, שטרעבט גאַנץ אייראָפּע אים איינצופירן. דערדאָזיקער נייער

סדר פון דער געזעלשאַפט, צוזאַמען מיט דער דערפינדונג פון אינדוסטריעלע מאַשינען, מיט דעם שטאַרקן מילדערן זיך פון די זיטן, האָט איבערגעאַנדערשט דעם גורל און דערמיט אויך דעם כאַראַקטער פון די מענטשן. אַצינד זענען זיי פריי פון ווילקיר און געשיצט דורך אַ גוטער פּאָליציי. פון וואָסער אַ נידריקן יחוס זיי זאָלן נישט זיין שטייען אַלע מינים קאַריערעס פאַר זיי אָפן; די געוואַלטיקע פאַרמערונג פון אַלע נוצלעכע זאַכן, דערמעגלעכט די גרעסטע אָרעמעלייט פאַרגעניגנס און באַקוועמלעכקייטן, פון וועלכע ס׳האָבן נישט געוווסט, מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, אַפילו די רייכע. פון אַן אַנדערער זייט, איז, אין דער געזעלשאַפט ווי אין דעם פאַמיליען-לעבן, מילדער געוואָרן דאָס שטרענגע באַפעלן; דער פאָטער איז געוואָרן פאַר זיינע קינדער אַ חבר, אין דער זעלבער צייט, וואָס דער בירגער איז געוואָרן גלייכגעשטעלט מיטן אַדעליקן; קורץ, אויף אַלע זיכטבאַרע געביטן פונם מענטשלעכן לעבן איז די לאַסט פון אומגליק און אונטערדריקונג לייכטער געוואָרן.

אָבער, אַלס קעגנווירקונג, האָבן אַמביציע און חשק צעשפּרייט זייערע פליגל. געניסנדיק פון ווילשטאַנד, און דערשמעקנדיק גליק, האָט זיך דער מענטש צוגעוווינט צו קוקן אויף גליק און ווילשטאַנד, ווי אויף זאַכן, וועלכע קומען אים. וואָס מער ער האָט געקריגן, אַלץ מער האָט ער פאַרלאַנגט, און זיינע פאָדערונגען האָבן איבערגעשטיגן זיינע אויסגעקעמפטע מעגלעכקייטן. גלייכצייטיק זענען זיך די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן ריזיק צעוואַקסן, די בילדונג האָט זיך פאַרשפּרייט און דאָס פרייע דענקען האָט זיך אַ נעם געטאָן צו כלערליי וואַגענישן; פונדאַנען איז געקומען, אַז מענטשן האָבן פאַרלאָזט די טראַדיציעס, וואָס פלעגן אַמאָל רעגולירן זייערע איבערצייגונגען און האָבן זיך געהאַלטן פאַר פעאיק צו דערלאַנגען, מיטן בלויזן כח פונם שכל, צו די העכערע אמתן. מאָראַל, רעליגיע, פּאָליטיק, אַלץ האָבן זיי געשטעלט אונטער אַ פראַגע-צייכן; זיי האָבן געזוכט, טאַפּנדיק אויף אַלע וועגן, און זייט אַכציק יאָר ווינען מיר ביי אַ משונהדיקע מחלוקה פון סיסטעמען און סעקטעס, וועלכע טוישן זיך קעגנזייטיק, כדי אונז צו שאַפן אַ נייע תורה, און אונז צו דערלאַנגען אַ פולקאָם גליק.

אַזאַ מצב איז זייער שטאַרק משפיע אויף די אידייען און אויף די גייסטער. דער הערשנדער העלד, איך מיין דער מענטש, וואָס פאַרנעמט די בינע, און וועמען די צושויער שענקען זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און סימפּאַטיע, איז דער טרויעריקער און טרוימערישער מענטש פון אַמביציעס, אַ רענע, אַ פּאַאוסט, אַ ווערטער, אַ מאַנפרעד, אַ האַרץ, אַ נישט באַפרידיקטס, פול מיט נעפּלדיקער בענקשאַפט, און אומגליקלעך — גאָרנישט צום אויסהיילן. ער איז אומגליקלעך צוליב צוויי טעמים, — ערשטנס איז ער צו עמפּינדלעך; ער נעמט זיך צו שטאַרק צום האַרצן קליינלעכע יסורים, נויטיקט זיך צופיל אין זאַנפטע און אין פאַרגעניגנדיקע איינדרוקן; ער איז צו שטאַרק צוגעוווינט צו ווילטאָג; ער האָט נישט געקריגן אַזאַ דערציאונג, ווי אונזערע אבות, אַ האַלבפעאָדאַלע און אַ האַלב-דאָרפישע; זיין פאָטער האָט אים נישט האַרט באַהאַנדלט; אין גימנאַזיום איז ער נישט געשמיסן געוואָרן, מ׳האָט אים נישט געצוווּנגען צו בלייבן שטום און פול מיט יראת הכבוד אין דער קעגנוואַרט פון דערוואַקסענע; זיין אַנטוויקלונג איז נישט פאַרשפּעטיקט געוואָרן דורך קיין הויזלעכער דיסציפּלין; ער איז נישט געווען געצווונגען, ווי די פון די אַמאָליקע צייטן, זיך צו באַדינען מיט זיינע אייגענע הענט און מיט זיין שווערד, צו רייטן אויפן פערד, צו שלאָפן אויף אַ שלעכט געלעגער. די לוי-וואַרמע לופט פונם מאָדערנעם וווילשטאַנד און פון די היימזיצערישע מנהגים האָבן אים געמאַכט פאַר ווייך, נערוועז, רייצבאַר, פאַר ווייניקער פעאיק זיך צוצופאַסן צום לעבנס-אימפּעט, וועלכער פאַראורזאַכט אַלעמאָל פיין און פאָדערט אַלעמאָל אָנשטרענגונג. — צווייטנס, איז ער סקעפּטיש געשטימט. די אויפטרייסלונג, וואָס די רעליגיע און די געזעלשאַפט האָבן באַקומען, דער מישמאַש פון לערעס, דאָס אַריינרייסן זיך פון נייקייטן, די פריצייטיקע אַנטוויקלונג פון זיין שכל, וועלכער איז צו שנעל אויסגעבילדעט און צו שנעל אָפּגעלאָזט געוואָרן אויף אייגענער אחריות, דאָס אַלץ שליידערט אים אַרויס, גאַנץ יונג, און אָן שום תכלית, פונם אויסגעטראָטענעם וועג, אויף וועלכן זיינע אבות זענען געגאַנגען דורך געוווינהייט, אונטער דער פירונג פון דער טראַדיציע און אונטערן כח פון אויטאָריטעטן. היות אַלץ וואָס האָט געדינט דעם גייסט

אַלס גדר איז אַרונטערגעריסן געוואָרן, לאָזט זיך דער מאָדערנער מענטש פריי לויפן איבער דעם ברייטן נעפלדיקן פעלד, וואָס עפנט זיך פאַר זיינע אויגן. זיין נייגעריקייט און זיין אַמביציע זענען געוואָרן איבערמענטשלעכע — יאָגן זיי זיך נאָך אַן אַבסאָלוטן אמת און נאָך אַן אומענדלעך גליק. די ליבע, דער רום, דאָס וויסן, די מאַכט ווי מיר באַגעגענען זיי דאָ, אויף דער וועלט, זענען נישט ביכולת אים צו באַפרידיקן, און די אוממעסיקייט פון זיינע פאַרלאַנגען, געררייצטע דורך דער נישט גענוגנדיקייט פון זיינע דעראָבערונגען, און דורך דער נישטיקייט פון זיינע פאַרגעניגנס, לאָזט אים אַ באַטריבטן אויף זיינע אייגענע חורבות, בעת זיין מידע, צעקלאַפּטע און מאַכטלאָזע פאַנטאַזיע איז נישט ביכולת אים פאָרצושטעלן דעם "וווהין", נאָך וועלכן ער גאַרט, און דעם „גאָט־ווייסט־וואָס", וועלכער פעלט אים. דידאָזיקע קראַנקהייט איז אָנגערופן געוואָרן די קראַנקהייט פון דער תקופה *) ; מיט אַ יאָר פערציק צוריק איז זי געווען אין איר פולער קראַפט, און עקזיסטירט נאָך אַפילו היינט אונטער דער שיינבאַרער קאַלטקייט אָדער טריבער געפיללאָזיקייט פונם פאָזיטיוויסטישן צייט־גייסט.

איך האָב נישט די געהעריקע פרייע צייט אייך צו ווייזן די אָן אַ שיעור ווירקונגען, וואָס אַזאַ שטימונג האָט אויף כלערליי קונסטווערק. איר וועט זען אירע סימנים אין דער גרויסער אַנטוויקלונג פון דער פילאָזאָפישער, לירישער און טרויעריקער דיכטונג, אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד, אין דער איבעראַנדערשונג און אין דער באַרייכערונג פון דער שפּראַך, אין דעם דערפינדן נייע זשאַנרס און נייע טיפן, אינם סטיל און אינם אופן ווי עס פילן אַלע גרויסע, מאָדערנע שריפטשטעלער, פון שאַטאָבריאַנען ביז באַלזאַקן, פון געטהען ביז היינען, פון קאָאופערן ביז בייראָנען, פון אַלפיערי ביז לעאָפּאַרדין. איר וועט געפינען ענלעכע סימפטאָמען אין די צייכנונג־קונסטן, אויב איר באַטראַכט זייער פיבערדיקן סטיל, דעם אויסגעמוטשעטן, אָדער דעם פיינלעך אַרכעאָלאָגישן, זייער יאָגן זיך נאָך דראַמאַטישע

*) אייגנטלעך : „די קראַנקהייט פונם יאָרהונדערט :„שטורעם און דראַנג" —
(באַמ. פ. איב.)

עפעקטן, נאָך פסיכאָלאָגישן אויסדרוק, און נאָך לאָקאַלער פּינקט־לעכקייט, אויב איר קוקט זיך צו צו דער בהלה, וואָס האָט אָנגעברוגזט איין שול אויף דער צווייטער און קאַליע געמאַכט די ביזהעריקע פּאָרטלען, אויב איר גיט אַכטונג אויף דער שפּע פון טאַלאַנטן, וועלכע, געטריבן דורך נייע עמאָציעס, האָבן גע־עפנט נייע וועגן, אויב איר שיילט אויס דאָס טיפע געפיל פאַר פעלד און דאָרף, וועלכעס האָט אַרויסגערופן אַן אָריגינעלע און פאָלקאָמע לאַנדשאַפטס־מאָלעריי. ס'איז אָבער פאַראַן נאָך אַנאַנדער קונסט, די מוזיק, וועלכע האָט פּלוצים אָנגענומען אַן אויסערגע־וויינלעכע אַנטוויקלונגס־פאָרם; דידאָזיקע אַנטוויקלונגס־פאָרם איז טאַקע איינע פון די הויפּט־שטריכן פון אונזער תקופה. איך וועל פּרווון אייך דאָ צו ווייזן דעם שייכות וואָס זי האָט מיטן מאָדערנעם גייסט, און ווי אַזוי זי איז מיט אים געבונדן.

דידאָזיקע קונסט איז געבוירן געוואָרן, נויטווענדיק, אין די צוויי לענדער, ווו בטבע זינגט מען. אין איטאַליען און אין דייטשלאַנד. אין איטאַליען האָט זי זיך פאַרגעברייט שטילער־הייט, אין משך פון אָנדערטהאַלבן יאָרהונדערטן, פון פּאַלעסטרינאַ ביז פּערגאָלעז, ווי אַמאָל די מאָלעריי, פון דזשיאָטאָ ביז מאַסאַ־טשיאָ; זי האָט אַנטדעקט אירע פּאָרטלען, און טאַפּנדיק דעם וועג, געשטרעבט צו דערווערבן אירע מיטלען. ערשט שפּעטער, אין אָנהויב פונם XVIII־טן יאָרהונדערט, טוט זי זיך מיט אַמאָל אַ הויב אויף, אַ דאַנק סקאַרלאַטין, מאַרצעלאָן און הענדעלן. דערדאָזיקער מאָמענט איז באַזונדערס מערקווירדיק. דאַמאָלסט בעמלעך ענדיקט זיך די מאָלעריי אין איטאַליען, און אין סאַמע טיפסטער פּאָליטישער אָפּגעלאָזנקייט, בליען אויף די פאַרווייכטע, תאווהדיקע זיטן, וואָס שאַפן אַ געזעלשאַפט פון „הויז־פריינט", פון לינדאָרס *), פון שיינע, פאַרליבטע דאַמען מיט סענטימענ־טאַלע צערטלעכקייטן און מיט „אָפּערן־רולאַדן". ערשט דאַמאָלסט גיט זיך עס איין דעם ערנסטן און וואָגיקן דייטשלאַנד, וואָס איז שפּעטער פון אַלע געקומען צום אייגענעם באַוווסטזיין,

---

*) „לינדאָר" — פאַרשוין פון דער שפּאַנישער ליטעראַטור, דער מין טיפּ פאַרליבטער מיט דער גיטאַרע אונטערן אָרעם, וועלכער זיפצט הינטער די פענצטער.
(באַמערקונג פ. איב.)

אַרויסצווייזן אין דער קירכנמוזיק פֿון אַ סעבּאַסטיאַן באַך, די
גרויסקייט און די שטרענגקייט פֿון זיין רעליגיעזן געפֿיל, די
טיפֿקייט פֿון זיין וויסן, און דעם נעפּלדיקן טרויער פֿון זיינע
אינסטינקטן, איידער נאָך עס קומט צו צום ענוואַנגעלישן עפּאָס
פֿון אַ קלאָפּשטאָק. אין דער אַלטער נאַציע, ווי אין דער נייער,
הויבט אָן צו הערשן די שטרעמונג צו ברענגען צום אויסדרוק
דאָס געפֿיל. צווישן זיי ביידע, קומט דאָס האַלב־גערמאַנישע,
און האַלב־איטאַליענישע עסטרייך, וואָס פֿאַרקערפּערט אין זיך
דעם גייסט פֿון די ביידע נאַציעס צוזאַמען, און גיט אַרויס
אַ האַידן, אַ גלוק, אַ מאָצאַרט, און מיט דער התקרבות פֿון
דער גרויסער זעלן־דערשיטערונג, וועלכע מען רופֿט פֿראַנצויזישע
רעוואָלוציע, ווערט די מוזיק קאָסמאָפּאָליטיש און אַלוועלטלעך,
ווי אַמאָל די מאָלעריי, אונטערן שטויס פֿון יענער גרויסער
גייסטיקער באַנייאונג, וועלכע מען רופֿט רענעסאַנס. די דער־
שיינונג פֿון דערדאָזיקער נייער קונסט איז לחלוטין קיין ווו־
דער נישט, זי איז אַנטשפּרעכנד דעם דערשיינען פֿון אַ נייעם
זשעני, דעם זשעני פֿון יענעם הערשנדן העלד, פֿון יענעם
אומרואיקן און גליענדיקן חולה, וואָס איך האָב זיך באַמיט אייך
צו שילדערן; צו אָט דער נשמה האָבן טאַקע גערעדט בעטהאָווען,
מענדעלזאָן און וועבער; פֿאַר אים טאַקע פּרוּוון היינט צו
שרייבן מעערבער, בערליאָז און ווערדי; צו איר איבערגעטרי־
בענער און ראַפֿינירטער פֿילבאַרקייט, צו אירע אומקלאָרע און
גוזמאדיקע אַספּיראַציעס, ווענדט זיך היינט די מוזיק. זי איז
דורך און דורך געשאַפֿן פֿאַר דערדאָזיקער עובֿדה, און קיין
שום אַנדערער קונסט געלינגט עס נישט אַזוי גוט צו דערפֿילן די־
דאָזיקע עובֿדה, ווי איר, דער מוזיק. — ווייל, ערשטנס, איז זי
אַ מער־ווייניקער ווייטע נאָכאַמונג פֿונם געשריי, וועלכער איז
אַן אוממיטלבאַרער, נאַטירלעכער און פֿולער אויסדרוק פֿון דער
ליידנשאַפֿט, און וואָס ווירקנדיק אויף אונז דורך אַ קערפּערלע־
כער דערשיטערונג וועקט ער אויף, אויגנבליקלעך, אונזער אומ־
פֿרייוויליקע סימפּאַטיע; אַזוי, אַז די ציטערדיקע צאַרטקייט
פֿונם גאַנצן נערוון־וועזן באַגעגנט אין איר אַן אָנרעגונג, אַ ווי־
דערקול, און אַן עובֿדה. — צווייטנס. היות די מוזיק איז געגרינ־
דעט אויף אַ שייכות פֿון קלאַנגען, וואָס מאַכן נישט נאָך קיין

שום לעבעדיקע פאָרם, און װעלכע שײַנט צו זײַן, דערהױפּט אין דער אינסטרומענטאַלער מוזיק, חלומות פון אַ נישט פאַרקער־פערטער נשמה, פאַסט זי בעסער װי יעטװעדער אַנדערע קונסט, אױסצודריקן שװאַנקנדיקע געדאַנקען, אומפאָרמיקע טרױמערײַען, פאַרלאַנגען אָן אַ ציל און אָן אַ גרענעץ, דעם גראַנדיעזן און װײַטאָקדיקן מיש־מאַש פון אַ באַטריבט האַרץ, װאָס האָפט אױף אַלץ און בינדט זיך צו גאָרנישט צו. און דערפאַר טאָקע איז זי, מיט אַלע צאַפּלעניש, אומצופרידנקײטן און האָפנונגען פון דער מאָדערנער דעמאָקראַטיע, אַרױס פון אירע געבורטס־געגנדן, אום זיך צו פאַרשפרײטן איבער גאַנץ אײראָפּע; און דערפאַר זעט איר הײַנט, װי די פאַרװיקלטסטע סימפאָניעס ציען צו די מאַסן, אַפילו אין אָט דעם פראַנקרײַך, װוּ די נאַציאָנאַלע מוזיק האָט זיך ביז אַהער באַגרעניצט בלױז מיט װאָדעװילן און מיט לידער.

IX

אָט דאָס זענען, מײַנע הערן, גרױסע בײַשפּילן, װעלכע זענען, לױט מײַן מײנונג, גענוגנד פעסטצושטעלן דאָס געזעץ, װאָס איז חל אױפן דערשײַנען פון די קונסטװערק און אױף זײַער כאַראַקטער. נישט נאָר זײַ שטעלן עס פעסט, נאָר זײ באַצײכענען עס גענױ. אין אָנהױב פון דערדאָזיקער לעקציע האָב איך אײַך געזאָגט, אַז דאָס קונסטװערק װערט באַשטימט דורך אַ קאָמפּלעקס, װעלכער באַשטײט פונם אַלגעמײנעם מצב פונם גײסט און פון די אַרומיקע זיטן. מיר קענען איצט מאַכן אַ שריט װײַטער, און באַצײכענען גענױ אַלע רינגען פון דער קײט, װאָס פאַרבינדט די ערשטע סיבה מיט איר לעצטן פּועל־יוצא.

אין די פאַרשידענע פאַלן װעלכע מיר האָבן אונטערזוכט, האָט איר קודם־כּל באַמערקט אַן אַלגעמײנע לאַגע, דאָס הײסט, אַן אַלגעמײן פאַראַנען זײַן פון אַ געװיסן גוטס און פון אַ געװיסן שלעכטס: אַ מצב פון קנעכטשאַפט אָדער פון פרײַ־קײט, פון אָרעמקײט אָדער פון רײַכקײט, אַ געװיסע פאָרם פון בעזעלשאַפטלעכקײט, אַ באַשטימטער מין רעליגיע; אין גריכנלאַנד,

למשל, אַ פריי־שטאָט, אַ קריגערישע און אַ פּאַרזעענע מיט שקלאַפן; אין מיטלאַלטער — אונטערדריקונג, אינוואַזיע, פעאָדאַלע רציחות, דאָס עקזאַלטירטע קריסטנטום; אין זיבעצנטן יאָרהונדערט — דאָס הויף־לעבן; אין ניינצנטן — די אינדוסטריעלע און ווילקענעוודיקע דעמאָקראַטיע; בקיצור — אַ צוזאַמענשטעל פון אומשטענדן, אונטער וועלכע די מענטשן פילן זיך געבויגן און אונטערגעוואָרפן.

דידאַקטיקע לאַגע אַנטוויקלט אין זיי אַנטשפּרעכנדע באַדערפענישן, פאַרשידנאַרטיקע פעאיקייטן, באַזונדערע געפילן, למשל: אַ נייגונג צו פיזישער טעטיקייט אָדער צו טרוימעריי; ביי די — האַרטקייט; ביי יענע — מילדקייט; טיילמאָל — דעם קריגערישן אינסטינקט, טיילמאָל — דעם טאַלאַנט צום רעדן, טיילמאָל — דעם פאַרלאַנג צו געניוס, און הונדערטער אַנדערע שטימונגען, פאַרשידנאַרטיקע און פאַרוויקלטע. אין גריכנלאַנד טרעפן מיר אַ קערפּערלעכע פולקאָמענהייט, אַ גלייכגעוויכט פון אייגנשאַפטן, וועלכע ווערט נישט געשטערט פון קיין שטאַרקן מח־לעבן אָדער פון אַ צו שטאַרקער אָנשטרענגונג דורך האַנט־אַרבעט; אין מיטלאַלטער טרעפן מיר די אוממעסיקייט פון אַ צערייצטן כח־הדמיון און די ווייכקייט פון אַ ווייבערישער פילבאַרקייט; אין זיבעצנטן יאָרהונדערט — אַ וועלט, וואָס ווייסט ווי זיך צו באַנעמען, ווירדיקייט פון אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען; אין די מאָדערנע צייטן — די גרויסקייט פון צעלאָזטע אַמביציעס אין די אומלוסט פון נישט געזעטיקטע פאַרלאַנגען.

אָבער, אָט די גרופּע געפילן, באַדערפענישן און פעאיקייטן, ווען זי באַווייזט זיך אין איינער און אין דערזעלבער נשמה אין איר פולער גאַנצקייט און מיט קראַפט, בילדעט זי טאַקע יענעם הערשנדן טיפּ, דאָס הייסט, דעם מאָדעל, וועלכן די מענטשן פון דער אַנטשפּרעכנדער צייט רינגלען אַרום מיט זייער באַוואונדערונג און מיט זייער סימפּאַטיע. אין גריכנלאַנד איז דערדאָזיקער טיפּ געווען דער שיינער נאַקעטער בחור, דער מושלם אין כלערליי קערפּערלעכע איבונגען; אין מיטלאַלטער — דער עקסטאַטישער מאָנאַך און דער פאַרליבטער ריטער; אין זיבעצנטן יאָרהונדערט — דער פּערפעקטער הויף־הער; אין אונזער צייט איז עס דער אומרזעטלעכער און טרויעריקער פויסט אָדער ווערטער.

היות, אָבער, דערדאָזיקער טיפּ איז דער אינטערעסאַנטסטער, דער וויכטיקסטער און דער אָנגעזעענסטער פון אַלע, איז ער דאָס דער, וועלכן די קינסטלער שטעלן פאַר דער עפנטלעכקייט אַמאָל קאָנצענטרירט אין אַ לעבעדיקער געשטאַלט, אויב די קונסט זייערע איז, ווי די מאָלעריי, די סקולפּטור, דער ראָמאַן, דער עפּאָס און דאָס טעאַטער, אַ נאָכאַמונגס-קונסט; און אַמאָל צעזייט און צעשפּרייט אין אירע יסודות, ווען זייער קונסט רופט צו זיך, ווי אַרכיטעקטור און מוזיק, עמאָציעס, נישט שאַפנדיק דערביי קיין ממשותדיקע געשטאַלטן. מען קאָן אַלזאָ אויסדריקן זייער גאַנצע אַרבעט זאָגנדיק, אַז אַמאָל שטעלן זיי פאַר דעמדאָזיקן טיפּ, און אַמאָל ווידער, ווענדן זיי זיך צו אים גופא: זיי ווענדן זיך צו אים, אין די סימפאָניעס פון בעטהאָווענען, און אין די רויזן-אָרנאַמענטן פון די קאַטעדרעס; זיי שילדערן אים, אין אַזעלכע אַלטערטימלעכע סטאַטועס ווי דער „מעלעאַגער" און די „ניאָבידן", אינם אַגאַמעמנאָן און אין דעם אַכילעס פון ראַסינען. אַזוי, אַז די גאַנצע קונסט הענגט אָפּ פון אים, ווייל די גאַנצע קונסט באַמיט זיך אָדער אים צו געפעלן, אָדער אים צו ברענגען צום אויסדרוק.

אַן אַלגעמיינער מצב, וואָס רופט אַרויס פאַרשידנאַרטיקע בייגונגען און זעלישע אייגנשאַפטן; אַ הערשנדער טיפּ, ביי וועלכן דידאָזיקע בייגונגען און זעלישע אייגנשאַפטן בילדן דעם הויפּט-כאַראַקטער; קלאַנגען, פאָרמען, פאַרבן און ווערטער, וועלכע מאַכן דעמדאָזיקן טיפּ בולט, אָדער וועלכע זענען אין הסכם מיט די בייגונגען און מיט די זעלישע אייגנשאַפטן, פון וועלכע ער איז צונויפגעשטעלט, אָט דאָס זענען די פיר יסודות פון דער סעריע. דער ערשטער יסוד ציט מיט זיך מיט דעם צווייטן, וועלכער ציט מיט זיך מיט דעם דריטן, און אָט דער — דעם פערטן; אַזוי גוט, אַז די מינדעסטע ענדערונג פון איינעם פון דידאָזיקע יסודות, רופט אַרויס אַן אַנטשפּרעכנדע ענדערונג אין די, וואָס קומען אים נאָך, אַנטפּלעקט אַן אַנטשפּרעכנדע ענדערונג אין די, וואָס קומען פאַר אים, און דערמעגלעכט אַזוי-אַרום, מיט דער הילף פון אַ ריין-שכלדיקער באַווייזפירונג, אַרונטערצוגיין אָדער אַרויפצוגיין פון איין יסוד צום

צווייטן. *) אויף וויפֿל איך קאָן אורטיילן, איז דידאַזיקע פֿאָרמול אין זיך אַלצדינג כולל. און אויב אַצינד שטעלט מען אַריין, צווישן אירע פֿאַרשידענע יסודות, די נעבן־סבות, וועלכע קומען אונטער אום צו ענדערן אירע ווירקונגען; אויב ביים דערקלערן די געפֿילן פֿון אַ צייט, גיט מען צו צו דער אונטערזוכונג פֿון דער סביבה, אויך אַן אונטערזוכונג פֿון דער ראַסע; אויב ביים אונטערזוכן די קונסטווערק פֿון אַ יאָרהונדערט, נעמט מען אין באַטראַכט, אַ חוץ די הערשנדע נייגונגען פֿונם יאָרהונדערט, אויך יעדן באַזונדערן מאָמענט אין דער קונסט, און די באַזונדערע געפֿילן פֿון יעטוועדער קינסטלער, וועט מען קענען אַרויסבאַקומען פֿונם געזעץ, נישט נאָר די גרויסע רעוואָלוציעס און די אַלגעמיינע פֿאָרמען פֿון דער מענטשלעכער פֿאַנטאַזיע, נאָר אויך די אונטערשידן פֿון די נאַציאָנאַלע שולן, די אומאויפֿהערלעכע פֿאַרענדערונגען פֿון די כלערליי סטילן, און אַזוי ווייטער, ביז די אָריגינעלע כאַראַקטער־שטריכן אינם שאַפֿן פֿון יעדן גרויסן מענטשן. אַזויערנאָך געפֿירט, וועט די דערקלערונג זיין אַ גאַנצע, ווייל זי וועט גלייכצייטיק אָפּגעבן דין וחשבון פֿון די אַלגעמיינע שטריכן, וואָס בילדן די שולן און פֿון די באַזונדערע שטריכן, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם יחיד. מיר וועלן אונטערנעמען דידאָזיקע אַרבעט איבער דער איטאַליענישער מאָלעריי; די אַרבעט איז אַ לאַנגע און אַ שווערע, און מיר איז נויטיק אייער גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט, כדי זי צו דערפֿירן ביז צום סוף.

X

אָבער, קודם כל, מיינע הערן, קאָנען מיר שוין פֿון איצט אָן קומען, דורך אונזערע פֿאָרשונגען, צו אַ פּראַקטישער און פּערזענלעכער אויספֿירונג. איר האָט געזען, אַז יעדע אויסער־

*) מען קאָן זיך באַדינען מיט דעמדאָזיקן געזעץ ביים שטודירן די ליטעראַטורן און די פֿאַרשידענע קונסטן. דאָ האַנדלט זיך אין אַרונטערגיין פֿונם פּערטן יסוד צום ערשטן, און צוליב דעם, דאַרף מען גענוי פֿאָלגן די אָרדנונג פֿון דער סעריע. (באַמערקונג פֿונם מחבר.)

לעכע לאַגע רופט אַרויס אירן אַ גייסטיקן מצב און מיט דער צייט, אַ גרופּע קונסטווערק, וועלכע אַנטשפּרעכן דעמדאָזיקן מצב. דערפאַר דאַרף יעדע ניי־געשאַפענע לאַגע אַרויסרופן אַ נייעם גייסטיקן מצב און מיט דער צייט, אַ גרופּע נייע קונסט־ווערק. און דערפאַר אויך דאַרף די סביבה, וועלכע האַלט זיך היינט אין שאַפן, אַרויסרופן אירע קונסטווערק, פּונקט אַזוי גוט, ווי די סביבות, וואָס זענען געווען פאַר איר. און דאָס איז נישט קיין סתם־השערה, געגרינדעט אויף פרומע ווינטשן און אויף האָפנונגען; דאָס איז אַ פועל־יוצא פון אַ כלל, וועלכער שפּאַרט זיך אָן אויף דער אויטאָריטעט פון דער דערפאַרונג, און אויפן עדות־זאָגן פון דער געשיכטע; וויבאַלד אַ געזעץ איז באַגרינדעט, גילט עס פאַרן מאָרגן אַזוי גוט ווי פאַרן נעכטן, און דער צוזאַמענהאַנג, וואָס זאַכן האָבן מיטאַנאַנדער, באַגלייט זיי אין דעם עתיד, ווי אין דעם עבר. מען דאַרף אַלזאָ נישט זאָגן אַז היינט איז די קונסט אויסגעשעפּט. אמת, אַז געוויסע שולן זענען געשטאָרבן און קאָנען שוין מער נישט צוריק אויפ־לעבן; אַז געוויסע קונסטן שטאַרבן אָפּ, און די צוקונפט, אין וועלכער מיר גייען איצט אַריין, פאַרשפּרעכט זיי נישט די גע־העריקע יניקה, אין וועלכער זיי נויטיקן זיך. אָבער די קונסט גופא, וואָס איז די אייגנשאַפט צו באַמערקן און צו ברענגען צו דעם הויפּט־כאַראַקטער פון די זאַכן, זי, די קונסט, איז אַזוי דויערהאַפט ווי די ציוויליזאַציע, פון וועלכער זי איז דאָס בעסטע ווערק און דער בכור. ווי וועלן אויסזען די פאָרמען אירע און וועלכע פון די פינף גרויסע קונסטן וועט ברענגען דעם געהעריקן פ ו ר ע ם *) פאַר די געפילן פון דער צוקונפט, אין דערדאָזיקער חקירה, זענען מיר נישט מחויב זיך שוין היינט אַריינצולאָזן. וואָס מיר האָבן אָבער יאָ רעכט צו פאַרזי־כערן איז, אַז נייע פאָרמען וועלן זיך באַווייזן און אַז אַ פ ו ר ע ם וועט זיך שוין געפינען. ווייל מיר דאַרפן בלויז עפענען די אויגן,

*) פורעם: אַן אַלט־יידיש וואָרט, וואָס דאַרף נישט פאַרמישט ווערן מיטן אַבסטראַקטן וואָרט פ אָ ר ם, און באַצייכנט אַן אויסגעהוילטן מאָדעל, וואָס איז באַשטימט צוגעבן אַ פאָרם דעם מאַטעריאַל וואָס מען לייגט אָדער גיסט אין אים אַריין.

אום צו באַמערקן ווי אין דער לאַגע איז פאָרגעקומען אַזאַ טיפע, אַזאַ אַלגעמיינע און גיכע ענדערונג, אַז קיין שום יאָרהונדערט האָט נאָך איר גלייכן נישט געזען. די דריי סיבות, וואָס האָבן אויסגעפאָרמט דעם מאָדערנעם גייסט, אַרבעטן אַלץ ווייטער, און זייער ווירקונג פאַרשטאַרקט זיך. יעדער פון אייך ווייסט, אַז די דערפינדונגען אויפן געביט פון דער פּאָזיטיווער וויסנשאַפט פאַרמערן זיך פון טאָג צו טאָג, אַז די געאָלאָגיע, די אָרגאַ־נישע כעמיע, די געשיכטע, גאַנצע צווייגן פון דער זאָאָלאָגיע און פון דער פיזיק זענען פּראָדוקטן פון דער היינטיקער צייט; אַז דער פּאָרטשריט פון דער דערפאַרונג איז אומענדלעך; אַז די אָנווענדונגען פון די דערפינדונגען זענען אומבאַגרענעצט; אַז אויף אַלע געביטן פון אַרבעט: טראַנספּאָרט, קאָמוניקאַציע, קולטור, מלאכה, אינדוסטריע, וואַקסט און פאַרשפּרייט זיך די מאַכט פונם מענטשן מיט יעדן יאָר, און שטייגט איבער אַלע האָפנונגען. יעדער פון אייך ווייסט אויך, אַז דער פּאָליטישער מעכאַניזם פאַרבעסערט זיך אינם זעלבן זין, אַז די געזעלשאַפטן, וואָס זענען היינט פאַרנונפטיקער און מענטשלעכער, שטייען אויף דער וואָך פאַרן אינערלעכן שלום, שיצן די טאַלאַנטן, קומען צו הילף די שוואַכע און די אָרעמע; קורץ, אַז פון אַלע זייטן, און מיט אַלע וועגן קולטיווירט דער מענטש זיין פאַרשטאַנד און ס׳פאַרגרינגערט זיך זיין לאַגע. מען קאָן אַלזאָ נישט אָפּליי־קענען, אַז דער מצב, די זיטן און די אידייען ביי די מענטשן ענדערן זיך; מען קאָן זיך אויך נישט אָפּזאָגן אָנצו־נעמען, אַז אַלס פועל־יוצא מוז דידאָזיקע נייע איבערגע־שטאַלטונג פון די זאַכן און פון די נשמות, מיט זיך מיטשלעפּן אַ באַנייאונג פון דער קונסט. די ערשטע תקופה פון דער־דאָזיקער עוואָלוציע איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער רומ־פולער פראַנצויזישער שול פון 1830; איצט וואַרטן מיר צו זען די צווייטע; אָט שטייט פאַר אייך אָפן אַ פעלד פאַר אַמ־ביציע און אַרבעט. בעת איר גייט דערין אַריין, האָט איר דאָס רעכט אַסך צו האָפן פון אייער יאָרהונדערט און פון זיך גופא: ווייל די לאַנגע אונטערזוכונג, וואָס מיר האָבן אָקאָרשט געמאַכט, האָט אייך באַוויזן, אַז שאַפן שיינע ווערק קאָן מען נאָר מיטן איינציקן תנאי, וועלכן דער גרויסער

געטהע האָט שוין געהאַט אַמאָל אָנגעוויזן: „פילט אָן אייער גייסט און אייער האַרץ, ווי ברייט זיי זאָלן נישט זיין", מיט אידייען און געפילן פון אייער תקופה, און דאָס ווערק וועט קומען.

צווייטער טייל

די מאָלעריי און דער רענעסאַנס
אין איטאַליע

צווייטער טייל

די מאָלעריי און דער רענעסאַנס אין איטאַליען.

מיינע הערן!

פאַראַיאָרן, אָנהויבנדיק דעם קורס, האָב איך אַרומגערעדט דאָס אַלגעמיינע געזעץ, לויט וועלכן עס שאַפן זיך, אין יעדער צייט, די קונסטווערק, דאָס הייסט: די גענויע און נויטווענדיקע שייכות, וועלכע מען באַגעגנט אַלעמאָל צווישן אַ ווערק און זיין סביבה. הייאָר, נאָכפאָלגנדיק די געשיכטע פון דער מאָלעריי אין איטאַליען, געפין איך אַ אָנגעזעענעם פאַל, וועלכער דערלויבט מיר אָנצווענדן און צו פּרוּוון דעמדאָזיקן כלל אין אייער געגנוואַרט.

קאפיטל א.

די כאראַקטער-שטריכן פון דער איטאַליענישער מאָלעריי.

עס האַנדלט זיך דאָ וועגן דער רומפולער תּקופה, וועלכע ווערט, בהסכּם כּולם, געהאַלטן פאַר דער שענסטער פונם איטאַליענישן שאַפן, און וועלכע שליסט איין אין זיך, צוזאַמען מיטן לעצטן פערטל פונם פופצנטן יאָרהונדערט אויך די ערשטע דרייסיק אָדער פערציק יאָר פונם זעכצנטן.

אינם דאָזיקן ענגן גדר פון צייט בליען די גרעסטע קינסטלער: לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, ראַפאַעל, מיקעל-אַנדזשעלאָ, אַנדרעאַ דעל סאַרטאָ, פראַ באַרטאָלאָמעאָ, דזשיאָרדזשיאָנע, טיציאַן, סעבאַסטיאַן דעל פיאָמבאָ, לע קאָררעדזש. און דערדאָזיקער צייטרוים איז גאַנץ דייטלעך אָפּגעצוימט; אויב איר שפּאַנט אים אַריבער אויף צוריק אָדער אויף פאָראויס, טרעפט איר פון דער זייט — אַ נאָך נישט קיין-פאַרענדיקטע קונסט, און פון יענער זייט — אַ קונסט, שוין אַ פאַרדאָרבענע; פון דער זייט, שטייפע, טרוקענע און נאָך אָפּגעריבענע גריבלער: פּאַאָלאָ אוצעללאָ, אַנטאָניאָ. פּאָלאַיאָלאָ, פראַ פיליפּאָ ליפּי, דאָמעניקאָ גירלאַנדאַיאָ, אַנדרעאַ וועראָקיאָ, פּערודזשיני, קאַרפּאַטשיאָ, יאַן בעלין; פון יענער זייט, ווידער, איבערגעטריבענע תּלמידים אָדער שוואַכע אויסבעסערער, זשיל ראָמען, לע ראָסאָ, פּרימאַטיטשע, לע פּאַרמעסאַן, פּאַלמאַ דער יונגער, די קאַררארשעס מיט זייער שול. פריער איז ד׳ קונסט אין אַ תּקופה פון שפּראָצן, שפּעטער — אין אַ תּקופה פון וועלקן; די בליאונגס-צייט אירע געפינט זיך

צווישן אָט די בײדע תקופות און דויערט אַן ערך פון אַ יאָר
פופציק. — אויב אין דער פריערדיקער תקופה באַגעגנט מען אײ־
נעם אַ כמעט פולקאָמענעם קינסטלער, מאַסאַטשיאָ, איז דאָס
אַ טרוימער, וועמען ס׳איז אײנמאָליק געניאַל געראָטן, אַ פאַר־
אײנצלטער דערפינדער, וואָס קוקט פלוצים אַריבער איבער
זײַן צײַט, אַ נישט אָנערקענטער פאָרלויפער, וועמען קײנער גײט
נישט נאָך און, וואָס האָט אפילו קײן אויפשריפט נישט אויף זײַן קבר,
אַ מענטש וואָס לעבט אָרעם און פאַראײנזאַמט און וואָס די פריצײַטי־
קע גרויסקײט זײַנע וועט ערשט פאַרשטאַנען ווערן מיט אַ
האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער. אויב אין דער שפּעטערדיקער
תקופה געפינט מען אַ געזונטע און בליענדיקע שול, איז עס
אין ווענעדיק, אין אַ פריווילעגירטער פרײַ־שטאָט, וווּהין
די דעקאַדענץ דערגרייכט שפּעטער ווי אין די אַנדערע שטעט,
און וועלכע בלײַבט נאָך אַ לאַנגע צײַט אומאָפּהענגיק, טאָלעראַנט,
רומפול, נאָכדעם ווי די דעראָבערונג, די אַנטשײדנדע אונטערדרי־
קונג און קאָרופּציע האָבן, אינם איבעריקן איטאַליען, דערנידריקט
די נשמות און געפּעלשט די גײסטער. — איר קאָנט פאַרגלײַכן
דידאָזיקע תקופה פון שײנעם און פולקאָמענעם שאַפן צו אַ צאָנע,
ווו מען קולטיווירט ווײַנגערטענער אויפן שיפּוע פון אַ באַרג;
אין דער הויך זענען די טרויבן נאָך נישט גוט, אין דער נידער,
זענען זײ שוין נישט גוט. אויפן נידריקערן ערד־שטח איז דער
באָדן צו פײַכט; אויפן העכערן, איז די לופט צו קיל; אַזוי איז
די סיבה און אַזוי איז דער כלל; אויב ס׳זענען פאַראַן אויסנאַ־
מען, זענען זײ קלײנע, און קאָנען דערקלערט ווערן. מעגלעך,
אַז אויפן נידריקערן ערד־שטח וועט מען אָנטרעפן אַ פאַראײנ־
זאַמטן ווײַנשטאָק, וועלכער וועט, אַ דאַנק צו אויסגעצייכנטן
זאַפט, טראָגן, להכעיס דער סביבה, עטלעכע גוטע שטענגלעך.
ער וועט אָבער זײַן אַן אײנצלנער; ער וועט זיך נישט רעפּראָ־
דוצירן, און וועט פאַררעכנט ווערן צו די אײנציקע אויסנאַמען,
וואָס דער הויפן און פלאָנטער פון ווירקנדיקע כוחות ברענגען
אַלעמאָל אַרײַן אינם רעגולירן גאַנג פון די געזעצן. מעגלעך,
אַז אינם העכערן באָדן־שטח וועט זיך טרעפן עפּעס אַ פאַרשטעקט
ווינקעלע, מיט געראָטענע ווײַנטרויבן; דאָס וועט אָבער זײַן אַ
ווינקעלע, ווו אַ באַזונדערער אומשטאַנד, דער כאַראַקטער פונם

באָדן גופא, דער שוץ פון פאָרגעבערג, די אנוועזנהייט פון אַ וואַסער־קוואַל, וועלן שאַפן פאַר דער פלאַנץ אַ יניקה אָדער אַ שוץ, וואָס ערגעץ אַנדערש פעלן זיי איר. דאָס געזעץ וועט אַלזאָ פאַרבלייבן אומבאַרירט, און מען וועט דאָך קומען צום באַשלוס, אַז ס'איז פאַראַן אַ באַזונדער מין באָדן און טעמפּעראַטור, מיט וועלכע דאָס געראָטן פון דער וויין־פלאַנטאַציע איז פאַרבונדן. ענלעך דערצו, פאַרבלייבט אויך גאַנץ דאָס געזעץ, וואָס איז חל אויף דער אַנטשטייאונג פון אַ פולקאָמער מאָלעריי, און מיר קאָנען זוכן דעם גייסטיקן און דעם זיטלעכן מצב, פון וועלכן דידאָזיקע מאָלעריי איז אָפּהענגיק.

קודם דאַרף מען זי גופא דעפינירן; ווייל אָנרופנדיק זי, לויטן געוויינלעכן טערמין, פולקאָמע אָדער קלאַסישע, באַצייכענען מיר נישט אירע כאַראַקטער־שטריכן, מיר גיבן איר פשוט אָפּ איר ראַנג. אָבער אויב זי האָט אירן אַ ראַנג, האָט זי אויך אירע כאַראַקטער־שטריכן, איך מיין איר אייגענעם געביט, פון וועלכן זי טרעט נישט אַרויס, — זי פאַראַכטעט אָדער פאַרנאַכלעסיקט דעם לאַנדשאַפט. דאָס גרויסע לעבן פון דער טויטער נאַטור וועט ערשט געפינען אירע מאָלערס אין פלאַנדריען; די איטאַליענישע מאָלעריי נעמט זיך אַלס מאָטיוו דעם מענטשן; בוימער, פעלד, פאַבריקן זענען ביי איר נאָר נעבנזאַכן; מיקעלאַנדזשעלא, וואָס איז אָן שום חלוקי־דעות, דער קעניג פון דער גאַנצער שולע, דערקלערט, לויטן עדות־זאָגן פון וואַזאַרקין, אַז מען דאַרף זיי לאָזן אַלס פאַרווײַלונג און אַנטשעדיקונג פאַר די קלענערע טאַלענטן, און אַז דער אמתער צוועק פון דער קונסט איז דער מענטשלעכער קערפער. אויב זיי קומען שפּעטער צוריק צו די לאַנדשאַפטן, געשעט דאָס אונטער די לעצטע וועניציאַנער, דערהויפּט אונטער דער השפעה פון די קאַרראַשעס, ווען די גרויסע מאָלעריי הויבט אָן פאַלן; דערביי מאַכן זיי פונם לאַנדשאַפט בלויז אַ דעקאָראַציע, אַ מין אַרכיטעקטאָראַלע ווילע, אַן אַרמידישן*) גאָרטן, אַ טעאַטער פאַר פאַסטוך־שפּילן און פאַראַדן, אַן

---

*) ארמידא: אַ וווּנדערשיינע מכשפה, העלדין פון טאָרקוואַטאָ טאַסאָס עפּאָס „דאָס באַפרייטע ירושלים". זי פלעגט מיט איר לאָקנדער שיינקייט פאַרנאַרן אין אירע וווּנדערלעכע גערטנער.

איידעלער אקאָמפּאַניעמענט, וואָס איז פאַרזען מיט מיטאָלאָגישע פלירטן און פריצישע פאַרוויילונגען; ביי זיי זענען די בוימער אַבסטראַקטע און געהערן נישט צו קיין שום באַשטימטן מין; די בערג זענען אויסגעסדרט גלאַט פאַרן פאַרגעניגן פונם אויג; טעמפּלען, חורבות, פּאַלאַצן גרופּירן זיך אין אידעאַלע ליניעס; די נאַטור פאַרלירט איר איינגעבוירענע אומאָפּהענגיקייט און אירע אייגנטימלעכע אינסטינקטן, כדי אונטערגעוואָרפן צו ווערן דעם מענטשן, צו באַפּוצן זיינע פעסטליכקייטן, און ברייטער צו מאַכן זיינע געמעכער. — פון אַן אַנדער זייט לאָזן זיי אויך איבער פאַר די פלאמאנדער דאָס נאָכאַמען דאָס רעאַלע לעבן, דעם מענטש פון דער צייט אין זיין געוויינלעכן קאָסטיום, אין דער סביבה פון זיינע טעגלעכע געוווינהייטן, צווישן זיין אמתן מעבל אויפן שפּאַציר, אין מאַרק, ביים טיש, אין ראָטהויז, אין קאַבאַרעט, אַזוי ווי מען זעט אים מיט די געוויינלעכע אויגן, אַלס דזשענטלמאַן, בירגער, פּויער, מיט די אומציילִיקע, בולטע באַזונדערקייטן פון זיין כאַראַקטער, פון זיין מלאכה און פון זיין שטאַנד. זיי דערווייטערן די אַלע איינצלהייטן אַלס וווּלגאַרע; וואָס מער די קונסט פאַרפּולקאָמט זיך, אַלץ מער אַנטלויפן זיי פון דער בוכשטעבלעכער געטריַיקייט און פון דער פּאָזיטיווער ענלעכקייט; גראָד ביים אָנהויב פון דער גרויסער תּקופה הערן זיי אויף צו מאָלן פּאָרטרעטן אין זייערע בילדער; פיליפּאָ ליפּי, פּאָלאיאָלאָ, אַנדרעא די קאַסטאניאָ, ווערראָקקיאָ, יאַן בעלין, גירלאנדאיאָ און אַפילו מאַסאַטשיאָ גופא, אַלע פריערדיקע מאָלער האָבן אָנגעפולט זייערע פרעסקעס מיט געשטאַלטן פון דער דעמאָלטיקער צייט; דער גרויסער שריט, וואָס טיילט אָפּ די רייפע קונסט פון דער נאָך נישט רייפער, איז דאָס שאַפן אָט די פולקאָמע פאָרמען, וועלכע מען אַנטדעקט מיט די אויגן פון דער נשמה, און וואָס מיט די אויגן פונם קאָפּ קען מען זיי נישט באַמערקן — ביי אַזאַ פאַרצוימט זיין, מוז דאָס פעלד פון דער קלאַסישער מאָלעריי זיך נאָך מער באַגרענעצן. אויב, אינם אידעאַלן טיפּ, וואָס זי נעמט זיך אַלס צענטראַל-געשטאַלט, אונטערשיידט מען נשמה און קערפּער, איז אָבער לייכט צו באַמערקן, אַז זי גיט נישט אָפּ דאָס ערשטע אָרט דער נשמה. זי איז נישט מיסטיש, נישט דראַמאַטיש, נישט ספּיריטואַליסטיש. — זי

נעמט זיך נישט פאָר צו שילדערן פאַרן אויג די הויכע נישט־קערפערלעכע וועלט, די אַנטציקטע און אומשולדיקע נשמות, די טעאָלאָגישע אָדער קירכלעכע דאָגמען, וועלכע האָבן באַשעפטיקט די וואונדערבאַרע און נישט רייפע קונסט פון דער פריערדיקער תקופה, אָנהויבנדיק פון דזשיאָטאָ און סימאָנע מעממי, ביז בעאטאָ אַנדזשעליקאָ; זי האָט פאַרלאָזן די קריסטלעכע און גלחישע תקופה, כדי אַריינצוטרעטן אין אַ תקופה פון וועלטלעכקייט און פון היידנטום. — זי נעמט זיך נישט פאָר אַרויסצוברענגען אויף דעם לייוונט אַ ברויזנדיקע אָדער פאַרוויטאָקטע סצענע, וואָס איז פעאיק אַרויסצורופן רחמנות אָדער גרויל, ווי דאָס טוט דעלאַקרואַ, אין זיין בילד — „די דערמאָרדונג פונם ביסקופ פון ליעזש", דעקאַמפ, אין זיין בילד — „די געשטאָרבענע" אָדער „די שלאַכט מיט די צימבערן", אַרי שעפער, אין זיין בילד „דער וויינעוודיקער". זי נעמט זיך נישט פאָר אויסצודריקן געפילן, טיפע, געוואַלטיקע, פאַרוויקלטע, ווי דעלאַקרואַ, אין זיין „האַמלעט", אָדער אין זיין „טאסאָ". זי וועט ערשט זוכן אירע שאָטנרייכע אָדער מעכטיקע עפעקטן אין דער שפעטערדיקער תקופה, ווען די ירידה וועט שוין ווערן אָנזעעוודיק, אין די רייצנדע און טרוימערישע מאַגדאַלענעס, אין די פאַרטראַכטע און אידעלע מאַדאָנעס, אין די טראַגישע און רוישיקע מערטירער פון באָלאָנס שול. איר גלייכגעוויכט קאָן נישט פאַרטראָגן די פאַטעטישע קונסט, וועלכע וויל טרעפן און אויפרודערן אַ גערייצטע און קרענקעוודיקע פילבאַרקייט. דאָס מאָראַלישע לעבן פאַרכאַפט זי נישט אויפן חשבון פונם פיזישן; זי קוקט נישט אויפן מענטש ווי אויף אַ העכערן וועזן, וואָס די אָרגאַנען האָבן פאַראָטן; בלויז אײנאונאײנציקער מאָלער, דער פריצייטיקער דערפינדער פון אַלע אידייען און קוריאָזן פון דער מאָדערנער צייט, לעאָנאַרדאָ דא ווינטשי, דער וועלטבאַרימטער, ראַפינירטער זשעני, דער פאַראײנזאַמטער און אומערזעטלעכער זוכער, טראָגט זיך אַריבער, דורך זיין נבואה, ווייט איבער זיין יאָרהונדערט, און טרעפט זיך אַזש טיילמאָל צוזאַמען מיט אונזערן. אָבער פאַר די איבעריקע קינסטלער, און טיילמאָל אַפילו פאַר לעאָנאַרדאָ גופא, איז די פאָרם אַ צוועק און נישט קיין מיטל; זי איז לחלוטין נישט אונטערגעוואָרפן דער פיזיאָנאָמיע, דעם אויסדרוק,

די זשעסטן, דער שטעלונג און דער האַנדלונג; זייער ווערק איז מאָלעריש און נישט ליטעראַריש אָדער דיכטעריש. „אין דער צייכן־קונסט איז דער עיקר — זאָגט טשעליני — צו מאַכן אַ גוטן מענעראַקט אָדער פּרויען־אַקט”. און זיי גייען באמת כמעט אַלע אַוועק פון דער גאָלדשמיד־אַרבעט און פון דער סקולפּטור; זייערע הענט האָבן דערטאַפּט די בולטקייט פון מוסקלען, זענען באַכגעגאַנגען געבויגענע ליניעס, האָבן דערשפּירט דאָס איינגלידערן זיך פון ביינער; דאָס וואָס זיי ווילן פאָרשטעלן פאַרן אויג, איז, קודם־כל, דעם נאַטירלעכן מענטשלעכן קערפּער, איך מיין, דעם געזונטן, טעטיקן, ענערגישן, דעם פאַרזעענעם מיט כלערליי אַטלעטישע און חיהשע פעאיקייטן; גלייכצייטיק איז דאָס אויך דער אידעאַלער טיפּ פונם מענטשלעכן קערפּער, ענלעך צום גריכישן טיפּ, אַזוי גוט פּראָפּאָרציאָנירט און גלייכגעוויכטיק אין אַלע זיינע טיילן, געוויילט און אוועקגעשטעלט אין אַזאַ גליקלעכער שטעלונג, באַצויגן און אַרומגערינגלט מיט אַנדערע גוט־גרופּירטע קערפּערס, אַזוי, אַז דאָס גאַנצע זאָל שאַפן אַן האַרמאָניע, און אַז דאָס ווערק, בכלל, זאָל דערמאָנען אָן אַ קערפּערלעכע וועלט, אַן ענלעכע צום אַלטן אָלימפּ, דאָס הייסט, אַ וועלט אַ געטלעכע אָדער אַ העלדישע, יעדנפאַלס — אַ העכערע און אַ פולקאָמערע. — אָט דאָס איז די אייגנטימלעכע דערפינדונג פון דידאָזיקע קינסטלער. אַנדערע האָבן אפשר בעסער אויסגעדריקט אַמאָל דאָס דאָרף, אַמאָל דעם אמת פונם רעאַלן לעבן, אַמאָל די טראַגעדיעס און די טיפקייטן פון דער נשמה, אַ לעקציע וועגן מאָראַל, אַ געשיכטלעכע אַנטדעקונג, אַ פילאָזאָפישע קאָנצעפּציע; מען וועט געפינען ביי בעאטאָ אַנדזשעליקאָ, ביי אַלבערט דירער, ביי רעמבראַנדטן, מעצון און פאָל פאָטער, ביי האגארטן, ביי דעלאקרוא און דעקאַמפּ, אַ סך מער מוסר, פּעדאַגאָגיק אָדער פּסיכאָלאָגיע, אַ סך מער אינטימע און באַלעבאַטישע דואיקייט, טיפע חלומות, גראַנדיעזע מעטאַפיזיק אָדער אינערלעכע עמאָציעס. אָבער, וואָס אָנבאַלאַנגט זיי, האָבן זיי באַשאַפן אַן איינציקע ראַסע, אַ ראַסע פון איידעלע קערפּערס, וואָס לעבן איידל, און רופן אַרויס דעם געדאַנק וועגן אַ מענטשלעכקייט, וואָס איז שטאָלצער, שטאַרקער, הייטערער, טעטיקער, בקיצור — אַ געלונגענערע פון אונזערער. פון

האָט דער ראַסע, און פון איר עלטער־שוועסטער, די טאָכטער פון די גריכישע סקולפּטאָרן, זענען געבוירן געוואָרן, אין די אַנ־דערע לענדער: אין פראַנקרייך, אין שפּאַניען און פלאַנדערן, די אידעאַלע געשטאַלטן, דורך וועלכע דער מענטש לערנט די נאַ־טור, אויף וואָסער אופן זי האָט אים באַדאַרפט באַשאַפן, און האָט אים נישט באַשאַפן.

קאפיטל ב.

אַלערערשטער באַדינג.

אַזוי זעט אויס דאָס ווערק גופא; עס בלייבט אונז ..ד, לויט אונזער מעטאָד, צו דערקענען די סביבה זיינע.

לאָמיר קודם באַטראַכטן דאָס מין מענטשן־ראַסע, וואָס האָט דאָסדאָזיקע ווערק געשאַפן; אויב די קינסטלער האָבן אין דער צייכן־קונסט זיך גענומען גיין מיט דעמדאָזיקן וועג, איז עס צוליב נאַציאָנאַלע, אייביקבלייבנדיקע אינסטינקטן. ביים איטאַליענער איז די פאַנטאַזיע אַ קלאַסישע, דאָס הייסט, אַ לאַטיינישע, אַן ענלעכע צו דער פון די אַלטע גריכן און פון די אַלטע רוימער; אַלס באַווייז דערצו האָט מען נישט נאָר די ווערק פון זיין רענעסאַנס, סקולפּטור, בנינים, און מאָלעריי, נאָר אויך זיין מיטלאַלטערלעכע אַרכיטעקטור און זיין מאָדערנע מוזיק. — די גאָטישע אַרכיטעקטור, וואָס האָט זיך אין מיטלאַלטער פאַרשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע, האָט קיין איטאַליען אַריינגעדרונגען מיט אַ גרויסער פאַרשפּעטיקונג, דורך נישט־פולשטענדיקע נאָכאַמונגען; אויב מען טרעפט דאָרט אַ צוויי פולשטענדיק גאָטישע קירכן, איינע, אין מילאַן, די אַנדערע ביים קלויסטער פון אַסיז, זענען זיי געמאַכט געוואָרן דורך פרעמדלענדישע אַרכיטעקטן; אַפילו אונטער דער גערמאַנישער אינוואַזיע, אין סאַמע ברען פונם קריסטנטום, פלעגן נאָך די איטאַליענער בויען לויטן אַלטן סטיל; און ווען זיי האָבן אים אפילו פאַריינגערט, איז נאָך ביי זיי אַלץ פאַרבליבן דער געשמאַק פאַר סאָלידע פאָרמען, פאַר פעסטע ווענט, פאַר אַ באַשיידענער באַצירונג, פאַר

אַ העלן, נאַטירלעכן ליכט, און זייערע בנינים, מיט זייער קרעפּטיקן אויסזען, מיט זייער פריילעכקייט, הייטערקייט און לייכטער עלעגאַנץ, בילדן אַ קאָנטראַסט מיט דער גראַנדיעזער פּאַרוויקלטקייט, מיט דער אַרויסשטאַרצנדיקער גאָלדשמיד־קונסט, מיט דער פאַרווייטאָקטער דערהויבנקייט און מיט דעם טונקעלן אָדער פאַרוואַנדעלטן טאָג־ליכט פון די קאַטעדרעס, אויף יענער זייט בערג. — און אַזוי איז אויך, ביים היינטיקן טאָג, זייער מוזיק, די זינגנדיקע, די קלאָר ריטמירטע, די אָנגענעמע, אפילו בעתן אויסדריקן טראַגישע געפילן — מיט אירע סימעטריעס, רונדקייטן און טאַקטן, מיט איר טעאַטראַלן זשעני, וואָס איז אַזוי פליסנד, גלענצנד, לויטער און אָפּגעזונדערט — אין פולן קעגנזאַץ צו דער דייטשער אינסטרומענטאַלער מוזיק, וועלכע איז אַזוי גראַנדיעז, אַזוי פריי, טיילמאָל אַזוי פאַרנעפּלט און געאייגנט אויסצודריקן די פיינסטע טרוימערייען, די אינטימסטע געמיטסבאַוועגונגען, און דעם „גיי־וויס־וואָס" פון אַן ערנסטער נשמה, וואָס אין אירע פאַראיינזאַמטע פאָראַנונגען און זעלישע אויפטרייסלונגען, דערבליקט זי דאָס „אומענדלעכע און קוקט אַריבער איבער יענער זייט ווירקלעכקייט. — ווען מיר זאָלן באַטראַכטן דעם אופן, ווי אַזוי די איטאַליענער, און בכלל די לאַטיינישע פעלקער פאַרשטייען די ליבע, די מאָראַל, די רעליגיע, ווען מיר זאָלן באַאָבאַכטן זייער ליטעראַטור, זייערע מנהגים און זייער אופן פאַרשטיין דאָס לעבן, וואָלטן מיר געזען, ווי ס'רייסט זיך ביי זיי דורך, דורך הונדערטאַרליי טיפע שטריכן, אַן ענלעכער מין פאַנטאַזיע. איר באַזונדערער כאַראַקטער־שטריך איז דער טאַלאַנט און דער געשמאַק אויסצוסדרן, און מיט דעם איז במילא פאַרבונדן רעגלמעסיקייט, קאָרעקטע און האַרמאָנישע פאָרם; זי איז ווייניקער בויגזאַם און דורכדרינגנד, ווי די גערמאַנישע פאַנטאַזיע; זי גיט זיך אָפּ ווייניקער מיט דער טיפקייט, ווי מיט דער אויסערלעכקייט; איר געפעלט מער די אויסערלעכע דעקאָראַציע, ווי דאָס אינערלעכע לעבן; זי איז מער געטשנדינעריש, ווייניקער רעליגיעז, מער מאָלעריש און ווייניקער פילאָזאָפיש, באַגרענעצטער און שענער. זי פאַרשטייט בעסער דעם מענטשן, איידער די נאַטור; זי פאַרשטייט בעסער דעם מענטשן פון דער געזעלשאַפט, איידער דעם באַרבאַרישן. זי האָט שווערקייטן זיך

נאָכצובויגן, נאָכצואַמען און צו שילדערן, ווי יענע, ווילדקייט, דאָרפישקייט, אויסטערלישקייט, צופאַל, אומאָרדנונג, אויסברוך פון פרייוויליקע כּחות, די אָן אַ שיעור נישט איבערגעבליבענע באַזונדערקייטן פונם יחיד, די נידריקערע אָדער אומפּאָרמיקע בּרואים, דאָס טויבע און אומבּאַשטימטע לעבן, וואָס איז אויס־געשפּרייט איבער אַלע געביטן פון דער עקזיסטענץ; זי איז נישט קיין אַלוועלטלעכער שפּיגל; אירע סימפּאַטיעס זענען איינגעהאַלטענע. אָבער, אין איר אייגענעם קעניגרייך, אינם קעניגרייך פון פאָרם, איז זי זעלבסטהערשערין; אין פאַרגלייך מיט איר זעט אויס דער גייסט פון אַנדערע ראַסן גראָב און רוי; זי, די איינציקע, האָט אַנטדעקט און געבראַכט צום אויס־דרוק די נאַטירלעכע אָרדנונג פון אידייען און בילדער. פון די צוויי גרויסע ראַסן, ווו די נאַטירלעכע אָרדנונג האָט זיך צום פולשטענדיקסטן אויסגעדריקט, האָט איינע, די פראַנצויזישע, וואָס ליגט מער אויף צפון און איז מער פּראָזאַאיש און געזעלשאַפט־לעך, אַרויסגעבראַכט, אַלס אייגנטימלעכע שאַפונג, דעם סדר פון ריינע באַגריפן, דאָס הייסט די דענקונגס־מעטאָדע און די קונסט צו פירן אַ געשפּרעך; די אַנדערע, די איטאַליע־נישע, וואָס ליגט מער אויף דרום, און איז מער קינסטלעריש באַגאַבט, פעאיקער אויפצונעמען בילדער, האָט אַרויסגעבראַכט, אַלס אייגנטימלעכע שאַפונג, דעם סדר פון ממשותדיקע פאָרמען, איך וויל דערמיט זאָגן: די מוזיק און די צייכן־קונסט. — אָט דער איינגעבוירענער טאַלאַנט, וועלכער לאָזט זיך באַמערקן ביי דער דאָזיקער ראַסע, זינט איר אַנטשטייאונג, וועל־כער בלייבט באַשטענדיק דער זעלבער אין איר גאַנצער געשיכטע און איז איינגעפרעגט אין איר גאַנצן טאָן און דענקען, ער, דער איינגעבוירענער טאַלאַנט, ווען ער באַגעגנט, סוף פופצנטן יאָר־הונדערט, גינסטיקע אומשטענדן, פּראָדוצירט ער אַ גאַנצע מענגע מייסטערווערק. און פאַקטיש האָט איטאַליען דעמאָלט פאַרמאָגט, צוזאַמען אָדער כּמעט גלייכצייטיק, אַ פינף זעקס גרויסע קונסט־מאָלער אויסערגעוויינלעך געניאַלע, און פיל גרעסערע ווי די, וואָס מ'האָט ווען אַמאָל געזען, זייט יענער צייט; לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, מיקעל־אַנדזשעלאָ, ראַפאַעל, דזשיאָרדזשיאָנע, טיציאַן, וועראָנעז, קאָרעדזש, נאָר אויך אַ גאַנץ פאָלק פון

אָגגעזועענע, פאָלשטענדיקע מאָלער, ווי אַנדרעאַ דעל סאַרטאָ, סאָדאָמאַ, פראַ באַרטאָלאָמעאָ, פאָנטאָרמאָ, אַלבערטינעלי ראָסאָ, יוליוס ראָמאַנוס, פאָלידאָר דע קאַראַוואַדזשע, פרימאַטיטשע, סעבאַסטיאַן דעל פיאָמבאָ, פאַלמאָ דער אַלטער, באָניפאַציאָ, פאַריס באָרדאָנע, טינטאָרעט, לואיני און הונדערט אַנדערע, וויניקער באַקאַנטע, אַלע אויפגעוואַקסענע אינם זעלבן געשמאַק, פאַרמאָגן דעמזעלבן סטיל און בילדן אַן אַרמיי, פון וועלכע די אויסגערעכנטע זענען בלויז קאַפּיטאַנען; אויסער דעם קומט נאָך צו אַ כּמעט ענלעכע צאָל העכערע סקולפּטאָרן און אַרכיטעקטאָרן, אייניקע, אַביסל פריערדיקע, ס׳רוב אָבער, פון דער דעמאָלטיקער צייט, גיבערטי דאָנאַטעלאָ, יאַקאָפּאָ דעלאַ קווערטשיאָ, באַקטשיאָ באַנדינעלי, באַמבאַיאַ, לוקאַ דעלאַ ראָביאַ, בענווענוטאָ טשעליני, ברונעלעטשי, בראַמאַנטשע, אַנטאַניאָ די סאַן גאַלאָ, פאַלאַדיאָ, סאַנסאָווינאָ; און דערצו, אַרום די אַלע אַזוי פאַרשיידנאַרטיקע און פרוכטבאַרע קינסטלער־משפּחות — אַ גאַנצע מחנה קונסטקענער, פּראָטעקטאָרן, קויפער, אַ ברייטער עולם, וואָס האָט זיך זיי נאָכגעשלעפּט; נישט נאָר אַדעללייט און אינטעליגענץ, נאָר אויך בירגער, בעלי־מלאכות, געוויינלעכע גלחים, פאָלקס־מענטשן; אַזוי, אַז דער גרויסער געשמאַק איז אין דערדאָזיקער תּקופה געווען אַ נאַטירלעכער, אַ פרייוויליקער, אַן אַלגעמיינער, און אַז די גאַנצע פריישטאָט האָט מיטגעווירקט, דורך איר סימפּאַטיע און דורך איר פאַרשטענדעניש, ביים שאַפן דידאָזיקע ווערק, אונטער וועלכע די מייסטערס פלעגן אונטערשרייבן זייערע נעמען. מען קאָן אַלזאָ נישט קוקן אויף דער קונסט פון דער רענעסאַנס־צייט, ווי אויף אַ פּועל־יוצא פון אַ גליקלעכן צופאַל; עס האַנדלט זיך נישט דאָ וועגן אַ וואָרף מיטן ווערפעל, וואָס ברענגט אַרויף אויף דער וועלט־בינע עטלעכע בעסער באַגאַבטע קעפּ, עפּעס אַן אויסערגעוויינלעך גרויס געווינס פון מאָלערישע געניעץ; מען קאָן נישט אָפּלייקענען, אַז די סבּה פון דערדאָזיקער שיינער פאַנאַנדערבליאונג איז געווען אַן אַלגעמיינע שטימונג, אַן איבעראַשנדע פאַראַנלאַגונג אַ פאַרשפּרייטע ביי אַלע שיכטן פון דער נאַציע. היות דידאָזיקע פאַראַנלאַגונג איז געווען אַ פאַראיבערגייענדע, איז די קונסט אויך געווען אַ פאַראיבערגייענדע; זי האָט זיך אָנגעהויבן, און

זיך געענדיקט, אין באַשטימטע טערמינען — און אויך די קונסט האָט זיך אָנגעהויבן, און זיך געענדיקט, אין די זעלביקע באַשטימטע טערמינען; זי האָט זיך אַנטוויקלט לויט אַ געוויסער ריכטונג; האָט זיך די קונסט אויך אַנטוויקלט לויט דערזעלבער ריכטונג, זי איז דער קערפּער און די קונסט — איר שאָטן, וואָס באַגלייט זי אין איר געבורט, אין איר וואַקסן, אין איר ירידה און אין איר ריכטונג. דידאָזיקע פאַראַנלאַגונג רופט אַרויס דאָס אַנטשטיין פון דער קונסט און שלעפּט זי מיט זיך מיט, און ענדערט זי לויט דעם, ווי זי גופא ווערט געענדערט; די קונסט איז לחלוטין פון איר אָפּהענגיק, אין אַלע אירע טיילן און אין איר גאַנצן גאַנג; זי איז איר גענוגנדער און נויטווענדיקער באַדינג. און דערפאַר, כדי די קונסט צו פאַרשטיין און זי צו דערקלערן, איז נויטווענדיק צו שטודירן דידאָזיקע פאַראַנלאַגונג מיט אַלע אירע איינצלהייטן.

קאַפּיטל ג.

די נעבן־באַדינגונגען.

דריי באַדינגונגען זענען נויטווענדיק, כּדי דער מענטש זאָל קענען געניסן פון דער גרויסער מאָלעריי און זי אַרויסברענגען. — קודם מוז ער באַזיצן קולטור. אומגליקלעכע, פאַרגרעבטע פויערים, וואָס שטייען אַ גאַנצן טאָג געבויגן איבערן שטיקל ערד, קריגס־שעפּן־יעגער, וואָס פרעסן און זויפן, און זענען דאָס גאַנצע יאָר פאַרנומען מיט רייטער־צוגן און מיט שלאַכטן, שטעקן נאָך צו טיף אינם חיהשן לעבן, אום צו פאַרשטיין די עלעגאַנץ פון פאָרמען און די האַרמאָניע פון פאַרבן. אַ בילד באַצירט אָדער אַ קירך אָדער אַ פּאַלײַ; כּדי דאָס צו באַטראַכטן מיט פאַרשטענדניש, איז נויטיק, אַז דער צושויער זאָל כאָטש אויף אַ העלפט פריי זיין פון זיינע גראָבע דאגות, אַז די הויפּט־זאָרג זיינע זאָל נישט באַשטיין בלויז אינם טראַכטן וועגן עפּעס אַ גוטן ביסן אָדער אַ געזונטן פּאַטש, אַז ער זאָל שוין לאַנג זיין אַרויס פון דער פּרימיטיווער ווילדקייט און קנעכטשאַפט, אַ חוץ מוסקול־איבונג, פאַנאַנדערוויקלונג פון קריגערישע אינסטינקטן, באַפרידיקונג פון קערפּערלעכע באַדערפעניש, זאָל ער גאַרן נאָך פיינע און איידעלע פאַרגעניגנס. ער איז געווען חיהש ווילד, און ער ווערט דענקעריש געשטימט; ער האָט פאַרצערט און צעשטערט, און איצט פאַרשענערט ער און געניסט. ער האָט געלעבט, און איצט באַצירט ער זיין לעבן. אָט דאָס איז די געוואַלטיקע ענדערונג, וואָס קומט פאָר אין איטאַליען אינם פופצנטן יאָרהונדערט. דער מענטש גייט

דאָרט איבער פון פעאָדאַלע זיטן צו מאָדערנעם גייסט, און דערך דאָזיקער גרויסער איבערגאַנג קומט פאָר אין איטאַליען אַסך פריער, ווי אומעטום.

דאָס געשעט צוליב מערערע סבות. די ערשטע, ווייל די מענטשן פון דעמדאָזיקן לאַנד זענען אויסערגעוויינלעך פיינפילנד און פאַרמאָגן אַ זייער שנעלע תּפיסה. די ציוויליזאַציע זעט אויס ביי זיי ווי איינגעבוירן; וויניקסטנס דערגרייכן זיי צו איר, כמעט אָן פרעמדער הילף. אפילו די קולטורלאָזע, דאָרפישע שיכטן פאַרמאָגן אַ לייכט-באַוועגלעכן און ניכטערן פאַרשטאַנד. פאַרגלייכט זיי מיט די מענטשן פונם זעלבן שטאַנד אין צפון-פראַנקרייך, אין דייטשלאַנד און אין ענגלאַנד: דער אונטערשייד וועט ווערן אַ קעגנזאַץ. אַ האָטעל-באַדינער, אַ פויער, אַ „פאַקשינאָ”, וועלכע איר טרעפט אין איטאַליען אויף דער גאַס, ווייסן ווי צו שמועסן, צו פאַרשטיין, צו דענקען; זיי זאָגן אַרויס מיינונגען, זיי קענען די מענטשן, זיי באַהאַנדלען פּאָליטישע פראַגן; זיי פאַרשטייען, אינסטינקטיוו, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט געדאַנק און וואָרט, זיי מאַכן דאָס טיילמאָל גלענצנד, אַלעמאָל — לייכט, און כמעט תּמיד — גוט; דערהויפּט פאַרמאָגן זיי אַ נאַטירלעך און ליידנשאַפטלעך געפיל פאַרן שיינעם. טאַקע נאָר אין אָט דעם לאַנד קאָן מען הערן, ווי מענטשן פונם פאָלק צעשרייען זיך פאַר אַ קירך אָדער אַ בילד: „אָ דיאָ, קאָמע בעללאָ!” און כדי אויסצודריקן דידאָזיקע האַרציקע און זינלעכע אַנטציקונג, פאַרמאָגט די איטאַליענישע שפּראַך אַן אַקצענט, אַ ווילקלאַנג און אַ פּאָמפּע, וועלכע זענען ממש וואונדערבאַר, און וואָס דיזעלבע ווערטער, אין פראַנצויזיש, זענען צוליב זייער טרוקנקייט נישט ביכולת איבערצוגעבן דעם איינדרוק.

דידאָזיקע אינטעליגענטע ראַסע האָט געהאַט די מעלה, וואָס זי איז נישט גערמאַניזירט געוואָרן, דאָס הייסט, וואָס זי איז נישט צעשמעטערט און פאַרענדערט געוואָרן אין דערזעלבער מאָס, וואָס די פעלקער פון די אַנדערע לענדער אין אייראָפּא, דורך דער אינוואַזיע פון די צפון-פעלקער. די באַרבאַרן האָבן זיך ביי איר איינגעאָרדנט אויף צייטווייליק אָדער אויבערפלעכלעך. וויזיגאָטן, פראַנקן, הערולער, אָסטראָגאָטן, די אַלע האָבן זי גאַנץ גיך אַליין פאַרלאָזן, אָדער זענען דורך איר

גאַנץ גיך פאַרטריבן געוואָרן. און אויב די לאָמבאַרדן זענען דאָרט פאַרבליבן, זענען זיי גאַנץ שנעל באַאיינפלוסט געוואָרן דורך דער לאַטיינישער קולטור; אין 12־טן יאָרהונדערט, דער־ציילט אַן אַלטער כראָניקער, האָבן די דייטשן פון פרידריך באַר־באַראָסא געמיינט, אַז זיי וועלן אין די לאָמבאַרדן געפינען מענטשן פון זייער אייגענער ראַסע, און זענען דערשטוינט געבליבן זענ־דיק, ווי לאַטיניזירט זיי זענען געוואָרן „פאַרלאָזנדיק די רואיקייט פון דער באַרבאַרישער ווילדקייט, און אָננעמענדיק אונטער דער השפּעה פון דער לופט און פונם באָדן, עפּעס פון דער רוימישער פיינקייט און מילדקייט; זיי האָבן פאַרהאַלטן די עלעגאַנץ פון דער שפּראַך, די העפלעכקייט פון די אַלטע זיטן, נאָכמאַכנדיק די געשיקטקייט פון די אַלטע רוימער, אַפילו ביים איינאָרדענען זייערע שטעט און ביים פאַרוואַלטן מיט זייערע עפנטלעכע ענינים".

ביז אין 13־טן יאָרהונדערט, רעדט מען נאָך אין איטאַליען לאַטיין. סאַנקט־אַנטאָניוס פון פּאַדוא פּרעדיקט אין לאַטיין; הגם דאָס פאָלק פלאַפּלט אין דעם זיך בילדנדן איטאַליעניש, פאַרשטייט עס נאָך אַלץ די ליטעראַרישע שפּראַך. דאָס גערמאַנישע הייטל, וואָס איז איבערגעצויגן איבער דער נאַציע איז געווען זייער דין, אָדער איז באַצייטנס דורכגעריסן געוואָרן דורך דער באַ־נייאונג פון דער לאַטיינישער ציוויליזאַציע. נאָר דורך איבערזעצו־נגען זענען דעמאָלט באַקאַנט געווען אין איטאַליען די „לעגענדן־געדיכטן", די ריטערטימלעכע און פעאָדאַלע פּאָעמען, וואָס פלעגן שוועבלען און גריבלען אין גאַנץ אייראָפּע. איך האָב ערשט פריער געזאָגט, אַז די גאָטישע אַרכיטעקטור איז אַריינגעדרונגען קיין איטאַליען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג און נישט גאַנץ פולשטענדיק; ווען די איטאַליענער הויבן צוריק אָן צו בויען, אין 11־טן יאָרהונדערט, בויען זיי לויטן מוסטער אָדער, לפּחות, לויטן זין פון דער לאַטיינישער אַרכיטעקטור. אַדאַנק די איינריכטונגען, די מנהגים, דער שפּראַך און דער קונסט, זעט מען, אין דער פינצ־טערסטער און רויסטער נאַכט פונם מיטלאַלטער, ווי די אַלטער־טימלעכע ציוויליזאַציע שיילט זיך אויס און לעבט צוריק אויף, אויף אַ באָדן, וווּ די באַרבאַרן זענען דורכגעגאַנגען און צעשמאָלצן געוואָרן, ווי אַ ווינטערדיקער שניי.

דערפאַר, אויב איר פאַרגלייכט, אין 15־טן יאָרהונדערט,

איטאַליען מיט אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער, וועט איר איינזע־
ען, אַז זי איז אַ סך געבילדעטער, רייכער, העפלעכער און
פעאיקער צו פאַרשענערן איר לעבן, דאָס הייסט, צו געניסן און
אַרויסצוברענגען קונסט־ווערק.

אין אָט דעם מאָמענט אַנגאַזשירט זיך ענגלאַנד, וואָס איז
נאָר וואָס אַרויס פונם הונדערטיעריקן קריג, אינם שוידערלעכן
„צוויי רויזן־קריג" *), ווו מ'האָט זיך קאַלטבלוטיק אויסגעשאָכטן,
און, נאָך דער שלאַכט, דערמאָרדעט אַפילו אומבאַוואָפנטע קינדער.
ביז 1550, איז זי געווען אַ מדינה פון פאַרגרעבטע פויערים,
יעגער, פערמערס און סאָלדאַטן. אין די אינערלעכע טיילן פון
דער מלוכה, האָט אַ גאַנצע שטאָט פאַרמאָגט פון צוויי ביז
דריי קוימענס; די הייזער פונם דאָרפישן אַדל זענען געווען
כאַלופּעס, צוגעדעקטע מיט שטרוי, באַוואָרפענע מיט פּראָסטן
ליים, און זענען באַלויכטן געוואָרן בלויז דורך נעצפאָרמיקע
קראַטן. דער מיטלשטאַנד פלעגט שלאָפן אויף שטרוי־געלעגערס
„מיט אַ גוט, רונד שייטל האָלץ צוקאָפּנס". „ווי ס'שיינט זע־
נען די קישנס געווען באַשטימט נאָר פאַר קימפּעטאָרינס". דאָס
געפּעס איז אַפילו נישט געווען פון צין, נאָר פון האָלץ. — אין
דייטשלאַנד ווידער צעבושעוועט זיך דעמאָלט דער שוידערהאַפטער
און נישט פאַרציילעכער קריג פון די הוסיטן; דער קייסער איז
אוממעכטיק; די אַדעליקע — אומוויסנד און חוצפהדיק; ביז
מאַקסימיליאַנען הערשט נאָך דאָס רעכט פונם „קולאַק", דאָס
הייסט דאָס באַנוצן זיך מיט דער פיזישער קראַפט, און דער
מנהג אַליין זיך צו פאַרשאַפן גערעכטיקייט; מען קאָן שפּעטער
זען, אין די טיש־געשפּרעכן פון לוטערן און אין די זכרונות
פון האנס פאָן שווייניכען, ביז וואָסער אַ מדרגה די אַדעליקע
און די אינטעליגענץ האָבן דעמאָלט דערפירט זייער שכרות און
זייער גראָבקייט. — וואָס באַלאַנגט פראַנקרייך, געפינט זיך עס

*) „צוויי רויזן־קריג" — ענגלישער בירגער־קריג, דויערט פון 1455—
1485 צווישן די צוויי דינאַסטיעס, יאָרק און לאַנקאַסטער, וועלכע האָבן געהאַט
די ערשטע אַ ווייסע, די צווייטע — אַ רויטע רויז אויף זייערע הערבן. מנצח
געווען האָט די דינאַסטיע לאַנקאַסטער מיט היינריך 7־טן טודאָר בראש.
(באַמערקונג פ. איב.)

דעמאָלט אין דער אומגליקלעכסטער תקופה פון זיין געשיכטע; דאָס לאַנד איז דערוואָבערט און פאַרוויסט דורך די ענגלענדער; אונטער קאַרל 7־טן לויפן אַרום וועלף אין די פּאַריזער פאָרשטעט; ווען די ענגלענדער ווערן פאַרטריבן, לעבן די הויטשינדער און די אָנפירער פון באַנדעס אויפן חשבון פונם פויער, צווינגען אים צו צאָלן אויסקויפגעלט און באַרויבן אים, ווען נאָר זיי ווילן; פון איינעם פון דידאָזיקע מאָרד־פּריצים, זשיל דע רעטץ, איז אַנטשטאַנען די לעגענדע וועגן דער „בלויער־באָרד".

ביזן סוף יאָרהונדערט בלייבט דאָס בעסטע פון דער געזעלשאַפט, דער אַדל, רוי און ווילד. די ווענעציאַנישע אמבאַסאַדאָרן זאָגן, אַז די פראַנצויזישע פּריצים האָבן געבויגענע און צעדרייטע פיס, ווייל זיי פאַרברענגען זייער לעבן רייטנדיק אויפן פערד. ראַבלע וועט אייך באַווייזן די בלאָטיקע גראָבקייט, און די אָנהאַלטנדיקע חיהשקייט פון די גאָטישע זיטן, אין דער מיט פונם 16־טן יאָרהונדערט. גראַף באַלדאַזאַר קאַסטיליאָנע האָט געשריבן אַרום 1525: „די פראַנצויזן קענען נישט קיין אַנדערע מעלות, ווי נאָר די פונם געווער, און האַלטן אַלע איבעריקע זאַכן פאַר גאָרנישט, אַזוי ווייט, אַז נישט נאָר זיי שעצן נישט קיין ליטעראַטור, נאָר זיי פאַרהאַסן זי; זיי האַלטן אַלע געבילדעטע פאַר די נידריקסטע מענטשן, און מיינען, אַז אָנרופן וועמען נישט איז — געלערנטער, איז גלייך ווי מען זאָל אים זאָגן די גרעסטע באַליידיקונג".

בכלל איז נאָך דער רעזשים — אַ פעאָדאַלער, אין גאַנץ אייראָפּע, און די מענטשן וואָס זענען נאָך אין דער בחינה פון ווילדע און שטאַרקע חיות, טראַכטן נאָר וועגן טרינקען, פרעסן, שלאָגן זיך און ארומרודערן מיט אַלע אברים. אין היפּך דערצו, איז איטאַליען כמעט אַ מאָדערנע לאַנד. מיט דער אויבערהערשאַפט פון די מעדיטשיס, שטעלט זיך איין אין פלאָרענץ דער שלום; בירגער הערשן און הערשן רואיק; לויטן מוסטער פון זייערע פירער, די מעדיטשיס, פאַבריצירן זיי, האַנדלען, מאַכן באַנק־געשעפטן, פאַרדינען געלט כדי דאָס אויסצוגעבן, ווי מענטשן מיט פאַרשטאַנד. די מלחמה־זאָרגן האַלטן זיי שוין נישט אַזוי פעסט, ווי אַמאָל, אין זייער רויער און טראַגישער מאַכט: זיי פירן קריג מיט דער הילף פון די געדונגענע הענט פון די

קאָנדאָטיער'ס *), און די לעצטע זענען מיושבדיקע סוחרים, און פאַרוואַנדלען דעם קריג אין „רייטער-שפּאַצירן" ; אויב זיי ווערן אַמאָל געהרגעט, איז עס צוליב אַ פאַרזען ; מען דערציילט וועגן שלאַכטן, אין וועלכע ס'בלייבן אויפן אָרט דריי סאָלדאַטן, און טיילמאָל — נאָר איינער. די דיפּלאָמאַטיע פאַרנעמט דאָס אָרט פון דער פיזישער קראַפט, „די איטאַליענישע הערשער — זאָגט מאַקיאַוועלי — מיינען, אַז דער פאַרדינסט פון אַ קעניג איז צו קענען אָפּשאַצן, אין די שריפטן, דעם ווערט פון אַ גייסטרייכער רעפּליק, צו רעדאַגירן אַ שיינעם בריוו, אַרויסצווייזן בעתן רעדן טעמפּעראַמענט און שאַרפזין צו פאַרוועבן אַ שווינדעלע, זיך צו פּוצן מיט איידלשטיינער און מיט גאָלד, צו שלאָפן און צו עסן מיט מער פּראַכט, ווי אַנדערע, און זיך אַרומצורינגלען מיט כלערליי פאַרגעניגנס. „זיי ווערן זאַך-קענער, געבילדעטע, ליבהאָבער פון וויסנשאַפטלעכע געשפּרעכן. זינט דער ירידה פון דער אַלטער ציוויליזאַציע, זעט מען דאָ, צום ערשטן מאָל, אַ געזעלשאַפט, וועלכע גיט אָפּ דעם ערשטן אָרט פאַר גייסטיקן גענוס. די אָנגעזעענע מענטשן פון דערדאָזיקער תקופה זענען די הומאַניסטן, די ליידנשאַפטלעכע באַנייער פון די גריכישע און לאַטיינישע ליטעראַטורן, פּאַגדזשיאָ, פילעלפאָ, מאַרסילע פיצין, פּיק דעלאַ מיראַנדאָלע, שאַלקאָנדילע ערמאָלאַאָ באַרבאַראָ, לאַאורענט וואַלאַ, פּאָליטיען. זיי נישטערן דורך די ביבליאָטעקן פון אייראָפּע, כדי צו אַנטדעקן די כתב-ידן און זיי צו פאַרעפנטלעכן ; נישט נאָר זיי אַנטציפערן און שטודירן זיי, נאָר זיי נעמען זיך מיט זיי דורך, זיי ווערן אַלטערטימלעך מיט דער נשמה און מיטן האַרץ, זיי שרייבן לאַטיין כמעט אַזוי ריין, ווי די צייטגענאָסן פון ציצעראָן און פון ווירגיליוסן. דער סטילווערט מיטאַמאָל פיין, דער גייסט — רייף. ווען פון די פיינלעכע העקזאַמעטערן און שווער פּרעטענציעזע בריוו-געדיכטן פון פּעטראַרקאַן, גייט מען איבער צו די עלעגאַנטע דאָפּל-פערזן פון פּאָליציאַנען, אָדער צו דער אויסדרוקספולער פּראָזע פון וואַלאַ, פילט מען זיך, ווי דורכגענומען פון אַ כמעט פיזישן פאַרגעניגן.

---

*) קאָנדאָטיערא : שעף פון אַ געדונגענער אַרמיי, אין איטאַליען.
(באַזערק. פ. איב.)

די פינגער און די אויערן סקאַנדירן נישט ווילנדיק דעם לייכטן טאַקט פון די דיכטערישע דאַקטיל־פערזן און דאָס רחבותדיקע פונאַנדערוויקלען זיך פון דעם שיינרעדנערישן זאַץ. די שפּראַך איז געוואָרן פאַראיידלט, ווערנדיק גלייכצייטיק קלאָר, און איבערגייענדיק פונם קלויסטער אין פּאַלאַץ אַריין, הערט אויף די בקיאות צו זיין אַ פּילפּול־מאַשין און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פאַרגעניגנס־אינסטרומענט.

און באמת שטעלן טאַקע דידאָזיקע געלערטע נישט מער פאָר עפּעס אַ קליינע, אומבאַקאַנטע גרופּע, וואָס לעבט אָפּגעשלאָסן אין די ביבליאָטעקן, און ווייט פון דער עפנטלעכער סימפּאַטיע. אדרבה: דער טיטל הומאַניסט איז, אין אָט דער תקופה, גענוג צו וועקן אויף אַ מענטשן די אויפמערקזאַמקייט פון פּרינצן און אים צוצוציען זייערע טובות. דער פירשט לודוויק ספאָרצאַ, פון מילאַן, לאַדט איין אין זיין אוניווערזיטעט אַריין מערולאַן און דעמעטריוס שאַלקאָנדילען, און ווילט זיך אַלס מיניסטער דעם געלערנטן, סעקקאָ סימאָנעטאַ. לעאָנאַרדאָ אַרעטין, פּאָגדזשיאָ, מאַקיאַוועלי, זענען נאָכאַנאַנד סעקרעטאַרן פון דער פלאָרענטינער רעפּובליק. אַנטאָניאַ בעקקאַדעלי איז סעקרעטאַר ביים קעניג פון נעאַפּאָל. איין פּויפּסט, ניקאָלאַ 5־טער, איז דער גרעסטער פּראָטעקטאָר פון די געלערנטע אין איטאַליען. איינער פון דידאָזיקע געלערנטע שיקט דעם אַלטן קעניג פון נעאַפּאָל אַ כתב־יד, און דער קעניג באַדאַנקט אים פאַר דער מתנה, ווי פאַר אַ גרויסן חסד. קאָסמע פון מעדיטשיס האָט געגרינדעט אַ פילאָזאָפישע אַקאַדעמיע, און לאַאורענט לעבט אויף צוריק די פלאַטאָנישע באַנקעטן. זיין פריינט, לאַנדינאָ, פאַרפאַסט דיאַלאָגן, אין וועלכע די פאַרשוינען, וואָס געפינען זיך אויף פרישער לופט, אינם קאמאלדונענזער קלויסטער, דיסקוטירן מערערע טעג נאָכאַנאַנד, כדי צו דערגיין וואָסער מין לעבן עס שטייט העכער: אַ לעבן פון טאַט, צי אַ לעבן פון געדאַנק. פּעטער, דער זון פון לאַאורענט, אָרדנט איין, אין סאַנטאָ מאַריא דעל פיאָרע, אַ ויכוח איבער אמתער פריינטשאַפט, און לייגט פאָר אַלס פּרעמיע פאַרן זיגער, אַ זילבערנע קרוין. און אַזוי זעט מען, ווי פּרינצן פון מסחר און פּרינצן פון דער מלוכה פאַרזאַמלען אַרום זיך פילאָזאָפן, קינסטלער און געלערנטע: דאָ,

פיק דעלא מיראַנדאָלע, מאַרסילע פיציון און פּאָליציאַן; דאָרט ווידער, לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, מערולאַ, פּאָמפּאָניוס לעטוס, אום זיך מיט זיי דורכצושמועסן, אין אַ זאַל, אַ באַצירטן מיט טייערע ביוסטן, ביי צוריקגעפונענע כּתבֿ־ידן פון אַלטער חכמה. דער שמועס ווערט געפירט אין אַ געקליבענער, געצירטער שפּראַך, אָן צערעמאָניעס, אָן ריקזיכט אויפן ראַנג, מיט יענער פּאַרטרעגלעכער און גרויסמוטיקער נייגעריקייט, וואָס מאַכט די וויסנשאַפט ברייטער און שענער און פאַרוואַנדלט דאָס אָרט פון קירכלעכע מחלוקות אין אַ יום־טובֿ פון דענקנדע גייסטער.

ס'איז אַלזאָ קיין ווונדער נישט, וואָס די פאָלקס־שפּראַך, וועלכע איז זינט פּעטראַרקאַן געווען כּמעט פאַרוואָרלאָזט, שאַפט אויך פון איר זייט אַ נייע ליטעראַטור. לאַאורענט פון מעדיטשיס, דער וויכטיקסטער באַנקיר און דער ערשטער ריכטער פון דער שטאָט, איז דער ערשטער פון די נייע איטאַליענישע דיכטער. נעבן אים, זענען פּולטשי, באָיאַרדאָ, בערני, אַביסל שפּעטער — בעמבאָ, מאַקיאַוועלי, ל'אַריאָסט, די אַנטשיידענע מוסטערן פון אַ פאָלקאָמענעם סטיל, פון ערנסטער דיכטונג, פון קאָמישער פאַנטאַזיע, פון פיינער פריילעכקייט, פון בייסנדער סאַטירע און פון טיפער באַטראַכטונג. און חוץ זיי, אַ גוזמא קלענערע דערציילער, לאַכער, לעבער, ווי מאָלזאַ, ביבביענאַ, דערנאָך ל'אַרעטין, פראַנקאָ, באַנדעלאָ, וועלכע ציען אויף זיך דעם חסד פון פרינצן און די באַוווּנדערונג פון דער עפנטלעכקייט, דורך זייער לוסטיקייט, זייערע איינפאַלן, און זייערע וויצן. דער סאָנעט ווערט אַן אינסטרומענט פאַר ליבע אָדער סאַטירע, און לויפט פון האַנט צו האַנט. די קינסטלער טוישן זיך מיט אים. טשעליני דערציילט, אַז ווען זיין פּ ע ר ס ע א ו ס איז דערשינען זענען וועגן דעם געווען צוואַנציק מודעות, דעם ערשטן טאָג. אין יענער צייט איז נישט געווען קיין פולשטענדיקער יום־טובֿ אָדער קיין גוטע סעודה אָן פּאָעזיע; איינמאָל האָט דער פּויפּסט, לעאָן דער 10־טער, געשענקט דעם דיכטער טעבאַלדעאָ 500 דוקאַטן פאַר אַן עפּיגראַם, וואָס אים איז געפעלן. אין רוים, ווידער, האָט מען אַן אַנדערן דיכטער, בערנאַרדאָ אַקקאָלטין, אַזוי שטאַרק באַוווּנדערט, אַז ווען ער האָט איינגעאָרדנט אַן עפנטלעכע פאָרלעזונג,

פלעגט מען שליסן די געשעפטן, כדי צו קומען אים הערן; ער פלעגט פאַרלייענען אין אַ גרויסן זאַל, ביי דער באַלויכטונג פון פאַקלען; די פראַלאַטן מיט זייער שווייצער-גוואַרדיע פלעגן בייווינען די לעזונג; גערופן האָט מען אים „*דער איינציקער*". זיינע צו שאַרפזיניקע פערזן האָבן געפונקלט מיט פיינע הומאָר-בליצן (קאָנצעטטי *), און דידאַקטישע ליטעראַרישע הומאָרבלימעלעך, ענלעכע צו די מיט וועלכע די איטאַליענישע זינגער באַצירן זייערע טראַגישסטע מעלאָדיען, זענען אַזוי גוט פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז די אַפּלאָדיסמענטן פלעגן שטורמען פון אַלע זייטן.

אָט איז אַלזאָ אַ פיינע און אַלגעמיינע גייסטיקע קולטור, וועלכע איז אין איטאַליען ניי, און דערשיינט דאָרט אין דערזעלבער צייט, וואָס די נייע קונסט. איך וואָלט אייך וועלן מיט איר באַקענטער באַקענען, אָבער שוין נישט גלאַט דורך אַלגעמיינע פראַזן, נאָר דורך אַ פולשטענדיק בילד; נאָר אַן אויספירלעכער פאַל איז ביכולת צו שאַפן גענויע באַגריפן. ס'איז פאַראַן פון יענער צייט אַ בוך, וואָס שילדערט די פּאָרטרעטן פון אַ הער און אַ דאַמע, וועלכע באַזיצן אַלע גוטע מעלות, דאָס הייסט — די צוויי הויפט-געשטאַלטן, וואָס די מענטשן פון יענער צייט וואָלטן געקאָנט זיך נעמען אַלס מוסטערן; אַרום דידאַקטישע אידעאַלע געשטאַלטן באַוועגן זיך, אויף פאַרשיידענע דיסטאַנצן, רעאַלע געשטאַלטן: איר האָט פאַר די אויגן אַ סאַלאָן פונם יאָר 1500, מיט זיינע געסט, זיינע געשפרעכן, זיין דעקאָראַציע, זיינע טענץ, זיין מוזיק, זיינע ווערטלעך, זיינע דיסקוסיעס. וואָס אַן אמת איז ער אַ סך אָנשטענדיקער, ריטערלעכער און גייסטרייכער, ווי די סאַלאָנען פון רוים און פון פלאָרענץ, ער איז אָבער געמאָלן מיט אויפריכטיקייט, און איז אויסגעצייכנט צו ווייזן, אין פאַראיידלטע שטעלונגען, די ריינסטע און איידלסטע גרופּע געבילדעטע און העכערע געשטאַלטן. כדי אים צו זען, איז גענוג צו בלעטערן דאָס בוך, „איל קאָרטעדזשיאַנאָ", פון גראַף באַלדאַזאַרע קאַסטיגליאָנע.

---

*) קאָנצעטטי (איטאַליעניש) — גלענצנדע אָבער נישט קיין אויסגעהאַלטענע געדאַנקען.

דער גראַף קאַסטיגליאָנע איז געווען אין דינסט ביי גידאָ ד׳אובאַלדאָ, פירשט פון אורבין, און שפּעטער ביי זיין נאָכפאָליגער, פראַנצעסקאָ מאַריאַ דעללאַ ראָווערע, און דאָס בוך האָט ער געשריבן אַלס אָנדענקען צו די געשפּרעכן, וואָס ער האָט געהערט ביי זיין ערשטן הער. היות דער פירשט גידאָ איז געווען קראַנק און געליימט פון רומאַטיזם, פלעגט יעדן אָוונט דער קליינער הויף זיך פאַרזאַמלען ביי זיין פרוי, די פירשטין עליזאַבעטאַ, אַ זייער ערווירדיקע און גייסטרייכע פערזאָן. אַרום איר און איר וויכטיקסטער פריינדין, מאַדאַם ערמיליאַ פּיאַ, פלעגן זיך גרופּירן כלערליי אָנגעזעענע מענטשן פון אַלע טיילן פון איטאַליען: קאַסטיגליאָנע גופא, בערנאַרדאָ אַקקאָלטי ד׳אַרעזזאָ, אַ באַרימטער דיכטער, בעמבאָ, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן סעקרעטאַר ביים פּויפּסט און קאַרדינאַל, סיניאָר אָטטאַוויאַנאָ פרעגאָסאָ, יוליאַן פון מעדיטשיס, און פיל אַנדערע; דער פּויפּסט יוליוס דער 2־טער, האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטן אַ געווויסע צייט, בעת אַ רייזע. דאָס אָרט און די אומשטענדן פונם געשפּרעך זענען געווען פּאַסיק פאַר אַזעלכע פערזענלעכקייטן. זיי פלעגן זיך פאַרזאַמלען אין אַ פּרעכטיקן פּאַלאַץ, וועלכן דער פאָטער פונם פירשט האָט געלאָזט אויפבויען און וועלכער איז, „לויט דער מיינונג פון אַ סך", געווען דער שענסטער אין איטאַליען. די געמעכער זענען געווען גלענצנד דעקאָרירט מיט זילבערנע וואַזאָנעס, זיידענע מיט גאָלד געשטיקטע טאַפּעטן, מיט מאַרמאָרנע און בראָנזענע אַלטערטימלעכע סטאַטועןאון ביוסטן, מיט מאָלערייען פון פּיעראָ דעללא פראַנצעסקא און פון דזשיאָוואַני סאַנטי, דער פאָטער פון ראַפאַעלן. מ׳האָט דאָרט געזען אַ גוזמא ביכער: לאַטיינישע, גריכישע און העברעאישע, צוזאַמענגעקליבענע פון גאַנץ אייראָפּע, און אויס דרך־ארץ פאַר זייער תוכן, זענען זיי געווען באַדעקט מיט צירונגען פון גאָלד און זילבער. דערדאָזיקער הויף איז געווען איינער פון די פיינסטע אין איטאַליען. מ׳האָט דאָרט געהאַלטן אין איין פראַווען ימים־טובים, און אין איינאָרדנען טענץ, לאַנצן־געפעכטן, מיליטערישע פאַראַדן און שמועסן. „די זיסע געשפּרעכן און די אָרנטלעכע מונטערקייטן פון דעמדאָזיקן הויז — זאָגט קאַסטיגליאָנע — האָבן עס געמאַכט פאַר דער וווינונג פון דער פרייד".

גצווייִנלעך פלעגט מען נאָכן אָוונט־עסן און נאָכן טאַנצן, שפּילן אין געוויסע מינים שאַראַדן *) ; נאָך די פאַרווײַלונגען פלעגן קומען אינטימערע געשפּרעכן, ערנסטע און גלײַכצײַטיק פרײַלעכע, בײַ וועלכע די פירשטין גופא פלעגט אָנטייל נעמען. קיין שום צערעמאָניאַל ; שטעלן האָט מען געגומען לויטן חשק ; יעדער האָט זיך געזעצט נעבן אַ דאַמע, און דאָס געשפּרעך האָט נישט געהאַט אין זיך קיין שום באַשטעלטעס, און קיין שום געצוווּנגנקייט ; דער איינפאַל און די אייגנאַרטיקייט האָבן זיך געקאָנט פרײַ באַוועגן. איינמאָל, אין אַן אָוונט, האָט בערנאַרדאָ אַקקאָלטי, אויף דער בקשה פון אַ דאַמע, פאַרפאַסט אַ סאָנעט לכבוד דער פירשטין ; דערנאָך באַפעלט די פירשטין דער מאַדאַם מאַרגאַריטאַ און דער מאַדאַם קאָסטאַנצאַ פרעגאַזאַ צו טאַנצן ; די בײַדע דאַמען נעמען זיך בײַ דער האַנט, דער ליבלינגס־מוזיקער באַרלעטאַ שטעלט אָן דעם אינסטרומענט, און זיי טאַנצן אונטערן קלאַנג פון דער מוזיק, פריער אַן ערנסטן טריט, דערנאָך — אַ לעבעדיקערן. היות ווי נאָכן פערטן טאָג איז מען זיך פאַרזעסן אַ גאַנצע נאַכט, בײַ שיינע געשפּרעכן, האָט דער עולם זיך אַרומגעזען, אַז ס׳הויבט אָן צו טאָגן :

„האָט מען געעפנט די פענסטער פונם פּאַלאַץ אויף דער זײַט, ווו מען קוקט אַרויס צום הויכן שפּיץ פונם באַרג קאַטאַרי ; און אַלע האָבן צוגעקוקט, ווי אויף מזרח־זײַט הויבט שוין אָן געבוירן צו ווערן דער שיינער מאָרגנשטערן מיט זײַנע ראָזעווע פאַרבן. אַלע שטערן זענען שוין געהאַט פאַרשוווּנדן, אַ חוץ דער צאַרטער בשורה־טרעגערין פון ווענוסן, וועלכע פאַרנעמט די גרענעץ פון טאָג און נאַכט. ס׳האָט אויסגעזען פון איר צו בלאָזן אַ מילדע לופט, וואָס האָט מיט איר שטעכנדיקער קילקייט דעם הימל אָנגעפילט, און אָנגעהויבן וועקן די זיסע קאָנצערטן פון די ליבע פויגעלעך, צווישן די שטיל־רוישנדיקע וועלדער, אויף די שכנותדיקע בערגלעך״.

שוין בלויז פון דעמדאָזיקן שטיקל קאָנט איר אורטיילן ווי אָנגענעם, ווי עלעגאַנט און אפילו געבלימלט ס׳איז דערדאָזיקער סטיל ; בעמבאָ, איינער פון די געשפּרעך־פירנדע איז

*) — מינים רעטענישן.

צווישן די איטאַליענישע פּראָזע־קינסטלער דער, וואָס איז אַממערסטן געשליפן, אַממערסטן ציצעראָניש און ווילקלינגעוודיק. און אַזוי איז אויך דער טאָן פון די איבעריקע געשפּרעכן. ס'זענען אין זיי פאַראַן פילפאַכע העפלעכקייטן, קאָמפּלימענטן פאַר די דאַמען איבער זייער שיינקייט, זייער חן, זייער טוגנט; קאָמפּלימענטן פאַר די הערן איבער זייער טאַפּפערקייט, זייער פאַרשטאַנד, זייער וויסן. אַלע אַכטן זיך און ווילן זיך איינער דעם אַנדערן געפעלן, און דאָס איז דאָך דאָס גרעסטע געזעץ פון וועלטלעכקייט, און דער פיינסטער רייץ פון דער גוטער געזעלשאַפט. אָבער די העפלעכקייט שליסט נישט אויס קיין הייטערקייט. אַלס באַטעמונג, טרעפט מען אין זיי קליינע רוגזן, לייכטע דורכווערטלונגען, און חוזק דעם, גוט־ווערטלעך, וויצן, אַנעקדאָטן, לעבעדיקע און פריילעכע געשיכטן. אַמאָל בעת מ'האָט געפּרוווט דערקלערן וואָס דאָס איז אַזוינס אמתע גאַלאַנטקייט, דערציילט אַ דאַמע, אַלס אילוסטראַציע, אַז לעצטנס איז צו איר געקומען אין באַזוך אַ סיניאָר פונם אַלטן שניט, אַ קריגס־מאַן, אַ דורך און דורך־געזשאַוורטער פונם דאָרף־לעבן און איר אויסגערעכנט, וויפיל שונאים ער האָט אויסגעהרגעט, און דעמאָנסטרירנדיק מיט זשעסטן, איר דורכאויס געוואָלט דערקלערן, ווי אַזוי מען באַנוצט זיך מיטן שווערד, ביים צוהאַקן און ביים צעשטעכן אַ מענטשן. זי איז לאַכנדיק מודה, אַז זי איז געווען זייער אומרואיק, און געהאַלטן און איין קוקן צו דער טיר, פרעגנדיק זיך יעדע רגע, צי וויל ער זי נישט טויטן. אַ היפּשע צאָל ענלעכע שטריכן אונטערברעכן יעדע ווייל די ערנסטקייט פונם דיאַלאָג. פונדעסטוועגן בלייבט ער נישט ווייניקער ערנסט. מען זעט אַז די קאַוואַליערן זענען באַהאַוונט אין דער גריכישער און רוימישער ליטעראַטור, אַז זיי קענען געשיכטע, אַז זיי האָבן אַ ידיעה אין פילאָזאָפיע, אפילו אין דער סכאָלאַסטישער. די דאַמען קומען צו, בייזערן זיך אַביסל, פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל זיך אומקערן צוריק צו מענטשלעכע זאַכן; זיי האָבן נישט זייער גערן צוזען ווי ס'באַווייזן זיך אינם געשפּרעך אַריסטאָטעלעס, פלאַטאָן און זייערע צוריקשטויסנדע מפרשים; די טעאָריעס וועגן הייס און קאַלט, וועגן דער פאָרם און דער סובסטאַנץ. און באַלד טאַקע קומען די שמועסער צוריק צום שיינעם

גאַנג פון אַ וועלטלעכן געשפּרעך, און בעטן, אין אַן אָנגעגעמער און העפלעכער רעדנס־פאָרם, מחילה פאַר זייער בקיאות און פאַר זייער מעטאַפיזיק. איבריקנס, ווי שראַף דער שטאָף זאָל נישט זיין און ווי העפטיק ס׳זאָל נישט זיין דער ויכוח, בלייבט אַלע־מאָל זייער סטיל עלעגאַנט און פּערפעקט, זיי זענען זייער גע־וואָרנט, איבער דער אייגנטלעכער באַדייטונג פון די אויסדרוקן, זיי זענען פּיוריסטן *), ווי שפּעטער וועלן דאָס ווערן די שיין־רעדנער פונם האָטעל ראַמבויע, די צייטגענאָסן פון וואָזשעלאַס און די גרינדער פון אונזער קלאַסישער ליטעראַטור. ביי זיי איז אָבער דער געדאַנקען־גאַנג מער דיכטעריש, פּונקט ווי די שפּראַך זייערע — מער מוזיקאַליש. אַ דאַנק דער עשירות, דעם ריטמוס און די קלינגענדיקע ענדערונגען פון דער שפּראַך, גיט דער אי־טאַליענער צו די אייגנאַרטיקסטע זאַכן שיינקייט און האַרמאָניע, און רעמט איין אין אַן איידעלער און פאַרגעניגנדיקער דעקאָ־ראַציע זאַכן, וואָס זענען שוין פון זיך גופא אויך שיין. האַנדלט זיך צו שילדערן די אומגליקלעכע פאָלגן פון דער עלטער, וואַרפט דער איטאַליענישער סטיל, ווי דער איטאַליענישער הימל, זיין גאָלדן ליכט אפילו אויף חורבות, און פאַרענדערט אַ טרויעריק ספּעקטאַקל אין אַ פּרעכטיק בילד:

„אין דערדאָזיקער צייט וועלקן און פאַלן אַרונטער אין אונזער האַרץ די בלומען פון פרייד, ווי אין האַרבסט, די בלע־טער פון די בוימער. אָנשטאָט מונטערע און לויטערע געדאַנקען, קומט אָן, ווי אַ טריבער וואָלקן, דער טרויער, אין דער באַ־גלייטונג פון טויזנטער אָנשיקענישן, אַזוי, אַז נישט בלויז דער גוף אַליין, נאָר אויך די נשמה איז קראַנק, און איר בלייבט פון אַלע פאַרגאַנגענע פאַרגעניגנס, נישט מער, ווי אַן עקשנות־דיקע ערינערונג, און אַ בילד פון יענער גוטער, ליבער צייט, פון יענעם צאַרטן אַלטער, אין וועלכן אונז דאַכט זיך, ווען מיר קומען צו אים צוריק מיטן געדאַנק, אַז הימל און ערד און אַלצדינג פראַווען פאַר אונז אַ יום־טוב, און שמייכלען אַרום

*) פּיוריסט־שפּראַכן־ריינקער. אַ געלערנטער, וואָס שטרעבט צו פאַר־האַלטן די שפּראַך ריין פון פרעמדע השפּעות און פון פרעמד־ווערטער. (באַמערקונג פ. איב.)

אונזערע אויגן, און אַז אונזער נשמה בליט איר זיסן פריידנס־פרילינג, ווי אין אַ שיינעם און ווונדערלעכן גאָרטן. און דערפאַר, ווען אין דער קאַלטער צייט נויגט אָפּ די זון פון אונזערע טעג קיין מערב־זייט, און באַרויבט אונז פון אונזערע פאַרגעניגנס, וואָלט אפשר כּדאַי געווען, זיי פאַרלירנדיק, צו פאַרלירן גלייכצייטיק דעם זכּרון וועגן זיי, און אויסצוגעפינען אַ קונסט, וואָס זאָל אונז לערנען פאַרגעסן".

דער מאָטיוו נעמט נישט אַוועק די שיינקייט פונם געשפּרעך גופא. אויף דער בקשה פון דער פירשטין, נעמט זיך יעדערער באַזונדער אויסרעכענען אייניקע מעלות, וואָס מאַכן דעם ריטער פּאַר פולקאָם און די דאַמע פּאַר פולשטענדיק; מען זוכט דעם סיסטעם פון דערציִאונג, וועלכער איז אַמבעסטן בכּח אויסצובילדן די נשמה און דעם קערפּער, נישט בלויז פּאַר די פונקציעס פון דער ציוויליזירטער געזעלשאַפט, נאָר אויך פּאַר דעם געניס פונם וועלטלעכן לעבן. באַטראַכט נאָר, וואָס מ'האָט אַלץ פאַרלאַנגט, ביי אַ גוט דערצויגענעם מענטשן, סאַראַ פיינקייט סאַראַ טאַקט, סאַראַ פאַרשיידנאַרטיקע ידיעות. מיר האַלטן זיך פאַר גוט ציוויליזירט, און פונדעסטוועגן, נאָך דריי הונדערט יאָר דערציִאונג און קולטור, וואָלטן מיר נאָך געקאָנט ביי זיי געפינען גענוג ביישפּילן, און אויך וואָס צו לערנען.

„איך וויל, אַז אונזער הויפמאַן זאָל זיין מער ווי דורכשניטלעך געבילדעט אין ליטעראַטור, ווייניקסטנס אין דער, וועלכע מען רופט בעלעטריסטיק; און אַז ער זאָל קענען, נישט נאָר לאַטיין, נאָר אויך גריכיש צוליב דער גרויסער צאָל און צוליב דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון די געטלעכע כּתבים, וואָס עס זענען אין דערדאָזיקער שפּראַך פאַראַן...; אַז ער זאָל זיין באַהאַוונט אין די דיכטער אַזוי גוט ווי אין די רעדנער און אין די היסטאָריקער; און דערצו זאָל ער זיין געווינט צו שרייבן אין פערזן און אין פּראָזע, דערהויפּט אין אונזער פאָלקס־שפּראַך; ווייל חוץ דעם, וואָס ער גופא וועט דערין געפינען אַ באַפרידיקונג, וועט אים קיינמאָל נישט פעלן קיין אָנגענעמער שטאָף פאַר אַ געשפּרעך מיט דאַמען, וועלכע האָבן גערן אָט די מינים זאַכן.

איך וואָלט מיט אונזער ריטער נישט צופרידן געווען, ווען

ער וואָלט דערבײַ נישט זײַן אויך אַ מוזיקער, און, חוץ דער פעאיקייט און דער רגילות צו לייענען זײַן פּאַרטיע אין בוך, נישט געווען ביכולת צו שפּילן אויף פאַרשיידענע אינסטרומענטן... ווײַל אויסער דעם, וואָס די מוזיק ווײַלט יעדן מענטשן און לינדערט אים די זאָרגן, דינט זי אָפּט צו באַפרידיקן די דאַמען, וואָס זייערע צאַרטע און איידעלע הערצער ווערן לײַכט דורכגענומען מיט איר האַרמאָניע און איבערפולט מיט איר זיסקייט". —

עס האַנדלט זיך לחלוטין נישט וועגן זײַן אַ ווירטואָז און וועגן פאַראַדירן מיט אַ ספּעציעלן טאַלאַנט. די טאַלאַנטן זענען באַשאַפן נאָר פאַר דער וועלט; מען דאַרף זיי נישט דערוווערבן פון פעדאַנטעריע וועגן, נאָר כדי צו זײַן ליבנסווירדיק; מען דאַרף זיי נישט באַנוצן, אום זיך צוצוציען באַוווּנדערונג, נאָר כדי צו פאַרשאַפן די מענטשן פאַרגעניגן. דערפאַר דאַרף אים נישט זײַן פרעמד קיין איינע פון די פאַרגעניגנס־קונסטן.

„פאַראַן נאָך אַ זאַך, וואָס איך האַלט, אַז זי איז פון גרויסער וויכטיקייט, און אויך זי טאָר אונזער ריטער נישט פאַרנאַכלעסיקן: דאָס איז דער טאַלאַנט צו צייכענען און דאָס פאַרשטיין זיך אויף מאָלערײַ. זי איז איינע פון די באַצירונגען פונם געשליפענעם העכערן לעבן, און צוליב דעם מאָטיוו, דאַרף זיך אַ קולטור־גייסט צו אים צובינדן, ווי ער בינדט זיך צו צו אַלעם וואָס איז עלעגאַנט. אין דעם אָבער, ווי אין אַלעם איבעריקן, טאָר מען נישט זײַן איבערגעטריבן. דער אמתער טאַלאַנט, די קונסט אונטער וועלכער עס פאַלן אַרונטער אַלע איבעריקע קונסטן, דאָס איז טאַקט, אַ געוויסע פאַרזיכטיקייט, אַ באַאורטיילונגס־פעאיקייט, אַ געשייטער אויסוואַל, דאָס קענען דעם מער און דעם ווייניקער, דאָס וואָס אין די זאַכן קומט צו אָדער קומט אָפּ, און ברענגט דערצו, אַז מען זאָל זיי אויספירן אין דער געהעריקער צײַט, אָדער נישט אין דער געהעריקער צײַט. ווען אונזער ריטער, למשל, זאָל וויסן, אַז די שבחים, וואָס מען גיט אים זענען פאַרדינטע, טאָר ער נישט עפנטלעך דערמיט מסכּים זײַן... נאָר ליבער מיט באַשיידנקייט זיי צוריקווײַזן, אָנווײַזנדיק אַלעמאָל, און נעמענדיק טאַקע אויף אַן אמת, אַלס הויפט באַשעפטיקונג, דעם מיליטערישן באַרוף, און האַלטן אַלע איבעריקע טאַלאַנטן אַלס אַ פוץ פאַר אָט דעם לעצטן. ווען ער

מאַנצט אין דער קעגנוואַרט פון אַ סך אַנדערע, און אין אַן אָרט פול מיט מענטשן, דאַרף ער זיך, שײַנט מיר, פאַרהאַלטן מיט אַ געוויסער ווירדע, וועלכע איז פונדעסטוועגן געמילדערט דורך לײַכטע, זאַנפטע און חנעוודיקע באַוועגונגען, און אויב אים קומט אויס צו שפּילן מוזיק, זאָל עס אויסזען ווי אַ צײַט־פאַר־טרײַב, און ווי אַ פלומרשטער צוואַנג... און הגם ער קאָן גוט דאָס וואָס ער טוט, און איז דערין אַ מומחה, וויל איך, אַז ער זאָל נישט לאָזן מערקן דעם שטודיום און די אָנשטרענגונג, וועלכע זענען נויטיק בײַ יעדער זאַך, וואָס מען וויל גוט קענען; אַז ער זאָל מאַכן דעם אָנשטעל, ווי ער גופא וואָלט נישט גע־האַלטן פאַר זייער וויכטיק דידאָזיקע זאַך, דערבײַ אָבער דאַרף ער זי טאָן גוט און „אַזוי, אַז אַלע זאָלן אים דערפאַר זייער אַכטן". ער טאָר זיך נישט רימען מיט אַ געשיקטקייט, וועלכע פּאַסט פאַר מענטשן וואָס זענען פונם פאַך. ער דאַרף אַליין אויף זיך ציִען דרך־ארץ, און שליסלעך זיך נישט נאָכגעבן, נאָר אין קעגנטייל, זיך אײַנהאַלטן, זײַן אַ באַלעבאָס איבער זיך אַליין. זײַן פּנים מוז זײַן רואיק, ווי דאָס פּנים פון אַ שפּאַניער, ער זאָל זײַן ריין און מדקדק זײַן אויף זײַנע מלבושים; אין דעם הינזיכט זאָל זײַן געשמאַק זײַן אַ מאַנסבילשער און נישט קיין פאַרווײַבערישטער; ער זאָל ליבערשט ווײַלן די שוואַרצע פאַרב, וועלכע איז אַ צייכן פון אַן ערנסטן און געזעצטן כאַראַק־טער. אַזוי אויך טאָר ער זיך נישט לאָזן אַרײַנפאַלן אין צו שטאַרקער פרײַלעכקייט, אָדער התפעלות, אין אַ צו שטאַרקן כעס אָדער עגאָאיזם. זאָל ער אויסמײַדן גראָבקייטן, רויע אויסדרוקן, ווערטער פון וועלכע דאַמען קאָנען רויט ווערן. ער דאַרף זײַן העפ־לעך, פול מיט געפעליקייט און מיט אַנשטענדיקייט קעגנאיבער אַנדערע. זאָל ער קענען זאָגן וויצן און דערציילן פרײַלעכע געשיכטן, אָבער אָנשטענדיקע. דעם בעסטן כלל, וועלכן מען קאָן אים אָנווייזן איז, זיך אויפצופירן אַזוי, אַז ער זאָל געפעלן דער גראָטנסטער דאַמע. דורך דעמדאָזיקן גײַסטרײַכן איבערגאַנג גרענעצט זיך דער פּאָרטרעט פונם ריטער מיטן פּאָרטרעט פון דער דאַמע, און די פּײַנע פּענזל־שטריכן, וואָס האָבן געדינט בײַ דער ערשטער מאָלעריי, ווערן נאָך אין צווייטן פּאָרטרעט דעליקאַטער.

„היות ס׳איז נישט פֿאַראַן אויף דער וועלט אַ הויף, ווי גרויס ער זאָל נישט זיין, וועלכער זאָל קאָנען האָבן באַפּוצונג, פּראַכט אָדער פריילעכקייט אָן פרויען, און אַזוי ווי ס׳איז נישט פֿאַראַן קיין ריטער, וועלכער זאָל פֿאַרמאָגן וואָסער נישט איז ברייך, אָנגענעמקייט און דרייסטקייט, אָדער וועלכער זאָל ביכולת זיין צו טאָן עפּעס אַ גלענצנדע ריטערלעכע טאַט אָן דעם פּאַרקער, דער ליבע און דער גינסטיקייט פון דאַמען, וואָלט אונזער פּאָרטרעט פונם ריטער געבליבן זייער נישט פול־שטענדיק, ווען די דאַמען וואָלטן אים נישט צוגעגעבן אַ טייל פון יענעם חן, מיט וועלכן זיי באַפּוצן און דערגענצן דאָס הויף־לעבן...

„איך זאָג, אַז די דאַמע וואָס לעבט אין הויף דאַרף קודם כל פֿאַרמאָגן אַ געוויסע ליבלעכע באַרעדזאַמקייט, דורך וועלכער זי זאָל אומשטאַנד זיין, אויף אַ חנעוודיקן אופן, צו ווײַלן כל־ערליי מענטשן מיט אָנגענעמע געשפּרעכן, אָנשטענדיקע און צו־געפּאַסטע צו דער צייט, צום אָרט און צום ראַנג פון דער פּערזאָן מיט וועלכער זי רעדט. זי דאַרף האָבן אַ רואיקע און באַשיידענע אויפפירונג, אַ באַנעמונג, וועלכע זאָל אַריינברענגען טאַקט אין אירע האַנדלונגען, אָבער חוץ דעם, אַ געוויסע גייס־טיקע באַוועגלעכקייט, דורך וועלכער זי זאָל אויסזען ווייט פון יעדער שווערפעלטיקייט; פונדעסטוועגן דאַרף זי דערצו צוגעבן אַ געוויסן מין גוטהאַרציקייט, וועלכע זאָל אגב נישט ווייניקער געבן אָנצוגעהערן, אַז זי איז פּאָרזיכטיק, שעמעוודיק, מילד און ליבלעך, געשייט און צאַרטפילנד. דערפֿאַר דאַרף זי זיך האַלטן אויף אַ געוויסן שווערן מיטלפּונקט, וועלכער איז ווי צוזאַמענ־געשטעלט פון קעגנזאַצן, און דאַרף גיין ביז געוויסע גרענעצן, און זיי קיינמאָל נישט אַריבערטרעטן.

„אום צו קריגן דעם נאָמען ערלעכע און צנועה, דאַרף אַלזאָ דידאָזיקע דאַמע נישט זיין אַזוי „צידקותדיק” און אַרויס־ווייזן פֿאַר געזעלשאַפטן און געשפּרעכן אַפילו אַביסעלע לייכט־זיניקייט, אַ שרעק, אַזש ביז צום אַוועקלויפן, אויב זי געפינט זיך צווישן זיי, ווייל אין אַזאַ פֿאַל, וואָלט מען געקאָנט לייכט מיינען, אַז זי מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ שטרענג־אָפּגעהיטער, כדי צו באַהאַלטן עפּעס אירן אַן אייגענעם פעלער, וועלכן אַן

אַנדערער קאָן געוואָר ווערן ; איבעריקנס זענען ווילדע מאַניערן אַלעמאָל עקלהאַפט. — אויב אָבער עס טרעפט, אַז זי געפינט זיך אַנוועזנד ביי אַזעלכע געשפרעכן, פון וועלכע מ׳האָט גערעדט, דאַרף זי דאָס טאָן מיט אַביסעלע רויטקייט און שעמעוודיקייט״.

אויב זי איז גענוג געשיקט, וועט זי קאָנען לענקען דאָס געשפרעך אויף אַנדערע, אָנשטענדיקערע און איידעלערע טעמען. ווייל איר דערציאונג איז נישט קיין סך הינטערשטעליק דער מענלעכער דערציאונג: ווייל אויך זי דאַרף קאָנען ליטעראַטור, מוזיק, מאָלעריי, גוט טאַנצן און אָנגענעם שמועסן. — די דאַמען, וואָס זענען אָנוועזנד ביים געשפרעך, פירן דורך דאָסדאָזיקע געבאָט מיט ביישפילן ; זייער גוטער געשמאַק און זייער גייסטרייכקייט בלִיצן דאָרט אין דער געהעריקער מאָס ; זיי אַפּלאָדירן דעם ענטוזיאַזם פון בעמבאָן, זיינע איידעלע, פּלאַטאָנישע טעאָריעס איבער דער ריינער אַלוועלטלעכער ליבע. איר וועט אין יענער צייט געפינען אין איטאַליען פרויען, ווי וויטאָריאַ קאָלאָננאַ, וועראָניקאַ גאַמבאַראַ, קאָסטאַנצאַ דאַמאַלפי, טולליאַ ד׳אַראַגאָנאַ, די פירשטין פון פערראַרע, וועלכע פאַרמאָגן גלייכצייטיק העכערע טאַלאַנטן און העכערע בילדונג: אויב איר דערמאָנט זיך אַצינד די פּאָרטרעטן פון יענער צייט, וועלכע געפינען זיך אין לוור, די בלייכע און פאַרטראַכטע ווענעציאַנער, אין שוואַרצער קליידונג, דעם „יונגנמאַן״ פון פראַנציאַ, אַזוי היציק און אַזוי אומבאַוועגלעך ; די דעליקאַטע „יאָהאַנאַ פון נעאַפל״, מיטן שוואַנען־האַלז, „דעם יונגנמאַן מיט דער סטאַטועטקע״, פון בראָניזאָן, די אַלע קלוגע און רואיקע געזיכטער, די אַלע רייכע און שטרענג־ערנסטע קאָסטיומען, אפשר וועט זיך אייך דעמאָלט איינגעבן זיך צו מאכן אַ באַגריף פון דער זעלטענער געשליפנקייט, פון די רייכע אייגנשאַפטן, פון דער פולשטענדיקער קולטור פון אָט דער געזעלשאַפט, וועלכע האָט מיט דריי הונדערט יאָר פאַר אונזער קולטור, געדערודערט מיט אידייען, הנאה געהאַט פון עלעגאַנץ און אָפּגעהיט העפלעכקייט אַזוי גוט ווי מיר, און אפשר נאָך בעסער.

קאפיטל ד.

די נעבן־באַדינגונגען

(המשך)

דאָס אַלץ העלפט אונז אַרויסשיילן אַן אַנדערן שטריך פון דערדאָזיקער ציוויליזאַציע, און אַן אַנדערן באַדינג פון דער גרויסער מאָלעריי. די גייסטיקע קולטור איז אויך אין אַנדערע תקופות געווען אַזוי פיין ווי אין דער דעמאָלטיקער, און דאָך איז די מאָלעריי נישט געשטאַנען אַזוי הויך. אין אונזער צייט, למשל, האָבן די מענטשן אַ חוץ די ידיעות פונם 16־טן יאָרהונדערט, דערפאַרונגען און דערפינדונגען פון נאָך דריי הונדערט יאָר, זיי זענען אַלזאָ געלערנטער און בעסער פאַרזען מיט אידייען, ווי אַמאָל; פונדעסטוועגן קאָן מען נישט זאָגן, אַז די צייכן־קונסטן פונם איצטיקן אייראָפּע זאָלן אַרויסברענגען אַזעלכע שיינע ווערק ווי אין איטאַליען, אין דער צייט פון דער רענעסאַנס. עס איז אַלזאָ נישט גענוג, ווען מען וויל דערקלערן די גרויסע ווערק פונם יאָר 1500, אָפּצושטעלן זיך ביי דער טיפער אינטעליגענץ און ביי דער פולשטענדיקער קולטור פון די מענטשן פון ראַפאַעלס צייטן; מען מוז אויך דעמדאָזיקן מין אינטעליגענץ און קולטור דעפינירן, און, נאָך דעם וואָס מען האָט פאַרגליכן דאָס דעמאָלטיקע איטאַליען צום אייראָפּע פונם 15־טן יאָרהונדערט, דאַרף מען עס פאַרגלייכן מיטן אייראָפּע, אין וועלכן מיר לעבן היינט.

לאָמיר קודם אַריינגיין אין דעם לאַנד, וואָס איז, אין אונזער צייט, גאַנץ זיכער דאָס געבילדעטסטע אין גאַנץ אייראָפּע —

דייטשלאַנד. דאָרט, דערהויפּט אין צפון־דייטשלאַנד, קאָן יעדער איינער לייענען; חוץ דעם פאַרברענגען די יונגעלייט פון פינף ביז זעקס יאָר אין די אוניווערזיטעטן, נישט נאָר די רייכע און פאַרמעגלעכע, נאָר אַלע מענער פונם מיטל־שטאַנד, און אייניקע אפילו פונם נידעריקן שטאַנד, פאַרן פרייז פון לאַנגיעריקע צרות און גרויסע נויטן. די בילדונג איז דאָרט אַזאַ גרויסער כבוד, אַז טיילמאָל דערגייט זי אַזש צו געקינצלטקייט, און אָפט צו פעדאַנטיזם. אַסך יונגעלייט, הגם זיי האָבן גאַנץ געזונטע אויגן, טוען זיך אָן ברילן, כדי אויסצוזען געבילדעטער. דאָס וואָס פאַר־נעמט דעם גרעסטן אָרט אין אַ דייטשן קאָפּ פון צוואַנציק יאָר, איז נישט דער פאַרלאַנג צו שפּילן אַ ראָלע אין קלוב אָדער אין קאַפע־הויז, ווי דאָס איז צו זען אין פראַנקרייך, נאָר דער ווילן צו דערווערבן געמיינזאַמע בליקן איבער דער מענטשהייט, דער וועלט, דעם איבערנאַטירלעכן, דער נאַטור, און נאָך איבער אַסך אַנדערע זאַכן; בקיצור — צו האָבן אַ פולשטענדיקע פי־לאָזאָפיע. ס'איז נישט פאַראַן נאָך אַ לאַנד, ווו מען זאָל טרעפן אַזאַ גרויסן חשק, אַזאַ רגילות, אַזאַ נאַטירלעכע פאַרשטענדניש פאַר הויכע אַבסטראַקטע טעאָריעס. דאָס איז דאָס פאָטערלאַנד פון דער מעטאַפיזיק און פון סיסטעמען. אָבער דידאָזיקע שפע אין העכערע באַטראַכטונגען האָט שאָדן געבראַכט דער צייכן־קונסט. די דייטשישע מאָלער באַמיען זיך אויסצודריקן אויף זייערע לייוונטן אָדער אין זייערע פרעסקעס די הומאַניטאַרע און רע־ליגיעזע אידייען. זיי שטעלן פאַרב און פאָרם נידריקער ווי דעם געדאַנק; זייער ווערק איז סימבאָליש; זיי מאָלן אויף די ווענט אַ קורס פון פילאָזאָפיע און געשיכטע, און ווען איר וואָלט אַריינפאָרן קיין מינכען, וואָלט איר געזען, אַז די גרעסטע פון די־דאָזיקע מאָלער זענען פילאָזאָפן, פאַרבלאָנדזשעטע אין דער מאָ־לעריי, פעאיקער צו רעדן צום שכל, ווי צו די אויגן, און וואָס דער אינסטרומענט זייערער וואָלט באַדאָרפן זיין אַ פעדער און נישט קיין פענזל.

לאָמיר איבערגיין קיין ענגלאַנד. דאָרט טרעט אַ מענטש פונם מיטלקלאַס אַריין גאַנץ יונג אין אַ געשעפט אָדער אין אַ ביוראָ; ער אַרבעט צען שעה אַ טאָג, ער אַרבעט נאָך צו אין דערהיים, און שטרענגט אָן אַלע גייסטיקע און קערפּערלעכע

כּחות צו פֿאַרדינען גענוג געלט. ער האָט חתונה און האָט אַ סך קינדער; ובכן אַרבעט ער נאָך מער. די קאָנקורענץ איז אַ ביטערע, דער קלימאַט אַ שאַרפֿער, און די באַדערפֿענישן זענען גרויסע. אַ דזשענטלמאַן, אַ רייכער, אַן אַדעליקער האָט אויך נישט קיין סך מער פֿרייע צייט; ער איז פֿאַרטאָן אין געשעפֿטן און געבונדן מיט ערנסטע פֿליכטן. די פּאָליטיק שלינגט איין יעדנס אויפֿמערקזאַמקייט. מיטינגען, קאָמיטעטן, קלובן, אַזעלכע צייטונגען ווי דער טיימס, וואָס ברענגט אייך יעדן אינדערפֿרי אַ גאַנצן באַנד לייען־מאַטעריאַל, ציפֿערן, סטאַטיסטיקעס, אַ שווערן פּאַק נישט פֿאַרדייַלעכע פֿאַקטן אויפֿצופּרעסן און צו פֿאַרדייען, אויסער דעם אַלעם, גרויסע רעליגיעזע עסקים, פֿאָנדאַציעס, אונטערנעמונגען, דאָס פֿאַרנומען זיין מיט פֿאַרבעסערן עפֿנטלעכע און פּריוואַטע ענינים, געלט־פֿראַגן, חזקה־פֿראַגן, געוויסנס־פֿראַגן, דאָס מפֿלפּל זיין זיך וועגן טובֿת הכּלל אָדער וועגן עטישע ענינים: אָט דאָס איז די גייסטיקע פּאַשע. און דערפֿאַר ווערן די מאָלעריי און די אַנדערע קונסטן וואָס זענען באַשטימט פֿאַר די חושים, אָפּגערוקט, אָדער פֿאַלן אָפּ, פֿון זיך גופֿא, אויף אַ נידעריקערן אָרט. מ'האָט נישט קיין צייט זיך מיט זיי צו פֿאַרנעמען; מען טראַכט וועגן ערנסטערע און דרינגנדערע עסקים; מען גיט זיך מיט זיי אָפּ, ווייל די מאָדע, און די קאָנווענאַנצן פֿאַרלאַנגען עס; גלאַט, פֿון נייגעריקייטס־וועגן; זיי זענען מאַטעריאַל אויף אַן אינטערעסאַנטן שטודיום פֿאַר אייניקע קונסט־ליבהאָבער. מען קאָן דאָרט אַפֿילו באַגעגנען עטלעכע פּראָטעקטאָרן אויך, וועלכע וועלן געבן צו גרינדן מוזעאומס, צו קויפֿן אָריגינעלע צייכנונגען, צו גרינדן שולן, ווי זיי וואָלטן געבן צו אַנדערע צוועקן, ווי למשל צו פֿאַרשפּרייטן די עוואַנגעליע, אויפֿצוהאַלטן אונטערגעוואָרפֿענע קינדער, אויסצוהיילן עפּילעפּטיקער. אויך וועלן דידאַקטישע פּראָטעקטאָרן דערביי טראַכטן וועגן דעם עפֿנטלעכן און געזעלשאַפֿטלעכן נוצן, וואָס די זאַך האָט: זיי האַלטן, אַז די מוזיק מילדערט דאָס פֿאָלק און פֿאַרקלענערט די שכּרות אין די זונטיק־טעג, אַז די צייכן־קונסטן ברייטן פֿאָר גוטע אַרבעטער פֿאַר דער פֿאַבריקאַציע פֿון שטאָפֿן און לוקסוס־צירונג. דער נאַטירלעכער חוש פֿעלט לחלוטין; דאָס געפֿיל פֿאַר שיינע פֿאָרמען און שיינע פֿאַרבן איז

דאָ נישט מער, ווי אַ פרוכט פון דער דערציאונג, אַן עקזאָטישער פּאָמעראַנץ, מיט שווערער מי, און מיט גרויסע קאָסטן אויפגעצויגן אין אַ הייסער אָראַנזשעריע, וואָס מערסטנטיילס בלייבט ער זויער און פאַרשימלט. די היינטיקע מאָלער, אין יענעם לאַנד, זענען אַרבעטער מיט אַ געהעריקן אָבער זייער שמאָלן טאַלאַנט; זיי ווילן מאָלן אַ בינטל היי, אַ פאַלב פון אַ קלייד, אַ ווילדע ווזשאָסלאָנקע, אָבער אַזוי טרוקן, אַזוי קליינלעך, אַז די אויגן טוען וויי; די לאַנג-דויערנדע אָנשטרענגונג, דאָס באַשטענדיקע אַכטונג געבן אויף דעם פיזישן און מאָראַלישן מעכאַניזם האָט ביי זיי קאַליע געמאַכט דאָס גלייכגעוויכט פון איינדרוק און בילד; זיי זענען געוואָרן אומפילבאַר אויף האַרמאָניע און פאַרב, זיי גיסן אויס אויף זייערע לייוונטן גאַנצע טעפּ מיט פּאַפּוגיי-גרינס, מאַכן בוימער, ווי פון צינק און פון בלעך, מאָלן לייבער מיט אָקסן-בלוט-רויט *). חוץ זייער שטודירן פיזיאָנאָמיעס און זייער קאָנען מאָראַלישע כאַראַקטערן, איז זייער מאָלעריי לעכערלעך, און זייערע נאַציאָנאַלע אויסשטעלונגען זענען אַ זאַמלונג פון פאַרבן, וועלכע זענען אַזוי זויער, אַזוי אומהאַרמאָניש און אַזוי רוי, אַז זיי מאַכן אויף די פרעמדלענדער דעם איינדרוק פון אַ קאַצנמוזיק.

מען וועט ענטפערן, אַז דידאָזיקע מענטשן זענען דייטשן און ענגלענדער, ערנסטע, פּראָטע, טאַ ־ן, געלערנטע און געשעפטסמענטשן, בעת אין פאַריז וויניקסטנס האָט מען געשמאַק און מען זוכט פאַרגעניגן. ס'איז אמת, אַז פאַריז איז ביים היינטיקן טאָג די איינציקע שטאָט אין דער וועלט, ווו מ'האָט אַממערסטן ליב צו שמועסן, צו לייענען, צו באַאורטיילן די קונסט, פאַרנאַנדערצעפּלאָנטערן די פאַרשיידענע שאַטירונגען פון דער שיינקייט, און ווו פרעמדלענדער געפינען דאָס אָנגענעמסטע, דאָס פאַרשיידנפאַרביקסטע און דאָס פרייליכסטע לעבן. פונדעסטוועגן איז די פראַנצויזישע מאָלעריי, הגם זי שטייט העכער פון דער מאָלעריי פון אַלע אַנדערע לענדער, אַפילו לויט דער מיינונג פון די פראַנצויזן גופא, לחלוטין נישט גלייך אין איכות צו דער איטאַליענישער מאָלעריי פון דער רענעסאַנס-צייט. אין יעדן פאַל

*) אָקסן-בלוט-רויט : אַזאַ רויטער פאַרב.

איז זי גאַנץ פאַרשיידן: אירע ווערק ווייזן אַרויס אַן אַנדער מין גייסט, און ווענדן זיך צו גאַנץ אַנדערע סאָרטן גייסטער. זי איז פיל מער פּאָעטיש, היסטאָריש, אָדער דראַמאַטיש ווי מאָלעריש. שטייענדיק אַ סך נידעריקער אין הינזיכט פון פילן דעם שיינעם נאַקעטן קערפער און דאָס שיינע איינפאַכע לעבן, האָט זי געמאַכט כלערליי אָנשטרענגונגען פאָרצושטעלן די אמתע סצענעס און דעם פּינקטלעכן קאָסטיום פון ווייטע לענדער און פון פאַרגאַנגענע צייטן, די טראַגישע געמיטס־באַוועגונגען, דעם פאַרכאַפּנדן אויסזען פונם לאַנדשאַפט. זי איז געוואָרן די קאָנקורענטין פון דער ליטעראַטור; זי האָט אויסגענוצט און אויסגעפאָרשט דאָסזעלבע פעלד; זי האָט זיך, פונקט ווי די ליטעראַטור, געווענדעט צו דער נישט זאַטווערנדיקער נייגעריקייט, צום אַרכעאָלאָגישן גייסט, צו דער באַדערפעניש פון שטאַרקע איינדרוקן, צו דער ראַפינירטער און קרענקצוודיקער עמפינדלעכקייט, זי האָט אומגעביטן איר פאָרם, כדי צו קענען רעדן צו שטאָט־מענטשן, פאַרמאַטערטע פון אַרבעט, איינגעתּפיסעטע אינם היימזיצערישן לעבן, פאַרוואָרפן מיט געשטוקעוועטע אידייען, גיריק אויף נייקייטן, אויף דאָקומענטן, אויף סענסאַציעס, און אויך אויף דאָרפישער שלוה — פונם 15־טן ביזן ניינצעטן יאָרהונדערט איז פאָרגעקומען אַ געוואַלטיקע ענדערונג; די מעבלירונג פונם מענטשלעכן מוח און זיין גאַנצער האַק און פּאַק פון אינערלעכער באַלעבאַטישקייט האָט זיך אומגעהויער פאַרוויקלט. אין פּאַריז און אין פראַנקרייך שטרענגט מען זיך צופיל אָן און צוליב צוויי סיבות. — קודם כל האָט דאָס לעבן אָנגעהויבן צו קאָסטן טייער. פאַראַן איצט אַ מאַסע קליינע באַקוועמלעכקייטן אָן וועלכע מען קאָן זיך נישט באַגיין. טעפּיכער, למשל, פאָרהאַנגען, פּאָטעלן זענען נויטיק אַפילו אַ מענטשן, אַ שפּאָרזאַמען, וועלכער לעבט איינער אַליין; און האָט ער חתונה, האָט ער חוץ דעם נויטיק עטאַזשערקעס צוגעדעקטע מיט שפּילערייען, אַ שיינע קאָסטשפּילקע, איינריכטונג, אַן אומגעהויערן אַפּאַראַט פון קלייניקייטן, וועלכע מוזן געקויפט ווערן פאַר געלט, ווייל זיי קאָנען נישט געגנבעט ווערן אויפן ברייטן שליאַך אָדער דערוואָרבן ווערן דורך קאָנפיסקאַציעס, ווי דאָס פלעגט געשען אינם 15־טן יאָרהונדערט; זיי מוזן מיט שווערער מי פאַרדינט ווערן דורך

אַרבעט. דער גרעסטער טייל פונם לעבן גייט אַלזאָ אַוועק אויף מי און אַרבעט. — און חוץ דעם וויל מען אויפקומען; היות מיר זענען מיטגלידער פון אַ גרויסער דעמאָקראַטיע, אין וועלכער די ערטער באַקומען זיך לויט אַ קאָנקורס, לויט אויסדויער, דורך געשיקטקייט, האָפט יעטוועדער פון אונז שטילערהייט צו ווערן אַ מיניסטער אָדער אַ מיליאָנער, און דידאָזיקע קאָנקורענץ שלעפּט אונז אַריין און צווינגט אונז צו פּאַרפּילפּאַכן אונזערע עסקים, אונזערע דאגות און אונזערע קאָפּברעכענישן.

פון אַן אַנדער זייט, זענען מיר דאָ זעכצן הונדערט טויזנט, ס׳איז אַ סך, און ס׳איז צופיל. היות פּאַריז איז די שטאָט, וווּ מ׳האָט אַממערסטן שאַנסן זיך צו עפּעס צו דערשלאָגן, קומען אַלע, וואָס האָבן גייסט, אַמביציע און ענערגיע אַהער צו לויפן און שטופּן זיך מיט די עלנבויגנס. די הויפּט־שטאָט פונם לאַנד ווערט אַזויערנאָך אַן אַלוועלטלעכער זאַמלפּונקט פאַר העכערע סאָרטן מענטשן און פאַר ספּעציאַליסטן: זיי אַרבעטן געמיינזאַם ביי זייערע ערפינדונגען און פאָרשונגען; זיי טרייבן זיך אונטער איינס דאָס אַנדערע, דורך לעזונגען, טעאַטער־פאָרשטעלונגען און כלערליי געשפּרעכן, זיי שטעקן זיך אָן מיט אַ פייער. אין פּאַריז איז דער מוח נישט אין קיין נאָרמאַלן געזונטן צושטאַנד; ער איז צו שטאַרק צעגליט, צופיל אָנגעשטרענגט, איבערגערייצט, און זיינע ווערק: מאָלעריי אָדער ליטעראַטור, לאָזן דאָס פון זיך פילן, אַמאָל צום גוטסטן און עפּטער נאָך צו זייער שאָדן.

נישט אַזוי אָבער איז געווען אין איטאַליען. דאָרט האָט מען נישט געזען אַ גאַנצן מיליאָן מענטשן הויפנסווייז אין אַ באַגרענעצטן תחום, נאָר אַ היפּשע צאָל שטעט מיט אַ באַפעלקערונג פון פופציק, הונדערט אָדער צוויי הונדערט טויזנט נפשות; מ׳האָט דאָרט נישט באַגעגנט אַזאַ דרוק פון אַמביציעס, אַזאַ גערונג פון בייגעריקייט, אַזאַ קאָנצענטרירונג פון אָנשטרענגונג און אַזאַ איבערגעטריבנקייט פון מענטשלעכער טעטיקייט. אַ פריישטאָט איז געווען אַ געזעלשאַפט פון אויסדערוויילטע, און נישט, ווי ביי אונז, אַ מחנה. אויסער דעם איז דער באַדאַרף פון קאָמפאָרט געווען אַ מעסיקער; די קערפּער זענען נאָך געווען רוי; מען פלעגט רייזן רייטנדיק אויפן פערד, און גאַנץ גוט זיך לעבן אונטערן פרייען הימל. די גרויסע פּאַלאַצן פון דערדאָזיקער

תּקופה זענען פּראַכטפול, אָבער איך ווייס נישט צי אַ מאָדערנער קליינבירגער וואָלט וועלן אין זיי וווינען; זיי זענען אומבאַקוועם, ס'איז דאָרט קאַלט; די געשניצטע שטולן, די פֿאַרפּוצטע מיט לייבן-קעפּ, אָדער מיט טאַנצנדיקע סאַטירן, זענען מייסטערווערק, אין הינזיכט פֿון קונסט; זיי וועלן פֿאַר אייך אָבער זיין צו האַרט, און די קלענסטע דירה, די לאָזשע פֿון אַ סטרוזש אין אַ פֿיין הויז, וואָס איז פֿאַרזען מיט איר צענטראַל-באַהייצונג, איז אַ סך באַקוועמער, ווי דער פּאַלאַץ פֿון לעאָן דעם 10-טן און פֿון יוליוס דעם 2-טן. זיי האָבן נישט נויטיק געהאַט די אַלע קליינע באַקוועמלעכקייטן, אָן וועלכע מיר קאָנען זיך היינט נישט באַגיין; זיי האָבן געזען דעם לוקסוס אינם באַזיץ פֿונם שיינעם, און נישט אינם וווילטאָג; זיי האָבן געטראַכט וועגן אַן אידעלער צוזאַמענפּאַסונג פֿון קאָלומנעס און פֿיגורן, און נישט וועגן דער עקאָנאָמישער דערוואַרבונג פֿון כינעזישע שפּילצייגן, דיוואַנעס און שירעמס. און סוף כּל סוף, אַזוי ווי דער וועג צו רעגירונגס-שטעלעס איז געווען אַ געשלאָסענער, און זיך געעפֿנט אויסשליסלעך דורך מיליטערישע דערפֿאָלגן, אָדער דורכן חסד פֿונם קעניג פֿאַר עטלעכע באַרימטע רויבער, פֿאַר אַ פֿינף, זעקס העכערע מערדער, פֿאַר אייניקע געפֿעליקע פּאַראַזיטן, האָט זיך נישט באַמערקט אין דער געזעלשאַפֿט די דאָזיקע שאַרפֿע קאָנקורענץ, דאָסדאָזיקע שווינדלען, ווי אין אַ נעסט פֿון מרוקעס, די דאָזיקע אומאויפֿהערלעכע און לאַנג-דויערנדיקע פֿאַרביטערונג, דורך וועלכער יעדער פֿון אונז וויל איבערשטייגן דעם אַנדערן.

דאָס אַלץ וויל הייסן, אַז דער מענטשלעכער גייסט איז דעמאָלט געווען אין אַ בעסערן גלייכגעוויכט, ווי אין דעמדאָזיקן אייראָפּע און אין אָט דעם פּאַריז, אין וועלכן מיר לעבן. ווייניקסטנס איז ער געווען אין אַ בעסערן גלייכגעוויכט בנוגע דער קונסט. אום צו קענען בליִען, פֿאַרלאַנגען די צייכן-קונסטן אַ באָדן; אַ נישט פֿאַרוואָרלאָזטן, אָבער אויך נישט קיין צו שטאַרק באַאַרבעטן. ער איז געווען מאַסיוו און האַרט אינם פֿעאָדאַלן אייראָפּע; היינט איז ער צעברעקלט; פֿריער האָט די ציוויליזאַציע נישט גענוג אַרומשפּאַצירט מיט איר אַקעראייזן; היינט האָט זי אומגעהויער און אומענדלעך פֿאַרפּילפֿאַכט אירע ברוזדעס. כּדי די גרויסע, איינפֿאַכע פֿאָרמען זאָלן קאָנען אַוועקגעשטעלט ווערן

אויף דער לייוונט, דורך דער האַנט פון אַ טיציאַן און פון אַ ראפאעל, איז נויטיק אַז זיי זאָלן אַנטשטיין, אויף אַ נאַטירלעכן אופן, אַרום זיי, אינם גייסט פון די מענטשן; און כדי זיי זאָלן, אויף אַ נאַטירלעכן אופן, אַנטשטיין אינם גייסט פון די מענטשן, איז נויטיק, אַז דאָס בילדלעכע זאָל נישט ווערן דערשטיקט און פאַרקריפּלט דורך אידייען.

לאָזט מיר זיך אַ ביסל אָפּשטעלן אויף אָט דעם וואָרט, ווייל דאָס איז אַן עיקר זאַך. די אייגנשאַפט פון אַ שטאַרקער קולטור באַשטייט אין דעם, וואָס זי מעקט אָפּ אַלץ מער און מער דאָס בילד צום גונסטן פון די אידייען. אונטערן אומאויפ־הערלעכן דרוק פון דער דערציאונג, פונם געשפרעך, פון דער באַ־טראַכטונג און פון דער וויסנשאַפט, פאַרלירט די פרימיטיווע וויזיע איר פאָרם, צעפאַלט זיך און פאַרגייט, אום צו לאָזן אַן אָרט פאַר נאַקעטע אידייען, פאַר גוט געאָרדנטע ווערטער, פאַר אַ מין אַלגעבראַ. זיין געוויינלעכער סדר איז פון דעמאָלט אָן דאָס ריינע דענקען. אויב ער קומט צוריק אויפן בילד, טוט ער דאָס מיט אָנשטרענגונג, דורך אַ קרענקלעכן און געוואַלטיקן שטויס, דורך אַ מין פאַרפלאָנטערטער און געפערלעכער האַלוצי־נאַציע. — אַזעלכער איז היינט אונזער גייסטיקער מצב. מיר זענען נישט מער מאָלערס אויף אַ נאַטירלעכן אופן. אונזער מוח איז פול געוואָרן מיט געמישטע אידייען, פאַרשיידנאַרטיקע, פאַר־פילפאַכטע, זיך קעגנשטראָמענדיקע; אַלע ציוויליזאַציעס, די פון אונזער לאַנד, די פון דער פרעמד, די פון דער פאַרגאַנגענהייט און די פון דער איצטיקער צייט האָבן אין אים אַריינגעגאָסן זייערע כוואַליעס און זייער אָפּפאַל. זאָגט, למשל, אַרויס פאַר אַ מאָדערנעם מענטשן דאָס וואָרט ב ו י ם, וועט ער נאָר וויסן, אַז דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן אַ הונט און נישט וועגן אַ שעפּס אָדער אַ שטיק מעבל; ער וועט אַריינלייגן דעמדאָזיקן צייכן צו זיך אין קאָפּ אַריין אין אַ באַזונדער קעסטעלע מיט אַן אויפשריפט; אָט דאָס רופן מיר היינט אַן פ אַ ר ש ט י י ן. אונזער לייען־מאַטעריאַל און אונזערע וויסנשאַפטלעכע ידיעות האָבן אָנגעפילט אונזער גייסט מיט אַבסטראַקטע צייכנס. אונזער געוווינהייט אַלץ מסדר צו זיין פירט אונז רעגולער און לאָגיש פון איין צייכן צום צווייטן. מיר האַלטן אין איין באַמערקן

בלויז פראַגמענטן פון די פאַרביקע פאָרמען; זיי זענען אין אונז בלויז פאַראיבערגייענד, זיי סקיצירן זיך גאַנץ נעפלדיק אויף אונזער אינערלעכער לייוונט, און אַנטלויפן באַלד. אויב אונז גיט זיך איין זיי אויפצוהאַלטן און זיי גענוי צו באַצייכענען, טוען מיר דאָס מיטן כוח פון אונזער ווילן, נאָך לאַנגע איבונגען, נאָך אַ מין געגנדערציאונג, וועלכע פאַרגוואַלטיקט אונזער געוויינלעכע דערציאונג; דידאַזיקע שרעקלעכע אָנשטרענגונג דערגייט ביז ווייטיק, ביז פיבער; אונזערע גרעסטע פאַרבן-קינסטלער, ליטעראַטן צי מאָלער זענען פאַרמאַטערטע וויזיאָנערן, אָדער פאַרחושטע. *) — אין קעגנטייל, די קינסטלער פון דעם רענעסאַנס זענען מענטשן מיט אָפענע אויגן. דאָסזעלבע וואָרט „בוים", ווען ס׳ווערט געהערט דורך מענטשן נאָך מיט אַ געזונטן און איינפאַכן גייסט, וועט עס זיי באַלד ווייזן דעם בוים אין זיין פולער גאַנצקייט, מיט דעם רונדיקן, באַוועגלעכן, קנויל לויכטנדיקע בלעטער, מיט די שוואַרצע ווינקלען וואָס די צווייגן זיינע צייכענען אויפן הימל-בלוי, מיט זיין גערינצלטן שטאַם, וועלכער איז דורכגעשטרייפט מיט גראָבע אָדערן, מיט זיינע פיס, וואָס זענען אין דער ערד פאַרגראָבן, אום צו קענען ווידערשטיין קעגן ווינט און שטורם, אַזוי אַז זייער געדאַנק, אָנשטאָט זיך צו באַגרענעצן מיט אַן אויפשריפט אָדער מיט אַ ציפער, וועט פאַר זיי פונאַנדערוויקלען אַ לעבעדיקע און פולשטענדיקע פאָרשטעלונג. זיי וועלן ביי איר אָן מי פאַרבלייבן, און צו איר צוריקקומען אָן אָנשטרענגונג; זיי וועלן פון איר אַרויסנעמען דעם תמצית, און נישט זיך אָנכאַפּן מיט אַ פיינלעכער און עקשנותדיקער קליינמוטיקייט אין איינצלהייטן; זיי וועלן געניסן פון זייערע שיינע בילדער, און נישט זיי אַרויסרייסן, כדי זיי קאָנווולסיוו אַ שליידער צו טאָן אויסער זיך, ווי אַ צאַפּלדיק שטיק פון

*) היינריך היינע, וויקטאָר הוגאָ, שעלי, עליזאַבעטאַ בראַאונינג, סווינבאָרן, עדגאַרד פּאָ, באַלזאַק, דעקאַמפּס און אַ סך אַנדערע. עס זענען געווען אין אונזער צייט אַ סך שיינע קינסטלער-טעמפּעראַמענטן. כמעט אַלע האָבן געליטן פון זייער דערציאונג און פון זייער סביבה. דער איינציקער געטהע איז פאַרבליבן ביי זיין גלייכגעוויכט, דערצו איז אָבער טאַקע נויטיק געווען זיין רעגל־מעסיק און כסדרדיק קענען רעגירן מיט זיך גופא. ה. ט.

זייער אייגן לעבן. זיי מאָלן ווי אַ פערד לויפט, ווי אַ פויגל פליט, פון זיך גופא; די פאַרביקע פאָרמען זענען דעמאָלט דאָס נאַטירלעכע לשון פונם גייסט; ווען די צושויער באַטראַכטן זיי אויף אַ פרעסקע אָדער אויף אַ לייוונט, האָבן זיי שוין פון פריער געהאַט זיי געזען, אין זיך גופא; זיי דערקענען זיי; זיי זענען פאַר זיי לחלוטין נישט קיין פרעמדע, קיין צוריקגעבראַכטע קינסטלעך אויף דער בינע, דורך אַן אַרכעאָלאָגישער קאָמבינאַציע, דורך אַן אָנשטרענגונג פונם ווילן, אָדער דורך אַ שול־אָפּמאַך, זיי זענען מיט דידאָזיקע פאָרמען אַזוי נאָענט, אַז זיי פירן זיי איין אין זייער פריוואַט־לעבן און אין זייערע עפנטלעכע פאַראַדן. זיי רינגלען זיך מיט זיי אַרום, און שאַפן לעבעדיקע בילדער, נעבן די געמאָלטע.

ובאמת, באַטראַכט די קליידונג: סאַראַ גרויסער חילוק ס׳איז פאַראַן פון אונזערע הויזן, אונזערע אויבעררעק, אונזער שוואַרצן טרויער־בגד, צו זייערע גרויסע מיט פאַסמעס געפוצטע שלעפּקליידער, צו זייערע קאַמיזאָלקעס פון סאַמעט און זייד, צו זייערע קרויזן קעלנער, קינדזשאַלן, שווערטן אויף וועלכע ס׳זענען אויסגעקריצט אַראַבעסקעס פון גאָלד און זילבער, זייערע גאָלד־שטיקערייען, זייערע דימענטן, זייערע פעדער־מיצלעך! אָט דאָסדאָזיקע גאַנצע פראַכט־קרעמל, וואָס היינט באַנוצן עס שוין בלויז פרויען, פלעגט דעמאָלט גלאַנצן אויף דער קליידונג פון די אדל־מענער. — באַטראַכט אויך די פאַרבן־רייכע פעסטלעכקייטן, וועלכע פלעגן אייַנגעאָרדנט ווערן אין אַלע שטעט, די פייערלעכע אַריינמאַרשן, די מאַסקן־בעלער, די רייטער־פאַראַדן, וואָס זענען געווען אַ פאַרגעניגן פאַרן המון און פאַר די הערשער. — למשל, ווען גאַלעאַצאָ ספאָרצאַ, פירשט פון מילאַן, באַזוכט פלאָרענץ אין 1471, ווערט ער באַגלייט פון פינף הונדערט באַוואָפנטע, פינף הונדערט פוסגייער פון פופציק לאָקייען, וואָס זענען געגאַנגען אין זייד און אין סאַמעט געקליידט, פון אַ סוויטע פון צוויי טויזנט אדללייט און דינער, פון פינף הונדערט פאָר הינט, און פון אַ מחנה פאַלקן *). דידאָזיקע

*) פאַלקן, אַזעלכע רויב־פויגל, וועלכע ווערן באַנוצט פון די יעגער צו דער יאַגד.

עקסקורסיע קאָסט אים אָפּ 2000,000 גאָלד־דוקאַטן. — פּיעטראָ ריאַריאָ, דער קאַרדינאַל פון סאַן־סיסטאָ, גיט אויס 20,000 אין איין פּייערלעכקייט לכבוד דער פירשטין פון פעררארע; ער מאַכט דערנאָך אַ רייזע איבער איטאַליען, מיט אַזאַ צאָלרייכער סוויטע און מיט אַזאַ פּראַכט, אַז מען וואָלט געקאָנט אים נעמען פאַרן פּויפּסט, זיין ברודער. — לאָורענטיוס פון מעדיטשיס קלערט אויס אין פלאָרענץ אַ מאַסקן־באַל, וועלכער שטעלט פאָר דעם נצחון פון קאַמיל. אַ גרויסע צאָל קאַרדינאַלן קומען אָנקוקן דעמ־דאָזיקן באַל. לאָורענטיוס בעט ביים פּויפּסט אַן עלפאַנט, דער פּויפּסט שיקט אים אָנשטאָט דעם עלפאַנט, וואָס איז פאַרנומען אַנדערשוואו, צוויי לעמפּערטן און איין פּאַנטער *); דער פּויפּסט באַדויערט, וואָס זיין הויכע שטעלונג דערלויבט אים נישט צו־קומען בייוווינען ביי אַזאַ שיינער פּייערלעכקייט. — די פירשטין לוקרעציאַ באָרדזשיאַ מאַרשירט אַריין קיין רוים מיט צוויי הונ־דערט פּרעכטיק געקליידעטע דאַמען, אַלע רייטן אויף פערד, און יעדע באַזונדער ווערט באַגלייט פון איין אַדלמאַן. — דאָס אימ־פּאָנירנדע אויסזען, די קאָסטיומען, דער פּוץ פון די האַרן און הערשער מאַכט אומעטום דעם איינדרוק פון עפּעס אַ פּרעכטי־קער פּאַראַד פון ערנסטע שוישפּילער. ווען מען לייענט די כראָניק און די זכרונות פון יענער צייט, זעט מען, אַז די אי־טאַליענער ווילן פאַרוואַנדלען דאָס לעבן אין אַ שיינעם יום־טוב. אַלע אַנדערע דאגות זעען אויס ביי זיי ווי אַ גענאַרעריי. דער עיקר איז ביי זיי צו געניסן, צו געניסן אויף אַן איידעלן אופן, גרויסמוטיק, מיטן גייסט און מיט אַלע חושים, דערהויפּט מיט די אויגן. און באמת, האָבן זיי נישט עפּעס אַנ־דערש צו טאָן; זיי ווייסן נישט פון אונזערע פּאָליטישע און הו־מאַניטאַרע זאָרגן; זיי האָבן נישט קיין פּאַרלאַמענטן, מיטינגען, גרויסע צייטונגען; די באַדייטנדע פּערזענלעכקייטן אָדער די מאַכט־האָבער האָבן נישט אָנצופירן מיט אַ המון וואָס פּלפּולט זיך, אָנצופרעגן אַן עפנטלעכע מיינונג, צו פירן טרוקענע ויכוחים, צו שאַפן סטאַטיסטיקעס, עטישע און געזעלשאַפטלעכע טעאָריעס אויפצושטעלן. איטאַליען ווערט רעגירט דורך קליינע טיראַנען,

*) פּאַנטער: אַ ווילדע חיה, ענלעך צום טיגער.

וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט מיט כח, און מיטן זעלבן כח, וואָס זיי האָבן זי פאַרכאַפּט, האַלטן זיי זי. אין זייער פרייער צייט לאָזן זיי בויען און מאָלן. אויך די רייכע און די אַדעליקע טראַכטן נאָר וועגן ווײַלן זיך, וועגן פאַרשאַפן זיך שיינע ליבהאָבערינס, וועגן באַזיצן סטאַטועס, בילדער, שיינע מלבושים, אָנצושטעלן זייערע פּאָרטרעטן פאַרטרויאונגס־לײַט ביים הערשער, כדי געוואָר צו ווערן באַצייטנס, אויב עמיץ איז אויף זיי מלשין און האָט בדעה זיי אומצובריינגען.

עס פּײַניקן זיי אויך נישט און עס אַרן זיי נישט קיין רעליגיעזע אידייען; די פרײַנט פון לאָורענטיוס פון מעדיטשיס, פון אַלכסנדר דעם זעקסטן אָדער פון לודאָוויקאָ מאָראָ קומט אַפילו נישט אויפן געדאַנק צו שיקן מיסיאָנערן, און וואָס נישט איז אונטערצונעמען, כדי אָפּצושמדן די געטשנדינער, אָדער צו זאַמלען נדבות, אום צו בילדן דאָס פאָלק „און עס מדריך צו זיין בדרך הישר", מ'איז דעמאָלט נישט געווען איבעריק פרום אין איטאַליען, פרום אפשר נאָך ווייניקער ווי אַלצדינג. לוטער, וואָס איז געקומען קיין רוים מיט אַ נשמה פול אָפּגעהיטקייט און גלויבן, איז געווען אויסער זיך, און אַהיימקומענדיק געזאָגט: „די איטאַליענער זענען די אומגלויביקסטע פון אַלע מענטשן; זיי לאַכן זיך אויס פון דער אמתער רעליגיע; זיי ווּיצלען זיך איבער אונז, קריסטן, ווײַל מיר גלויבן אַלצדינג פון די הייליקע שריפטן... פאַראַן אַ ווערטל, וואָס זיי זאָגן בעתן גיין אין קירך אַריין: „לאָמיר זיך צופּאַסן צום טעות פונם המון." — „ווען מיר זאָלן זיין געצוווּנגען — זאָגן זיי אויך — צו גלויבן אין אַלעם גאָטס וואָרט, וואָלטן מיר געווען די אומגליקלעכסטע מענטשן, און קיינמאָל קיין פריילעכע מינוט נישט געקאָנט האָבן. מען דאַרף מאַכן אַ גוטע מינע און נישט אַלצדינג גלויבן." — און טאַקע, דער המון איז היידיש געשטימט, לויט זיין טעמפּעראַמענט, און די גוט דערצויגענע ווידער זענען אומגלויביק, אַ דאַנק זייער דערציאונג. „די איטאַליענער — זאָגט ווידער לוטער מיט גרויל — זענען אָדער אַפּיקורסים אָדער אַבערגלויביקע. דאָס פאָלק האָט מער מורא פאַרן הייליקן אַנטאָניוס און פאַרן הייליקן סעבאַסטיאַן, ווי פאַר קריסטוסן גופא, צוליב די מכות, וואָס זיי שיקן אָן. דעריבער ווען מען וויל שטערן די איטאַליע־

נער, ערגעץ ווו צו פישן, מאַלט מען דאָרט אויס דעם הייליקן אַנטאָניוס מיט זיין פייערדיקע שפּיז. אָט אַזוי לעבן זיי אין אַ אויסערגעוויינלעכן אַבערגלויבן, נישט קענענדיק גאָטס וואָרט, נישט גלויבנדיק נישט אין תחית המתים, נישט אין עולם הבא, און האָבן נאָר מורא פאַר קערפּערלעכע ווונדן אויף דער וועלט". —

אַ סך פילאָזאָפן זענען אָדער בשתיקה, אָדער כמעט עפנט־לעך מתנגדים אויפן פאַקט פון געטלעכער התגלות, אָדער פון השארת הנפש. צו דער קריסטלעכער נזירשאַפט און צו דער לערע וועגן פייניקן זיך דעם גוף — דערצו פילן זיי אַלע אַ ווי־דערווילן. איר וועט געפינען ביי די דיכטער, ביי אַריאָסטאָ, ביי לודאָוויטשי פון ווענעדיק, ביי פולטשי די שאַרפסטע אָנגריפן קעגן די מאָנאַכן, און די פרייסטע אָנזעהערענישן קעגן די יסודות פון דער רעליגיע. אין זיינער אַ הומאָריסטישער פאָעמע, שטעלט פולטשי אין אָנהויב פון יעדן געזאַנג „הושענה", „בראשית" (In principio), עפּעס אַ הייליקן פּסוק פונם דאַוונען. כדי צו דערקלערן, ווי אַזוי די נשמה קאָן אַריינקומען אינעם גוף, פאַר־גלייכט ער זי צו יענע איינגעמאַכסטן, וועלכע מען וויקלט איין אין גאַנץ הייסן, ווייסן ברויט. וואָס ווערט פון דער נשמה אויף יענער וועלט ? „געוויסע לייט מיינען, אַז זיי וועלן דאָרטן געפינען אָפּגעפליקטע פייגן־פויגלעך און באַקוועמע בעטן ; און צוליב דעם, קריכן זיי נאָך די גלחים. אָבער, מיין ליבער פריינט, ווען מען וועט אונז שוין האָבן אַרונטערגעלאָזן אין שוואַרצן טאָל אַריין, וועלן מיר שוין מער קיין „הללויה" נישט הערן זינגען".

קעגן דערדאָזיקער עולם־הזהדיקייט און אַפּיקורסות דונערן מיט זייער גאַנצער קראַפט די מוסר־זאָגער און די פּרעדיקער פון דערדאָזיקער תקופה, ווי למשל ברונא און סאַוואָנאַראָלאַ. סאַוואָנאַראָלאַ האָט געזאָגט צו די פלאָרענטינער, וועלכע ער האָט געזאָלט אויף אַ דריי פיר יאָר מדריך זיין בדרך הישר: „אייער לעבן איז אַ לעבן פון חזירים, איר פאַרברענגט עס איני־גאַנצן אין די בעטן, אין פּליאַטקעווען, אין אַרומשפּאַצירן, אין אָרגיעס און אין אויסגעלאַסנקייט". לאָמיר פון דעם אַראָפּרעכענען דעם טייל, וואָס מען דאַרף אַלעמאָל אַראָפּוואַרפן, ווען מען

הערט רעדן אַ פּרעדיקער אָדער אַ מוסר־זאָגער, וועלכער מאַכט תּמיד אַ ויצעקו, כּדי מען זאָל אים בעסער הערן; וואָס איר זאָלט נישט אַרונטערנעמען, וועט אַלעמאָל עפּעס דערפון בלייבן. מען זעט פון דער לעבנס־באַשרייבונג פון די שררות פון יע־נער תּקופה, פון די ציניש אָדער ראַפינירטע פּאַרוויילונגען פון די פירשטן פון פערראַרא און פון מילאַן, פון דער איידעלער אפיקורסות אָדער פון דער אָפענער פרייקייט פון די מעדיטשיס אין פלאָרענץ, ביז וואָסער אַ מדרגה ס׳איז דערגאַנגען דאָס יאָגן זיך נאָך כּלערליי פאַרגעניגנס. דידאַזיקע מעדיטשיס זענען געווען באַנקירן, וואָס זענען, אַביסל דורך כּח און אַסך דורך געשיקט־קייט, געוואָרן די ערשטע ריכטער און די אמתע מאַכטהאָבער אין דער פריישטאָט. זיי האָבן אויסגעהאַלטן אַרום זיך דיכטער, מאָלער, סקולפּטאָרן, געלערנטע; זיי האָבן געלאָזט מאָלן אין זייערע פּאַלאַצן יאַגד־בילדער, און מיטאָלאָגישע ליבעס־געטער. וואָס מאָלעריי באַלאַנגט, האָבן זיי ליב געהאַט די נאַקעטקייטן פון דעללאָ און פּאָללאַיאָלאָ, און האָבן פאַרשאַרפט דאָס גרויסע און איידעלע היידנטום דורכן רייץ פון גלוסטנדיקע חושים. דער־פאַר האָבן זיי געדולדעט די עבירהלעך פון זייערע מאָלער. אייך איז באַקאַנט די געשיכטע מיט פראַ פיליפּאָ ליפּפּי, וואָס האָט פאַרכאַפּט אַ נאָנע; די עלטערן אירע קלאָגן זיך דערויף און די מעדיטשיס לאַכן זיך דערפון אויס. דער זעלביקער פראַ פיליפּאָ, וואָס האָט ביי זיי געאַרבעט, איז געווען אַזוי ליידנשאַפטלעך צו זיינע מעטרעסעס, אַז איינמאָל, ווען מ׳האָט אים אָפּגעשלאָסן אין שטוב, כּדי אים צו צווינגען אַרויסצוענדיקן אַ געוויסע אַר־בעט, האָט ער גענומען די בעט־ליילעכער און פון זיי געפלאָכטן אַ שטריק, צו קענען אַנטלויפן דורכן פענסטער. און צום סוף האָט קאָזמאַ געזאָגט: „זאָל מען אים לאָזן די טיר אָפן; די מענטשן מיט טאַלאַנט זענען הימלישע וועזנס און נישט קיין לאַסט־חיות; נישט מען דאַרף זיי איינזעצן אין תּפיסה, נישט מען דאַרף זיי צווינגען.“ — אין רוים איז נאָך ערגער געווען; איך וועל אייך נישט דערציילן וועגן די פאַרוויילונגען פון אַלכּסנדר 6־טן; מען דאַרף זיי לייענען אינם טאָג־בוך פון זיין קאַפּעלאַן בורכאַרד, ווייל נאָר די לאַטיינישע שפּראַך איז עלול צו שילדערן אַזעלכע שאַנד־בילדער און אַזעלכע וואַקכאַנאַליעס.

וואָס איז שייך לעאָן דעם 10־טן, איז ער אַ מענטש מיט געשמאַק, וואָס האָט ליב אַ שיין לאַטייניש און שאַרפזיניקע עפּיגראַמען. פונדעסטוועגן זאָגט ער זיך אָבער לחלוטין נישט אָפּ פון אַ פריי פאַרגעניגן און פון אַן אמתן געפּעפּערלעכן געווס. אַרום אים טרעפט מען בעמבאָן, מאַלצאַן, אַרעטינאָן, באַראַבאַלאָן, קוערנאָן, אַ מאַסע פּאָעטן, מוזיקער, פּאַראַזיטן, וועלכע פירן אַ נישט איבעריק צניעותדיק לעבן, און וואָס דורכשניטלעך זענען די געדיכטן זייערע מער ווי נישט אָנשטענדיק; דער קאַרדינאַל ביביענאַ אָרדנט איין פּאַר אים אַ פאָרשטעלונג פון אַ קאָמעדיע „די קאַלאַנדראַ”, וועלכע מען וואָלט נישט געוואַגט אין דער היינטיקער צייט צו שפּילן אין קיין שום טעאַטער. ער גופא ווילט זיך דערמיט, וואָס ער הייסט דערלאַנגען זיינע געסט מאכלים אין דער פאָרם פון מאַלפּעס און פון וואָראָנעס. ער האָט אַלס לץ אַ מאָנאַך, אַ בעטלער, מאַריאַנאָ, אַ געפּעפּערלעכער פּרעסער, וועלכער שלינגט איין מיט איין ביס אַ גאַנצע געקאָכטע אָדער געבראָטענע טויב, און קאָן, זאָגט מען, איינשלינגען אויף איין מאָלצייט פערציק אייער און צוואַנציק הינדלעך”. דער פויפּסט האָט הנאה פון גראָבע פאַרגעניגנס, פון פאַנטאַסטישע און קאָמישע איינפאַלן, די וואַרעמקייט און די זאַפטיקייט פונם לעבן פליסן אין אים פונקט מיט אַזאַ שפע ווי אין אַלע אַנדערע. ער טוט זיך אָן אין שטיוול מיט שפּאָרן און לאָזט זיך מיט ליידנשאַפט אויף אַ יאַגד פון הירשן און ווילדע חזירים, אין די ווילדע טשיוויטאַ־וועקקיאַ־געבערג; און די פאַרווײַלונגען, וואָס ער אָרדנט זיך איין זענען נישט מער גלחיש ווי זיינע מדות. אָט ווי אַ סעקרעטאַר פונם פירשט פון פעררארַאַ, אַן עדות, וואָס האָט אַלץ צוגעזען, באַשרייבט איינעם פון דידאָזיקע פּויפּסטלעכע טעג: אורטיילט, איר אַליין, לויטן קאָנטראַסט וואָס איז פאַראַן צווישן זיינע פאַרגעניגנס און אונזערע, אויף וויפיל די ממשלה פון אָנשטענדיקייט איז זיך, זינט דעמאָלט, פאַנאַנדערגעוואַקסן, אויף וויפיל די פרייע, קרעפטיקע און נאַטירלעכע אינסטינקטן האָבן זיך צוזאַמענגעצויגן, אויף וויפיל די לעבעדיקע פאַנטאַזיע האָט זיך אונטערגעגעבן דעם ריינעם שכל, און וואָסער אַ מרחק אונז טיילט אָפּ פון יענע האַלב־געטשנדינערישע צייטן, די דורך־און־דורך זינלעכע, אָבער גאַנץ מאָלערישע,

אין וועלכע דאָס גייסטיקע לעבן האָט נישט געהאַט די בכורה, איבערן קערפּערלעכן.

„איך בין געווען אויף דער קאָמעדיע זונטיק אין אָוונט *); דער גנעדיקער האַר ראַגאָני **) האָט מיך אַריינגעפירט דאָרט, ווו ס׳האָבן זיך געפונען דער פּויפּסט מיט זיינע יונגע, זייער הויכווערטיקע קאַרדינאַלן, אין אַ פּאַרצימער ביי טשיבאָן. ***) זיין הייליקייט האָט זיך דאָרט אַרומשפּאַצירט, און דערלויבט אַריינצולאָזן נאָר די און יענע, וואָס לויט דער שטעלונג זייערער זענען זיי פּאַר אים פּאַסיק געווען, און, באַלד ווי די אָנגעקומענע זענען געווען אין דער צאָל וואָס ער האָט באַשטימט, איז מען אַריינגעגאַנגען אינם זאַל, ווו ס׳האָט געזאָלט געשפּילט ווערן די קאָמעדיע; אונזער הייליקער פאָטער האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר, און אָן רעש, געגעבן זיין ברכה און דערלויבט אַריינצוגיין וועמען אים איז געפעלן. ווי נאָר מ׳איז אַריינגעקומען אין זאַל אַריין, האָט מען געפונען פון איין זייט די בינע און פון דער אַנדערער — אַ פּלאַץ אין דער פאָרם פון שטייגנדע רייען, ווו ס׳איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דער שטול פאַרן פּויפּסט, וועלכער האָט זיך באַלד נאָכן אַריינקומען פון די וועלטלעכע געסט, אַוועקגעזעצט אויף זיין אָרט, נאָך אים האָבן זיך אויסגעזעצט, אַרום שטול, די הויכווערטיקע און די אַמבאַסאַדאָרן, יעדער לויט זיין ראַנג. נאָכן אויפנעמען דעם המון, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן ערך צוויי טויזנט מענטשן, האָט מען אונטער פּלייטן-קלאַנגען, אַרונטערגעלאָזן דעם לייוונט, אויף וועלכן ס׳איז געווען אויפגעמאָלן אויף יעדער זייט ברודער מאַריאַנאָ ****) מיט עטלעכע טייוואָלים, וואָס מאכן זיך מיט אים צו נאַר. אין דערמיט פון דער לייוונט איז

---

*) געדרוקט צום ערשטן מאָל אינם זשורנאַל Gazette des beaux-arts דורכן מאַרקיז יאָזעף קאמפּאָרי.

**) הערקול ראַגאָני, קאַרדינאַל.

***) דער קאַרדינאַל אינאָקענטיוס, זון פון פראַנצעסקעטאָ טשיבאָ און פון מאַגדאַלענאַ מעדיטשיס, אַ שוועסטער פון לעאָן דעם 10־טן

****) ברודער מאַריאַנאָ פעטטי, אַ וועלטלעכער דאָמיניקאַנער, איז געווען דער לייטער פונם בליי-אַמט, נאָך בראַמאַנטין, און פאַר סעבאַסטיאַנאָ. ער איז

געווען אַ קורצע אויפשריפט מיט די ווערטער: „אָט דאָס זענען די קאַפּריזן פונם ברודער מאַריאַנאָ”. די מוזיק האָט אָנגעהויבן צו שפּילן און דער פּויפּסט אין די ברילן האָט באַוווּנדערט די דעקאָראַציע, וועלכע איז געווען זייער שיין און געמאָלן דורך ראַפאַעלן; און פאַקטיש איז עס געווען אַ זייער שיינער אויסזיכט מיט אויסגענג און פּערספּעקטיוון, וואָס מ'האָט זייער גערימט. זיין הייליקייט האָט אויך באַוווּנדערט דעם הימל, וועלכער איז ווונדערבאַר פאַרגעשטעלט געוואָרן; די הענג־לייכטער זענען געווען געמאַכט פון אותיות, און יעדער אות האָט אויף זיך געהאַט פינף פאַקלען, וואָס האָבן באַלויכטן די ווערטער: „לעאָן X, כהן גדול”. — דער נונציוס האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע, און האָט רעציטירט אַ קיצור פון דער זאַך; ער האָט אָפּגעלאַכט פונם טיטל פון דער קאָמעדיע, Suppositi, אַזוי גוט, אַז דער פּויפּסט האָט זיך צעלאַכט פונם גאַנצן האַרצן און אויך די צושויער. ווי מ'יר איז אויסגעקומען צו הערן זענען די פראַנצויזן געווען אַביסל ברוגז אויפן אינהאַלט פון Suppositi. מ'האָט רעציטירט די קאָמעדיע, וועלכע איז גוט געזאָגט (געשפּילט) געוואָרן, און ביי יעדן אַקט איז געווען אַן אינטערמעצאָ פון מוזיק מיט פייפלעך, דודלזעק, הערנער צוויי, זיבנסטרוניקע פידלען, לוטעס *) און דער קליינער אָרגל מיט די כלערליי טענער, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם פּויפּסט אַלס מתנה פונם זייער באַרימטן פירשט זכרונו לברכה; ס'האָבן זיך דאָרט אויך געפונען איין פלייט און איין שטים, וועלכע האָבן זייער אויסגענומען; ס'איז אויך פאָרגעקומען אַ געזאַנג־קאָנצערט, וועלכער איז, לויט מיין מיינונג, נישט אַזוי גוט געראָטן, ווי די אַנדערע מוזיק־נומערן. דער לעצטער אינטערמעצאָ איז געווען אַ מאורעניטאַנץ, וועלכער האָט פאָרגעשטעלט דאָס מעשהלע וועגן גאָרגאָנאָן. זייער גוט, אָבער דאָך נישט אַזוי פולקאָם, ווי איך האָב עס

געזען איינער פון די פריילעכסטע און וויציקסטע מענטשן אינם הויף פון לעאָן דעם 10־טן, צוזאַמען מיט באַראַבאַלאָן, קוערנאָן און זייערס גלייכן, און גלייכצייטיק אַ פּראָטעקטאָר און אַ פריינט פון קינסטלער.

*) פראַנצ. „Luth”, דייטש „לוטע”. אַן אַלטער, מוזיקאַלישער אינסטרומענט, וואָס איז ענלעך צו אַ מאַנדאָלינע.

געזען פאַרשטעקן אינם פּאַלאַץ פון אייער הויכוווערטיקייט: און מיט דעם האָט זיך געענדיקט די פאַרווײַלונג. די צוהערער האָבן אָנגעהויבן זיך פונאַנדערצוגיין, אין אַזאַ געאייל, און איך אַזעלכע מאַסן, אַז זייענדיק, צו מיין מזל, געצוווּנגען אַריבער־צושפּאַנען איבער אַ קליינער באַנק, האָב איך מיר שיעור נישט צעבראָכן אַ פוס. באַנדעלמאַנטע האָט געקריגן פון אַ שפּאַניער אַ זייער געוואַלטיקן שטויס, און בעת דער ערשטער האָט אָנגעהויבן צו דערלאַנגען דעם צווייטן מיט די פויסטן, איז פאַר מיר לייכטער געוואָרן די מעגלעכקייט צו אַנטלויפן; ס'איז אַ זיכערע זאַך, אַז איך בין מיט מיין פוס געווען אין אַ גרויסער סכנה; איך האָב אָבער, פאַר דעמדאָזיקן אומגליק, געהאַט אַ באַפרידיקונג, אין דער גרויסער ברכה און אין דער לייטזעלי־קער מינע מיט וועלכע דער הייליקער פאָטער האָט מיך מזכה געווען".

„אַ טאָג פאַר דעמדאָזיקן אָוונט, איז פאָרגעקומען אַ פערד־געיעג, ווו מ'האָט געזען קודם איין מחנה רייטער אויף שפּאַני־שע פערד מיטן גנעדיקסטן האַר קאָרנעראָ בראש, אַן אָנגעטוע־נע ווי די מאורען, פאַרשיידנפאַרביק, און דערנאָך — אַ צווייטע מחנה, לויטן שפּאַנישן שטייגער, געקליידעט אין אַלעקסאַנ־דרינישן אַטלאַס, מיט פאָטשעוועקעס פון שימערירנדיקער זייד, מיט קאַפּעס און לייבערעקלעך. אין איר שפּיץ האָט זי געהאַט סעראַ־פּיקאַן און מערערע הויז־דינער. דידאָזיקע מחנה איז באַשטאַנען פון צוואַנציק פערד; דער פויפּסט האָט געגעבן יעדן פון די רייטער צו פינף און פערציק דוקאַטן, ס'איז באמת געווען אַ שיינע דינערשאַפט, מיט היידוקן, מיט טראָמפּייטן, אויך זיי אין זייד פון דיזעלבע פאַרבן. ווי זיי זענען אָנגעקומען אויפן פּלאַץ, האָבן זיי אָנגעהויבן לויפן פאַרלעכווייז צו דער טיר פונם פּאַלאַץ, ווו דער פויפּסט איז געשטאַנען ביים פענצטער, און ווען ביידע מחנות האָבן געענדיקט זייער געלויף, איז סעראַפּי־קאַס קאָמפּאַניע אָפּגעטרעטן אויף יענער זייט פּלאַץ, און קאָר־נעראָס — אויף דער זייט פון סאַן־פּעטרוס; נעמענדיק שטעקע־נעס, איז די סעראַפּיקאַ־גרופּע געקומען באַפאַלן די קאָרנעראָ־גרופּע, וועלכע האָט אויך געהאַט אירע שטעקענעס; די סעראַ־פּיקאָ האָט געוואָרפן די שטעקענעס אויף דער קאָרנעראָ, וועל־

בע האָט געטאָן דאָסזעלבע לגבי איר קעגנערין, און ביידע זענען זיך אַזוי באַפאַלן, וואַרפנדיק זיך מיט קראַפט איינע אויף דער אַנדערער, וואָס איז געווען זייער שיין צוצוזען, און אָן שום סכנה. מ׳האָט דאָרט באַמערקט זייער שיינע פערד און שפּאַנישע קלאַטשעס. צומאָרגנס איז פאָרגעקומען אַן אָקסן־קאַמף, איך בין דאָרט געווען מיטן סיניאָר מ. אַנטאָניאָ, ווי כ׳האָב עס געהאַט געשריבן: דריי מענטשן זענען געוואָרן געהרגעט און פינף פערד — פאַרוווּנדעט, צוויי פון די פערד זענען געפגרט און צווישן זיי איינס, וואָס האָט געהערט צו סעראַפּיקאָן, אַ זייער שיין שפּאַניש פערד, וואָס האָט אים אַראָפּגעשליידערט אויף דער ערד, און אים געשטעלט אין אַ גרויסער סכנה, ווייל דער אָקס איז שוין געשטאַנען אויף אים, און ווען מען וואָלט נישט געווען שטעכן די בהמה מיט פּיקעס, וואָלט זי נישט אָפּגעלאָזן, און אים געהרגעט. מען פאַרזיכערט, אַז דער פּויפּסט זאָל האָבן אויסגעשריגן: „אָרעמער סעראַפּיקאָ!״ און אַז ער זאָל זיך האָבן זייער מצער געווען. איך האָב געהערט זאָגן, אַז דעמזעלבן אָוונט האָט מען געשפּילט עפּעס אַ קאָמעדיע פון אַ מאָנאַך... און, היות זי האָט נישט אַרויסגערופן קיין איבעריקע צופרידנקייט, האָט דער פּויפּסט, אָנשטאָט צו הייסן טאַנצן דעם מאָורען־טאַנץ, באַפוילן צו הוידלען אין דער לופטן דעם מאָנאַך, איינגעהילט אין אַ דעק, אַזוי, אַז ער זאָל באַקומען אַ גרויסן זעץ מיטן בויך אויף דער פּאָדלאָגע פון דער בינע; דערנאָך האָט ער׳ אים געהייסן אויפשניידן די זאָקנבענדער און אים אַרויסציען די זאָקן פון די שיך; נאָך דער מאָנאַך נעבעך האָט אָנגעהויבן בייסן מיט אַלע ציין אַ דריי, פיר פון די שטאַלדינער. ענדלעך האָט מען אים געצוווּנגען אַרויפצוקריכן אויף אַ פערד און מ׳האָט אים דערלאַנגט מיט דער האַנט אַזויפיל פּעטש אויפן הינטערחלק, אַז, ווי מ׳האָט מיר איבערגעגעבן, האָט מען אים געמוזט שטעלן אַ גוזמא באַנקעס אויף די הינטערשטע קערפּער־טיילן; ער ליגט צו בעט און פילט זיך נישט גוט. מען זאָגט, אַז דער פּויפּסט האָט אַזוי געהאַנדלט, כדי צו געבן אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע מאָנאַכן, אַז זיי זאָלן זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דאָס פאָרשטעלן זייערע מאָנאַכישע שטותים. דערדאָזיקער מאָורען־טאַנץ האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ גרויס געלעכטער. —

„איינט איז געקומען די ריי אויפן „רינג-געלויף״ פאַרן טיער פונם פאַלאַץ, אין דער אָנוועזנהייט פון פויפסט, וועלכער וועט צוקוקן דורכן פענצטער; די פרעמיעס זענען שוין פריער אויפגעשריבן געוואָרן אויף בעקנס. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דער ביפעל-אָקסן-געלויף: ס׳איז געווען אַ געלעכטער צוצוקוקן, ווי דידאָזיקע מיאוסע בהמות זענען געלאָפן באַלד פאָראויס, באַלד צוריק; אום אָנצוקומען און צו דערגרייכן צום ציל, נעמט עס ביי זיי אַסך צייט, ווייל זיי מאַכן איין טריט אויף פאָראויס און פיר אויף צוריק, אַזוי, אַז דעם ציל צו דערגרייכן איז אַלעמאָל שווער. דער וואָס האָט זיך געפונען פאָראויס איז אָנגעקומען דער לעצטער, און צוליב דעם האָט ער געוווּנען די פרעמיע. זיי זענען געווען צען אין דער צאָל, און ס׳איז געווען, בנאמנות, אַ באַרימטער שפּאַס. שפּעטער בין איך אַוועק צו בעמבאָן; געמאַכט אַ באַזוך ביי זיין הייליקייט, ווו איך האָב געטראָפן דעם בישאָף פון בעיעו. גערעדט האָט מען דאָרט רק וועגן מאַסקעס און וועגן פרייליכע זאַכן״.

„פון רוים, הײנט, 8-טן מערץ MDXVIII, פיר אַ זייגער ביינאַכט״.

„פון אייער זייער באַרימטער הויכווערטיקייט
דער ערגעבענער דינער, אַלפאָנזאָ פּאַולוצאָ״.

אָט דאָס זענען די פאַרגעניגנס פונם קאַרנאַוואַל אין אַ הויף, וואָס וואָלט, ווי ס׳שיינט, באַדאַרפן זיין דאָס שטרענגסטע, און דאָס אָנשטענדיקסטע אין איטאַליען; מען זעט דאָרט אויך וועט-געלויפן „פון נאַקעטע מענער״, ווי אין די אַלט-גריכישע שפּילן; מ׳האָט דאָרט אויך געזען שאַנד-בילדער, ווי אין די צירקן פונם אַלט-רוימישן קייסערטום. —

מיט אַ פאַנטאַזיע, וואָס איז אַזוי שטאַרק געניגט צום פיזישן בילדער-שפּיל, מיט אַ ציוויליזאַציע, וואָס שטעלט אַוועק דאָס פאַרגעניגן אַלס אַ ציל פאַרן מענטשלעכן לעבן, ביי אַזאַ פולשטענדיקן פריי זיין פון פּאָליטישע זאָרגן, אינדוסטריעלע קאָפּ-דרייעניש, עטישע דאגות, וועלכע בינדן ביים היינטיקן טאָג דעם מענטשלעכן גייסט צו פּאָזיטיווע אינטערעסן און צו אַבּ-סטראַקטע באַגריפן, איז גאָר קיין ווונדער נישט, וואָס אַ ראַסע, אַ זייער באַגאַבטע פאַר קונסט, און אַ זייער שטאַרק קולטי-

ווירטע, זאָל האָבן געפּילט, געשאַפן, און דערפירט ביז פאָלקאָ־מענהייט די קונסט, וואָס שטעלט פאָר די זינלעכע פאָרמען. דער רענעסאַנס איז אַן איינצלנער מאָמענט, אַ פאַרמיטלענדיקער צווישן מיטלאַלטער און דער מאָדערנער צייט, צווישן דער נישט גענוג אַנטוויקלטער קולטור און דער צו שטאַרק אַנטוויקלטער קולטור, צווישן דער ממשלה פון נאַקעטע אינסטינקטן, און דער ממשלה פון רייפע אידייען. דער מענטש הערט דעמאָלט אויף צו זיין אַ גראָבע חיה, אַ פליישפרעסער, וואָס פאַרשטייט רק צו איבן זיך די אברים; ער איז נאָך דעמאָלט נישט קיין ריי־נער קאַבינעט אָדער סאַלאָן־גייסט, וואָס פאַרשטייט רק צו איבן זיך דעם פאַרשטאַנד און די שפּראַך. אין אים זענען פאַראַן טיילן פון די ביידערליי נאַטורן; ער האָט קרעפטיקע און לאַנג־דויערנדיקע טרוימען, ווי דער ווילדער; ער האָט אַ שאַרפן און פיי־נעם פאַרלאַנג צו וויסן, ווי דער ציוויליזירטער מענטש. ער דענקט אין בילדער, ווי דער ערשטער, ווי דער צווייטער, גע־פינט ער דעם אופן ווי מסדר צו זיין געדאַנקען; ווי דער ער־שטער, זוכט ער זינלעכן גענוס; ווי דער צווייטער, זוכט ער אויך אויף יענער זייט גרעניץ פונם רויען גענוס, ער האָט אַפּעטיטן, ער האָט אָבער אויך אַ חוש פאַר פאַרפיינערונגען. ער אינטע־רעסירט זיך מיט דעם אויסערלעכן אויסזען פון די זאַכן, ער פאַרלאַנגט אָבער פון זיי פולקאָמענהייט; די שיינע פאָרמען, וועלכע ער באַטראַכט אין די ווערק פון זיינע גרויסע קינסטלער, האַלטן רק אין איין בולט מאַכן די נעפלדיקע געשטאַלטן, מיט וועלכע זיין קאָפּ איז פול, און אין איין באַפרידיקן די טויבע אינס־טינקטן, פון וועלכע דאָס האַרץ זיינס איז אויסגעקנאָטן.

קאפיטל ה.

די נעבן־באַדינגונגען

(המשך)

עס בלייבט צו וויסן פאַרוואָס דערדאָזיקער גרויסער מאָ־ראַלישער טאַלאַנט האָט זיך אויסגעקליבן אַלס הויפט־מאָטיוו דעם מענטשלעכן קערפּער; דורך וועלכע דערפאַרונגען, דורך וועלכע געוווינהייטן, דורך וועלכע ליידנשאַפטן זענען די מענטשן פאַר־געבריים געוואָרן צו געפינען אַן אינטערעס אין מוסקלען; פאַר־וואָס האָבן זיך אויף דעמדאָזיקן ברייטן פעלד פון דער קונסט זייערע אויגן ליבער געווענדט צו געזונטע, שטאַרקע, טעטיקע געשטאַלטן, וועלכע די קומענדיקע דורות זענען שוין נישט ביכולת געווען צו געפינען, אָדער האָבן נאָכקאָפּירט רק צוליב טראַ־דיציע.

צו דעם צוועק, וועל איך, נאָך דעם, ווי איך האָב אייך געשילדערט דעם מצב פון די גייסטער, זיך באַמיען אייך צו ווייזן דעם מין כאַראַקטערן. —

דורכן מצב פון די גייסטער פאַרשטייט מען דעם מין, די צאָל און די איינגעשאַפט פון די באַגריפן, וואָס געפינען זיך אין אַ מענטשלעכן קאָפּ; זיי זענען אַזויצוזאָגן זיין אינערלעכע אויסמעבלירונג. אָבער די מעבל־איינריכטונג פון אַ קאָפּ ענדערט זיך אַן פיל מי, ווי די מעבל־איינריכטונג אין אַ פּאַלאַץ; מען קאָן, נישט רירנדיק דעם פּאַלאַץ גופא, דאָרט אָנלייגן אַנדערע טאַפּעטן, אַריינברענגען אַנדערע בופעטן, אַנדערע בראָנז־זאַכן, אַנדערע טעפּיכער; אַזוי אויך, נישט רירנדיק דעם אינערלעכן בוי־

פון אַ נשמה, קאָן מען אין איר אַריינברענגען אַנדערע באַגריפן: אַן ענדערונג אין דער לאַגע אָדער אין דער ערציאונג איז דערצו געננג: לויט דעם וואָס דער מענטש איז — אומוויסנד אָדער גע־בילדעט, אַ פאָלקס־מענטש אָדער אַן אַדעליקער, זענען לויט דעם זיינע באַגריפן פאַרשיידענע. — אין אים איז אלזאָ פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס איז מער וויכטיק ווי באַגריפן, דאָס איז זיין געבוי־גופא, איך מיין זיין כאַראַקטער, אין אַנדערע ווערטער, זיינע באַטירלעכע אינסטינקטן, זיינע אורשפּרינגלעכע ליידנשאַפטן, די מאָס פון זיין פילבאַרקייט, די מדרגה פון זיין ענערגיע; בקיצור, דער כח און די ריכטונג פון זיין אינערלעכן מעכאַניזם. אום אייך צו ווייזן דעם גרינדלעכן בוי פון די איטאַליענישע נשמות, וועל איך אייך ווייזן די אומשטענדן, די געוווינהייטן, די באַ־דערפעניש, וואָס האָבן אים באַשאַפן: איר וועט דעמדאָזיקן בוי בעסער פאַרשטיין דורך זיין געשיכטע, ווי דורך זיין דעפי־ניציע.

דעם ערשטן שטריך, וואָס מען באַמערקט דעמאָלט אין אי־טאַליען, איז דער דוחק אין אַן אַלטן, באַפעסטיקטן שלום, אין אַ געהעריקן גערעכטס־וועזן און אין אַ באַוואַכנדיקער פּאָליציי־אינסטיטוציע, ווי די צו וועלכער מיר זענען געוווינט ביי אונז. מיר האָבן אַביסל שוועריקייטן זיך פאָרצושטעלן יענעם גרויסן שרעק, יענע גרויסע אומאָרדנונגען און געוואַלט־טאַטן. מיר לעבן שוין צו לאַנג אין אַ קעגנגעזעצטן מצב. מיר האָבן אַזויפיל זשאַנדאַרמען און פּאָליציסטן, אַז מיר זענען באַלד גענויגט זיי צו האַלטן גיכער פאַר אומבאַקוועם, ווי פאַר נוצלעך. ביי אונז, ווען פופצן פערזאָן קלייבן זיך צונויף אויף דער גאַס, אום צו באַטראַכטן אַ הונט, וואָס האָט זיך צעבראָכן אַ לאַפּע, קומט צו־גיין אַ מענטש מיט וואָנסעס און זאָגט זיי: „מיינע הערן, פאַר־זאַמלונגען זענען פאַרבאָטן, צעגייט זיך". דאָס זעט אונז אויס איבערטריבן; מיר שעלטן און פאַרגעסן צו באַמערקן, אַז אָט די מענטשן מיט וואָנסעס גיבן דעם רייכסטן און דעם שוואַכסטן אַ זיכערקייט ביים אַרומגיין אַליין און אָן געווער, אַזייגער צוועלף ביינאַכט, איבער פוסטע גאַסן. לאָמיר זיי, אַ ווייל, אָפּשאַפן בלויז מיטן געדאַנק, לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַ וועלט, אין וועלכער די פּאָליציי זאָל זיין קראַפטלאָז אָדער גלייכגילטיק. אַזעלכע לענדער

געפינט מען אין אויסטראַליען, אין אַמעריקע, למשל, אויף יענע גאָלד-פעלדער, ווו ס׳לויפן זיך צונויף מאַסנווייז גאָלד-זוכער און לעבן דאָרט אין טאָג אַריין, נישט בילדנדיק נאָך קיין שום אָרגאַניזירטע מלוכה. דאָרטן, אַז מ׳האָט מורא, אָדער אַז מען קריגט אַ קלאַפּ אָדער אַ באַליידיקונג, שיסט מען אויס מיטן רעוואָלווער אויפן קאָנקורענט צי אויפן קעגנער. יענער ענטפערט אָפּ, און טיילמאָל מישן זיך אינם סכסוך אַריין די שכנים. און יעדע רגע קומט אויס צו פאַרטיידיקן זיין האָב און גוטס אָדער זיין לעבן, און די געפאַר איז דאָרט אַ רויע, אַן אומדערוואַרטעטע, וועלכע דריקט אויף דעם מענטשן פון אַלע זייטן.

אַזוי אַן ערך האָט אויסגעזען, אין יאָר 1500, דער זאַכלעכער מצב אין איטאַליען. מ׳האָט דאָרטן נישט געוווּסט פון קיין שום זאַך, וועלכע זאָל גלייך זיין צו אָט דעם גרויסן רעגירונגס-אַפּאַראַט, וואָס האָט זיך ביי אונז אין משך פון פירהונדערט יאָר כסדר פאַרפולקאָמט און האַלט פאַר זיין עלעמענטאַרסטן חוב אָפּצוהיטן, נישט נאָר יעדנס פאַרמעגן און לעבן, נאָר אויך זיין רו און זיכערקייט. די הערשער פון איטאַליען זענען געווען קליינע טיראַנען, וועלכע האָבן געוויינלעך פאַרכאַפּט די מאַכט דורך רציחות, דורך פאַרסמונגען, אָדער לכל-הפחות, דורך געוואַלט-טאַטן אָדער פאַלשקייטן. נאַטירלעך, איז זייער איינציקע זאָרג געווען, אויפצוהאַלטן דידאָזיקע הערשאַפט. וואָס איז שייך דער זיכערקייט פון די בירגער, האָבן זיי זיך וועגן דעם ווייניק וואָס געקימערט. די פריוואַטע פערזאָנען האָבן זיך געדאַרפט אַליין פאַרטיידיקן, און חוץ דעם נאָך אַליין געפינען זיך גערעכטיקייט; ווען מ׳האָט געהאַט צו טאָן מיט אַ צו האַרטנעקיגן בעל-חוב, ווען מ׳האָט באַגעגנט אַ חוצפהניק אויף דער גאַס, ווען מ׳האָט אַ מענטשן געהאַלטן פאַר געפערלעך אָדער פאַר אַ שונא, האָט מען געהאַלטן פאַר גאַנץ נאַטירלעך פון אים וואָס גיכער פטור צו ווערן.

ביישפילן זענען פאַראַן אָן אַ שיעור, און איר דאַרפט נאָר לייענען די זכרונות פון יענער צייט, אום צו זען ווי ווייט עס איז געווען איינגעוואָרצלט ביי פריוואַטע מענטשן די געוווינהייט צו באַנוצן געוואַלט און צו פאַררופן זיך אויף זיך גופא.

„דעם 20-טן סעפּטעמבער—זאָגט סטעפּאַנאָ ד׳איִנפּעסורא —

איז געוואָרן אַ גרויסער טומל אין דער שטאָט רוים, און אַלע סוחרים האָבן געשלאָסן זייערע קראָמען. די־יעניקע וואָס האָבן זיך געפונען אין זייערע פעלדער אָדער ווייַנגערטנער זענען אין איילעניש אַהיימגעקומען, און אַלע, אַזוי גוט בירגער ווי פרעמד־לענדישע, האָבן זיך געכאַפּט צום געווער, ווייל מ'האָט מיטגע־טיילט, אַלס אַ זיכערע זאַך, אַז דער פּויפּסט אינאָקענטיוס דער III־טער איז געשטאָרבן".

דער באַנד פון דער געזעלשאַפט, וואָס איז געווען אַזוי שוואַך, האָט געפּלאַצט; מ'איז צוריקגעקומען צום מצב פון ווילדע מענטשן; יעדער איינער האָט אויסגענוצט די רגע פּטור צו ווערן פון זיינע שונאים. נעמט אין אַכט, אַז אין נאָרמאַלע צייטן זענען די געשלעגן, הגם נישט אַזוי גרויס אין דער צאָל, געווען נישט ווייניקער בלוטיקע. די פּריוואַטע מלחמות פון דער משפחה קאָלאָנא און פון דער משפחה אָרסיני האָבן זיך אויסגעשפּרייט אַרום דער שטאָט רוים; דידאָזיקע הערן האָבן געהאַט זייערע אייגענע באַוואָפנטע און האָבן אויך אויפגעפּאָדערט זייערע פּוי־ערים צו גיין קעמפן; יעדע באַנדע באַזונדער האָט פאַרוויסטעט די פעלדער פונם פיינט; ווען מ'האָט געשלאָסן אַ וואָפנשטיל־שטאַנד, איז ער באַלד געבראָכן געוואָרן, און יעדער שעף, צו־שנורנדיק זיין פאַנצער, האָט געשיקט מודיע זיין דעם פּויפּסט, אַז דער קעגנער איז אים דער ערשטער באַפאַלן.

„אין דער שטאָט גופא פלעגן טאָג ווי נאַכט פּאָרקומען אַ סך רציחות, און ס'איז נישט געווען דער טאָג, אַז עמעץ זאָל נישט געהרגעט ווערן... דעם דריטן טאָג פון סעפּטעמבער איז איינער, אַ געוויסער סאַלוואַדאָר באַפאַלן זיין שונא, דעם האַר בענעאַקקאַדוטאַ, מיט וועלכן ער האָט געהאַט געשלאָסן אַ שלום־אָפּמאַך קעגן אַ קוויטל פון 500 דוקאַטן".

דאָס וויל זאָגן, אַז זיי האָבן ביידע באַלייגט 500 דוקאַטן, וועלכע ס'האָט געדאַרפט פאַרלירן דער, וואָס וועט דער ערשטער ברעכן דעם שלום־אָפּמאַך. ס'איז געווען אַ מנהג אַזויערנאָך צו זיכערן דאָס מקיים זיין די געגעבענע שבועה; ס'איז נישט גע־ווען קיין אַנדער מיטל אָפּצוהיטן, אויף וויפל נישט איז די עפנטלעכע אָרדנונג. אין טשעליניס בוך פאַר הוצאות, געפינט מען פאָלגנדע באַמערקונג, געשריבן מיט זיין אייגענער האַנט:

„איך נאָטיר, אַז היינט, 28־טן אָקטאָבער 1556, בין איך, בענוועגוטאָ טשעליני, אַרויס פון תּפיסה און האָב געשלאָסן מיט מיין שונא אַ שלום־אָפּמאַך אויף איין יאָר. יעדער פון אונז האָט באַלייגט 300 רענדלעך ערבות". אַ געלט־גאַראַנטיע איז אָבער שוואַך לגבי אַ געוואַלט־טאַט, וואָס איז אַ פּועל־יוצא פונם טעמפּעראַמענט אָדער פון ווילדע זיטן. דערפאַר האָט סאַלוואַדאָר זיך נישט געקענט גובר זיין, און נישט אָנפאַלן אויף בענעאַקקאַדוטאָ. „ער האָט אים דערלאַנגט צווייטמאָל מיטן שווערד און אים שטערבלעך פאַרווונדעט, אַזוי, אַז ער איז טאַקע געשטאָרבן".

אָט דאָ רירן זיך שוין אויך די שטאָט־ריכטער, וועלכע מ'האָט צופיל גרינג־געשעצט, און אויך דער המון מישט זיך אַריין, כמעט ווי דאָס קומט פאָר, ביים היינטיקן טאָג, אין קאַליפאָרניען, ווו ס'ווערט פּראַקטיצירט דאָס לינטש־געזעץ. אין די ניי־באַזעצטע געגנטן, ווען ס'קומען פאָר צופיל רציחות, גייען די סוחרים, די בכבודיקע לייט, די פּני פון דער שטאָט, אין דער באַגלייטונג פון גוטווילּיקע מענטשן און נעמען אַרויס די שולדיקע פון דער תּפיסה און לאָזן זיי אויפהענגען אויף אָרט און שטעל. געגנוי אויף אַזאַ אופן „האָט דעם פערטן טאָג, דער פּויפּסט געשיקט זיין וויצע־קאַמערער *) מיט די שוץ־לייט מיטן גאַנצן המון צו צעשטערן דאָס הויז פון סאַלוואַדאָר. זיי האָבן דאָס צעשטערט, און דעמזעלביקן פערטן טאָג פון סעפּטעמבער, איז היראָנימוס, אַ ברודער פון דעמדאָזיקן סאַלוואַדאָר, אויפגעהאָנגען געוואָרן", מסתּמא, ווייל מ'האָט סאַלוואַדאָרן גופא נישט געכאַפּט. אין די מינים שטורמישע עקזעקוציעס, אין וועלכע דער המון נעמט אַן אָנטייל, איז יעדער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די זינד פון זיינע קרובים.

עס זענען פאַראַן פופציק ענלעכע ביישפּילן; די מענטשן פון יענער צייט זענען צוגעוווינט צו געוואַלט־טאַטן, און איך רעד נישט דאָ בלויז פון מענטשן פונם המון, נאָר פון פערזענלעכקייטן, וואָס האָבנדיק אַ הויכע שטעלונג און אַ גרויסע קולטור, וואָלטן, דאַכט זיך, געדאַרפט קענען זיך באַהערשן. גויטשאַרדיני דערציילט, אַז איינמאָל האָט טריבולציאָ, דער גוווער־

---

*) פּויפּסטלעכער קאַמערדינער.

נער פונם שטאַאַט מילאַן, מצד דעם קעניג פון פראַנקרייך, מיט זיין אייגענער האַנט דערהרגעט אויפן מאַרק עטלעכע קצבים, וועלכע האָבן, מיט דער חוצפּה, וואָס אַזעלכע מינים מענטשן באַזיצן געוויינלעך, זיך אָפּגעזאָגט צו צאָלן די פּאָדאַט־קעס, פון וועלכע זיי זענען נישט באַפרייט געוואָרן".

איר זענט צוגעוווינט היינט צו קוקן אויף קינסטלער ווי אויף וועלטלעכע מענטשן, ווי אויף רואיקע בירגער, וואָס זענען זייער פעאיק, אין אוונט, צו טראָגן ווי געהעריק דעם שוואַרצן פראַק מיטן ווייסן קראַוואַט. אין די זכרונות פון טשעליני וועט איר זען, אַז זיי זענען פּונקט אַזוי קריגעריש און איבעראייליק צו באַגיין אַ מאָרד, ווי די צופעליקע סאָלדאַטן־באַנדעס. איינ־מאָל האָבן די תלמידים פון ראפאַעלן באַשלאָסן צו דערמאָרדן ראָסאָן, ווייל ראָסאָ האָט געהאַט אַ בייזע צונג און האָט אָנגע־רעדט שלעכטס אויף ראפאַעלן; און ראָסאָ האָט זיך אַ קלוגע עצה געגעבן און האָט פאַרלאָזן רוים: נאָך אַזעלכע דראָאונגען איז דאָס אַוועקפאָרן געווען אַ דרינגנדע נויטווענדיקייט. דער מינד־סטער מאָטיוו איז דעמאָלט גענוג געווען, אום צו הרגענען אַ מענטשן. טשעליני דערציילט אויך, אַז וואזארי האָט געהאַט די געוווינהייט צו לאָזן זיך וואַקסן זייער לאַנגע נעגל, און אַז שלאָפנ־דיק אַמאָל מיט זיין לערניינגל מאַנאָ „האָט ער אים מיט זיינע הענט צעקראַצט אַ פוס, מיינענדיק, אַז ער קראַצט זיך גופא; צוליב וואָס מאַנאָ האָט דורכאויס געוואָלט דערהרגענען וואזארין";. דער מאָטיוו איז געווען אַ גרינגער. אָבער אין יענער צייט איז דער מענטש אַזוי ברויזנדיק, אַזוי געוווינט צו געבן קלעפּ, אַז דאָס בלוט קומט אים תּיכּף אין די אויגן אַריין און ער וואַרפט זיך פאַראויס. אַן אָקס שטויסט קודם־כּל מיט די הערנער, און ער דערלאַנגט קודם מיטן קינדזשאַל.

דערפאַר טאַקע זעט מען אין רוים און אין דער אומגעגנט טאָג טעגלעך גרויזאַמע בילדער. די באַשטראָפונגען זענען אויס ענ־לעך צו די פון אַ מאָנאַרכיע אין די מזרח־לענדער. ציילט אי־בער, אויב איר קאָנט, די רציחות פון אָט דעם שיינעם און גייסטרייכן צעזאַר באָרדזשיא, דער זון פונם פויפסט און פירשט וואַלאַנטינוא, וואָס דעם פּאָרטרעט זיינעם קאָנט איר זען אין רוים, אין דער בילדער־גאַלעריע פונם באָרגעזי־פּאַלאַץ. דאָס איז

אַ מענטש מיט געשמאַק, אַ גרויסער פּאָליטיקער, אַ ליבהאָבער פון פייערלעכקייטן און פון פיינע געשפּרעכן; זיין שלאַנקע פיגור איז איינגעהילט אין אַ לייב־ראָק פון שוואַרצן סאַמעט; זיינע הענט זענען פולקאָם, ער פאַרמאָגט דעם געלאַסענעם בליק פונם גרויסן שררה. אָבער, ער פאַרשטייט ווי אַזוי איינצופלייסן צו זיך דרך־ארץ, און מיט זיינע אייגענע הענט, מיטן שווערד, מיטן קינדזשאַל, ערליידיקט ער זיינע עסקים.

„דעם צווייטן זונטיק — דערציילט בורקראַרט, דער קאַמערער פונם פּויפּסט — האָט אַ מענטש אין אַ מאַסקע, אין באָרגאָ, געערדט באַליידיקנדע ווערטער אויפן חשבון פונם פירשט וואַלאַנטינואַ. דער פירשט, געוואָר ווערנדיק וועגן דעם, האָט אים געלאָזט אַרעסטירן; מ'האָט דעם מענטשן אָפּגעשניטן אַ האַנט און דעם פאָדערשטן טייל פון דער צונג, וועלכן מ'האָט צוגעבונדן צום מינדסטן פינגער פון דער אָפּגעשניטענער האַנט" בלי־ספק, כדי דאָס זאָל דינען אַלס אַ ביישפּיל. אַן אַנדערס מאָל, ווי אינם יאָר 1799 די „הייצער" *) „האָבן די לייט פונם זעלבן פירשט אויפגעהאָנגען ביי די אָרעמס צוויי אַלטע מאַנסבילן און אַכט אַלטע פרויען, און אָנגעצונדן פייער אונטער זייערע פיס, כדי ביי זיי אַרויסצובאַקומען, ווו זיי האָבן דאָס געלט באַהאַלטן, און היות די אומגליקלעכע האָבן גאָרנישט געוווּסט, אָדער נישט געוואָלט זאָגן, זענען זיי געשטאָרבן פון דערדאָזיקער פּייניקונג".

אַן אַנדער טאָג האָט דער פירשט געלאָזט ברענגען, אויפן געהעפט פון פּאַלאַץ, צום טויט פאַרמשפּטע (Gladiandi) און ער גופא, אָנגעטאָן אין די שענסטע מלבושים, און אין דער אָנוועזנהייט פון אַ גרויסן און געקליבענעם עולם, האָט זיי דורכגעשאָסן מיט פיילן. „ער האָט אויך דערהרגעט, אונטערן מאַנטל פונם פּויפּסט, פעראָטטאָן, דעם פּויפּסטס ליבלינג, אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס בלוט האָט אַ שפּריץ געטאָן דעם פּויפּסט אין פּנים אַריין". מ'האָט זיך געגעבן אויסגעשחטן אין דערדאָזיקער משפּחה.

*) Chauffeur; „הייצערס", אַ באַנדע רויבער וואָס האָבן בעת די אומרועןן פון דער רעוואָלוציע געברענט די פיס פון זייערע קרבנות, כדי ביי זיי געוויר צו ווערן, ווו זיי האָבן באַהאַלטן דאָס געלט. (באַמ. פון איב.)

ער האָט שוין אויך געלאָזט באַפאַלן און פאַרוווּנדן מיט שווערדן זיין שוואָגער, און דער פויפסט האָט געלאָזט היילן דעם פאַר־וווּנדעטן אונטער אַ וואַך". נאָך דער פירשט האָט געזאָגט — „דאָס וואָס האָט זיך נישט איינגעגעבן בעתן מיטאָג, וועט זיך איינגעבן ביים אָוונט־ברויט". — „און אין אַ געוויסן טאָג, דעם 17־טן אויגוסט, איז ער אַריינגעגאַנגען אינם צימער, ווייל דער יונגער־מאַן פלעגט זיך שוין דערהויבן פון בעט, האָט געלאָזט אַרויס־פירן דעם יונגנמאַנס פרוי, די שוועסטער זיינע, און אַריינרופנ־דיק דריי גזלנים, זיי געהייסן דעמדאָזיקן יונגנמאַן דערוואַרגן". אויסער דעם האָט ער דערהרגעט זיין אייגענעם ברודער, דעם פירשט גאַנדיאַ, און באַפוילן אַריינצוּוואַרפן דעם קערפּער זיינעם אינם טייך טיבער. נאָך מערערע אויספאָרשונגען, האָט מען אויס־געפונען עפּעס אַ פישער, וועלכער איז גראָד געווען ביים ברעג בעתן אָנפאַל. און אַזוי ווי מ'האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט קיין וואָרט וועגן דער זאַך נישט מודיע געווען דעם גוווערנער פון דער שטאָט, האָט ער געענטפערט, „אַז ער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט אַז ס'זאָל זיך לוינען דערויף מי צו פאַרלירן; ווייל אין משך פון זיין לעבן האָט ער שוין אין פאַרשיידענע נעכט געזען אַריינוואַרפן מער ווי הונדערט קערפּערס אין דעמזעלבן אָרט פון טייך, און קיינער האָט זיך וועגן דעם קיינמאָל נישט געקימערט". —

אַוודאי שיינט דידאָזיקע פּריווילעגירטע משפּחה באָרדזשיאַ צו האָבן אַ באַזונדערן חוש און אַ באַזונדערן טאַלאַנט אויסצו־פירן פאַרגיפטונג און מאָרד; איר וועט אָבער טרעפן אין די קליינע איטאַליענישע שטאַטן אַ גוזמא מענטשן, פּרינצן און פּרינצעסינס, וואָס זענען ראוי געווען צו לעבן אין דערזעלבער צייט, וואָס די באָרדזשיאַס. דער פירשט פון פּאַענצאַ האָט גע־געבן דער פרוי זיינער מאַטיוון צו זיין אייפערזיכטיק, באַהאַלט זי ביי אים אונטערן בעט פיר מערדער, און רייצט זיי אויף אים אָן בעת ער קומט אַהיים שלאָפן; ער פאַרטיידיקט זיך אָבער קרעפטיק; שפּרינגט זי אַרויס פון בעט, כאַפּט אַ קינדזשאַל, וואָס איז אָנגעבונדן ביי איר צוקאָפּנס און לויפט הרגענען איר מאַן הינטנאַרום. צוליב דערדאָזיקער מעשה ווערט זי געלייגט אין חרם אַריין, און איר פאָטער בעט ביי לאָורענטיוס מעדי־

טשיס, וועלכער איז זייער אָנגעזען ביים פויפּסט, אַז ער זאָל זיך באַמיען צו פועלן, מען זאָל פון איר אַרונטערנעמען דעם חרם, אָנגעבנדיק צווישן אַנדערע מאָטיוון אויך דעם, אַז ער האָט „בדעה זי צו באַזאָרגן מיט אַן אַנדערן מאַן." — אין מילאַן ווערט דער פירשט גאַלעאַצאָ דערמאָרדעט דורך דריי יונגעלייט, וואָס זענען געווינט געווען צו לייענען פּלוטאַרכן; איינער פון זיי איז געהרגעט געוואָרן בשעת מעשה און זיין גוף איז געוואָרפן געוואָרן פאַר חזירים; די איבעריקע האָבן, איידער מ'האָט זיי צופערטלט, דערקלערט, אַז זיי זענען אים באַפאַלן ווייל „דער פירשט פלעגט פאַרפירן פרויען, און דערצו נאָך עפנטלעך באַקאַנט מאַכן זייער חרפה" און אויך ווייל „נישט געניג ער דערמאָרדעט מענטשן, טוט ער זיי נאָך דערביי אָן אויסגעזוכטע שטראָפן. אין רוים האָט נישט קיין סך געפעלט אַז דער פויפּסט, לעאָן 10-טער, זאָל אומקומען דורך זיינע קאַרדינאַלן, דער רופא זיינער, וואָס איז דורך זיי אונטער-געקויפט געוואָרן, האָט געזאָלט אים פאַרגיפטן בעתן פאַרבינדן אים אַ פיסטעל; דער קאַרדינאַל פּעטרוטשי, דער הויפּט-העצער קעגן פויפּסט, איז פאַרמשפט געוואָרן צום טויט. אויב מען באַ-טראַכט אַצינד דאָס הויף פון די מאַלאַטעסטאַס, אין רימיני, אָדער דאָס הויף פון דער משפחה עסטי אין פערראַראַ געפינט מען דאָרטן ענלעכע נויגונגען צו מאָרד און צו פאַרגיפטונג, וועלכע גייען איבער בירושה פון דור צו דור. — און, באַטראַכט איר, גאָר צום סוף, אַזאַ פריי-שטאָט, ווי פלאָרענץ, ווו די אָרדנונג שיינט צו זיין אַ בעסערע, ווו אָן דער שפּיץ שטייט איינער פון די מעדיטשיס, אַ קלוגער גוטהאַרציקער און ערלע-כער מענטש, און דאָך וועט איר דאָרט באַגעגנען מעשים, וואָס זענען געווען אַזוי ווילד, ווי די, וועגן וועלכע איר האָט אָקאָרשט וואָס געהערט דערציילן. למשל: די פאַמיליע פּאַצצי איז אויפ-געבראַכט זעענדיק, אַז די, מאַכט שטייט איין אינגאַנצן אין די הענט פון די מעדיטשיס, האָבן זיך פאַרשווירן מיטן ערצבישאָף פון פּיזאַ אומצוברענגען צוויי פון דער פאַמיליע מעדיטשיס, יוליאַנין און לאַאורענטיוסן; דער פויפּסט סיקסטוס דער פערטער איז געווען אַ מיטהעלפער. זיי האָבן אויסגעקליבן די צייט פונם געבעט אין דער קירך סאַנטאַ רעפּעראַטאַ, און אַלס סיגנאַל האָט

געדינט דער מאָמענט ווען דער גלח ברענגט אויף די הייליקע האָסטיע *). איינער פון די פאַרשווערער, באַנדיני, האָט דער־שטאָכן יוליאַן פון מעדיטשיס, און פראַנצעסקאָ די פאַצצי איז אָנגעפאַלן אויפן טויטן קערפּער מיט אַזאַ פאַרביטערטן צאָרן, אַז ער האָט אַזש זיך גופא פאַרוווּנדעט אין אַ דיך; ער האָט דערהרגעט דערנאָך אַ פריינט פון די מעדיטשיס. לאָורענטיוס איז פאַרוווּנדעט געוואָרן, ער איז אָבער געווען מוטיק; ער האָט באַוויזן אַרויסצוציען זיין שווערט פון שייד, צוזאַמענצוקאַטשען אַרום אָרעם זיין מאַנטל און זיך צו מאַכן פון אים אַ שילד; אַלע זיינע גוטע פריינט קלויבן זיך צונויף אַרום אים, און שיצן אים מיט זייערע שווערטן אָדער מיט זייערע קערפּערס, אַזוי גוט, אַז אים געלינגט זיך צוריקצוציען אינם קירכן־אוצר׳ בשעת מעשה, זענען די איבעריקע פאַרשווערער, מיטן ערצבישאָף בראש, צוזאַמען אַ דרייסיק אין דער צאָל, באַפאַלן דאָס ראָט־הויז, כדי צו פאַרכאַפּן די רעגירונג. דער גוווערנער האָט אָבער ביים איבערנעמען זיין אַמט געזאָרגט דערפאַר, אַז די טירן זאָלן זיין אַזוי געמאַכט, אַז ווען זיי זענען געשלאָסן, זאָל מען זיי פון אינעווייניק נישט קענען עפענען. די פאַרשווערער זענען צוליב דעם געפאַנגען געוואָרן, ווי מייזלעך אין אַ שטייגל. דאָס פאָלק האָט זיך באַוואָפנט אויף אַלע זייטן און געקומען צו לויפן. מ׳האָט געפאַקט דעם ערצבישאָף און אים אויפגעהאָנגען אין דער גייסטלעכער הלבשה, נעבן פראַנצעסקאָ די פאַצצי, דעם ערשטן אויפהעצער צו דער פאַרשווערונג; אין זיין צאָרן, האָט דער גלח, בעתן שטאַרבן, הענגנדיק שוין אויפן שטריק, זיך אָנ־געקלאַמערט אָן דעם גוף פון זיין מיטהעלפער און אים איינגע־ביסן מיט די ציין דאָס לייב. „אַן ערך צוואַנציק פערזאָן פון דער משפחה פאַצצי זענען דעמאָלט צעהאַקט געוואָרן אין שטי־קער, און אויך אַ צוואַנציק אַנדערע פונם הויז פונם ערצבי־שאָף, און זעכציק פערזאָן זענען אויפגעהאָנגען געוואָרן פאַר די פענצטער פונם פאַלאַץ.“ איינער אַ מאָלער, וועגן וועלכן איך האָב אייך שוין דערציילט, אַנדרעאַ קאַסטאַניאָ, אויך אַ מערדער, וואָס האָט, זאָגט מען, געהרגעט זיין פריינט, כדי ביי אים

---

*) L' Hostie קרבן, דאָס הייליקע ברויט. —

אָוועקצוגנבענען די דערפינדונג, ווי צו מאָלן מיט אייל־פאַרבן, איז באַשטעלט געוואָרן צו מאָלן דידאָזיקע גרויסע תּליה־עקזע־קוציע, צוליב וואָס ער האָט שפּעטער געקריגן דעם צונאָמען — „אַנדרעאַ פון די געהאָנגענע".

ס׳וואָלט גאָר קיין סוף נישט געטומען, ווען איך זאָל דערציילן פון דערדאָזיקער צייט אַלע געשיכטן, וואָס זענען פול מיט אַזעלכע שטריכן: אָט איז פונדעסטוועגן נאָך איינע, וועלכע איך קלייב אויס בכוונה, ווייל דער פאַרשוין וועגן וועלכן ס׳רעדט זיך, וועט נאָך שפּעטער צוריקקומען אויף דער בינע, און ווייל דער דערציילער איז מאַקיאַוועלי: „אָלי־ווערעטאָ דא פערמאָ בלייבנדיק קליינערהייט אַ יתום, איז דער־צויגן געוואָרן דורך זיינעם אַ פעטער פון דער מוטערס צד, מיטן נאָמען דזשיאָוואַני פאָליאַני". דערנאָך האָט ער זיך גע־לערנט דאָס מיליטערישע פאַך אונטער דער השגחה פון זיינע ברידער. „היות ער איז בטבע געווען אַ מענטש מיט פאַרשטאַנד, מונטער און געזונט, אי קערפּערלעך אי גייסטיק, איז ער אין משך פון אַ קורצער צייט געוואָרן איינער פון די ערשטע אין זיין מיליטערישער אָפּטיילונג. האַלטנדיק אָבער פאַר אַ חרפּה צו פאַרבלייבן אויסגעמישט מיט אַלע איבעריקע, האָט ער באַשלאָסן מיט דער הילף פון עטלעכע בירגער פון פערמאָ צו באַצווינגען די פריישטאָט. ער האָט געשריבן צו זיין פעטער, אַז אַזוי ווי ער האָט מערערע יאָרן פאַרבראַכט אויסער זיין געבורט־שטאָט, האָט ער חשק צו קומען באַזוכן אים און די שטאָט, און צו כאַפּן אַביסל אַ קוק אויף זיין ירושה. ער האָט אויך צוגעגעבן, אַז אויב ער האָט זיך אַזוי פיל אָנגעשטרענגט, איז עס געווען נאָר כּדי צו דערווערבן כּבוד, און כּדי די לאַנדסלייט זיינע זאָלן זען, אַז ער איז נישט אַרומגעגאַנגען פּוסט און פּאַסט, ער האָט בדעה צו קומען, אין דער באַגלייטונג פון אַ הונדערט רייטער, זיינע פריינט און דינער, און אַז ער בעט אים צו באַ־ווילּיקן און צו געבן אַ באַפעל, אַז די באַפעלקערונג פון פערמאָ זאָל אים אויפנעמען בכבוד, ווייל דאָס וועט זיין אַ כּבוד נישט נאָר פאַר אים, אָליווערעטאָן, נאָר אויך פאַר אים, פאַר דזשיאָ־וואַנין גופא, וואָס האָט אָליווערעטאָן דערצויגן פון קינדוויידן אָן. דזשיאָוואַני האָט נישט פאַרנאַכלעסיקט קיין איינע פון די

טובות, וואָס מ׳האָט ביי אים געבעטן; ער האָט אים געלאָזט אויפנעמען בכבוד דורך די מענטשן פון פערמאָ, און אים אָפּ־נעגעבן אן אָרט צו וווינען ביי זיך אין הויז... אָליווערעטאָ האָט פאַרבראַכט עטלעכע טעג, כדי פאָרצוברייטן אַלץ, וואָס איז נויטיק געווען פאַר זיין געוואַלטיקן פאַרברעכן. ער האָט געמאַכט אַ זייער פייערלעכע סעודה, אויף וועלכער ער האָט פאַרבעטן דזשיאָוואַנין און אַלע ערשטע בירגער פון פערמאָ, צום סוף..., אַרויספירנדיק בכוונה דעם שמועס אויף ערנסטע ענינים, וועגן דער גרויסקייט פונם פויפסט אַלעקסאַנדער, וועגן זיין זון און וועגן זייערע אונטערנעמונגען, האָט ער זיך פּלוצים אויפגעהויבן און אַ זאָג־געטאָן, אַז וועגן אַזעלכע ענינים צו רעדן איז נויטיק אַ געהיימער אָרט. ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ באַזונדער צימער און דזשיאָוואַני מיט אַלע איבעריקע זענען אים נאָכגעגאַנגען. זיי האָבן קוים באַוויזן זיך אַוועקצוזעצן, ווי פון געהיימע ווינקלען פונם צימער, זענען אַרויסגעלאָפן סאָלדאַטן און געהרגעט דזשי־אָוואַנין און אַלע איבעריקע. נאָך דעמדאָזיקן מענטשן־מאָרד, איז אָליווערעטאָ אַרויף אויף אַ פערד, איז אַדורכגעריטן איבער דער שטאָט, און האָט באַלאַגערט דעם הויפט פון דער שטאָט אינם ראָטהויז, אַזוי, אַז די איינוווינער זענען, אויס מורא, געצוווּנגען געווען אים צו געהאָרכן און צו שאַפן אַ רעגירונג, איבער וועל־כער ער איז געוואָרן דער פירער. ער האָט געלאָזט אויסהרגענען אַלע אומצופרידענע, וועלכע האָבן אים געקענט שאַדן... און אין משך פון איין יאָר צייט, האָט ער אָנגעוואָרפן א פחד אויף אַלע זיינע שכנים״.

אַזעלכע מינים מעשים קומען גאַנץ אָפט פאָר; דאָס לעבן פון צעזאַר באָרדזשיאַ איז מיט זיי פול, און דאָס אונטערוואַרפן זיך פון ראָמאַניאַ אונטער דער הערשאַפט פונם הייליקן שטול, איז נישט מער ווי אַ גאַנצע ריי בגידות און רציחות.—אָט דאָס איז דער פעאָדאַלער מצב, דער מצב, אין וועלכן יעדער מענטש, זייענדיק אָנגעוויזן אויף זיך גופא, באַפאַלט יענעם אָדער האָט זיך זעלבסט צו פאַרטיידיקן, און גיט זיך נאָך ביז גאָר זיין אַמ־ביציע, זיין פאַרברעכערישקייט אָדער זיין נקמה־געפיל, נישט מורא־האָבנדיק פאַרן אַריינמישן זיך פון דער רעגירונג, אָדער פאַר דער שטראָף פונם געזעץ.

דער געוואַלטיקער אונטערשיד, וואָס איז אָבער פאַראַן צווישן דעם איטאַליען פונם 15־טן יאָרהונדערט און דעם אייראָפּע פונם מיטלאַלטער איז דער, וואָס די איטאַליענער זענען דעמאָלט געווען זייער געבילדעט. איר האָט ערשט פריער געזען פילפאַכע באַווייזן פון דערדאָזיקער אויסגעצייכנטער קולטור. דורך אַן אויסערגעוויינלעכן קאָנטראַסט האָט זיך געמאַכט, דאָס בעת די באַנעמונג איז געוואָרן אַן עלעגאַנטע, און דער געשמאַק אַ פאַר־איידלטער, זענען די כאַראַקטערן און די הערצער פאַרבליבן פאַרווילדעט. דידאָזיקע מענטשן זענען געבילדעטע, פיינשמעקער, שיין־רעדנער, געשליפענע, מענטשן פון באַנעמונג, און גלייכ־צייטיק אָבער מענטשן פון געווער, גזלנים און רוצחים. זיי באַ־גייען מעשים וואָס פאַסן פאַר ווילדע, און דענקען דענקען זיי ווי ציוויליזירטע מענטשן: דאָס זענען אינטעליגענטע וועלף. — איצט, שטעלט זיך פאָר, אַז אַ וואָלף זאָל האָבן זיך אַרויסצוזאָגן איבער זיין מין; לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, וועט ער שאַפן געזעצן אויפן יסוד פון רציחה. און דאָס איז טאַקע פאָרגעקומען אין איטאַליען; די פילאָזאָפן האָבן פאַרוואַנדלט אין טעאָריעס די ווילדע מעשים מיט וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעזעגן, און סוף־כל־סוף געמיינט אָדער געזאָגט, אַז כדי צו האָבן אַ קיום אָדער אַן ערפאָלג אויף דער וועלט, מוז מען זיך נוהג זיין ווי אַ פאַרברעכער. דער טיפּסטער פון דידאָזיקע מינים טעאָרעטיקער איז געווען מאַקיאַוועלי, אַ גרויסער מענטש, אַן אָרנטלעכער אַפילו, אַ פּאַטריאָט, אַ העכערער גייסט, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ בוך „דער הערשער", כדי צו באַרעכטיקן אָדער וויניקסטנס צו געבן רשות אויף צו באַגיין פאַרעטעריי און רציחה. אָדער בעסער געזאָגט — נישט ער דערלויבט, נישט ער באַרעכטיקט; ער שפּאַנט אַריבער איבערן כעס, לאָזט אָן אַ זייט דאָס געוויסן; ער אַנאַליזירט און דערקלערט, אַלס געלערנטער, אַלס מענטשן־קענער; ער שטעלט פאָר דאָקומענטן און גיט זיין פּירוש; ער שיקט צו די פירער פון פלאָרענץ באַלערנדע און פּראַקטישע אָפּהאַנדלונגען, געשריבענע אין אַ רואיקן סטיל, ווי אַ מין שיל־דערונג פון אַ געלונגענער כירורגישער אָפּעראַציע. ער רופט אָן ווין באַריכט:

א באַשרייבונג פונם אופן, וואָס עס האָט

באַנוצט דער פירשט וואַלאַנטינוא ביים הרגענען ויטעלאָצאָ וויטעלי, אָליווערעטאָ די פערמאָ, דעם סיניאָר פאגאָלאָ און דעם פירשט גראַוויני אָרסיני.

„ליכטיקע האַרן, היות אייערע הערלעכקייטן האָבן נישט דערהאַלטן אַלע מיינע בריוו, אין וועלכע ס׳איז אַנטהאַלטן אַ גרויסער טייל פון דער געשעעניש אין סיניגאַליא, האָט מיר אויסגעזען פּאַסנד זי דאָ אויספירלעך צו באַשרייבן און איך גלויב, אַז דאָס וועט אייך זיין אנגענעם, צוליבן אינערלעכן ווערט פון דער זאַך, וועלכע איז דורך און דורך אַ זעלטנהייט, און פּאַרדינט, אַז מען זאָל זי געדענקען”.

דער פירשט איז צעקלאַפּט געוואָרן דורך דידאָזיקע הערשער און האָט זיך געפונען אַנטקעגן זיי צו שוואַך. האָט ער געשלאָסן שלום, זיי אַ סך צוגעזאָגט, עפּעס זיי געגעבן, זיי נישט געקאַרגט קיין שיינע ווערטער, געוואָרן זייערער אַ פּאַרבינדעטער און דערפירט ענדלעך דערצו, אַז זיי זאָלן אים פּאַרלייגן אַ באַראַטונג איבער אַ געמיינזאַמען ענין. זיי האָבן אַפילו פריער מורא געהאַט און זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה, זיינע הבטחות זענען אָבער געווען אַזעלכע אָנציענדע, ער האָט אַזוי גוט פּאַרשטאַנען צו רייצן זייערע האָפנונגען און זייער געלטגיריקייט, ער האָט זיך געמאַכט אַזוי זיס, אַזוי ערלעך, אַז זיי זענען צו אים געקומען, וואָס אַן אמת, אין דער באַגלייטונג פון מיליטער, אָבער זיי האָבן זיך דאָך געלאָזט פירן, אונטערן אויסרייד פון אַן עלעגאַנטער גאַסטפריינטשאַפט, אין אַ פּאַלאַץ, וואָס דער פירשט האָט באַוווינט אין סיניגאַליאַ. זיי פאָרן אַריין רייטנדיק אויף די פערד און דער פירשט באַגריסט זיי העפלעך; אָבער:

„ווי נאָר זיי זענען אַרונטער פון די פערד, ביי דער ווינונג פונם פירשט, און מיט אים אַריינגעגאַנגען אין אַ געהיים צימער, זענען זיי גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט.

דער פירשט איז גלייך אַרויף אויף אַ פערד, און געגעבן אַ באַפעל צו באַרויבן די מענטשן פון אָליווערעטאָן און פון אָרסינין. אָבער דעם פירשטס סאָלדאַטן האָבן זיך נישט צופרידנגעשטעלט מיטן באַרויבן בלויז די מענטשן פון אָליווערעטאָן און

אָנגעהויבן צו פּאַרוויסטן אויך סיניגאַליאַ גופא, און ווען דער פירשט וואָלט נישט דערשטיקט זייער חוצפּה, אויסהרגענדיק פון זיי אַ היפּשע צאָל, וואָלטן זיי גאַנץ סיניגאַליאַ וויסט געמאַכט".

די קליינע פּלעגן, געגנבֿי ווי די גרויסע, זיך נוהג זיין ווי באַנדיטן; ס'האָט דעמאָלט אומעטום געוועלטיקט די קערפּערלעכע קראַפט.

„ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט און די בהלה האָט זיך איינגעשטילט, האָט דער פירשט געהאַלטן פאַר פּאַסנד צו הייסן דערהרגענען וויטעלאָצאָן אָן אָליווערעטאָן, און נאָך דעם ווי מ'האָט זיי, לויט זיין באַפעל, אַריינגעפירט אין אַ געוויס אָרט, האָט ער געהייסן זיי דערוואַרגן. וויטעלאָצאָ האָט זיך געבעטן מען זאָל פאַר אים אויספּועלן ביים פּויפּסט אַ פולע פאַרגעבונג פון זיינע זינד. אָליווערעטאָ האָט געוויינט און געוואָרפן אויף וויטעלאָצאָן די שולד פאַר אַלע עוולות וואָס מ'איז באַגאַנגען קעגן פירשט. פּאַגאָלאָן און דעם פירשט פון גראַווינאָן האָט מען געלאָזט לעבן, ביז דער פירשט איז געוואָר געוואָרן, אַז דער פּויפּסט האָט גענומען געפאַנגען דעם קאַרדינאַל אָרסיני, דעם ערצבישאָף פון פלאָרענץ און דעם הער יאַקאָפּאָ די סאַנטאַ-קרוטשי. נאָך דערדאָזיקער ידיעה, זענען אויך זיי דערוואָרגן געוואָרן אויפן זעלבן שטייגער, דעם 18-טן יאַנואַר, אינם שלאָס פון פּיעווע".

דאָס איז סתם אַ דערציילונג; ערגעץ אַנדערש אָבער, באַ-פרידיקט זיך נישט מאַקיאַוועלי מיטן פעסטשטעלן בלויז פאַקטן נאָר ער קומט צו געהעריקע אויספירונגען. ער שרייבט אָן אַ בוך האַלב אמת, האַלב פאַנטאַזיע, לויטן מוסטער פון קסענאָפאָנס „קיראָפּעדיאַ"*): „דאָס לעבן פון קאַסטרוטשיאָ קאַסטראַקאַני", וואָס ער שטעלט פאָר פאַר די איטאַליענער אַלס מוסטער פון אַ פולקאָמענעם הערשער. דערדאָזיקער קאַסטרוטשיאָ קאַסטראַקאַני איז אַ געפונען קינד. מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק האָט ער זיך געלאָזט פּראָקלאַמירן אַלס הערשער איבער לוקאַ און פּיזאַ, און

*) „קיראָפּעדיאַ" „אָדער די דערציאונג פון כורשן": אַ ווערק איבער געשיכטע און מאָראַל פונם גריכישן שריפטשטעלער קסענאָפאָן, וווּ ער באַהאַנדלט די פראַגע וועגן דערציאונג מער פאַנטאַסטיש, ווי רעאַליסטיש.

איז געוואָרן גענוג מעכטיק צו באַדראָען פלאָרענץ. ער האָט אויסגעפירט „אַ סך טאַטן, וואָס קאָנען דורך זייער העלדנמוט און דורך זייער דערפאָלג דינען אַלס גרויסע ביישפילן", און „האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ גוטן אָנדענקען, די פריינט האָבן נאָך אים געטרויערט אַ סך מער, ווי מ'האָט ווען אַמאָל געטרויערט נאָך וואָסער נישט איז אַנדערן הערשער". אָט האָט איר איינע פון די מעשים טובים פון דעמדאָזיקן געליבטן העלד, וועלכער פאַרדינט אַן אייביקע באַוווּנדערונג:

די פאַמיליע פאָדזשיאָ אין לוקאַ, האָט זיך קעגן אים רעוואָלטירט, און סטעפאַנאָ פאָדזשיא „אַ מענטש אַ זקן און אַ פרידלעכער", האָט אָפּגעשטעלט די אומצופרידענע און זיי פאַרשפּראָכן פאַר זיי צו אינטערווענירן. „זיי האָבן אַלזאָ אַוועקגעלייגט דאָס געווער מיט דערזעלבער לייכטזיניקייט מיט וועלכער זיי האָבן זיך דערצו גענומען". קאַסטרוטשיאָ איז אַהיימגעקומען. סטעפאַנאָ, גלויבנדיק, אַז קאַסטרוטשיאָ האָט אים פאַרוואָס דאַנקבאַר צו זיין, איז אים געגאַנגען באַזוכן; פאַר זיך גופא האָט ער גאָרנישט געבעטן, האַלטנדיק, אַז ער האָט דאָס נישט נויטיק, נאָר פאַר זיינע איבעריקע בני־בית; ער האָט אים געבעטן מוחל צו זיין אַ סך צוליב דעם יונגן עלטער פון די אויפשטענדיקע, אַ סך צוליב דער אַלטער פריינדשאַפט און צוליב די טובות, וואָס ער, קאַסטרוטשיאָ, האָט געהאַט פון זייער הויז. דערויף האָט אים קאַסטרוטשיאָ געענטפערט זייער ליבלעך און אים געהייסן האָבן גוטע האָפנונג, פאַרזיכערנדיק, „אַז ער האָט געהאַט מער פרייד געפינענדיק די מהומה איינגעשטילט, ווי צאָרן, וויסנדיק אַז זי איז אויסגעבראָכן. ער האָט צוגערעדט סטעפאַנאָן זיי אַלע אַהינצוברענגען, זאָגנדיק דערביי, אַז ער דאַנקט גאָט, וואָס ער האָט אַ געלעגנהייט אַרויסצווייזן חסד און גוטהאַרציקייט. זיי זענען אַלזאָ אַלע געקומען, פאַרלאָזנדיק זיך אויף סטעפאַנאָן און אויף קאַסטרוטשיאָן, און זענען אַלע אינאיינעם, צוזאַמען מיט סטעפאַנאָן, פאַרהאַלטן געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט, און אומגעבראַכט געוואָרן".

אַן אַנדער העלד פון מאַקיאַוועלין איז צעזאַר באָרדזשיאַ, דער גרעסטער רוצח און פולשטענדיקסטער פאַררעטער פון יענער צייט, אַ מענטש אַ מושלם אין זיין פאַך, וועלכער האָט תמיד

געקוקט אויפן שלום, ווי די הוראָנען און די איראָקעזן פלעגן קוקן אויפן קריג, דאָס הייסט, ווי אויף אַ צושטאַנד, בעת וועלכן באַהאַלטענע כוונות, אָנשטעלן, פאַררעטעריי, פאַרלייגן אַ נעץ, זענען אַ רעכט, אַ חוב און אַ העלדנטאַט. די אַלע זאַכן פלעגט ער אָנווענדן לגבי יעדן איינעם, אַפילו לגבי זיין אייגענער פאַמיליע, אַפילו לגבי די וואָס זענען אים געווען געטריי. וועלנדיק אַמאָל איינשטילן די קלאַנגען וואָס זענען אַרומגעגאַנגען וועגן זיינע גרויזאַמע מעשים, האָט ער געלאָזט פאַרהאַפטן זיין גוווערנער פון ראָמאַניא, רעמירראָ ד׳אָרקאָ, וועלכער האָט אים געטאָן זייער גרויסע טובות און וועמען ער האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען די רואיקייט, וואָס האָט געהערשט אינם גאַנצן לאַנד. צומאָרגנס האָבן די בירגער דערזען מיט צופרידנקייט און מיט גרויל ליגנדיק אויפן עפנטלעכן פלאַץ רעמירראָ ד׳אָרקאָן, אַ צעשניטענעם אויף צוויי שטיק און אַ פאַרבלוטיקט מעסער נעבן אים. דער פירשט האָט געלאָזט אויסרופן, אַז ער האָט דעם גוווערנער באַשטראָפט צוליב דער צו גרויסער שטרענגקייט זיינער, און אַזויערנאָך זיך געמאַכט אַ נאָמען פון אַ גוטן הערשער, פון אַ באַשיצער פונם פאָלק און פון אַ גערעכטן שופט. אויף אַזאַ אופן טאַקע, קומט מאַקיאַוועלי צו פאָלגנדער אויספירונג:

„יעדער איינער ווייסט ווי לויבנסווערטיק ס׳איז פאַר אַ הערשער צו האַלטן וואָרט און צו לעבן מיט ערלעכקייט און נישט מיט קיין הינטערוועגן. און דאָך, זעט מען באַשיינפערלעך, אין אונזער צייט, אַז אויפגעטאָן גרויסע זאַכן האָבן נאָר יענע הערשער, וואָס האָבן ווייניק זיך גערעכנט מיט זייער וואָרט, און האָבן פאַרשטאַנען מיט הינטערוועגן צו פאַרדרייען די קעפּ פון די מענטשן און סוף כל סוף אומצוברענגען די וואָס האָבן זיך אָנגעלענט אויף זייער ערלעכקייט... אַ קלוגער הערשער קאָן נישט און דאַרף נישט האַלטן זיין וואָרט, ווען דאָס איז פאַר אים שעדלעך, און ווען די מאָטיוון וואָס האָבן אים געצוווּנגען עפּעס צוצוזאָגן זענען פאַרשוווּנדן. איבריקנס, האָבן נאָך קיינמאָל דעם הערשער נישט געפעלט קיין גערעכטע מאָטיוון, צו פאַרגלעטן דאָס נישט וואָרט האַלטן. ס׳איז אָבער נויטיק דידאָזיקע מאָטיוון גופא שיין צו פאַרפאַרבן, און צו זיין אַ גרויסער שווינדלער און אַן אָפּנאַרער. און די מענטשן זענען אַזוי איינפאַך

און געהאָרכן אזוי שטארק די נויטווענדיקייט פונם מאָמענט, אז דער אָפּנארער געפינט תּמיד עמעצן, וועלכער לאָזט זיך פון אים אָפּנאַרן".

ס'איז קלאָר, אַז אַזעלכע זיטן און אַזעלכע לעבנס־כּללים האָבן אַ גרויסע השפּעה אויף די געמיטער.—קודם כּל דער פּאָליטישער דוחק אין אַ געריכטס־ווען און אין א פּאָליציי, די דאָזיקע הפקרות יענעם צו באַפאַלן און צו באַגיין רציחות, די באַדערפעניש זיך נוקם צו זיין אָן רחמנות און צו האַלטן יענעם אין דער מורא, כּדי צו קענען אויסקומען, די אומאויפהערלעכע אָנווענדונג פון פיזישן כּח פאַרהאַרטעוועט די הערצער; דער מענטש געוויינט זיך צו מיט דער צייט צו אויסערגעוויינלעכע און פּלוצימדיקע באַשלוסן; ער איז מחויב צו קאָנען אויגנבליקלעך אָדער אַליין הרגענען אָדער הייסן אַנדערע הרגענען.

נאָך מער, היות ער לעבט אין אַ כּסדרדיקער, אויסערגעוויינלעכער סכּנה, איז ער איבערפולט מיט גרויסע שרעקן און מיט טראַגישע ליידנשאַפטן; ער שפּילט זיך נישט אין פּאַנאַנדערפלאָנטערן די פיינסטע שאַטירונגען פון זיינע געפילן; ער איז נישט קיין קריטיקער, וואָס טוט זיין זאַך מיט נייגיריקייט און מיט רואיקייט. די געמיטס־באַוועגונגען מיט וועלכע ער איז איבערפולט זענען גרויסע און פּשוטע. נישט בלויז עפּעס אַ פּרט פון זיין אָנזען אָדער אַ טייל פון זיין פאַרמעגן זענען ז'אָין קאָן, נאָר זיין גאַנץ לעבן און דאָס לעבן פון זיינע נאָענטסטע. פון דער העכסטער הויך איז ער אויסגעשטעלט אַרונטערצופאַלן אין דער נידריקסטער נידער, און ווי רעמירא, פאָדזשיאָ, גראַווינאָ און אַליווערעטאָ, צו דערוואַכן ערגעץ ווו אונטערן מעסער אָדער אונטערן שטריקל פון אַ תּליון. דאָס לעבן איז שטורמיש און דער רצון — אָנגעצויגן. די געמיטער זענען שטאַרקער, און פאַרמאָגן זייער פולע באַוועגונגס־פרייהייט.

איך האָב געוואָלט צוזאַמענקלייבן די אַלע שטריכן און אייך ווייזן, שוין נישט בלויז אַן אַבסטראַקציע, נאָר אַ לעבעדיקן העלד. איינער אַזעלכער איז פאַראַן; מיר האָבן פון אים זכרונות, וואָס ער האָט אייגנהענטיק געשריבן, אין אַ גאַנץ פּשוטן סטיל, דערפאַר אָבער זענען זיי באַלערנדער, און וועלן בעסער ווי אַ טרוקענע אָפּהאַנדלונג אייך שילדערן דאָס פילן,

דענקען און לעבן פון די מענטשן פון זיין צייט. בענווענוטאָ טשעליני קאָן באַטראַכט ווערן אַלס אַ מיניאַטור, אין אַ שטאַרק בולטער פאָרם, פון די שטורמישעליידנשאַפטן, פון די געוואַגטע לעבנס־שטייגערס, פון די פרייע און מעכטיקע נאַטורן, פון די רייכע און געפערלעכע אייגנשאַפטן, וועלכע האָבן געשאַפן דעם רענעסאַנס אין איטאַליען, און, חרוב מאַכנדיק די געזעלשאַפט, אַרויסגע־בראַכט גלייכצייטיק די קונסט.

וואָס אונז איבעראַשט קודם כל אין דעמדאָזיקן מענטשן, דאָס איז די קראַפט פון זיין אינערלעכן מעכאַניזם. זיין ענער־גישער און מוטיקער כאַראַקטער, זיין קרעפטיקע אונטערנעמעריש־קייט, זיין געוווינטקייט צו פלוצימדיקע באַשלוסן און צו קאָנטראַסטן, זיין גרויסע פעאיקייט צו טאָן און צו ליידן; קורץ — דער אומ־באַצווינגלעכער כח פון אַ נאָך נישט אָנגעדירטן טעמפּעראַמענט. אָט אַזוי האָט אויסגעזען די שטאָלצע חיה, פול קאַמף און ווידער־שטאַנד, וועלכע די האַרטע מיטלאַלטערלעכע זיטן האָבן גענערט און אַנטוויקלט, און וואָס אַ לאַנגדויערנדיקער שלום און אַן אַלטע פּאָליצייאישע איינריכטונג האָבן ביי אונז געבענדיקט. — בענווענוטאָ איז אַלט געווען זעכצן יאָר און זיין ברודער דזשיאָוואַני — פערצן. אַ מאָל איז דזשיאָוואַני באַליידיקט געוואָרן פון אַ יונגנ־מאַן, און האָט אים אַרויסגערופן אויף אַ דועל. זיי זענען ביידע אַרויס צום טויער פון דער שטאָט, און זיך געשלאָגן מיט שווערטן. דזשיאָוואַני האָט אַנטוואָפנט זיין פיינט, אים פאַרוווּנ־דעט און ווייטער געשלאָגן. דערווייל זענען אָנגעקומען די על־טערן פונם פאַרווונדעטן, און באַפאַלן דזשיאָוואַנין מיט שווערט און שטיינער, און אים אַזוי צעשלאָגן, אַז דאָס אָרעמע קינד איז פאַרווונדעט געוואָרן און אַנידערגעפאַלן. טשעליני איז אָנ־געלאָפן, האָט אויפגעהויבן דעם שווערט, און זיך געוואָרפן אויף די אָנפאַלער; ער האָט אויסגעמיטן די שטיינער, ווי ער האָט געקאָנט, און אויף איין שריט זיין ברודער נישט איבערגעלאָזן; עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז ער זאָל אומקומען. אייניקע סאָלדאַטן, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען און זענען נתפעל געוואָרן פאַר זיין מוט, האָבן זיך אַריינגעמישט און אים געהאָלפן זיך באַפרייען. דע־מאָלט האָט ער גענומען דעם ברודער אויף די אַקסלען און אים אַוועקגעטראָגן אַהיים, צו זיינע עלטערן. — איר ווייסט אין אים

געפינען הונדערט אַנדערע, אַזעלכע ענערגישע שטריכן. אויב ער איז נישט אַ צוואַנציק מאָל געהרגעט געוואָרן, איז עס ממש אַ נס. ער געפינט זיך כסדר מיטן שווערט, מיט דער ביקס אָדער מיטן קינדזשאַל אין האַנט אין די גאַסן, אויף די וועגן קעגן דם־שונאים, אַנטלאָפענע סאָלדאַטן, רויבער און קעגנער מכל המינים; ער פאַרטיידיקט זיך און עפטער נאָך פאַלט ער אַליין אָן. דער שטוינענדסטער פון דידאָזיקע עפּיזאָדן איז זיין אַנטלויפן פונם שלאָס סאַנטאַ־אַנדזשעלאָ; מ׳האָט אים דאָרט איינגעזעצט פאַר אַ מאָרד, וואָס ער איז באַגאַנגען. ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזן פון דערדאָזיקער אומגעהויערער הויך, מיט דער הילף פון שטריק, וואָס ער האָט געמאַכט פון זיינע בעט־ליילעכער, ער האָט באַגעגענט אַ סאָלדאַטן־וואַך, וועלכע האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין שרעקלעכער מינע פול באַשלאָסנקייט, און זיך געמאַכט אים נישט זעענדיק, מיט דער הילף פון אַ באַלקן איז ער אַריבער דעם צווייטן פלויט, האָט צוגעבונדן זיין לעצטן שטריק און זיך אָנגעהויבן אַרונטערגליטשן. דערדאָזיקער שטריק איז אָבער געווען צו קורץ; ער איז אַרונטערגעפאַלן און האָט זיך צעבראָכן אַ פוס, איבער דער קני; ער האָט זיך פאַרבונדן דעם פוס און, הגם דאָס בלוט האָט שטאַרק גערונען, האָט ער זיך דערשלעפּט צום טויער פון דער שטאָט; דער טויער איז געווען פאַרשלאָסן; אונטערגראָבנדיק מיט זיין קינדזשאַל די ערד, האָט ער זיך דורכגעשטופּט אונטן אַרום; ס׳זענען אים באַפאַלן הינט, האָט ער איינעם דעם בויך אויפגעשניטן, און טרעפנדיק אַ לאַסט־טרעגער, האָט ער זיך געהייסן פירן צו אַן אַמבאַסאַדאָר, זיינעם אַ פריינט. ער האָט געמיינט, אַז ער איז שוין געראַטעוועט און האָט געהאַט דאָס וואָרט פון פויפּסט; נאָר פּלוצים האָט מען אים צוריקגעכאַפּט און אים איינגעזעצט אין אַ פאַרפעסטעט לאָך, וווּ דאָס ליכט האָט אַריינגעדרונגען בלויז צוויי שעה אַ טאָג. ס׳איז געקומען דער תּליון, ער איז אָבער גערירט געוואָרן פון רחמנות, און דעמדאָזיקן טאָג אים געשוינט. פון דעמאָלט אָן האָט מען זיך צופרידנגעשטעלט דערמיט, וואָס מ׳האַלט אים אין געפאַנגנשאַפט; פון די ווענט האָט גערונען, דאָס שטרוי פון זיין געלעגער איז פאַרפוילט געוואָרן, זיינע וווּנדן האָבן זיך נישט פאַרהיילט. אַזוי האָט ער פאַרבראַכט מערערע חדשים, זיין

געזונטער קערפער־בוי האָט אויסגעהאַלטן ביזן סוף. אַזאַ שטייגער גוף און נשמה שיינען צו זיין פון האַרטן מאַרמאָר און פון גראַניטשטיין, בעת אונזערע זענען פון קרייד און פון גיפס.

אָבער דאָס גייסטיקע פאַרמעגן איז ביי אים פונקט אַזוי גרויס ווי זיין קערפערלעכער כח. ס'איז נישט פאַראַן אַ זאַך, וואָס זאָל זיין אַזוי בויגעוודיק און שפעדיק ווי אָט די שפאָגלנייע און געזונטע נשמות. ער האָט אין זיין משפחה געפונען פון וועמען זיך אָפצולערנען. זיין פאָטער איז געווען אַן אַרכיטעקט, אַ גוטער צייכנער, אַ פאַרברענטער מוזיקער, וואָס האָט געשפילט פידל און געזונגען בלויז פון פאַרגעניגן וועגן; ער האָט אויסגעאַרבעט פון האָלץ אויסגעצייכנטע קלאַווירן, פידלען, לוטעס און האַרפן; ער איז געווען אַ גוטער עלפנביין־אַרבעטער, זייער אַ געשיקטער מעכאַניקער, פלעגט שפילן פלייט אינם פייפער־אָרקעסטער פונם פריצישן גוט, האָט געקענט אַביסל לאַטיין און פלעגט שרייבן פערזן. די מענטשן פון יענער צייט זענען אַלזייטיק באַגאַבטע. נישט רעכנענדיק שוין לעאָנאַרדאָ־דאַ־ווינטשי, פיקאָ דע לאַ מיראַנדאָלאַ, לאורענטיוס דע מעדיטשי, לעאָן־באַטיסטאָ אַלבערטי און די העכסטע גייסטער, זעט מען ווי געשעפט־מענטשן, סוחרים, גלחים, בעלי מלאכות פון יענער צייט, דערהויבן זיך מיט זייער געשמאַק און מיט זייער לעבנס־שטייגער צו באַשעפטיקונגען און פאַרגעניגנס, וואָס זענען אונז אויס צו זיין, ביים היינטיקן טאָג, אַ פריווילעגיע פאַר מענטשן מיט אַ העכערער קולטור, און פאַר איידעלע נאַטורן. טשעליני איז געווען איינער פון אָט די אַלע. ער איז געוואָרן, נישט ווילנדיק, אַן אויסגעצייכנטער פלייטן און טראָמייטן־שפילער, ער פלעגט פילן אַן עקל צו דידאָזיקע מינים איבונגען און האָט זיך מיט זיי אָפגעגעבן נאָר כדי צוליב צוטאָן דעם פאָטער זיינעם. אויסער דעם איז ער אין די יינגסטע יאָרן שוין געווען אַ זייער גוטער צייכנער, אַ גאָלדשמיד, אַ גראַווירער, אַן עמאַלירער, אַ בילדהויער און אַ מעטאַל־גיסער. גלייכצייטיק איז ער געווען אַן אינזשיניער און אַ וואַפן־שמיד, אַ בויער פון מאַשינען, פון פעסטונגען, און האָט פאַרשטאַנען ווי אָנצולאָדן, ווי צו באַנוצן און ווי אָנצושטעלן די קריגס־מאַשינען בעסער, ווי די פאַכלייט גופא.

בעת דער באַלאַגערונג פון רוים דורכן פראַנצויזישן העכסטן אַרמיי־אָנפירער פירשט פון בורבאָן, האָט ער מיט זיינע באָמבן־וואַרפער אָנגעמאַכט גרויסע חרבונות אין דער אַרמיי פון די באַלאַגערער. זייענדיק אַן אויסגעצייכנטער שיסער, האָט ער מיט זיינע אייגענע הענט דערשאָסן אויף טויט דעם פיינדלעכן אַרמיי־אָנפירער; ער האָט אַליין אויסגעאַרבעט זיינע וואָפן און זיין שיס־פולווער, און פלעגט טרעפן אויף אַ פויגל אַ מרחק פון צוויי־הונדערט שריט. ער האָט געהאַט אַזאַ ערפינדערישן מח, אַז אין יעדער קונסט און אין יעדער מלאכה, האָט ער אויסגעפונען באַזונדערע פאָרטלען, וועלכע ער האָט געהאַלטן בסוד, און וועלבע פלעגן אַרויסרופן „אַלעמענס באַוואונדערונג”. ס'איז אַ תקופה פון גרויסער דערפינדערישקייט; אַלץ קומט דאָרט פון זיך גופא, קיין זאַך מאַכט זיך נישט דאָרט לויט אַ שאַבלאָן, און די גייסטער זענען אַזוי פרוכטבאַר, אַז זיי קאָנען זיך נישט צורירן צו אַ זאַך, און זי זאָל דורך זיי נישט באַפרוכפערט ווערן.

ווען די מענטשן־נאַטור איז אַזוי שטאַרק, אַזוי רייך אין באַגאַבונג, אַזוי שעפעריש, ווען די פעאיקייטן אַרבעטן מיט אַזאַ שווונג און מיט אַזאַ געניויקייט, ווען די טעטיקייט איז אַזוי דויערעוודיק און אַזוי גראַנדיעז, באַשטייט די געוויינלעכע זעלישע שטימונג אין אַן איבערפלוס פון פרייד, אין אַ מעכטיקער התלהבות און פריילעכקייט. מיר זעען, למשל, ווי נאָך אַזוי פיל טראַגישע און שרעקלעכע איבערלעבונגען, הויבט טשעליני אָן צו רייזן; אין משך פונם גאַנצן וועג, זאָגט ער, „האָב איך געהאַלטן אין איין זינגען און לאַכן”. דער פאַקט פון אָט אַזאַ שנעלער זעלישער גענעזונג איז אין איטאַליען אַ גאַנץ אָפטע דערשיינונג, דערהויפט אין דערדאָזיקער תקופה, ווו די נשמות זענען נאָך פשוטע. „נאָך דעם — זאָגט ער — ווי מיין שוועסטער ליפּעראַטאַ האָט מיט מיר צוזאַמען אַביסל באַוויינט איר פאָטער, איר שוועסטער, איר מאַן און דאָס קליינע קינד, וואָס זענען איר געשטאָרבן, האָט זי אַ טראַכט געטאָן וועגן אָנגרייטן אָוונטברויט. אין משך פונם גאַנצן אָוונט האָט מען שוין מער וועגן טויט נישט גערעדט, נאָר פון טויזנטערליי פריילעכע און קאָמישע זאַכן; דערפאַר טאַקע איז אונזער מאָלצייט אַ דורך אין אַ זייער אָנגענעמער שטימונג”. די געשלעגערייען, דאָס באַפאַלן די

קראָמען, די סכנות פון מאָרד און פאַרגיפטונג, צווישן וועלכע ער לעבט כּסדר אין רוים, מישן זיך אויס יעדע רגע מיט אָוונטברויטן, מיט מאַסקנבעלער, מיט קאָמישע איינפאַלן, מיט ליבעס, אַזעלכע פרייע, רויע, אָן דער מינדסטער צאַרטקייט און סודותדיקייט, אַז זיי דערמאָנען אין די גרויסע נאַקעטקייטן פון די וועניציאַנישע און פלאָרענטינישע בילדער פון יענער צייט. איר וועט זיי לייענען אינם בוך גופא; דאָס זענען צו אַנט-בלויזטע זאַכן, אַז מען זאָל זיי קאָנען שילדערן עפנטלעך; זיי זענען אָבער טאַקע נישט מער ווי אַנטבלויזט, און ווערן לחלוטין נישט פאַראומזויבערט דורך גראָבן שפּאַס אָדער ראַפינירטער אומפאַרשעמטקייט; דער מענטש גייט דאָרט צום גרויסן געלעכ-טער און צום פרייען גענוס אַזוי נאַטירלעך, ווי דאָס וואַסער שטרוימט זיין באַרג-אַראָפּ; די געזונטקייט פון דער נשמה און פון די נישט באַרירטע, יונגע חושים, דאָס איבערשוימענדיקע לעבנס-פייער רייסן זיך דורך אין זיין גענוס, ווי אין זיינע ווערק און אין זיינע מעשים.

אַזאַ מין גייסטיקער און קערפּערלעכער בנין דערגייט פון זיך גופא צו אָט דער ברויזנדיקער פאַנטאַזיע, וועלכע איך האָב אָקאָרשט געשילדערט. אַ מענטש, וואָס איז אַזוי געשאַפן, באַ-נעמט נישט קיין זאַכן שטיקלעכווייז און דורך ווערטער, ווי דאָס געשעט ביי אונז, נאָר ער זעט זיי אין זייער גאַנצקייט און אין זייער בילדלעכקייט. זיינע אידייען זענען נישט קיין צעגלידער-טע, קיין געאָרדנטע לויט קלאַסן, קיין איינגעפאַסטע אין אַב-סטראַקטע פאָרמולן, ווי ביי אונז; זיי שפּרודלען ביי אים אַרויס גאַנצערהייט, מיט זייער פאַרביקייט און לעבעדיקייט. מיר חקרנען, און ער זעט. — דערפאַר האָט ער גאַנץ אָפט זעאונגען. דידאָזי-קע מוחות זענען אָנגעשטאָפּט ביז גאָר מיט מאָלערישע בילדער און געפינען זיך כּסדר אין אַ צושטאַנד פון קאָכן און ברויזן. בענווענוטאָ האָט קינדישע גלויבונגען; ער איז אַבערגלויביק, ווי אַ מענטש פונם המון. אַ געוויסער פיערינאָ האָט אים אַמאָל גע-זידלט, אים מיט זיין משפחה, און אין אַן אויסברוך פון צאָרן זיך צעשריגן: „אויב איך זאָג נישט אמת, זאָל דאָס הויז מיינס אויף מיר איינפאַלן!” מיט אַ צייט שפּעטער איז באמת דאָס הויז זיינס איינגעפאַלן, און אים צעבראָכן אַ פוס. בענווענוטאָ

רעדט זיך איין, אַז נישט אַנדערש, דידאָזיקע געשעעניש איז אַ
נאַך פון דער השגחה, וועלכע האָט געוואָלט באַשטראָפן פיערי-
זאָן פאַר זיינע ליגנס. ער דערציילט גאַנץ ערנסט, אַז זייענדיק
אין רוים, האָט ער געמאַכט די באַקאַנטשאַפט פון אַ כּישוף-
מאַכער, וואָס האָט אים אין אַ ביינאַכט אַוועקגעפירט צום קאָלי-
זעאום, ווו ער האָט אויסגעשיט עפּעס אַ פּראָשיק אויף ברענע-
דיקע קוילן און געזאָגט אַ געוויסן שפּרוך; אין דערזעלבער
רגע האָט די גאַנצע סביבה אויסגעזען איבערפולט מיט שדים.
אין אָט דעם טאָג האָט ער אַוודאי געהאַט אַ האַלוצינאַציע. —
בעת ער זיצט אין תּפיסה, קאָכט עס ביי אים אין מח; אויב
ער שטאַרבט נישט פון זיינע ווונדן און פון דעם שטינקנדיקן
אויר, איז עס טאַקע נאָר צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך גע-
קערט צו גאָט. ער פירט לאַנגע געשפּרעכן מיט זיין מלאך-
השומר; ער גאַרט צוריקצוזען די זון מעג זיין אין חלום,
אָדער אין ווירקלעכקייט, און אַמאָל פילט ער זיך אַוועקגעטראָגן
קעגנאיבער אַ פּרעכטיקער זון פון וועלכער עס גייען אַרויס פרי-
ער קריסטוס און דערנאָך די יונגפרוי וועלכע ווינקען צו אים
מיט באַרמהערציקייט, און ער דערזעט דעם הימל און די גאַנ-
צע פמליה של מעלה, — אַזעלכע פאַנטאַזיעס זענען גאַנץ אָפטע
דערשיינונגען אין איטאַליען. נאָך אַן אויסגעלאַסן און שטורמיש
לעבן, טיילמאָל אפילו אין סאַמע מיט פון זיין פאַרדאָרבנקייט
ווערט דער מענטש פלוצים איבערגעאַנדערשט. „דער פירשט
פון פעראַראַ קראַנק-ווערנדיק אויף אַ געפערלעכער קרענק, בעת
וועלכער ער האָט אין משך פון אַכט און פערציק שעה נישט
געקאָנט משתין זיין, האָט זיך געווענדעט צו גאָט, און האָט
אויך באַפוילן, אַז מען זאָל תּיכּף ומיד אויסצאָלן שכירות די,
וואָס זייער טערמין איז אָפּגעלאָפן”. הערקולי ד׳עסטע איז נאָכן
אַרויסגיין פון אַן אָרגיע, אַוועק מיט זיין קאַפּעלע פראַנצויזישע
מוזיקאַנטן צום דאַוונען; ער האָט געהייסן אויסשטעכן צו איין
אויג אָדער אָפּהאַקן צו איין האַנט ביי צוויי הונדערט אַכציק גע-
פאַנגענע, איידער ער האָט זיי פאַרקויפט, און אין טאָג פון
הייליקן דאָנערשטיק איז ער אַוועק וואַשן די פיס ביי אָרעמע-
לייט. און אַזוי האָט אויך דער פויפּסט אַלעקסאַנדער, געוואָר
ווערנדיק, אַז זיין זון איז דערמאָרדעט געוואָרן, זיך געשלאָגן

אין האַרץ אַריין, און מתודה געווען זיינע פאַרברעכנס פאַר ד׳ פאַרזאַמלטע קאַרדינאַלן. אַנשטאַט צו אַרבעטן אין דער ריכטונג פון געגוס, אַרבעט דעמאָלט די פאָרשטעלונגס־קראַפט אין דער ריכטונג פון מורא, און דורך אַן ענלעכן, אינערלעכן מעכאַניזם דערוואַכן אין זייער מח רעליגיעזע בילדער, וועלכע זענען פונקט אַזוי קרעפטיק ווי די זינלעכע לוסט־בילדער, וואָס פלעגן זיי באַפאַלן.

פון אָט דעם פייער און פיבער פונם פאַרשטאַנד, פון אָט דעם אינערלעכן ציטער, מיט וועלכן די פאַרכאַפנדע און פאַר־בלענדנדע בילדער טרייסלען אויף דעם גאַנצן זעלישן און קער־פערלעכן מעכאַניזם, קומט אַרויס אַ געוויסער אופן פון טאָן און האַנדלען, וואָס נאָר די מענטשן פון יענער צייט פאַרמאָגן. אַ טאָן און האַנדלען פול מיט אימפעט, אָן ווידערשטאַנדס־מעגלעכ־קייט, וואָס גייט גלייך און פלוצים צו אַלץ וואָס איז עקסטרעם, דאָס הייסט: צו געשלעג, צו מאָרד און צו בלוט. פאַראַן אינם לעבן פון בענווענוטאָ הונדערט ביישפילן פון אַזעלכע שטורמען און בליצן. ער האָט זיך צעקריגט מיט צוויי גאָלדשמידן קאָנקו־רענטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן אים צו באַרעדן:

„נאָר אַזוי ווי איך ווייס נישט וואָסער אַ פּנים די מורא האָט, האָב איך זיך ווייניק וואָס דערשראָקן פאַר זייערע דראָ־אונגען... בעת איך האָב גערעדט, האָט איינער פון זייערע קרובים, מיטן נאָמען געראַרדאָ גואַסקאָנטי, מסתמא פון זיי אָן אונטער־געהעצטער, אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס ס׳איז פאַרבייגע־פאָרן נעבן אונז אַן אייזל אָנגעלאָדן מיט ציגל, און עס אַרויפ־געטריבן אויף מיר מיט אַזאַ קראַפט, אַז ס׳האָט מיר זייער שטאַרק וויי געטאָן. איך האָב זיך אויגנבליקלעך אומגעקערט צו אים, און זעענדיק ווי ער לאַכט, האָב איך אים דערלאַנגט מיטן פויסט אַזאַ געוואַלטיקן קלאַפּ אינם שלייף, אַז ער האָט אַזש פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין און איז אַנידערגעפאַלן ווי אַ טויטער. — „אָט ווי אַזוי מען באַהאַנדלט פייגע לומפּן פון אייער מין!״ — „האָב איך געשריגן צו זיינע קרובים — דערנאָך, אַזוי ווי זיי האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי ווילן זיך אויף מיר וואַרפן, ווייל זיי זענען געווען אין אַ גרויסער צאָל, בין איך אויפגעקאָכט געוואָרן פאַר כּעס, איך האָב אַרויסגעכאַפּט אַ קליין

מעסערל און צו זיי געזאָגט: — אויב עמעץ פון אייך דערוועגט זיך אַרויסצוקומען פון דער קראָם, מעג אַ צווייטער תּיכּף לויפן נאָך אַ גלח, ווייל פאַר קיין רופא וועט שוין דאָ קיין אַרבעט נישט זיין". — דידאַזיקע ווערטער האָבן אויף זיי געוואָרפן אַזאַ פּחד, אַז קיינער פון זיי האָט נישט געוואַגט זיך פון אָרט צו רירן, און צו קומען זייער קרוב צו הילף".

דערפאַר ווערט ער שפּעטער אויפגעפאָדערט צו קומען פאַרן געריכט פון אָרט: דאָס זענען די אַכט ריכטער, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס יוסטיץ-וועזן אין פלאָרענץ, און ער ווערט פאַרמשפּט צו באַצאָלן שטראָף פיר מעסטלעך מעל.

„אויסער זיך, ציטערנדיק אינגאַנצן פון כּעס בין איך געוואָרן ווי אַ שלאַנג און איך האָב אָנגענומען אַ פאַרצווייפלטן באַשלוס... איך האָב אָפּגעוואַרט ביז די אַכט זענען אַוועק אויף מיטאָג; דעמאָלט, בלייבנדיק אַליין און זעענדיק אַז קיינער פון די היטער קוקט מיר נישט נאָך, בין איך אַרויס פונם פּאַלאַץ און אַהיימגעלאָפן צו מיר אין קראָם, ווו איך האָב זיך באַוואָפנט מיט אַ קינדזשאַל. דערנאָך האָב איך געאיילט צו דער וווינונג פון מיינע קעגנער. איך האָב זיי געטראָפן אַלע אַרום טיש. דער יונגער געראַרדאַ, וואָס צוליב אים איז אויסגעבראָכן די ערשטע מחלוקה, האָט זיך תּיכּף אויף מיר אַ וואָרף געטאָן. איך האָב אים דערלאַנגט אין דער ברוסט אַריין מיטן קינדזשאַל, וועלכער האָט דורכגעשטאָכן דורך און דורך זיין ראָק, זיין קראַגן און זיין העמד. ער האָט אָבער אים די הויט אפילו נישט אָנגערירט און אים דעם מינדעסטן וויי נישט געטאָן, לויט דער לייכטקייט מיט וועלכער מיין וואָפן איז אַריין, און לויטן קנאַקן פון די מלבושים, וואָס דער מעסער האָט דורכגעריסן, האָב איך געמיינט, אַז איך האָב מיין שונא געפערלעך פאַרוווּנדעט, ווייל פאַר שרעק איז ער אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד. „פאַרעטער וואָס איר זענט — האָב איך אויסגעשריגן — היינט איז אייער טאָג; איך וועל אייך אַלע אומברענגען". „דער פאָטער, די מוטער און די שוועסטער מיינענדיק אַז ס'איז געקומען זייער לעצטע שעה, האָבן זיך געוואָרפן אויף די קני מיט געוויין און געבעטן רחמים. זעענדיק, אַז זיי וואַגן נישט

זיך צו פאַרטיידיקן און אַז געראַרדאָ ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד ווי אַ בר־מנן, האָב איך מיר געהאַלטן פֿאַר אַ חרפּה זיי אָנצורירן, נאָר זייענדיק נאָך אַלץ אין כּעס, בין איך אַרונטערגעשפּרונגען פון די טרעפּן. אויף דער גאַס האָב איך געטראָפן די איבעריקע בני־בית וועלכע זענען באַשטאַנען פון אַ מענטשן צוועלף, לכּל הפּחות. איינער האָט געהאַלטן אַן אייזערנעם רידעל, אַ צווייטער — אַ גראָבע ראָר פונם זעלבן מעטאַל, איייניקע האָבן געהאַט האַמערס און קאָוואַדלעס, אַנדערע — שטעקענעס. איך בין אַריין צווישן זיי ווי אַ ווילדער אָקס און מיט איין שטויס האָב איך איבערגעקערט אַ פיר, פינף שטיק. איך בין זיי נאָך אַפילו בעתן פאַלן, פאָכנדיק כּסדר אויף רעכטס און אויף לינקס מיטן קינדזשאַל".

די באַוועגונג און דער קלאַפּ לויפן תּמיד ביי אים נאָך אויגנבליקלעך דעם געדאַנק, ווי דער אויפרייס לויפט נאָך דעם פונק. דער אינערלעכער זייער שטאַרקער שטורעם לאָזט נישט קיין אָרט פאַר באַקלערן זיך, פאַר מורא האָבן, פאַר דערקענען וואָס געדעכט איז, פאַר די אַלע חשבונות און טראַכטעניש, וואָס אין אַ ציוויליזירטן מח אָדער אין אַ מענטשן מיט אַ קאַלטן טעמפּעראַמענט, שאַפן זיי אַ מרחק און לייגן אַן ווי הויפּנס ווייכע האָר צווישן דעם ערשטן אויסברוך פון כּעס און דעם לעצטן באַשלוס. ערגיץ ווו, אין אַ גאַסטהויז, איז דער ווירט געווען אומרואיק, און מסתּמא מיט רעכט און געוואָלט מען זאָל אים באַצאָלן איידער ער דערלאַנגט דאָס וואָס מ'האָט באַשטעלט: „איך האָב אויף א רגע נישט געקאָנט קיין אויג צוטאָן — זאָגט ער—איך האָב פאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט זוכנדיק אַ מיטל, ווי זיך נוקם צו זיין. תּחילת האָב איך געטראַכט אונטערצוצינדן דאָס הויז, דערנאָך צו קוילענען די גוטע פערד, וואָס דער ווירט האָט אַריינגעשטעלט צו זיך אין שטאַל אַריין. דאָס אַלץ האָט מיר אויסגעזען זייער גרינג אויסצופירן, איך האָב אָבער נישט איינגעזען, אַז עס זאָל אונז אָנקומען אַזוי לייכט צו אַנטלויפן, מיר מיט מיין חבר". — ער שטעלט זיך אַלזאָ צופרידן בלויז צו צעהאַקן און צו צערייסן מיט זיין מעסער פיר בעטן. — אַן אַני דערן טאָג, בעת ער איז געווען פאַרנומען אין אָפּגיסן זיין סטאַטוע פערסעו, האָט ער געקריגן פיבער, די צו שטאַרקע היץ און

די לאַנגע וואָך־נעכט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט, אַכטונג געבנדיק אויפן שמעלץ, האָבן אים אַזוי אויסגעמוטשעט, אַז מ׳האָט אים שוין געהאַלטן פאַר אַ גוסס. אַ משרת קומט צולויפן און שרייט אויס, אַז דאָס שמעלץ איז נישט געראָטן. „איך האָב געגעבן אַזאַ שרעקלעכן געשריי, אַז מען וואָלט אים דערהערט אינם זיבעטן הימל. איך בין אַרויסגעשפרונגען פון בעט, געכאַפּט מיינע מלבושים און אָנגעהויבן זיך אָנצוטאָן, פאַרטיילנדיק, מיט די פיס און מיט די פויסטן, אַ האָגל קלעפּ צווישן מיינע דינסטן, מיינע דינער און אַלע די וואָס זענען מיר געקומען העלפן". — אַן אַנדערש מאָל איז ער געווען קראַנק און דער דאָקטאָר האָט פאַרווערט אים צו געבן צו טרינקען; אויס רחמנות, האָט די דינסט אים געגעבן וואַסער. „מ׳האָט שפּעטער מיר דערציילט, אַז דערהערנדיק דידאָזיקע זאַך, איז מיין אָרעמער פעליטשי שיעור נישט געפאַלן הינטער זיך פאַר איבערראַשונג. ער האָט געכאַפּט אַ שטעקן און אָנגעהויבן קאַטעוון די דינסט, און דערביי געשריגן: „אה! די פאַררעטערין, דו האָסט אים געהרגעט"! די הויזדינער זענען געווען פונקט אַזוי איילִיק צו געבן קלעפּ, ווי זייערע באַלעבאַטים און נישט נאָר צו שלאָגן מיט שטעקנס, נאָר ממש מיט שווערדן. בעת בענווענוטאָ איז געזעסן אין תפיסה אינם שלאָס סאַנטאָ־אַנדזשעלאָ, האָט זיין תלמיד אַסקאַניאָ באַגעגנט איינעם אַ געוויסן מיקעלע, וועלכער האָט זיך איבער אים געוויצלט און אים געזאָגט, אַז בענווענוטאָ איז שוין מסתמא געשטאָרבן. „ער איז לעבעדיק—האָט אים אסקאַניאָ געענטפערט — אָבער דו וועסט שטאַרבן"! און אויף אָרט און שטעל אים דערלאַנגט צוויי מאָל מיטן שווערד איבערן קאָפּ. דער ערשטער קלאַפּ האָט אים אַוועקגעלייגט,ביים צווייטן האָט דער שווערד זיך אַ גליטש געטאָן און אים אפּגעהאַקט דריי פינגער פון דער רעכטער האַנט". פאַראַן אָן אַ צאָל אַזעלכע שטריכן. בענווענוטאָ פאַרווונדעט אָדער דערהרגעט זיין תלמיד לואידזשי, די קורטיזאַנע פענטעסילעאַ, זיין שונא פּאָמפּעיאָ, ווירטסלייט, פּריצים, רויבער, אין פראַנקרייך, אין איטאַליען און אומעטום. לאָמיר נעמען איינע פון דידאָזיקע געשיכטן, און לאָמיר גענוי באַטראַכטן די קליינע איינצלהייטן פון די דערציילונגען, וועלכע שילדערן געפילן.

מען ווערט געוואָר, אַז בערטינאָ אַלדאָבראַנדי, אַ תּלמיד פֿון בענווענוטאָ, איז דערהרגעט געוואָרן.

„מיין אָרעמער ברודער האָט פֿאַר כּעס דערלאַנגט אַזאַ גרויסן געשריי, אַז מען וואָלט אים געקאָנט דערהערן אויף אַ מייל צען אַרום, און דערנאָך אַ זאָג געטאָן צו דזשיאָוואַנין „צי ווייסטו מיר ווייניקסטנס קאָנען אָנווייזן ווער ס'האָט אים דערהרגעט?" — דזשיאָוואַני האָט געענטפערט, אַז יאָ, אַז דאָס איז איינער פֿון יענע וואָס זענען באַוואָפנט יעדער מיט אַ ברייטער שווערד און אַז ער האָט געהאַט אַ בלויע פֿעדער אויף זיין מיצל. מיין אָרעמער ברודער איז צוגעגאַנגען נאָענט און דערקענענדיק דעם מערדער לויט די אָנגעגעבענע סמנים, איז ער מיט זיין ווונדערלעכער שנעלקייט און נישט־שרעקעוודיקייט אַריין צווישן דער וואַך, אַזוי אַז קיינער האָט אים נישט געקאָנט צוריקהאַלטן, און דערלאַנגט דעם מענטשן מיט דער שווערד אין בויך אַריין, אים דורכגעשטאָכן דורך און דורך און מיטן האַלטער פֿון זיין שווערד אים אַנידערגעוואָרפֿן צו דער ערד. ער איז דערנאָך באַפֿאַלן דעם איבעריקן טייל פֿון דער וואַך, מיט אַזאַ דרייסטקייט, אַז ער איינער אַליין וואָלט זיי געווען פֿאַרטריבן, ווען אַ ביקסנטרעגער, זיך פֿאַרטיידיקנדיק, וואָלט נישט געווען אויסגעשאָסן און פֿאַרווונדעט העכער פֿון דער קני דעם מוטיקן און אומגליקלעכן יונגנמאַן. ער איז אַנידערגעפֿאַלן, און די וואַך האָט געמאַכט אַ שנעלן ריקצוג, מורא־האָבנדיק, טאָמער קומט אָן נאָך איינער, אַזאַ שרעקלעכער קעמפֿער, ווי ער".

מען ברענגט דעם אָרעמען יונגנמאַן צו טשעלינין אַ היים; די אָפּעראַציע, וואָס מען מאַכט אים, גיט זיך נישט איין; די כירורגן פֿון יענער צייט זענען געווען אומוויסנדע; ער שטאַרבט פֿון דער וווּנד. אַ משוגענער כּעס כאַפּט אָן דעמאָלט טשעלינין, געדאַנקען קאָכן און זידן ביי אים אין מח.

„מיין איינציקער אָפּרו איז געווען זיך איינצוקוקן, ווי אין אַ געליבטער, אינם ביקסן־טרעגער, וואָס האָט דערהרגעט מיין ברודער... איינזעענדיק, אַז די ליידנשאַפֿט אים אַזוי אָפּט צו זען, נעמט ביי מיר אַוועק דעם שלאָף און דעם אַפּעטיט, און פֿירט מיך אויף אַ שלעכטן דרך, האָב איך זיך מכין געווען לויז צו ווערן פֿון דערדאָזיקער פּלאָג, נישט רעכע־

בענדיק זיך דערמיט, וואָס אַזאַ פלאַן איז ווייניק ווערט געלויבט צו ווערן".

„איך בין גאַנץ פלינק צו אים צוגעגאַנגען, מיט אַ גרויסן קינדזשאַל, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ יעגער-מעסער. איך האָב געהאָפט צו קענען הינטן ארום אים אַראָפהאַקן דעם קאָפ, ער האָט זיך אָבער אַזוי העפטיק אומגעדרייט, אַז מיין וואָפן האָט אים געטראָפן בלויז אינם לינקן אַקסל, און אים צעבראָכן דעם ביין. ער האָט זיך דערהויבן, אַרונטערגעלאָזט זיין שווערד, און צעמישט פון ווייטיק, אָנגעהויבן לויפן. איך האָב אים נאָכגעיאָגט, אין פיר שפאַן אים דערגרייכט, און אויפגעהויבן מיין קינדזשאַל איבער זיין קאָפ, וועלכן ער האָט אַרונטערגעבויגן גאַנץ נידריק, אַזוי אַז מיין וואָפן האָט זיך פאַרהאַקט, צווישן דעם ביין פונם האַלז און נאַקן, אַזוי טיף, אַז מיט אַלע מיינע כחות האָב איך אים נישט געקאָנט ארויסשלעפן". דערויף, פאַרקלאָגט מען אים פאַרן פויפסט; ער האָט אָבער אין זינען געהאַט, און אויסגעאַרבעט אייניקע שיינע גאָלדשמיד-זאכן, איידער ער איז געגאַנגען אין פאַלאַץ ארײן. „ווען איך האָב זיך באַוויזן פארן פויפסט, האָט ער אויף מיר געוואָרפן א דראָענדיקן בליק, וואָס האָט מיך ממש געמאכט ציטערן; ווי ער האָט אָבער אָנגעקוקט מיין אַרבעט, האָט זיך זיין פנים אָנגעהויבן אויסצולייטערן". אין אַנדערש מאָל, נאָך אַן אנדער רציחה, אויף וועלכער מען קאָן נאָך ווייניקער מוחל זיין, ענטפערט דער פויפסט די פריינט פון דעם מענטשן, וועלכן טשעליני האָט געהרגעט: „זייט וויסן, אַז אַזעלכע מענטשן, ווי טשעליני, וואָס זענען איינציק אין זייער קונסט, דאַרפן נישט אונטערליגן קיין געזעצן, און ער נאָך ווייניקער ווי יעדער אַנדערער, ווייל איך ווייס ווי גערעכט ער איז". — דאָס אַלץ ווייזט אייך אויף וויפיל די געוווינהייט צו באַגיין רציחות איז דעמאָלט געווען איינגעוואָרצלט אין איטאַליען. דער הערשער פון דער מדינה, דער פאַרטרעטער פון גאָט, האַלט פאַר אַ גאַנץ נאַטירלעכער זאַך, אַז יעדער זאָל זיך אַליין משפטן זיינע משפטים, און שיצט דעם מערדער מיט זיין גלייכגילטיקייט אָדער מיט זיין מילדקייט, מיט זיין פאַרטייאישקייט אָדער מיט זיין פאַרגעבונג.

דערדאָזיקער מצב פון זיטן און גייסט האָט אויף דער

קונסט מערערע ווירקונגען. ערשטנס זענען די מענטשן פון דער־דאָזיקער צייט געצוווּנגען זיך צו פֿאַראינטערעסירן מיט אַ זאַך, וועלכע מיר קענען שוין נישט מער, ווייל מיר זעען זי שוין נישט אָדער ווייל מיר זענען אויף איר שוין לחלוטין נישט אויפמערקזאַם, נעמלעך — מיט דעם קערפּער, מיט די מוסקלען און מיט די פֿאַרשיידענע שטעלונגען, וואָס אַ מענטשלעך וועזן, אין באַוועגונג, שטעלט מיט זיך פֿאָר. ווייל דעמאָלט, ווי גרויס דער מענטש זאָל נישט געווען זיין, האָט ער געמוזט קאָנען האַלטן אין האַנט אַ געווער, קאָנען אומגיין מיט אַ שווערד, און מיט אַ קינדזשאַל, צוליב פֿאַרטיידיקונגס־צוועקן, ובכן, זאַפּט ער אריין, נישט טראַכטנדיק אַפילו, אין זיין זכרון, כּלערליי פֿאָרמען און שטעלונגען, וואָס עס נעמט אָן אַ קערפּער, ווען ער באַוועגט זיך אָדער ווען ער קעמפּט. דער גראַף באַלטאַזאר דע קאַסטי־ליאָנע, באַשרייבנדיק די פיינע געזעלשאַפֿט, רעכנט אויס אַלע קערפּערלעכע איבונגען, וואָס אַ גוט דערצויגענער מענטש דאַרף אַלץ קענען. איר וועט זען, אַז די אַדעליקע פון יענער צייט האָבן די דערציאונג און מיט איר אויך די באַגריפן נישט נאָר פון אַ פעכט־מייסטער, נאָר אויך פון אַן אָקסן־קעמפער, פון אַ טורנער, פון אַ רייט־מייסטער און פון אַ בלאָנדזשענדן ריטער:

„איך וויל אַז אונזער הויפמאַן זאָל זיין אַ בריה פון אַ רייטער אויף כּלערליי זאָטלען, און אַזוי ווי די איטאַליענער האָבן אַ באַזונדער באַגאַבונג אָנצופירן אַ פערד אויפן צוים, פרינציפּיעל אומצוגיין ס'רוב מיט שרעקעוודיקע פערד, צו וואַרפן שפּיזן בעתן לויפן, צו פעכטן רייטנדיק — זאָל ער אין דעם אַלעם זיין איינער פון די בעסטע צווישן איטאַליענער".

„וואָס איז נוגע טורניערן, מיליטערישע מאַרשן, לויפן צווישן הינדערנישן — זאָל ער זיין איינער פון די גוטע צווישן די פעאיקסטע פראַנצויזן ... אין שטעקן־שפּיל, אין אָקסן־געלויף, אין וואַרפן פיילן און שפּיזן — זאָל ער זיך אויסצייכנען צווישן שפּאַ־ניער... עס פּאַסט אויך, אַז ער זאָל קענען שפּרינגען און לויפן. נאָך אַן איבונג, אַן איידעלע, איז באַלם־שפּיל, און איך האַלט נישט פאַר אַ קלענערער מעלה צו קענען שפּרינגען מיט אַ פערד אין דער לופט".

דאָס זענען נישט סתם אַזוי זיך פֿאָרשריפטן וועלכע מען

באהאַלט פאַר געשפּרעכן אָדער פאַר ביכער; מ׳האָט זיי אָנגע־
ווענדט אין דער פּראַקטיק; דער לעבנס־שטייגער פון די גרעסטע
פּערזענלעכקייטן איז געווען צוגעפּאַסט צו זיי. יוליאַן דע מע־
דיטשי, וואָס איז דערמאָ דעם געוואָרן דורך די פּאַצציס, ווערט
געלויבט פון זיין ביאָגראַף נישט בלויז אַלס טאַלאַנטפולער דיכ־
טער און אַלס מענטש מיט א פיינעם חוש, נאָר אויך פאַר זיין
געשיקטקייט ביים פירן אַ פערד, ביים קעמפן און ביים וואַרפן
אַ שפּיז. צעזאַר באָרדזשיאַ, אָט דער גרויסער רוצח און גרויסער
פּאָליטיקער איז געווען פונקט אַזוי שטאַרק אין די הענט ווי אין
זיין שכל און אין זיין רצון. זיין פּאָרטרעט באַווייזט, אַז ער
איז געווען אַן עלעגאַנט, און זיין געשיכטע — אַז ער איז געווען
אַ דיפּלאָמאַט; אָבער זיין אינטימע לעבנס־באַשרייבונג שטעלט
אים פאָר אַלס אַ מכלומרשטן העלד פון דעם מין, וואָס מען
באַגעגנט אין שפּאַניען, פון וואַנען זיין משפחה קומט אַרויס.
„צו זיבנאונצוואַנציק יאָר — זאָגט אַ מענטש פון זיין צייט — איז
ער קערפּערלעך זייער שיין, און דער פּויפּסט, זיין פאָטער, האָט
פאַר אים זייער מורא. ער האָט געהרגעט זעקס ווילדע אָקסן,
קעמפנדיק מיט אַ שפּיז, רייטנדיק אויף א פערד, און איינעם
פון די דאָזיקע אָקסן האָט ער דעם קאָפּ געשפּאָלטן מיט איין
קלאַפּ״.

קוקט זיך צו צו אָט די מענטשן, וואָס זענען אַזוי דער־
צויגן געוואָרן, וואָס זענען גוט באַקאַנט מיט כּלערליי קערפּער־
לעכע איבונגען און האָבן פאַר זיי דעם געהעריקן חוש, דידאָ־
זיקע מענטשן זענען אַלע פאָרגעברייט צו פאַרשטיין אַ פאָר־
שטעלונג פון קערפּערס, דאָס הייסט: מאָלעריי און סקולפּטור;
אַן איינגעבויגענער ביוסט, אַ צוזאַמענגעלייגטע דיך, דאָס אויפ־
הייבן זיך פון אַ האַנט, די בולטקייט פון אַן אָדער, אַלע תּנועות
און געשטאַלטן פונם מענטשלעכן קערפּער וועקן אויף אין זייער
זכרון אינערלעכע בילדער, וועלכע זיי קענען שוין פון פריער.
זיי זענען פעאיק זיך צו פאַראינטערעסירן מיט אברים, און פאַר־
שטייען זיך דערויף אינסטינקטיוו, אַליין נישט וויסנדיק, ווי אַזוי.
און נאָך עפּעס: צוליבן מאַנגל פון אַ געריכטס־וועזן און
פון אַ פּאָליציי, צוליבן קריגערישן לעבנס־שטייגער, צוליב דער
בּסדרדיקער אָנוועזנהייט פון דער אויסערגעוויינלעכער סכּנה,

ווערט די נשמה אָנגעפולט מיט ענערגישע לײדנשאַפטן, פּשוטע און גרויסע. זי איז אַלזאָ פּאַרגעברייט זיך צו אַנטציקן מיט דער ענערגיע, מיט דער אײנפאַכקייט און מיט דער שטאַרקייט פון די קערפּערלעכע שטעלונגען און פון די געזיכטער; ווייל געשמאַק שטאַמט פון סימפּאַטיע, און כּדי אַן אויסדרוקפולער געגנשטאַנד זאָל אונז זײן צום האַרצן, מוז דער אויסדרוק זײנער אַנטשפּרעכן אונזער גייסטיקן מצב.

און גאָר צום לעצט, איז צוליב דיזעלבע טעמים די פילבאַרקייט אַ שטאַרקערע, ווייל זי ווערט צוריקגעדרענגט אינערלעך דורכן שרעקלעכן דרוק פון אַלערלײ געפאַרן, וואָס רינגלען אַרום דאָס מענטשלעכע לעבן. וואָס מער אַ מענטש האָט געליטן, מורא געהאַט אָדער זיך געפּײניקט, אַלץ מער צופרידן איז ער ווען ער קאָן זיך אויפהייטערן, וואָס מער זײן נשמה ווערט געפּײניקט דורך געוואַלטיקע פּחדים אָדער דורך פינסטערע מחשבות, אַלץ מער הנאה האָט ער פון האַרמאָנישער און אײדעלער שײנקייט. וואָס מער ער האָט זיך אָנגעצויגן צו אַ געוויסער אָנשטרענגונג, אָדער זיך געצוימט, כּדי זײנע געפילן צו באַהאַלטן, אַלץ מער הנאה האָט ער ווען ער קאָן זיך עפענען דאָס האַרץ אָדער זיך גייסטיק לויזבינדן. אַ רואיקע און בליענדע מאַדאָנא אין איר אַלקאָווע, אַ מוטיקער קערפּער פון אַ יונגנמאַן אויף זײן אונטערלען באַטראַכט ער מיט מער פאַרגעניגן, בעת ער רײסט זיך אַרויס פון זײנע טראַגישע זאָרגן און פון זײנע טרויער-חלומות. דעם שמועס דעם לײכטן, דעם נישט געצוווּנגענעם, וואָס דערציילט וועגן אַ סך זאַכן, און ווערט כּסדר אָפּגעפרישט און געענדערט, דעם האָט ער נישט דאַרט, אום זיך דאָס האַרץ אין אים אָפּצורעדן; דאָס שטילשווײגן, אין וועלכן ער שליסט זיך אײן, ברענגט דערצו, אַז ער שמועסט, אין זיך גופא, מיט פאַרבן און מיט פאָרמען; און דער געוויינלעכער ערנסט פון זײן לעבן, די גרויסע צאָל סכּנות, די שוועריקייטן וועלכע ער האָט דאָס האַרץ זיך אָפּצורעדן, מאַכן נאָך לעבעדיקער און פײנער די אײנדרוקן, וואָס ער באַקומט פון די קונסטן.

לאָמיר, ווי מעגלעך, צונויפקלויבן דידאַזיקע פאַרשײדענע כאַראַקטער-שטריכן, און באַטראַכטן, פון אײן זײט, אַ מענטשן פון אונזער צײט, אַ רײכן, אַ גוט דערצויגענעם, און פון דער

צווייטער — אַ גרויסן שררה פונם יאָר 1500,ביידע אויסגעקלי־
בענע פון יענעם קלאַס, אין וועלכן איר זוכט אויס ריכטער. —
דער מענטש פון אונזער צייט שטייט אויף אכט א זייגער אינ־
דערפרי, טוט אָן זיין מאָרגן־ראָק, טרינקט אָפּ זיין שאָקאָלאַדע,
גייט זיך צו צו זיין ביבליאָטעק, נישטערט דורך אַפּאָר טעקעס
מיט פּאַפּירן, אויב ער איז א געשעפטסמאַן, אָדער בלעטערט
דורך עטלעכע נייע ביכער, אויב ער איז אַ וועלטלעכער מענטש;
דערנאָך, שפּאַצירט ער זיך דורך געלאַסן און זאָרגלאָז אפּאָר
מאָל אויף א וויכן טעפּיך, און אָפּעסנדיק זיין פרישטיק, אין
א שיינער, מיט צענטראַל־באַהייצונג געוואָרעמטער דירה, גייט
ער שפּאַצירן אויפן בולוואַר, רויכערט זיך זיין ציגאַר, גייט
אריין אין קלוב לייענען צייטונגען, שמועסט וועגן ליטעראַטור,
וועגן בערזע־ענינים, וועגן פּאָליטיק אָדער אייזנבאַנען. בעת ער
גייט אהיים צו זיך, מעג זיין אפילו צו פוס, און א זייגער
איינס ביינאַכט, ווייסט ער גאַנץ גוט אז דער בולוואַר איז פול
מיט פּאָליציי, און אז אים וועט נישט פּאַסירן קיין שום בייזער
פּאָרפאַל. זיין נשמה איז רואיק, און ער לייגט זיך שלאָפן מיט
דער דעה מאָרגן אָנצוהויבן דאָס אַלץ פון דאָסניי. אָט אזוי
זעט אויס דאָס לעבן ביי דער היינטיקער צייט. וואָס האָט אזא
מענטש געזען אין היגזיכט פון קערפּער? איז ער געגאַנגען נע־
מען קאַלטע בעדער, האָט ער געקאָנט העכסטנס באַטראַכטן די
קאָמישע בלאָטע, אין וועלכן ס׳פּלוסקען זיך כלערליי מענטשלעכע
קאַליקעס. אויב ער איז בטבע נייגיריק, האָט ער, אפשר, א דריי
פיר מאָל אין לעבן באַטראַכט אטלעטן אויפן יאַריד. און דאָס
דייטלעכסטע, וואָס ער האָט געקאָנט זען אין היגזיכט פון נאַ־
קעטקייט, זענען די לייבקאָלירעוודיקע הויזן פון די טענצערקעס
אין דער אָפּערע. וואָס אָנבאַלאַנגט גרויסע ליידנשאַפטן, פאַר
וואָסערע נסיונות איז ער געשטעלט געוואָרן? מעגלעך אז זיין
שטאָלץ האָט אביסל געליטן אָדער אַז ער האָט געהאַט געלט־
זאָרגן; אז ער האָט געמאַכט א שלעכט געשעפט אויף דער
בערזע, אז ער האָט נישט באַקומען די שטעלע אויף וועלכער
ער האָט געוואַרט, אז זיינע גוטע פריינט האָבן געזאָגט צווישן
מענטשן, אַז ער איז נישט איבעריק קלוג; מעגלעך אז זיין
ווייב גיט אויס צופיל, אַז זיין זון פירט זיך נישט ווי ס׳דאַרף

צו זיין. אזעלכע גרויסע ליידנשאפטן אָבער, וואָס שטעלן אין
קאָן זיין לעבן און דאָס לעבן פון זיינע בני־בית, וואָס קאָנען
אוועקלייגן זיין קאָפּ אויפן תליונס קלאָץ אָדער אין א וואָרג־
מאשין, וואָס קאָנען אים ווארפן אין א תפיסה אריין, אָדער אָנ־
טאָן אים ענוים קשים און אים פירן צום טויט, אַזעלכע גרויסע
ליידנשאפטן קאָן ער נישט. ער איז צו רואיק, צו פיל געשיצט,
צו פיל צעברעקלט אויף קליינע, איידעלע און אָנגענעמע
איינדרוקן ; א חוץ דער זייער זעלטענער געלעגנהייט פון א
דועל, וואָס קומט פאָר מיט צערעמאָניעס און העפלעכקייטן, קאָן
ער לחלוטין נישט דעם זעלישן מצב פון א מענטשן, וואָס גייט
יענעם דערהרגענען אָדער אליין געהרגעט ווערן. — באטראכט,
אין קעגנטייל, איינעם פון יענע גרויסע שררות, פון וועלכע איך
האָב פריער גערעדט. אָליווערעטאָ דע פערמאָ, אלפאָנזאָ ד׳עסטע,
צעזאר באָרדזשיא, לאורענצאָ דע מעדיטשי, זייערע הויפלייט, און
די אלע וואָס פירן אָן מיט די מלוכה־ענינים. פאר אן אדעליקן
אָדער א ריטער פון דער רענעסאנס־צייט, איז די ערשטע
עובדא, אינדערפרי, ווען ער שטייט אויף, אוועקצושטעלן זיך
מיט זיין פעכט־מייסטער נאַקעט, א קינדזשאל אין איין האנט
און א שווערט — אין דער צווייטער ; אזוי ווערט ער פאָרגע־
שטעלט אויף די קופּערשטיכן פון יענער צייט. מיט וואָס זאָל
ער זיין לעבן פארברענגען, און אין וואָס באשטייט זיין גרעס־
טער פארגעניגן ? — אין רייטער־אויספלוגן, אין מאסקאראדעס,
אין א טריאומפאלן אריינמארש אין שטאָט אַריין, אין מיטאָלאָגי־
שע פאראדן, אין טורנירן און מקבל־פּנים זיין די הערשער,
און דאָרט דערשיינט ער אויפן פערד ; פּרעכטיק געקליידעט,
ארויסשטעלנדיק זיינע שפיצן, זיין סאמעטענעם לייב־ראָק, זיינע
גאָלדענע שטיקערייען, און ער שטאָלצירט מיט זיין בכבודיקן
אויסזען און מיט זיין קרעפטיקער האלטונג, דורך וועלכער ער
פארשטארקט, צוזאַמען מיט זיינע באגלייטער, דעם כבוד פון
זיין הערשער. גייט ער בייטאָג ארויס אין גאס אריין, איז ער
מערסטנטייל אָנגעטאָן, אונטערן לייב־סערדאק, אין א גאנצן פּאַנ־
צער־קאָסטיום פון אייזערנע רינגלעך. ער איז מחויב זיך מיט
עפּעס צו שיצן פאר א שטאָך פון א קינדזשאל אָדער פאר א
קלאפּ מיט א שווערט, וועלכע קאָנען אים טרעפן ערגעץ, אין

א ראָג גאס. אפילו אין זיין פאלאץ גופא איז ער נישט רואיק, די ווינקל־שטיינער, די פענצטער מיט קראַטן פון גראָבע דרענ־גער, די מיליטערישע שטארקייט פונם בנין זאָגן עדות, אז א הויז איז באשטימט, פונקט ווי א פאנצער, צו שיצן זיין באַלעבאָס קעגן אן אָנפאַל. אזא מענטש, ווען ער איז גוט פארשלאָסן און פאריגלט ביי זיך אין דערהיים, און געפינט זיך אויג אין אויג מיטן שיינעם פנים פון אַ קורטיזאַנע אָדער מיט א יונגפרוי, פאר א הערקולעס אָדער פאַרן אייביקן פאָטער מיט זיינע גרויס־ארטיקע געוועטדער אָדער קרעפטיקע מוסקלען, איז מער עלול ווי א מאָדערנער מענטש צו פארשטיין זייער שיינקייט און זייער קערפערלעכע פולקאָמענהייט. אפילו ווען ער איז נישט ספעציעל דערצויגן אין א קינסטלער־אטעליע, וועט ער פילן, דורך אן אומווילקירלעכער סימפאַטיע, די העלדישע נאַקעטקייטן און די שרעקלעכע מוסקולאַטורן ביי מיקעל אַנדזשעלאָ, די געזונטקייט, די רואיקייט, דעם תמימותדיקן בליק פון ראפאעלס א מאַדאָנאַ, די דרייסטע און נאַטירלעכע לעבנס־פעאיקייט פון א בראָנזי־פיגור ביי דאָנאטעלאָן, די בויגעוודיקע און מאָדנע רייצנדע שטעלונג פון א געשטאלט ביי דאַ־ווינטשין, די פרעכטיקע קער־פערלעכע תאוה, דעם אימפעט פון דער באַוועגונג, די קראַפט און די אטלעטישע פרייד פון די געשטאלטן ביי טינטאָרעטין און ביי טיציאַנען.

קאַפּיטל ז.

די נעבן־באַדינגונגען

(המשך)

אַ גייסטיקער מצב, א מאַלערישער, דאָס הייסט: אַזעלכער וואָס געפינט זיך צווישן א וועלט פון ריינע אידייען און א וועלט פון ריינע בילדלעכקייט, כאַראַקטערן ענערגישע און זיטן שטורמישע, וואָס זענען געאייגנט צו געבן דעם מענטשן אַ מעגלעכקייט צו קענען און ליבצוקריגן שיינע, קערפּערלעכע פאָרמען — אָט דאָס זענען די צייט־אומשטענדן, וואָס האָבן, צוזאַמען מיט דער איינגעבוירענער פעאיקייט פון דער ראַסע, ארויסגערופן אין איטאַליען די גרויסע און פּאָלקאָמע מאָלעריי פונם מענטשלעכן קערפּער. איצט איז פאַר אונז גענוג אַרונטערצוגיין אין גאַס אַריין אָדער צו באַזוכן די אַטעליעס פון די קינסטלער, און מיר וועלן זען וויאַזוי זי ווערט געבוירן ווי פון זיך גופא. זי איז נישט דאָרט, ווי ביי אונז, אַ פּועל־יוצא פון א קונסט־שול, אַן ענין פאַר קריטיקער, אַ צייטפארטרייב פאר נייגיריקע מענטשן, א מאַניע פון ליבהאָבער, אַ געקינצלט געוויקס, וואָס ווערט קולטיווירט מיט גרויסע הוצאות, וואָס ווערט פארשמאכט, טראָץ דער געמיסטיקטער ערד מיט וועלכער מען רינגלט עס אַרום, וואָס איז לחלוטין פרעמד דעם אָרט, און ווערט אויפגעהאַלטן מיט שווערער מי אויף א באָדן און אין א קלימאַט, וואָס זענען עלול ארויסצוגעבן נאָר ליטעראטורן, וויסנשאפטן, מאַניפאַקטור, זשאַנדאַרמען אין שווארצע פראַקן. זי איז א טייל פון א גאַנצן קאָמפּלעקס. די שטעט, וואָס באַפּוצן זייערע ראָט־הייזער

און זייערע קירכן מיט געמאָלטע געשטאַלטן, שטעלן אַוועק ארום זיי הונדערטער לעבעדיקע בילדער, וואָס פארגייען טאקע שנעלער, וואָס זענען אָבער נאָך פיל פרעכטיקער; די קונסט איז נישט מער, ווי דער סך-הכל זייערער. די מענטשן זענען דעמאָלט ליבהאָבער פון מאָלעריי נישט בלויז אויף איין שעה אָדער אויף איין אָפּגעריסענער מינוט אין זייער לעבן, נאָר אויף זייער גאנצן לעבן-לאנג: זיי זענען דאָס אין זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס, נאציאָנאַלע ימים-טובים. עפנטלעכע אויפנאמעס, אין זייערע עסקים און אין זייערע פארוויילונגען.

לאָמיר זיי אָנקוקן אין זייער רעאלן לעבן; אָבער דאָ איז אונז נאָך שווער זיך צו באשליסן וועלכן פאקט אויסצוווילן: די קערפערשאפטן, די שטעט, די הערשער, די גייסטלעכע — אַלע האַלטן פאראדן און פארבנרייכע רייטער-עקסקורסיעס פאר א כבוד און פאר א פארוויילונג. איך נעם אלס ביישפיל איינע פון צווישן צוואַנציק; משפט איר אליין וועגן דעם אויסזען פון די גאסן און די עפנטלעכע פלעצער, וואָס פלעגן מערערע מאָל יערלעך זיך אויספילן מיט אזעלכע פאראדן.

„לאַורענצאָ דע מעדיטשי האָט געוואָלט, אז די בראָנקאָני-קאמפאניע, וואָס ער איז געווען איר אָנפירער, זאָל מיט איר פראכט איבערשטייגן די דיאמאנט-קאָמפאניע. ער האָט זיך גע-ווענדט צו יאקאָפּאָ נארדי, אן איידעלער און געבילדעטער פלאָ-רענטינער אדלמאן, וועלכער האָט אים אָרגאַניזירט זעקס רייט-וועגן.“

דער ערשטער וואָגן איז געשלעפּט געוואָרן דורך צוויי אָקסן צוגעדעקטע מיט בלעטער, און האָט פאָרגעשטעלט די צייט פון סאטורנוס און פון יאנוס. אויפן העכסטן שפּיץ האָבן זיך געפונען סאטורנוס מיט זיין קאסע און יאנוס האלטנדיק די שליסלען פונם פרידנס-טעמפּל. ביים צופוסנס פון דידאָזיקע גע-טער האָט פּאָנטאָרמאָ אויפגעמאָלט „דעם צאָרן אין קייטן“, און מערערע מאָטיוון, וואָס האָבן א שייכות צו סאטורנוסן. דעם וואָגן האָבן באגלייט צוועלף פּאסטוכער, וואָס זענען געווען גע-קליידט אין פעל פון מארדערס און הערמעלינען. זיי זענען גע-ווען געשוכט אין אַלטערטימלעכע סאנדאלן, האָבן געטראָגן טאָר-בעס און קרוינען פון געפלאָכטענע בלעטער. די פערד אויף וועלכע די פּאסטוכער זענען געריטן, האָבן אויף זיך געטראָגן,

אָנשטאָט זאָטלען, לייבן־פעל, פעל פון טיגערס און פון ווילדע קעץ, ביי וועלכע די נעגל זענען געווען געגילדעט; די ווידלדימענעס זענען געווען געמאכט פון גאָלדענע שטריק, די שטייגבייגל האָבן געהאט די געשטאלט פון קעפ פון באראנעס, פון הינט אָדער פון אַנדערע חיות; די לייצן זענען געווען א געצפלעכט פון זילבער און פון בלעטער. אונטער יעדן פאסטוך זענען נאָכגעגאנגען פיר אנדערע פאסטוכער, וואָס זענען געווען ווייניקער רייך געקליידט, און האָבן געטראָגן שטורקאצן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי צווייגן פון פיכטן־ביימער".

„פיר אקסן צוגעדעקטע מיט פרעכטיקע שטאָפן האָבן געשלעפט דעם צווייטן וואָגן. פון זייערע גאָלדענע הערנער האָבן ארונטערגעהאָנגען גירלאנדן פון בלומען און בייטשן קרעלן. אויפן וואָגן איז געזעסן נומא פאָמפיליוס, דער צווייטער מלך פון די רוימער, אַרומגערינגלט מיט רעליגיעזע ספרים, מיט אלע קירכלעכע צירונגען און מיט די מכשירים, וואָס זענען נויטיק צו די קרבנות. דערנאָך זענען געריטן זעקס גלחים אויף וואונדערשיינע מויל־אייזלען. די קעפ זייערע זענען געווען צוגעדעקט מיט שלייערס, באפוצטע מיט בלושטש־בלעטער, וואָס זענען געווען געשטיקט מיט גאָלד און זילבער. זייערע קליידער זענען געווען געמאכט לויט אלטערטימלעכע מוסטערן, און ארומגעגעבן מיט גאָלדענע פראנזן. אייניקע פון זיי האָבן געהאלטן רויכער־פענדלעך פול מיט פאַרפומען; אַנדערע — גאָלדענע בעקנס אָדער אנדערע כלים פון זעלבן מין. בייזייט זיי זענען געגאנגען נידעריקערע גלחים און האָבן געטראָגן אלטערטימלעכע לייכטער".

„אויפן דריטן וואָגן, אין וועלכן עס זענען געווען איינגעשפאנט זייער שיינע פערד, וואָס פאנטאָרמאָ האָט באפוצט מיט זיינע מאָלערייען, האָט זיך געפונען ט. מאָנליוס טאָרקוואטוס, וואָס איז געווען קאָנסול נאָכן ערשטן קריג מיט די קארטאגער, און וואָס אונטער זיין קלוגער הערשאפט האָט רוים געבליט. פאָראויס דעמדאָזיקן וואָגן זענען געריטן צוועלף סענאטאָרן אויף פערד, איינגעהילטע אין דעקן פון באגאָלדעטן שטאָף, און נאָך זיי זענען געגאנגען א מחנה ליקטאָרן און האָבן געטראָגן די בינטלעך ריטער, די העק און די אנדערע צייכנס פון דער גערעכטיקייט".

„פיר בופל־אָקסן, פארקליידעטע אלס עלפאנטן, האָבן גע־

שלעפּט דעם פערטן וואָגן, אויף וועלכן ס'איז געזעסן יוליוס צעזאַר. פאַנטאַרמאָ האָט אויפגעמאָלט די באַרימטסטע העלדן־טאַט פונם זיגער אויף דעמדאָזיקן וואָגן, הינטער וועלכן עס זענען געגאַנגען צוועלף רייטער מיט זייערע גלאַנציקע וואָפן וואָס זע־נען געווען רייך באַפּוצט מיט גאָלד. יעטוועדער פון זיי האָט געהאַלטן א שפּיז אָנגעלענט אויף זיין דיך. זייערע שטאָל־דינער האָבן געטראָגן פאַקלען, וואָס האָבן פאָרגעשטעלט דעם סימבאָל פון נצחון."

„אויפן פינפטן וואָגן, וואָס איז געשלעפּט געוואָרן דורך געפליגלטע פערד מיט אָדלערישע קעפּ (Griffons), *) איז געזעסן צעזאַר אויגוסטוס. צוועלף דיכטער אויף פערד און מיט לאָרבער־קרוינען האָבן באַגלייט דעם קייסער, וועלכן די ווערק זייערע האָבן מיטגעהאָלפן אומשטערבלעך צו מאַכן. יעטוועדער פון די־דאָזיקע דיכטער האָט געטראָגן א באַנד, אויף וועלכן ס'איז גע־ווען אויפגעשריבן דער נאָמען זיינער."

„אויפן זעקסטן וואָגן, וואָס פאַנטאַרמאָ האָט געמאָלט, און אין וועלכן ס'זענען געווען געשפּאַנט אַכט טעלעצעס אין א רייכן געשפּאַן, איז געזעסן דער קייסער טראַיאַנוס. פאַר אים זענען געריטן צוועלף געלערנטע אָדער יוריסטן אָנגעטאָן אין לאַנגע טאָגעס. סופרים, קאַפּיסטן, נאָטאַריוסן וואָס האָבן געטראָגן אין איין האַנט א פאַקל און אין דער צווייטער — ביכער."

„נאָך דידאָזיקע זעקס וועגן איז געקומען דער וואָגן וואָס האָט פאָרגעשטעלט דעם נצחון פון דער „גאָלדענער תקופה". געמאָלט האָט אים פאַנטאַרמאָ און באַטשיאָ באַנדינעלי האָט אים באַפּוצט מיט א גרויסער צאָל געשטאַלטן אין פולער בולטקייט; צווישן אַנדערע האָבן זיך אויך געפונען די פיר גוטע הויפּט־מדות. אינדערמיט פונם וואָגן האָט זיך געפונען א ריזיקער גאָל־דענער גלאָבוס, אויף וועלכן ס'איז געלעגן אויסגעצויגן א בר־מנן, צוגעדעקט מיט א פאַרזשאַווערטן אייזערנעם פאַנצער. אויס

---

*) גריפאָן. לאַטיין: גריפוס — א ווילדער אָדלער. אויך א מיטאָלאָגישע חיה, וואָס האָט א גוף פון א לייב, דעם קאָפּ און די פליגל פון א אָדלער, אויערן פון א פערד און, אָנשטאָט א גזשיווע — א קאַם אויס פליספעדערן פון א פיש. (באַמ. פ. איב.)

א זייט פון דעמדאָזיקן בר־מנן איז ארויסגעקראָכן א נאקעט
גאָלדיק קינד; דאָס האָט געזאָלט פאָרשטעלן די אויפלעבונג פון
דער גאָלדענער תקופה און דעם סוף פון דער אייזערנער, וואָס
די וועלט האָט געהאט צו פארדאנקען דעם פאקט, וואָס לעאָן
10־טער איז געוואָרן פויפסט. דאָס טרוקענע לארבער־שטענגל,
וואָס די בלעטער זיינע ווערן ווידער גרין, האָט אויסגעדריקט
דעמזעלבן געדאנק, הגם מערערע פערזאָנען האָבן געהאלטן, אז
דאָס איז געווען אן אָנצוהערעניש וועגן לאָורענצאָ*) דע מעדיטשיס,
פירשט פון אורבינא. איך דארף אויך זאָגן, אז דאָס קינד, וואָס
מ׳האָט אָפּגעגילדעט איז נישט לאנג דערנאָך געשטאָרבן פון דער־
דאָזיקער אָפּעראַציע, וועלכע ער האָט איבערגעטראָגן, כדי צו
פארדינען צען טאָלער.״

דער טויט פון דעמדאָזיקן קינד איז די קליינע טראַגי־קאָ־
מישע פיעסע, וואָס קומט נאָך דער גרויסער, — ווי טרוקן די־
דאָזיקע באשרייבונג זאָל נישט זיין, קאָן זי אייך דאָך באווייזן
דעם מאָלערישן געשמאק פון דער צייט. ער איז נישט געווען
בלויז אן אייגנשאפט פון אדעליקע און פון רייכע; נאָר דאָס
גאנצע פאָלק האָט אים געהאט, דעמדאָזיקן געשמאק; לאורענטיוס
האָט איינגעאָרדנט דידאָזיקע פייערלעכקייטן, כדי צו פארהאלטן
די השפעה זיינע איבערן פאָלק. עס זענען געווען נאָך אנדערע
פייערלעכקייטן, וועלכע מ׳האָט גערופן: „געזאנגען״ אָדער „קאר־
נאוואל־נצחונות״. לאורענטיוס האָט זיי פארגרעסערט און זיי צו־
געגעבן פארשיידנפארביקייט; ער פלעגט זיך פערזענלעך אין זיי
באטייליקן; טיילמאָל פלעגט ער דאָרט זינגען זיינע אייגענע לידער,
און זיך געפינען אין דער ערשטער ריי, בעת דערדאָזיקער פרעכ־
טיקער צערעמאָניע. נעמט אין אכט, מיינע הערן, אז לאורענטיוס
דע מעדיטשי איז, אין יענער תקופה, געווען דער גרעסטער באנ־
קיר, דער גרעסטער נדבן און פראָטעקטאָר פון די שיינע קונסטן,
דער ערשטער אינדוסטריעלער, און גלייכצייטיק — דער העכסטער
פירער פון דער שטאָט. ער האָט פאראייניקט אין זיך גופא
די כלערליי כבודים, וואָס היינט געפינט איר זיי צעוואָרפן,
איינציקווייז ביים פירשט דע לואין, ביים ה׳ פון רויטשילד, ביים

*) לאורוס וויל זאָגן אין לאטיין: לאָרבער־בוים. (באַמ. פ. איב.)

פּרעפעקט פונם סעינע־דעפּארטעמענט, ביי די דירעקטאָרן פון דער אקאדעמיע פאר שיינע קונסטן, פון דער איינשרייבונגס־אקא־דעמיע, פון דער אקאדעמיע פאר עטישע און פּאָליטישע וויסנ־שאפטן און פון דער פראנצויזישער אקאדעמיע. אָט אזא מענטש האָט עס גאָרנישט געהאלטן פאר קיין פּחיתת־הכבוד, און איז געגאנגען איבער די גאסן, אָן דער שפּיץ פון אַ מאסקאראד. דער געשמאק פון דער צייט איז געווען אזוי אַנטשידן און אזוי שטארק געגויגט אין אָט דער ריכטונג, אז נישט נאָר דידאָזיקע איבערגעגעבנקייט האָט אים נישט לעכערלעך געמאכט, נאָר זי האָט אים נאָך געבראכט כבוד. ארום זונען־אונטערגאנג זענען דרייהונדערט רייטער און דרייהונדערט פוסגייער ארויס פון זיין פּא־לאַץ, מיט ברענענדיקע פאקלען, און ביז אזייגער דריי אָדער פיר פארטאָג, ארומגעלאָפן איבער די גאסן פון פלאָרענץ. צווישן זיי האָבן זיך געפונען כאָרן צו צען, צוועלף און צו פופצן שטימען; די קליינע לידער, וואָס פלעגן געזונגען ווערן בעת דידאָזיקע מאסקאראדעס, זענען געדרוקט געוואָרן, און בילדן צוזאמען צוויי גראָבע בענדער. איך וועל פון זיי ציטירן בלויז איינס, דאָס ליד — „באקכוס און אריאדנע״, וואָס ער אליין האָט געשאפן. בנוגע דעם געפיל פאר שיינקייט און פאר עטיק, איז עס דורך און דורך געטשנדינעריש. ובאמת בליט אין יענער צייט נאָכאמאָל דאָס אלטערטימלעכע היידנטום, מיט זיינע קונסטן און מיט זיין גייסט.

„ווי שיין די יוגנט איז! — און דאָך אנטלויפט זי.
ווילט עמעץ גליקלעך זיין, זאָל ער דאָס זיין וואָס גיכער.
דער מאָרגן איז נישט זיכער.
אָט איז באקכוס און אריאדנע,
זיי זענען שיין און פלאַמען צוואַנאַנדער,
ווייל די צייט לויפט ווייטער און גענארט אונז;
זיי זענען תמיד גליקלעך מיט אנאנדער.

אָט די נימפן און אויך יענע — זענען פריילעך אויף דערווייל.
ווילט עמיץ גליקלעך זיין, זאָל ער דאָס זיין וואָס גיכער.
דער מאָרגן איז נישט זיכער.

די קליינע, פריילעכע סאטירן, — פארליבטע אין די נימפן,
האָבן אויסגעשפּרייט זיי נעצן.—אין די היילן און די וועלדער;

איצט דערוואַרעמטע דורך באַקכוס, — טאַנצן, שפּרינגען ווי־דערווייל.

ווײַל עמעץ גליקלעך זײַן, זאָל ער דאָס זײַן וואָס גיכער.
דער מאָרגן איז נישט זיכער.

„דאַמען און אַמאַנטן יונגע, — זאָל לעבן באַקכוס און די ליבע!

זאָל יעדער שפּילן אויף די כּלים, זאָל ער טאַנצן, זאָל ער זינגען;

זאָל פלאַקערן דאָס האַרץ מיט ליבער צאַרטקייט;
און נעמען מוז א סוף צו מאַטערניש און פּײַן.
ווײַל עמעץ גליקלעך זײַן, זאָל ער דאָס זײַן.
דער מאָרגן איז נישט זיכער.

„ווי שיין די יוגנט איז! — און דאָך אַנטלויפט זי.“

אַחוץ דעמדאָזיקן כאָר־געזאַנג, זענען נאָך געווען א סך אַנדערע, אייניקע וואָס פלעגן געזונגען ווערן דורך גאָלד־שפּינערינס, אַנדערע — דורך בעטלער, דורך יונגע פרויען, דורך נזירים, דורך שוסטערס, מוילאייזל־טרייבער, הענדלער, אייל־מאַכער, וואַפל־בעקער. די פאַרשיידענע קאָרפּאָראַציעס פלעגן קומען זיך באַטייליקן אין דער פייערלעכקייט. אומגעפער דאָסזעלבע בילד וואָלט זיך באַקומען אויך היינט, ווען די אָפּערע, די קאָמעדיען־אָפּערע, דאָס שאַטליי־טעאַטער און דער אָלימפּישער צירק וואָלטן, אַן ערך פון אייניקע טעג נאָכאַנאַנד, געגאַנגען מיט פּאַראַד איבער אונזערע גאַסן, מיט דעם חילוק אָבער, וואָס אין פלאָרענץ זענען נישט געגאַנגען קיין סטאַטיסטן, קיין אָרעמעלייט, וואָס האָבן געקריגן באַצאָלט פאַר אַנטאָן זיך א געבאָרגטן קאָסטיום, נאָר דער עולם נאָכגייער איז באַשטאַנען פון בירגער; די שטאָט איז אַרויס אויף דער גאַס און האָט זיך געפילט גליקלעך צו קאָנען זיך זעלבסט באַטראַכטן און באַוווּנדערן, ווי א שיין מיידל, וואָס באַווייזט זיך פאַר אַלעמענס אויגן אין דער גאַנצער פּראַכט פון איר פּוץ.

קיין שום זאַך איז נישט מער עלול צו געבן די מענטשלעכע אייגנשאַפטן זייער גאַנצן שוווּנג, ווי אַזא געמיינזאַמקייט פון באַגריפן, געפילן און נייגונגען. מ׳האָט באַמערקט, אַז צוויי באַדינגונגען זענען נויטווענדיק, אום צו באַשאַפן גרויסע ווערק: די ערשטע באַדינגונג דערצו איז א לעבעדיק געפיל, א זעלב־

שטענדיקס, אן אייגנס און אַ פּערזענלעכס, וואָס מען ברענגט־
צום אויסדרוק געגוי אזוי ווי מען פילט עס, אָן מורא פאר וואָ־
סער נישט איז קאָנטראָל, און נישט דולדנדיק קיין שום ליי־
טונג; די צווייטע איז — א סביבה פון מיטפילנדע נשמות, די
אויסערלעכע און אומאויפהערלעכע מיטהילף פון סביבהשע באַ־
גריפן, דורך וועלכע די נעפלדיקע געדאנקען, וואָס מען טראָגט
אין זיך גופא ווערן אויסגעבריט, גענערט, פאַרפולקאָמט, פאַר־
פּילפּאכט און דרייסטער. דערדאָזיקער אמת קאָן אָנגעווענדט
ווערן אומעטום, ביי רעליגיעזע גרינדונגען און ביי מיליטערישע
אונטערנעמונגען, ביי ליטעראַרישע ווערק און ביי וועלטלעכע
פארוויילונגען. די נשמה איז ווי א ברענענדיק שייט האָלץ;
אום צו ווירקן, מוז זי קודם אליין ברענען, פאר זיך גופא, און
דערנאָך געפינען ארום זיך נאָך אנדערע פלאמנדיקע שייטערס.
די קעגנזייטיקע באַרירונג באַלעבט זיי, און זייער הונדערטפאַכע
היץ צעטראָגט דעמאָלט די שרפה אויף אלע זייטן. באטראַכט
נאָר אָט די מוטיקע, קליינע פּראָטעסטאַנטישע סעקטעס, וואָס
האָבן פארלאָזט ענגלאַנד און זענען אַוועק גרינדן די פאראייניקטע
שטאטן פון אמעריקע; זיי זענען באַשטאַנען פון מענטשן, וואָס
האָבן געוואגט צו גלויבן, צו פילן, צו דענקען טיף, אויף אַן
אייגנאַרטיקן און ליידנשאַפטלעכן אופן, יעדער מיט זיין שטאַר־
קער און אייגענער איבערצייגונג, און ווי נאָר זיי האָבן זיך
פאראייניקט, זייענדיק אַלע דורכגענומען דורך די זעלבע געפילן,
און געשטיצט דורך דערזעלבער התלהבות, זענען זיי געוואָרן
פעאיק צו באַזעצן ווילדע געגנטן און צו גרינדן ציוויליזירטע
מלכות.

דאָסזעלבע געשעט אויך אין די ארמייען. ווען די פראַנ־
צויזישע אַרמייען פונם סוף לעצטן יאָרהונדערט, וועלכע זענען געווען
אזוי שלעכט אָרגאַניזירט, אזוי ווייניק דערפאַרן אין דער קריגס־
קונסט, אָגגעוויזן אויף אָפּיצירן, כמעט אזעלכע אומוויסנדע, ווי
די סאָלדאטן גופא, ווען דידאָזיקע אַרמייען האָבן זיך געפונען
פנים אל פנים מיט די דיסציפלינירטע באַטאַליאָנען פונם אי־
בעריקן אייראָפּע — איז דאָס וואָס האָט זיי אונטערגעהאלטן, זיי
געטריבן פאָראויס און סוף־סוף געבראַכט זיי דעם נצחון, קודם־
כל געווען דער שטאָלץ זייערער און די קראַפט פונם אינער־

לעבן גלויבן, צוליב וועלכן יעדער סאָלדאט באַזונדער האָט אויף זיך געקוקט, ווי אויף עפּעס העכערס פון די וועלכע ער גייט באַקעמפן, און ווי אויף א מענטשן, וואָס איז באַשטימט געוואָרן צו טראָגן, טראָץ כלערליי הינדערנישן, אמת, שכל און גערעכטיקייט צו די הערצער פון אַלע פעלקער; און אויך די גוטהערציקע ברידערלעכקייט, דער קעגנזייטיקער פאַרטרויען, די געמיינזאמע סימפּאַטיעס און שטרעבונגען, דורך וועלכע, דער ערשטער ווי דער לעצטער, דער פּראָסטער סאָלדאט, ווי דער קאפּיטאן און דער גענעראל, האָבן זיך אַלע געפילט איבער־געגעבן דערזעלבער זאַך, זיך צוגעשטעלט יעדער באַזונדער אַלס פרייוויליקער, פאַרשטאַנען יעדער איינער די לאַגע, די סכנה, די נויטן; גרייט געווען, יעדער באַזונדער, צו פאַריכטן די פעי־לערן, אַלע צוזאמען האָבן געבילדעט איין נשמה און איין רצון, און, דורך איינגעבוירענער באַגייסטערונג און נישט בכיוונדיקער פאַרשטענדיקונג, האָבן זיי איבערגעשטיגן די פולקאָמענהייט, די מעכאַנישע, וואָס די טראַדיציע, די פּאַראַדן, די קלעפּ פון די שטעקענעס און די פּרייסישע ראַנגן־הערשאַפט האָבן פאַבריצירט פון יענער זייט ריין.

די זאַך איז לחלוטין נישט אַנדערש, ווען עס האַנדלט זיך וועגן קונסט און פאַרגעניגן, ווי ווען עס האַנדלט זיך וועגן אינטערעסן און עסקים. מענטשן מיט גייסט זענען קיינמאָל נישט גייסטרייכער, ווי דעמאָלט, ווען זיי זענען צוזאמען. כדי צו האָבן קונסט־ווערק, מוז מען קודם האָבן קינסטלער, אָבער אויך קונסט־ווערקשטעלן. אין יענער צייט זענען געווען אַטעליעס, און דערצו האָבן די קינסטלער געבילדעט באַזונדערע פאַרבאַנדן. אַלע האָבן זיך געהאַלטן צוזאמען, און אין דער גרויסער געזעלשאַפט האָבן קלענערע געזעלשאַפטן צוזאמען געבונדן זייערע מיטגלי־דער גאַנץ פעסט, און אויף א פרייען יסוד. די פאַרטרוילעכקייט האָט זיי דערנענטערט און די קאָנקורענץ האָט זיי אונטערגע־טריבן. די אַטעליע איז דעמאָלט א קראָם און נישט, ווי היינט, א פּראַכט־סאַלאָן, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אויף ארויסצו־רופן באַשטעלונגען. די שילער זענען לערניינגלעך, וואָס באַטיי־ליקן זיך אינם לעבן און אינם רום פון זייערע מייסטערס, און נישט קיין אמאטאָרן, וואָס פילן זיך פריי, ווי נאָר זיי האָבן

באצאָלט פאר דער לעקציע וואָס זיי האָבן געקריגן. אין שול האָט א קינד זיך געלערנט לייענען, שרייבן און אביסל אויסלייגעכץ. דערנאָך, ווי באַלד ער איז אלט געוואָרן צוועלף, דרייצן יאָר, איז ער אַריין צום מאָלער, צום גאָלדשמיד, צום ארכיטעקט, צום סקולפּטאָר; געוויינלעך האָט דער מייסטער געקאָנט די אַלע מלאכות צוזאמען, און דער יונגערמאַן האָט געלערנט, אונטער זיין השגחה, נישט בלויז א שטיקל פון דער קונסט, נאָר די קונסט אין איר פולער גאנצקייט. ער האָט געארבעט פאר זיינעטוועגן, פלעגט טאָן די לייכטערע אַרבעט, גרונטעווען די בילדער, מאַכן די קלענערע באַפּוצונגען, די זייטיקע פיגורן; ער האָט מיטגעאַרבעט ביי די מייסטער־ווערק, האָט זיך מיט זיי אינטערעסירט, ווי מיט זיינעם אַן אייגן־ווערק; ער איז געווען גלייכצייטיק דער זון און דער משרת פונם הויז; מען פלעגט אים רופן דאָס באַשעפעניש *) פונם מייסטער. ער האָט געגעסן ביי זיין טיש, געגאַנגען פאַר אים געגג, פלעגט שלאָפן איבער אים, אויף אַ הענג־בוידעם, קריגן פון אים שטורכאַנצעס און פון זיין ווייב — קלעפּ איבערן קאָפּ **).

„איך בין געבליבן — זאָגט ראַפאַעלאָ די מאָנטעלופּאָ — פון צוועלף ביז פערצן יאָר, דאָס הייסט צוויי יאָר צייט, ביי מיקעל אַניאָלאָ באַנדינעלי, און ס׳רוב פון דער צייט האָב איך געבלאָזן מיטן בלאָז־זאַק ביי די אַרבעטן, וואָס דער מייסטער האָט געמאַכט; טיילמאָל האָב איך אויך געצייכנט. האָט זיך אַמאָל געטראָפן, אַז דער מייסטער האָט מיך געהייסן איבערבאַקן, דאָס הייסט, נאָכאַמאָל אַריינלייגן אין פייער אַריין געוויסע גאָלדענע צוים־באַפּוצונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן פאַרן פירשט לאָרענצאָ דע מעדיטשי, פירשט פון אורבינאָ. ער האָט זיי געשמידט אויפן אַמבאָס, און בשעת ער האָט אויסגעקלאַפּט איינע, האָב איך דערווייל געבאַקן די צווייטע. היות ער האָט זיך אַ ווייל אָפּגעשטעלט צו רעדן עפּעס אינדערשטיל מיט זיינעם אַ פריינט, און האָט נישט באַמערקט, אַז איך האָב געהאַט

---

*) — Il creato

**) — צווישן אַנדערע די קלעפּ פון לוקרעציאַ, די פרוי פון אַנדרעאַ דעל סאַרטאָ.

אוועקגענומען די קאַלטע און אַוועקגעלייגט אויף איר אָרט די הייסע, האָט ער זי גענומען און זיך אָפּגעבריט די ביידע פינ־גער, מיט וועלכע ער האָט זי אָנגעכאַפּט; דערויף האָט ער אָנ־געהויבן שרייען און שפּרינגען איבער דער גאַנצער קראָם און מיך געוואָלט גוט אָפּהרגענען, איך ווידער בין געלאָפן אַהין און אַהער, אַזוי, אַז ער זאָל מיך נישט כאַפּן. ווען ס'איז אָבער גע־קומען די צייט ווען מ'האָט באַדאַרפט גיין עסן, און איך בין פאַרבייגעגאַנגען נעבן פענסטערל, ווו דער מייסטער האָט זיך גע־פונען, האָט ער מיך אָנגעכאַפּט ביי די האָר, און מיר דערלאַנגט עטלעכע גוטע פּעטש".

דאָס זענען מנהגים פון חברים שלאָסער אָדער מולאַזשעס, רויע, אָפּנהאַרציקע, פריילעכע און פריינטלעכע; די שילער רייזן צוזאַמען מיט זייער מייסטער, קעמפן מיט די פויסטן אָדער מיטן שווערט ביי זיין זייט, אויפן גרויסן שליאַך. זיי פאַרטיי־דיקן אים קעגן אָנפאַלן און קעגן זידלערייען, און איר האָט געזען, ווי אַזוי די תלמידים פון אַ ראַפאַעל און פון אַ טשעליני כאַפּן זיך צום דאָלך אָדער צום שווערט, אום צו פאַרטיידיקן דעם כבוד פונם מייסטערס הויז.

די מייסטערס גופא פילן צו אַנאַנדער דאָסזעלבע פאַרטרויען און דיזעלבע פּראָדוקטיווע חברשאַפט. איינע פון זייערע חברות, אין פלאָרענץ, האָט זיך גערופן חברה „קעסעל", און האָט נישט געטאָרט ציילן מער ווי צוועלף מיטגלידער; די וויכטיקסטע זע־נען געווען אַנדרעאַ דעל סאַרטאָ, דזשיאַן פראַנצעסקאָ רוסטי־טשי, אַריסטאָטעלע דע סאַן־גאַלאָ, דאָמעניקאָ פּוליגאַ, פראַנצעסקאָ די פּעלעגרינאָ, דער גראַווירער ראָבעטאַ, דער קלעזמער דאָמע־ניקאָ באַטשעלי. יעדער פון זיי האָט געהאַט דאָס רעכט מיטצו־ברענגען אַ דריי אָדער פיר פּערזאָן. יעדער פון זיי האָט מיטגע־בראַכט עפּעס אַ מאכל, וואָס ער גופא האָט אויסגעטראַכט, און ווער ס'האָט דערביי געהאַט דעמזעלבן איינפאַל, וואָס אַן אַנ־דערער, האָט געצאָלט שטראָף. זעט די התלהבות און די זאַפטי־קייט פון דידאָזיקע גייסטער, וואָס פלעגן זיך איינס דאָס אַנדערע באַלעבן, און ווי אַזוי די צייכן־קונסט האָט געפונען אַן אָרט אפילו אין אַן אָונטבערויט. אַמאָל, אין אַזאַ אָוונט, שטעלט דזשיאַן פראַנצעסקאָ אַוועק, אָנשטאָט אַ טיש, אַ ריזן־גרויסע

באַליע, און הייסט, אַז די געסט זאָלן זיך אין איר אויסזעצן; ווען דאָס געשעט, דערהויבט זיך פון דער מיט באַליע אַ בוים, און די צווייגן זיינע דערלאַנגען יעדן באַזונדער זיין טעלער מיט עסן, בעת אונטן זיצן קלעזמער און שפילן אַ קאָנצערט. דאָס מאכל, וואָס ער דערלאַנגט, איז אַ מין גרויסער קוכן, אין וועלכן מען זעט, ווי אַזוי „אוליס קאָכט זיין פאָטער, כדי אים ווידער יונג צו מאַכן *)". די צוויי געשטאַלטן באַשטייען פון געקאָכטע קאָפהענער, אויסגעלייגטע אין דער געשטאלט פון מענטשן, וועלכע מ'האָט אָנגעפולט מיט כלערליי גוטע זאַכן צום עסן. אַנדרעאַ דעל סאַרטאָ ברענגט אַן אַכט-זייטיקן טעמפל, וואָס איז אָנגעלעגט אויף זיילן און וואָס די דילן זיינע באַשטייען פון אַ גרויסן טעלער מיט גאַלער, געטיילט אין קעסטעלעך, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ מאָזאַאיק; די זיילן זעען אויס ווי פאָרפיר און זענען געמאַכט פון גרויסע און גראָבע ווורשטן; די פיעדעסטאַלן און די זיילן-קעפ זענען פון פאַרמעזאַנער קעז, די קאַרניזן — פון געצוקערט קוכן-טעג און די טריבונע — פון מאַרציפּאַנעס. אין דער מיט שטייט אַ שטענדער אויס קאַלט פלייש, און אויף אים — אַ געבעט-בוך פון לאָקשן און ווו די אותיות און די מוזיק-נאָטן זענען פון פעפער-קערנער; די זינגער, אַרום, זענען געבראָטענע פויגל, וואָס האַלטן די שנאָבלען אָפן; הינטער זיי שטייען צוויי פעטע טויבן און שטעלן פאָר די באַס-שטימען און זעקס קליינע פייגעלעך — די סאָפּראַנען. דאָמעניקאָ פּוליגאָ ברענגט אַ יונג חזירל, וואָס שטעלט פאָר אַ פויערטע, וואָס שפינט און גיט גלייכצייטיק אַכטונג אויף אירע הינדעלעך. ספּילאָ — אַ שלאָסער, וואָס איז אויסגעאַרבעט פון אַ גרויסער גאַנז. איר הערט נאָך אוודאי, אַזש פון דאַנען, דאָס דונערנדע געלעכטער, וואָס אַזאַ גוטע און מאָדנע קאָמישע שטימונג האָט אַרויסגערופן. — אַן אַנדערע חברה מיטן נאָמען „די קעלניע", גיט נאָך צו צו די אָונטערוויטן אויך מאַסקאַראַדעס. די געסט ווילן זיך און שטעלן פאָר: אַמאָל, ווי פּראָזערפּינאַ ווערט אויפגעכאַפּט דורך פּלוטאָנען, אַמאָל די ליבעס פון ווענוסן מיט

*) וואזארי איז נישט זייער געניט אין מיטאָלאָגיע, און נעמט אוליסן פאר איזאָנען, דעם פאָטער פון יאזאָנען.

מאַרסן, אַן אַנדערטמאָל, — די מאַנדראַגאָראַ פון מאַקיאַוועלין, די Suppositi פון אַריאָסטאָ, די קאַלאַנדראַ פונם קאַרדינאַל ביביענאָ. אַמאָל אויך, היות די קעלניע איז זייער אָפּצייכנונג, באַפעלט דער פאָרזיצער די חברים צו קומען אַלע מיט זייערע מויערער־קליידער און מיט זייערע פאַך־מכשירים, און הייסט זיי אויפבויען אַ בנין פון פלייש, פון ברויט און פון צוקער־קוכן. דער צו שטאַרקער איבערפלוס פון דער פאַנטאַזיע גיסט זיך אויס אין אַזעלכע פריילעכע און מאָלערישע סעודהלעך. דער מענטש איז דאָרט ענלעך צו אַ קינד, אַזוי יונג איז די נשמה זיינע; ער שטעלט אומעטום אַוועק די קערפּערלעכע פאָרמען, וואָס ער האָט ליב; ער מאַכט זיך פאַר אַ שוישפּילער, פאַר אַ מימיקער, און שפּילט זיך מיט דער קונסט זיינער, אַזוי פול איז ער מיט איר.

איבער דידאָזיקע באַגרענעצטע חברות זענען פאַראַן אַנדערע, וואָס זענען גרעסער אין פאַרנעם, און וואָס פאַרבינדן אַלע קינסטלער אין איינער און דערזעלבער שטרעבונג. איר האָט נאָר וואָס באַמערקט, אין זייערע נאַכט־סעודות, אַ פריילעכקייט, אַ השתפכות און אַ חברשאַפט, אַ פשוטקייט און אַ קאָמישע אויפגעלייגטקייט, וועלכע מען באַמערקט ביי אַרבעטער; זיי פאַרמאָגן אויך דעם שטאָטישן פאַטריאָטיזם פון אַרבעטער. זיי רעדן מיט גאוה וועגן זייער „רומפולער פלאָרענטישער שול”. לויט זייער מיינונג איז נישט פאַראַן, חוץ דער, נאָך איינע אַזעלכע, ווו מען זאָל לערנען צייכענען. „אַהינצו — זאָגט וואַזאַרי — קומען מענטשן, וואָס זענען פולקאָם געניט אין אַלערליי קונסטן און באַזונדערס אין דער מאָלעריי, ווייל אין אָט דער שטאָט ווערט מען געשטויסן דורך דריי זאַכן: — די ערשטע איז די שטאַרקע און כסדרדיקע קריטיק; ווייל דער אויר פון דעם לאַנד באַשאַפט גייסטער, וועלכע זענען בטבע פריי, וועלכע קאָנען זיך נישט באַפרידיקן מיט פשוטע, מיטלמעסיקע אַרבעטן, און וואָס האָבן מער באַציאונג צום גוטן און צום שיינעם, ווי צום נאָמען פונם מחבר. — די צווייטע איז די נויטווענדיקייט צו אַרבעטן, אום צו לעבן, דאָס וויל זאָגן, אַז מען דאַרף כסדר אַרויסווייזן ביי־איינפאַלן און זיך־פאַרשטענדניש, זיין מיושבדיק און פלינק אין זיין פאַך, בקיצור, קאָנען פאַרדינען אויף פרנסה, ווייל היות

דאָס לאַנד איז נישט קיין לאַנד פון רייכקייט און פון שפע, איז עס נישט ביכולת, ווי אַנדערע לענדער, מפרנס צו זיין די מענטשן פאַר ווייניק קאָסטן.—די דריטע זאַך, וועלכע איז נישט ווייניקער וויכטיק ווי די צוויי ערשטע, איז אַ געוויסע להוט־קייט נאָך רום און נאָך כבוד, וואָס דער קלימאַט פונם לאַנד רופט אַרויס, אין אַ זייער גרויסער מאָס, ביי אַלע מענטשן, פון וואָסער נישט איז פאַך, און וואָס רעוואָלטירט זיי קעגן דעם געדאַנק צו זיין די גלייכע, איך זאָג נישט נידריקער, פון די, וואָס זיי אָנערקענען פאַר מייסטערס, אָבער וועלכע זיי האַלטן פאַר מענטשן, ווי זיי גופא זענען; די ליבע צו כבוד און דער פאַרלאַנג יענעם איבערצושטייגן זענען ביי זיי אַזוי שטאַרק, אַז אויב זיי זענען נישט בטבע אָנשטענדיק און גוט, ווערן זיי אומדאַנקבאַר און באַרעדן זיך איינער דעם אַנדערן". — זאָל זיך אָבער האַנדלען וועגן מכבד זיין זייער שטאָט, שטרעבן זיי אַלע, ווי איינער, אַז אַלצדינג זאָל זיין גוט געמאַכט; און דער אייפער, וועלכער טרייבט זיי, זיך איינס דאָס אַנדערע איבערצושטייגן, פירט זיי צום בעסערן. ווען דער פויפסט לעאָן דער 10־טער איז געקומען אין 1515 באַזוכן פלאָרענץ, זיין געבורט־שטאָט, האָט די פריישטאָט איינגעלאַדן אַלע קינסטלער, אים אויפצונעמען מיט פראַכט. מ׳האָט אויפגעבויט אין שטאָט צוועלף טריאומפאַלע טויערן, און זיי דעקאָרירט מיט סטאַטועון און מיט מאָלעריי. אין די צווישן־רוימען זענען אויפגעשטעלט געווען פאַרשיידענע דענק־מעלער, אָבעליסקעס, קאָלומנעס, סקולפּטור־גרופּן, ענלעכע צו די וואָס מען זעט אין רוים. „אויפן פּלאַץ דעי סיניאָרי, האָט אַנ־טאָניא דע סאַן־גאַלאָ אויפגעשטעלט אַן אַכט־זייטיק טעמפּל, באַטשיאָ באַנדינעלי האָט אויפגעשטעלט אַ ריזן־פיגור אויף דער לאָדזשיא. צווישן דער באַדיא אינם פּאַלאַץ פון פּאָדעסטאַט, האָבן גראַנאַטשיאָ און אַריסטאָטע דע סאַן־גאַלאָ אויפגעבויט אַ טריאומפאַלן טויער; און, אויפן ראָג ביסקערי, האָט ראָסאָ אויפ־געשטעלט אַן אַנדערן טעמפּל מיט אַ גרויסער צאָל פאַרשיידענע שיין אויסגעסדרטע פיגורן. אָבער אַממערסטן האָט מען באַוווּנ־דערט די פאַסאדע פון סאַנטא מאריא דעל פיאָרע, וואָס אַנדרעאַ דעל סאַרטאָ האָט אויפגעבויט פון האָלץ און באַמאָלט מיט אַזעלכע שיינע ליכט־און־שאָטן געשיכטן, אַז בעסער האָט מען

זיך שוין גאָרנישט געקאָנט ווינטשן. דער אַרכיטעקט יאַקאָפאָ דע סאַנסאָווינאָ האָט זי באַפּוצט מיט מערערע געשיכטן און באַרע־ליעפן, און מיט פולע סקולפּטורן, לויט דעם פּלאַן פונם פאַר־שטאָרבענעם לאורענטיוס דע מעדיטשי, דער פּאָטער פונם פויפּסט. דערזעלבער יאַקאָפּא האָט אויך געמאַכט, אויפן פּלאַץ סאַנטא־מאַריא־נאָוועלא, אַ פערד, אַן ענלעכס צו דעם וואָס געפינט זיך אין רוים און וואָס האָט אויסגעזען זייער שיין. די וווינונג פונם פויפּסט אויף דער גאַס דעלא סקאלא איז אויך באַפּוצט געוואָרן מיט אַן אַ שיעור אָרנאַמענטן און אַ העלפט פון דערדאָזיקער גאַס איז געווען פול מיט זייער שיינע געשיכטן, אויסגעפירטע דורך פיל קינסטלער, געצייכנטע אָבער על פּי רוב פון באטשיא באנדינעלי".

איר זעט, אַז דער סנאָפּ טאַלאַנטן איז אַ פולשטענדיקער, און ביז וואָסער אַ הויך דער פאַרבאַנד האָט אים דערהויבן. די פרייַשטאָט אַרבעט, כדי זיך שיין צו מאַכן; היינט אַרבעט די גאַנצע שטאָט פאַר א קאַרנאַוואַל אָדער פאַר אַן אַריינמאַרש פונם הערשער; מאָרגן און אַ גאַנץ יאָר וועט זיך דאָסזעלבע טאָן, קוואַרטאַלנוויז, דורך איינציקע קאָרפּאָראַציעס, חברות, אָדער קלויסטערס; יעדע קליינע גרופּע ווערט מיטגעריסן דורך איר אייפער; „זי איז רייכער אין האַרץ ווי אין געלט *) און האַלט פאַר אַ כבוד שיין אויסצופּוצן איר קאַפּליצע און איר מאָנאַס־טיר, איר פּאָרטיקוס און איר פאַרזאַמלונגס־אָרט, אירע קאָסטיומען און אירע פּאַראַדנע פּאָנען, אירע וועגענער און אירע אָפּצייכ־נונגען, פאַרן חגא־טאג פונם הייליקן יאָהאַן. קיינמאָל איז נאָך קיין קעגנזייטיקע אויפמונטערונג נישט געווען אַזאַ אַלגעמיינע און אַזאַ שטאַרקע; קיינמאָל איז נאָך די טעמפּעראַטור, אין וועלכער די צייכן־קונסטן ווערן געבוירן, נישט געווען אַזאַ גוטע; מ'האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ שעת־הכּושר און אַזאַ סביבה. דער צוזאַמענטרעף פון די אומשטענדן איז אַן איינציקער אין זיין מין; אַ ראַסע, וואָס איז באַגאַבט מיט אַ ריטמישער און בילדרייכער פאַנטאַזיע, דערהויבט זיך צו דער מאָדערנער קולטור, פאַרבלייבנדיק ביי אירע פעאָדאַלע זיטן, פאַראייניקט אין

---

*) זעט אינם לעבן פון אַנדרעא דעל סאַרטאָ, געשריבן דורך וואַזאַרין, וועגן די איינצלהייטן פון באַשטעלונגען.

זיך ענערגישע אינסטינקטן מיט אײדעלע באַגריפן, דענקט דורך זינלעכע בילדער־פאָרמען, און װערנדיק געשליידערט ביז צום העכסטן פונקט פון איר געניאַליטעט, דורך דעם נאַטירלעכען, סימפּאַטישן און זיך איבערגעבנדיקן שװונג פון די קליינע, פרייע גרופן, פון װעלכע זי שטעלט זיך צוזאַמען, באַשאַפט זי דעם אידעאַלן טיפ, װאָס נאָר ער אַליין איז עלול, דורך זיין קער־פּערלעכער פולקאָמענהײט, אויסצודריקן דאָס איידעלע היידנטום, װאָס זי לעבט אויף אַ רגע צוריק אויף. פון אָט דעם בינטל באַדינגונגען איז אָפּהענגיק יעדע קונסט, װאָס שילדערט קער־פּערלעכע פאָרמען. פון אָט דעם בינטל באַדינגונגען איז אָפּהענ־גיק די גרויסע מאָלעריי. אויב עס פעלט אָדער עס צעפאַלט זיך, פעלט אָדער צעפאַלט זיך אויך די מאָלעריי. די גרויסע מאָלעריי איז נישט אַנטשטאַנען כל־זמן דאָסדאָזיקע בינטל באַדינגונגען איז נישט געװען פולשטענדיק. זי האָט זיך פאַרענדערט, באַלד װי ס׳האָט אָנגעהויבן לויז צו װערן. זי איז נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט דער אַנטשטייאונג, דעם צעװאַקסן זיך, דעם צעפאַלן זיך און דעם חורבן פון דעמדאָזיקן בינטל באַדינגונגען. זי איז פאַר־בליבן סימבאָליש און מיסטיש ביזן סוף פונם 14־טן יאָרהונדערט, אונטער דער הערשאַפט פון די טעאָלאָגישע און קריסטלעכע באַ־גריפן. זי האָט פאַרצויגן די השפעה פון דער סימבאָלישער און מיסטישער שולע ביז אין דער מיט פונם 15־טן יאָרהונדערט *), אין משך פונם לאַנגיעריקן קאַמף צווישן דעם גייסט פונם קריסטנטום קעגן דעם גייסט פונם היידנטום. זי האָט געפונען, אין דער מיט פונם 15־טן יאָרהונדערט, איר העכסטן פאַרשטייער אין דער היי־ליקער נשמה פון אַ מענטשן, װאָס איז אָפּגעהיט געװאָרן פונם בייעם געטשנדינערײ, אַ דאַנק דעם, װאָס ער האָט געלעבט אָפּ־געזונדערט אין אַ קלויסטער **). זי האָט, װי די סקולפּטור, זיך פאַרנומען מיטן רעאַלן און געזונטן קערפּער, זינט די ערשטע יאָרן פונם 15־טן יאָרהונדערט, דורכן אַנטדעקן די פּערספּעקטיװ, דורכן שטודירן די אַנאַטאָמיע, דורכן פאַרבעסערן די מאָדעליר־

---

*) נאָך אינם יאָר 1444, האָבן פאַרראַ ספּינעלי און די בּיטשיס נאָך געמאָלן לויטן שטייגער פון דזשיאָטי.

**) בעאַטאָ אַנדזשעליקאָ.

קונסט, דורכן אַנווענדן דעם פּאָרטרעט, דורכן באַנוצן זיך מיט איילפּאַרב — דעמאָלט ווען דאָס איינשטילן זיך פון די מלחמות, דאָס באַרואיקן זיך פון די שטעט, די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, דער וווּקס פון רייכקייט און וווילשטאַנד, די אויפפרישונג פון דער ליטעראַטור און פון די אַלטערטימלעכע באַגריפן האָבן, אומגעפּער אין דערזעלבער צייט, גורם געווען, אַז די אויגן וואָס זענען געווען געווענדט אויפן לעבן פון דער צוקונפט, זאָלן זיך ווידער צוקוקן צום לעבן פון דער קעגנוואַרט, און אַז אָנשטאָט דער האָפנונג אויף הימליש גליק, זאָל געזוכט ווערן מענטשלעך גליק. די גרויסע מאָלעריי איז איבערגעגאַנגען פון געטויער נאָכאַמונג צו שיינער דערפינדערישקייט, דעמאָלט ווען די ענטגילטיקע קולטור פון דער צייט פון לעאָנאַרדאָ־דא־ווינטשי און מיקעל אַנדזשעלאָ, לאַאורענטיוס דע מעדיטשי און פראַנצעסקאָ דעלא ראָווערע, האָט ברייטער געמאַכט די האָריזאָנטן פונם גייסט, רייף געמאַכט די אידייען און באַשאַפן, נעבן דער באַנייאונג פונם קלאַסיציזם, די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, און פון יענער זייט קוים אָנגעהויבענעם העלעניזם — דאָס פּאָלשטענדיקע היידנטום. זי האָט געדויערט אין ווענעדיק מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט לענגער, ווי אומעטום, אין דער מיט פון אַן אָאַזיס, וואָס איז ניצול געוואָרן פון די באַרבאַרן, אין אַן אומאָפּהענגיקער פריישטאָט, וואָס האָט זיך פעסט געהאַלטן מיט איר טאָלעראַנץ אַקעגן דעם פויפסט, מיט איר פּאַטריאָטיזם — אַקעגן שפּאַניען און מיט אירע קריגערישע זיטן — אַקעגן די טערקן. זי איז פאַרווייכט געוואָרן אין דער צייט פון קאָרעדזשיאָ, און האָט זיך אָפּגעקילט אונטער די נאָכפאָלגער פון מיקעל אַנדזשעלאָ, ווען די אינוואַזיעס און די נויטן האָבן זיך אָנגערוקט און צעבראָכן די ווידערשטאַנדס־פעאיקייטן פונם מענטשלעכן רצון, אין דער צייט ווען די וועלטלעכע מאָנאַרכיע, די קירכלעכע אינקוויזיציע, די אַקאַדעמישע פּעדאַנטעריע האָבן געהאַט רעגולירט און פאַרקלענערט די זאַפט פון דער איינגעבוירענער דערפינדערישקייט, אין דער צייט ווען די זיטן האָבן אויסערלעך אָנגענומען אַ פאָרם פון אָנשטענדיקייט און די גייסטער האָבן זיך געניגט צום סענטימענטאַליזם, ווען דער מאָלער, וואָס איז ביז דעמאָלט געווען אַ נאַאיווער בעל־מלאכה איז געוואָרן אַ העפלעכער ריטער, ווען

די קראָם און די לערנייִנגלעך האָבן אָפּגעטרעטן דאָס אָרט פאַר דער „אַקאַדעמיע", ווען אַ פרייער און דרייסטער קינסטלער, וואָס פלעגט שפּילן און שניצן זיינע שפּאַסן, אויף די נאַכט-סעודות פון דער חברה „קעלניע" *) איז געוואָרן אַ הויף-הער, אַ דיפּלאָמאַט, אַ מענטש, וואָס איז איבערצייגט אין זיין חשיבות, אַן אָפּהיטער פון דער עטיקעטע, אַ פּאַרטיידיקער פון די אָנגענומענע כללים פון אָנשטענדיקייט, אַ גאַוהדיקער חניפהניק פון גלחים און גרויסע לייט. — דורך דערדאָזיקער געניטער און כסדרדיקער שייכות, זעט מען, אַז אויב די גרויסע קונסט און די סביבה אירע געפינען זיך אין איינער און דערזעלבער תקופה, איז עס נישט דערפאַר, ווייל דער צופאַל האָט זיי צוזאַמענגעבראַכט, נאָר ווייל די סביבה צייכנט אָן, אַנטוויקלט, מאַכט רייף, פאַרדאַרבט און לייזט אויף די קונסט צוזאַמען מיט זיך גופא, טראָץ אַלע פאָרפאַלן פונם גרויסן מענטשלעכן ווירוואַר, און טראָץ אַלע נישט פאָראויסגעזעענע אויסברוכן פון דער פערזענלעכער אייגנאַרט. די סביבה ברענגט די קונסט צו טראָגן אָדער שלעפּט זי מיט זיך מיט, גענוי, ווי אַ שטאַרקערער אָדער אַ שוואַכערער אויסקילונגס-פּראָצעס לאָזט פאַלן די ראָסע אָדער האַלט זי אויף, גענוי ווי אַ מער אָדער ווייניקער שוואַך ליכט שפּייזט אָדער פאַרוועלקט די גרינע טיילן פון די פלאַנצן. זיטן ענלעכע און, אין זייער מין, נאָך מער פולקאָמע, האָבן באַשאַפן אַמאָל אַן ענלעכע און אַ נאָך מער פולקאָמע קונסט, אין די קליינע קריגערישע פריישטעט, און אין די איידעלע גימנאַזיעס פונם אַלטן גריכנלאַנד. ווען ענלעכע זיטן, נאָר אַ ביסעלע ווייניקער פולקאָמע, אין זייער מין, וועלן זיך האָבן איינגעבירגערט אין שפּאַניען, אין פלאַנדערן און אפשר אין פראַנקרייך, וועלן זיי אַרויסברענגען אַ קונסט, אַן ענלעכע, הגם עטוואָס איבער-

---

*) „די צאָל פאַרווייַלונגען וואָס זיי האָבן איינגעאָרדנט — זאָגט וואַזארי — איז געווען אָן אַ שיעור; אָבער הייַנט זענען שוין דידאָזיקע חברות, אַזויצוזאָגן, צעשטערט". — זעט, אַלס קעגנזאַץ, די לעבנס-באַשרייַבונגען פון גווידאָ, פון לאַנפראַנק, פון דער משפחה קאַראַטשע. לודאָוויקאָ קאַראַטשע איז געווען דער ערשטער וואָס האָט זיך געהייסן רופן אָנשטאָט Messer (הער) Magnifico (ליכטיקער הער).

געאַנדערשט דורך די אייגנאַרטיקע שטימונגען פון די באַזונדערע ראַסן, צווישן וועלכע זי ווערט איבערגעפלאַנצט ווערן; און מען קאָן מיט זיכערקייט קומען צו דער אויספירונג, אַז כדי נאָכ־אַמאָל אַרויפצוברענגען אויף דער וועלט־בינע אַן ענלעכע קונסט, איז נויטיק, אַז דער גאַנג פון די דורות זאָל קודם־כל באַשאַפן אַן ענלעכע סביבה.

דריטער טייל

די מאָלעריי אין די נידערלענדער

דריטער טייל

די מאָלעריי אין די נידערלענדער.

קאַפּיטל א.

די באַשטענדיקע סיבות.

אין משך פון די דריי פריערדיקע יאָר, האָב איך פאַר אייך רעפערירט די געשיכטע פון דער מאָלעריי אין איטאַליען; היי־יאָר דאַרף איך אייך שילדערן די געשיכטע פון דער מאָלעריי אין די נידער־לענדער. צוויי פעלקער־גרופן זענען געווען און זענען עד־היום די וויכטיקסטע אַרבעטער ביי דער מאָדערנער ציוויליזאַציע: פון איין זייט, די לאַטיינישע אָדער די לאַטיניזירטע פעלקער — איטאַליענער, פראַנצויזן, שפּאַניער און פּאָרטוגעזער; פון דער אַנדערער זייט, די גערמאַנישע פעלקער, בעלגיער, האָלענדער, דייטשן, דענער, שוועדן, נאָרוועגיער, ענגלענדער, שאָטלענדער און אַמעריקאַנער. פון דער גרופּע לאַטיינישע פעלקער, זענען די איטאַליענער, בהסכם כולם, די בעסטע קינסטלער; פון דער גרופּע גערמאַנישע פעלקער זענען אומבאַשטריטן די בעסטע — די פלאַמאנדער און די האָלענדער. אַזוי, אַז שטודירנדיק די קונסט־געשיכטע ביי דידאָזיקע צוויי פעלקער, שטודירן מיר אַזויערנאָך די געשיכטע פון דער מאָדערנער קונסט ביי אירע גרעסטע פאָרשטייער, וואָס זענען אין גרעסטן קעגנזאַץ איינער צום צווייטן.

אַ ווערק מיט אַזאַ ברייטן פאַרנעם און וואָס איז אַזוי פאַרשידנאַרטיק, אַ מאָלעריי, וואָס דויערט קרוב צו פירהונדערט יאָר צייט, אַ קונסט, וואָס ציילט אַזויפיל מייסטערווערק, און וואָס לייגט אַרויף אויף אַלע אירע ווערק דעם חותם פון אַן אייגנאַרטיקן און געמיינזאַמען כאַראַקטער — אַזאַ ווערק איז אַ נאַציאָנאַל ווערק; און דערפאַר איז עס פאַרבונדן מיטן נאַציאָנאַלן לעבן און דער וואָרצל דערפון שטעקט אינם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער גופא. דאָס איז אַ בליעכץ, וואָס איז פאַרגעברייט געוואָרן גאַנץ טיף און אינם ווייטן עבר, דורך אַן אויסאַרבעטונג פון דער זאַפט, און וואָס איז אַנטשפּרעכנד דעם בוי און דער פרימיטיווער נאַטור פון דער פלאַנץ, וואָס האָט זי אויסגעטראָגן. לויט אונזער מעטאָד וועלן מיר תחילת שטודירן די דאָזיקע אינערלעכע פאָרגעשיכטע, וועלכע דערקלערט די אויסערלעכע און אַנטגילטיקע געשיכטע. איך וועל אייך תחילת ווייזן דעם קערן, דאָס הייסט די ראַסע מיט אירע גרינדלעכע און נישט צעשטערבאַרע אייגנשאַפטן, גענוי ווי זיי באַשטייען דורך אַלערליי אומשטענדן און אין אַלערליי קלימאַטן; דערנאָך — די פלאַנץ, דאָס הייסט דאָס פאָלק גופא מיט זיינע אָריגינעלע אייגנשאַפטן, וואָס זיין סביבה און זיין געשיכטע האָבן פאַרברייטערט אָדער פאַרשמעלערט, אַלנפאַלס האָבן זיי זיי אָנגעווענדעט און איבערגעפאָרמט; און צום סוף — די בליעכץ, דאָס הייסט די קונסט, און באַזונדערס די מאָלעריי, וואָס ביי איר ענדיקט זיך דערדאָזיקער גאַנצער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס.

1

די מענטשן וואָס באַוווינען די נידערלענדער געהערן מערסטנטיילס צו יענער ראַסע, וואָס האָט זיך אריינגעריסן אין דער רוימישער מלוכה אין 5־טן יאָרהונדערט, און האָט דעמאָלט, צום ערשטן מאָל, צוריקגעפאָדערט איר אָרט אונטער דער זון, נעבן די לאַטיינישע פעלקער. פאַר געוויסע געגנטן, ווי גאַליען, שפּאַניען און איטאַליען, האָבן זיי נאָר מיטגעבראַכט פירער און אַ דערגענצונג צו דער פרימיטיווער באַפעלקערונג. אין אַנדערע געגנטן, ווי אין ענגלאַנד און אין די נידערלענדער, האָבן זיי

פּאַרטריבן, אויסגעראָטן און פאַרנומען דאָס אָרט פון די אַלטע איינוווינער, און זייער בלוט פליסט נאָך עד־היום ריין אָדער כמעט ריין אין די אָדערן פון די מענטשן, וואָס פאַרנעמען, היינט צו טאָג, דעמזעלבן באָדן. אין משך פונם גאַנצן מיטל־אַלטער, האָבן זיך די נידערלענדער גערופן — נידער־דייטשלאַנד. די בעלגישע און די האָלענדישע שפּראַכן זענען דייטשישע דיאַלעקטן, און מיטן אויסנאַם פונם וואַלאַנער געביט, ווו סווערט גערעדט אַ פאַרדאָרבן פראַנצויזיש, זענען זיי די פאָלקס־שפּראַך פון דער גאַנצער געגנט.

לאָמיר באַטראַכטן די געמיינזאַמע שטריכן פון דערדאָזיקער גאַנצער גערמאַנישער ראַסע, און די אונטערשיידן, דורך וועלכע זי איז אין קעגנזאַץ צו די לאַטיינישע פעלקער. — אין פיזישער הינזיכט געפינען מיר ביי איר אַ לייב אַ ווייסערס און אַ ווייכערס, ס׳רוב אויגן זענען בלוי, טיילמאָל מיט אַ בלווילעכן אָפּ־גלאַנץ פון פאַיאַנס, אָדער גאָר בלייך, וואָס וויטער קיין צפון — אַלץ בלייכער זענען זיי, אין האָלאַנד זעען זיי אויס, ווי פון גלאָז, די האָר זענען בלאָנד, ווי פלאַקס, און ביי די קליינע קינדער — כמעט ווייס; די אַלטע רוימער נאָך האָבן זיך שוין דערויף געוווּנדערט און פלעגן זאָגן, אַז ביי די גערמאַנער האָבן די קינדער אַזעלכע האָר, ווי די זקנים. די הויט פון פּנים איז ליבלעך ראָזע, זי איז אויסערגעוויינלעך צאַרט ביי די מיידלעך, לעבעדיק און רויטלעך — ביי די יונגע לייט, און טיילמאָל אויך — ביי מענטשן אין די יאָרן. געוויינלעך אָבער, האָב איך געפונען, אַז ביים אַרבעטער־קלאַס און ביי רייפע מענטשן איז די הויט אַש־גרוי, ריבן־פאַרביק, און, אין האָלאַנד גופא, האָט זי אַן אויסזען פון קעז און אַפילו פון פאַרדאָרבענעם קעז. דער גוף איז מערסטנטיילס גרויס, אָבער גאַנץ פּראָסט אויפגעבויט, ווי אָנגעוואָרפן, שווערפעליק און נישט עלעגאַנט. אַזוי זענען אויך די געזיכטס־שטריכן ווייניק רעגלמעסיק, דערעיקרשט, אין האָ־לאַנד, אויפגעבלאָזענע, מיט אַרויסגערוקטע באַקן־ביינער, און מיט בולטע קינבאַקן. בכלל פעלט אין זיי די סקולפּטוראַלע פיינקייט און איידלקייט. איר וועט זעלטן דאָרט באַגעגענען רעגלמעסיקע פּנימער, אַזעלכע ווי די שיינע פּנימער, וואָס מען באַגעגנט, אין אַזאַ גרויסער צאָל, אין טולוז און אין באָרדאָ, ווי די שיינע

און שטאָלצע קעפּ, וואָס געפינען זיך אָן אַ שיעור אין די דער־פער פון פלאָרענץ און פון רוים; איר וועט דאָרטן טרעפן אַ סך עפּטער איבערגעטריבענע שטריכן, זיך נישט בינדנדיקע צוזאַמענשטעלונגען פון פאָרמען און פון טענער, מאָדנע אויפגעבלאָזענע לייבער, נאַטירלעכע קאַריקאַטורן. ווען מען זאָל זיי באַהאַנדלען אַלס קונסט־ווערק, וואָלטן אָט די לעבעדיקע געשטאַלטן, דורך זייער נישט קאָרעקטער און צעפלאָסענער צייכנונג, עדות־געזאָגט אויף אַ שווערפעליקער און משונהדיקער האַנט.

אויב מיר באַטראַכטן ווידער דעמדאָזיקן קערפּער אין הינזיכט פון טעטיקייט, וועלן מיר איינזען, אַז זיינע אייגנשאַפטן און זיינע לעבנס־באַדערפענישן זענען אַ סך פּראָסטער ווי ביי די לאַטיינער; מאַטעריע און קערפּער שיינען דאָרט צו הערשן איבער באַוועגונג און נשמה; ער איז פרעסעריש און להוט נאָך פליש. פאַרגלייכט דעם אַפּעטיט פון אַן ענגלענדער אָדער פון אַ האָלענדער מיט דעם פון אַ פראַנצויז אָדער פון אַ איטאַליענער; זאָלן צווישן אייך די, וואָס האָבן באַזוכט דאָס לאַנד, זיך דערמאָנען דעם גאַסט־טיש און די מענגעס שפּייז, דערהויפּט, פליש, וואָס עס פאַרצערט רואיק, און מערערע מאָל טעגלעך, אַן איינוווינער פון לאָנדאָן, פון ראָטערדאַם, אָדער פון אַנטווערפּן; אין די ענגלישע ראָמאַנען האַלט מען אין איין עסן מיטאָק, און די פיינפילנדסטע העלדינס האָבן, אויפן סוף פונם דריטן באַנד, שוין פאַרצערט אָן אַ שיעור רייפטלעך פּוטער־ברויט, גלעזער טיי, שטיקער עוף און סאַנדוויטשעס*). דער קלימאַט איז דערצו גורם; אונטער דער ווירקונג פון דעם צפונדיקן נעפּל, וואָלט נישט מעגלעך געווען זיך צו דערהאַלטן מיט אַ שיסעלע זופּ, אָדער מיט אַ שטיק ברויט מיט קנאָבל, אָדער מיט אַ האַלבן טעלער קלוסקעס, ווי אַ פּויער פון דער לאַטיינישער ראַסע. — צוליבן זעלבן טעם, האָט דער גערמאַנער ליב שטאַרקע געטראַנקען. טאַציטוס האָט דאָס נאָך געהאַט באַמערקט, און לודאָוויקאָ גוויטשאַרדיני, אַן עדות־ראיה פונם 16־טן יאָרהונדערט, וועלכן מיר

---

*) Sandwiches — זעמל מיט פּוטער און אין דערמיט קאַלט פליש.
(איבערזעצער)

וועט אויסקומען מער ווי איינמאָל אייך צו ציטירן, זאָגט, ווען ער רעדט פון די בעלגיער און פון די האָלענדער:

„כמעט אַלע האָבן אַ נייגונג צו שכרות, און גיבן זיך אָפּ ליידנשאַפטלעך דעמדאָזיקן פעלער, זיי גיסן זיך אָן מיט משקה אין אָוונט, און טיילמאָל נאָך פון בייטאָג אָן"· ביים היינטיקן טאָג איז אין אייראָפּע און אין אמעריקע, אינם גרעסטן טייל גערמאַנישע לענדער, די שכרות אַ נאַציאָנאַלער פעלער; אַ העלפט פון די זעלבסטמאָרדן און פון די גייסטיקע קראַנקהייטן קומען דערפון אַרויס: אַפילו ביי מיושבדיקע מענטשן, אַפילו ביי מענטשן פונם מיטלשטאַנד, איז די תאווה צום טרינקען זייער גרויס; אין דייטשלאַנד און אין ענגלאַנד איז עס גאָרנישט אַ פחיתת=הכבוד פאַר אַ גוט דערצויגענעם מענטשן, ווען ער גייט אַוועק פון טיש אַ ביסעלע שכור; פון צייט צו צייט שכורט ער זיך אויף אַן אמת אָן; ביי אונז, להיפך, איז דאָס אַ פלעק; אין איטאַליען איז דאָס אַ חרפה; אין שפּאַניען איז, אין לעצטן יאָרהונדערט, דער נאָמען שכור געווען אַ באַליידיקונג, וואָס אַ דועל איז נישט גענוג געווען זיך פון איר אויסצוקויפן; זי האָט דערפירט צו אַ שטאָך מיט אַ מעסער. אין אַ גערמאַניש לאַנד איז פון דעם אַלעם גאָר קיין רייד נישטאָ. די פיל ביר=הייזער, וואָס זענען דאָרט פאַראַן און וואָס ווערן אַזוי רייך באַזוכט, די אָן אַ שיעור שענקען, ווו מען פאַרקויפט שטאַרקע געטראַנקען און ביר מכל הסאָרטן זאָגן עדות וועגן דעם אַלגעמיינעם געשמאַק. גייט אַריין אין אַמסטערדאַם, אין איינער פון יענע קליינע קראָמען מיט די גלאַנציקע פעסער ווו מען שלינגט אַרונטער נאָך אַנאַנד פולע גלעזער בראָנפן, ווייסן, געלן, גרינעם, ברוינעם און טיילמאָל נאָך צוזויפגעפּראַוועטן מיט טערקישן פעפער און מיט סתם פעפער. זעצט זיך אַוועק ניין אַזייגער אין אָוונט אין אַ ביר=הויז, אין בריסל, ביי איינעם פון די ברוינע, האָלצערנע טישן, אַרום וועלכע עס דרייען זיך אַרום די פאַרקויפער פון ראַקעס, פון געזאַלצענע ברויטלעך און פון האַרטע אייער; זעט ווי דידאָזיקע מענטשן זיצן זיך רואיק, יעדער פאַר זיך, טיילמאָל פאַרלעכוויז, אָבער מערסטנטיילס, גאַנץ שטיל; מען רויכערט, מען עסט און מען טרינקט גרויסע גלעזער ביר, וועלכע מען דערוואַרעמט, פון צייט צו צייט, מיט אַ גלעזל שטאַרקן ליקער;

איר וועט פאַרשטיין בלויז מיטן געפיל אַט דעם פראָסטן טעם פון וואַרעמקייט און פון פולער באַלעבטקייט, וואָס זיי געניסן איינזאַם, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, בשעת די האַרטע מאכלים און דער איבערפלוס פון משקה באַנייען אין זיי די מענטשן־מאַטעריע, און בעת דער גאַנצער גוף נעמט אַנטייל אינם וווּלזיין פון אַ באַפרידיקטן מאָגן.

עס בלייבט נאָך אָנצוווייזן אין זייער אויסערלעכקייט אַ לעצטן שטריך, וואָס פאַרלעצט באַזונדערס די מענטשן פון די דרום־לענדער, איך מיין די פאַמעלעכדיקייט און די שווערפע־ליקייט פון זייערע איינדרוקן און פון זייערע באַוועגונגען. אַ טולוזער שירם־סוחר, אין אַמסטערדאַם, האָט, מיך הערנדיק ריידן פראַנצויזיש, זיך מיר כמעט געוואָרפן אין די אָרעמס, און אַ פערטל שעה צייט האָב איך געמוזט אויסהערן זיינע קלאָגערייען. פאַר אַזאַ לעבעדיקן טעמפעראַמענט, ווי זיינער, זענען די אָרטיקע מענטשן געווען אומערטרעגלעך; „שטייפע, פאַרגליווערטע, אָן געמיט, אָן רגש, אָן טעם און אָן פאַרב, אמתע ריבן, מיין הער, אמתע ריבן!" און פאַקטיש, זיין פלוידערן און זיין אָפּרעדן זיך פון האַרץ, האָבן געשאַפן אַ קאָנטראַסט. ווען מען רעדט צו זיי, דאַכט זיך אויס, אַז קודם כל, פאַרשטייען זיי נישט וואָס מען זאָגט, אָדער, אַז זייער אויסדרוקס־מעכאַניזם האָט נויטיק צייט, אום צו קומען אין באַוועגונג; דאָרט טרעפט, אַז אַן אויפזעער פון אַ מוזעאום, אַ לוין־דינער, שטייען אָפּ אַ מינוט צייט, ווי פאַרגאַפט, איידער זיי ענטפערן אייך. — די קאַלטבלוטיקייט און די אומבאַוועגלעכקייט פון די פנימער זענען אין די קאַפע־הייזער און אין די באַנען ממש אויפפאַלנד; זיי פילן נישט, ווי מיר, די נויטיקייט זיך צו באַוועגן, צו שמועסן; זיי קאָנען זיצן אומבאַוועגלעך גאַנצע שעהן לאַנג, מיט זייער געדאַנק אָדער מיט זייער ליולקע. אויף אַן אָוונט, אין אַמסטער־דאַם, האָבן די דאַמען, אויסגעפוצטע ווי רעליקוויע־קעסטלעך, און זיצנדיק אומבאַוועגלעך אין זייערע פאָטעלן, אויסגעזען ווי סטאַ־טוען. אין בעלגיען, אין דייטשלאַנד און אין ענגלאַנד זעען אונז די פנימער פון די פויערן אויס ווי טויט, אויסגעלאָשן, פאַרשטאַרט; מיינער אַ פריינט, וואָס איז צוריקגעקומען פון בערלין, האָט מיר געזאָגט: „די מענטשן דאָרט האָבן אַלע אָפּגע־

שטאָרבענע אויגן". אפילו די מיידלעך גופא זעען דאָרט אויס באַאיוו און פאַרשלאָפן; טיילמאָל פלעג איך זיך אָפּשטעלן פאַר די שויפענסטער פון אַ קראָם און צוקוקן, ווי אַ ראָזע, רואיק און אומשולדיק פנים, אַ מיטל-אַלטערלעכע מאַדאָנע, איז באַשעפטיקט מיט מאָדע-אַרבעט; ס'איז פונקט דער היפוך ווי בײַ אונז אין דרום און ווי אין איטאַליען, ווו די אויגן פון אַ גריזעטקע*) זעען אויס צו שמועסן מיט די שטולן, נישט האָבנדיק קיין בעסערע ברירה, ווו דער געדאַנק, ווי נאָר ער בליצט אויף, דריקט זיך אויס קודם-כל אין באַוועגונגען. אין די גערמאַנישע לענדער שײַנען די קאַנאַלן פאַר געפיל און אויסדרוק פאַרשטאָפּט צו זײַן; אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו פײַנפּיליקייט, צו געמיטס-באַוועגונג און צו רירעוודיקער האַנדלונג, זעט אויס נישט מעגלעך; אַ מענטש פון די דרום-לענדער שרייט געוואַלט בײַ אַזאַ אומבאַהאָלפנקייט און אומגעשיקטקייט; דאָס איז געווען די מיינונג פון אַלע פראַנצויזן אונזערע, בעת די מלחמות פון דער רעוואָלוציע און פונם קייזערטום. — אין דער הינזיכט קאָנען די טואַלעטן און דער גאַנג אונדז דינען אַלס די בעסטע סמנים. איבערהויפּט, ווען מען באַטראַכט זיי בײַם מיטל-קלאַס אָדער נאָך בײַ אַ נידעריקערן. פאַרגלײַכט די גריזעטקעס פון רוים און פון באָלאָן, פון פאַריז און פון טולוזע, צו די גרויסע מעכאַנישע ליאַלקעס, וואָס איר זעט אין האַמפּטאָנקאָרט, זונטיק, די לעצטע זענען אָנגעבלאָזן און שטײַף, מיט זייערע פּיאָלעט-בלויע שאַרפן, מיט זייער פאַרבן-שרייעוודיק זײַדנצײַג, זייערע גאָלדענע גאַרטלען, און מיט דעם גאַנצן אויסשטעל פון אַן אויפגעבלאָזענעם לוקסוס. איך דערמאָן זיך גראָד איצט צוויי יום-טוב-טעג, איינעם — אין אַמסטערדאַם, וווהין ס'האָבן געאײַלט די רײַכע פּויערטעס פון פריזאַ, בײַ יעדער פון זיי איז דער קאָפּ געווען אײַנגעוויקלט אין געקרויזטן טשעפּעק, אויף וועלכן ס'האָט זיך געהויבן און געצאַפּלט אַ הוט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ דראָזשקע, בעת אויף די שלייפן און אויפן שטערן האָבן צוויי גאָלדענע פּלאַטן, אַ גאָלדענער דאַשעק און גאָלדענע קאָרקן-ציער געדינט אַלס ראַם פאַר אַ טויט-בלייך און

*) גריזעט — אַ יונגע אַרבעטער-מיידל, אַ קאָקעטקע. (איבערז.)

אומליבלעך פנים; דעם צווייטן — אין פרייבורג, אין דער געגנט פון ברייזגוי, ווו עס זענען געשטאַנען פויערטעס אויף זייערע געזונטע פיס, ווי איינגעגראָבענע, און מיט אַ תמעוואַטן בליק פאַראַדירט מיט זייער נאַציאָנאַלער טראַכט; קליידער שוואַרצע, רויטע, גרינע, פיאָלעטאָווע, מיט שטייפע פאַלדן, ווי ביי די גאָטישע סטאַטועס, יאַקעס אָנגעשוואָלענע פון פאָרנט און פון הינטן, געפופטע אַרבל, וואָס האָבן אויסגעזעצן, ווי שעפסענע זאָדיקלעך, טאַליעס — געגאַרטלטע כמעט ביז אונטער די פאַכוועס, געל־מאַטאָווע האָר, שטייף אַרויפגעדרייטע און פאַרריסענע אַזש צום שפיץ קאָפ, די קאָקסן — אין הייבלעך געשטיקטע מיט גאָלד און זילבער, און פון אויבן — אַ מענער־הוט, וואָס איז געשטאַנען שטייף, ווי אַן אָראַנזש־פאַרביקער קוימען. — אַן אויסטערלישע קרוין פאַר אַ קערפער, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט זיין אויסגעטשעשעט מיט אַ האַק, און וואָס האָט אַרויסגערופן אין געדאַנק די פאַרנעפלטע פאָרשטעלונג פון עפעס אַ סלופ, אַ באַשמירטן מיט כלערליי פאַרבן. — קורץ, אין דערדאָזיקער ראַסע איז די מענטשלעכע חיה אַ פאַרשפעטיקטערע, און אַ פאַרגרעבטערע, ווי אין דער אַנדערער; עס ווילט זיך קוקן אויף דעם מענטשן פון דערדאָזיקער ראַסע, ווי אויף עפעס נידריקערס, ווען מען פאַרגלייכט אים צום איטאַליענער, צום פראַנצויז פון דרום, וואָס זענען אַזוימעסיק, אַזוי שאַרפזיניק, וואָס זענען בטבע עלול צוריידן, צו שמועסן, אויסצודריקן מימיש זייער געדאַנק, צו האָבן געשמאַק, צו קריגן פאַרשטענדניש פאַר עלעגאַנץ, און אָן אָנשטרענגונג, געניי ווי די פראָווענצאַלן פונם 12־טן יאָרהונדערט און די פלאָרענטינער פונם 14־טן, וועלכע וואַקסן אויס קולטורעל, ציוויליזירט און פאַרפולקאָמט, ווי פון דער העלער הויט.

מען דאַרף זיך נישט האַלטן ביי אָט דעם ערשטן בליק; ער ווייזט נאָר איין זייט פון די זאַכן; ס'איז פאַראַן נאָך אַן אַנדערער, וועלכער באַגלייט אים, ווי די ליכט־זייט באַגלייט די שאָטן־זייט. דער שאַרפזין און די פריצייטיקע רייפקייט, וואָס ליגן אין דער נאַטור פון די לאַטיינישע פעלקער, האָבן מערערע שלעכטע פאָלגן. זיי רופן אין זיי אַרויס אַ באַדערפניש

אויף אנגענעמע איינדרוקן. און צוליב דעם, פאַרלאַנגען די־דאָזיקע מענטשן אַ סך אין הינזיכט פון גליק; זיי נויטיקן זיך אין צאָלרייכע פאַרגעניגנס, פאַרשיידנאַרטיקע, שטאַרקע אָדער פיינע: ווי געשפּרעך־פאַרווייליונג, אָנגענעמע העפלעכקייט, באַפרידיקונג פון כבוד־פאַרלאַנגען, ליבעס־געניוס, געניוס פון נייע און אומדערוואַרטעטע זאַכן, האַרמאָנישע גלייכגעוויכט פון פאָרמען און פראַזן; זיי ווערן גאַנץ גרינג געקינצלטע רעדנער, דילעטאַנטן, אפיקורסים, בעלי־תאווהניקעס, הפקר־מענטשן, פרויען־יעגער און מענטשן, וואָס גיבן זיך אָפּ צופיל מיט ערדישע נאַרישקייטן. און פאַקטיש זענען אָט די חסרונות די סיבה, דורך וועלכער זייער קולטור ווערט פאַרדאָרבן אָדער הערט לגמרי אויף צו עקזיסטירן: איר וועט זיי געפינען בעת דער ירידה אין אַלטן גריכנלאַנד און אין אַלטן רוים; איר וועט זיי געפינען אין דער פּראָוואַנס פון 12־טן יאָרהונדערט, אינם איטאַליען פונם 16־טן, אינם שפּאַניען פונם 17־טן און אינם פראַנקרייך פונם 18־טן יאָרהונדערט. זייער טעמפּעראַמענט, וואָס איז עלול שנעלער אויסגעפיינערט צו ווערן טרייבט זיי אויך צו שנעל צו איבערגעשפּיצטקייט. זיי ווילן זיך קוויקן מיט געשמאַקע איינדרוקן; זיי קענען זיך נישט צופרידנשטעלן מיט קיין בלייכע איינדרוקן; זיי זענען ווי די מענטשן, וואָס זענען צוגעוווינט צו עסן פּאָמעראַנצן, און וואָס וואַרפן אָפּ מיט עקל מייערן מיט ריבן; און פונדעסטוועגן שטעלט זיך אָבער דאָך דאָס לעבן געוויינלעך צוזאַמען פון מייערן, פון ריבן און פון אַנדערע אַזעלכע אומבאַטעמטע ירקות. אין איטאַליען האָט עס אַמאָל אַ דאַמע פון דער הויכער געזעלשאַפט געזאָגט, בעת זי האָט געגעסן געשמאַקע ליאָדעס: „אַ שאָד, וואָס דאָס איז נישט קיין עבירה!״ און אין פראַנקרייך האָט עס אַמאָל אַ גרויסער שררה געזאָגט, רעדנדיק פון אַ דורכגעטריבענעם דיפּלאָמאַט: „ווער וועט אים נישט פאַרגעטערן? ער איז דאָך אַזוי פאַרדאָרבן!״ — און נאָך מער, די לעבעדיקייט פון זייער איינדרוק און די נייגונג פלינק צו האַנדלען, זענען גורם דערצו, אַז זיי טוען תיכף ומיד דאָס, וואָס זיי טראַכטן; זיי ווערן אַזוי שנעל און אַזוי שטאַרק אָנגערעגט דורכן שטויס פון די זאַכן, אַז זיי פאַרגעסן אַזש, וואָס פליכט איז און וואָס שכל,

און כאַפּן זיך, אין איטאַליען און אין שפּאַניען, צום מעסער, און אין פראַנקרייך — צו דער ביקס. פונדאַנען איז געדרונגען, אַז זיי זענען ווייניק פּעאיק צו וואַרטונג, צו געהאָרכזאַמקייט און צו רעגלמעסיקייט. אום צו האָבן דערפאָלג אין לעבן, דאַרף מען קאָנען זיך געדולדיקן, זיך לאַנגווײַלן, מאַכן און איבער־מאַכן, אָנהויבן פון דאָסניי און פאָרטזעצן, נישט צולאָזן, אַז דער שטראָם פון כעס אָדער דער שווונג פון פאַנטאַזיע זאָלן אָפּשטעלן אָדער אָפּווענדן די טעגלעכע אָנשטרענגונג. בכלל, ווען מען פאַרגלייכט זייערע פּעאיקייטן צום לויפנדן וועלט־שטייגער, גע־פינט מען איין, אַז לגבי זיי איז ער צו מעכאַניש, צו שטייף און צו איינטאָניק, און אַז זיי ווידער זענען צו לעבעדיק, צו פיין און צו גלענצנד, לגבי אים. נאָך אַ צייט פון עטלעכע הונ־דערט יאָר, ווערט בולט אין זייער קולטור דידאָזיקע סתּירה; זיי פאָדערן פון די זאַכן צופיל, און ווייל זיי פירן זיך נישט ווי געהעריק, באַקומען זיי נישט אַפילו דאָס, וואָס די זאַכן וואָלטן זיי יאָ געקאָנט געבן.

אַצינד, נעמט אַוועק דידאָזיקע גליקלעכע מעלות, ובמילא אויך דידאָזיקע פאַרדריסלעכע נייגונגען; שטעלט זיך פאָר, אַז אויף אָט דעם לאַנגזאַמען און שווערפעליקן גערמאַנישן גוף, זיצט אַ קאָפּ, אַ גוט געבויטער, אַ פאָלשטענדיקער שכל, און קוקט נאָך די פאָלגן דערפון. היות זייערע איינדריקן זענען נישט אַזעלכע שטאַרקע, וועט אַזאַ שטייגער מענטש זיין אַ סך גע־זעצטער און מיושבדיקער. היות ער האָט אַ קלענערע באַדערפע־ניש אויף אָנגענעמע עמפינדונגען, וועט ער קאָנען טאָן לאַנג־ווייליקע אַרבעטן, און זיך דערביי נישט לאַנגווײַלן. אַזוי ווי זיינע חושים זענען מער טעמפּ, וועט ער מער האַלטן פונם תּוכן, ווי פון דער פאָרם, און פון דעם אינערלעכן אמת, ווי פון דער אויסערלעכער דעקאָראַציע. אַזוי ווי ער איז ווייניקער איילצוו־דיק, איז ער נישט אַזוי עלול צו אומגעדולד און צו אומזיניקע צאָרן־אויסברוכן; ער האָט אַ חוש פאַר צוזאַמענהאַנג, ער קאָן זיך האַלטן מיט עקשנות ביי אונטערנעמונגען, וואָס דער אויס־גאַנג זייערער פאַרלאַנגט אַ לענגערע צייט אויסדויער. קורץ, ביי אים איז דער פאַרשטאַנד מער הערשנד, ווייל די נסיונות פון דער אויסנוועלט זענען ביי אים קלענער און די אינערלעכע

אויסברוכן זענען זעלטן; דער שכל רעגירט בעסער בעת פון אינווייניק זענען פאַראַן ווייניקער בונטן, און פון דרויסן — ווייניקער שטורם־אָנגריפן. — באַטראַכט־זשע טאַקע די גערמאַנישע פעלקער אין היינטיקער צייט און אינם גאַנצן גאַנג פון זייער געשיכטע. קודם־כל זענען זיי די גרעסטע אַרבעטער אין דער וועלט; אין דער הינזיכט, איז אויפן געביט פון גייסט, קיינער נישט גלייך צו די דייטשן: בקיאות, פילאָזאָפיע, קענטניש פון די פאַרוויקלטסטע שפּראַכן, אויסגאַבן, ווערטער־ביכער, זאַמלונגען, קלאַסיפיקאַציעס, פאָרשונגען אין די לאַבאָראַטאָריעס, אין יעדער וויסנשאַפט, אַלץ, וואָס פאָדערט לאַנגווייליקע און אָפּשטויסנדע אַרבעט, אָבער פאַרברייטנדיקע און נויטווענדיקע — דאָס אַלץ איז שוין זייער חזקה; מיט אַ סבלנות און מיט אַן איבערגעגעבנקייט, וואָס זענען ממש צום באַוווּנדערן, האַקן זיי די כלערליי שטיינער פונם מאָדערנעם בנין. אויפן געביט פון מאַטעריע, טוען די ענגלענדער, די אַמעריקאַנער און די האָלענדער דיזעלבע אַרבעט, וואָס די דייטשן. איך וואָלט אייך וועלן ווייזן אַן ענגלישן אַפּרעטירער אָדער שפּינער ביי דער אַרבעט; דאָס איז אַ פולשטענדיקער אויטאָמאַט, וועלכער אַרבעט דעם גאַנצן טאָג אָן איין רגע אָפּרו, און אין דער צענטער שעה, גענוי אַזוי גוט, ווי אין דער ערשטער. אויב ער געפינט זיך אינם זעלבן ווערקשטעל מיט פראַנצויזישע אַרבעטער, שאַפן די לעצטע מיט אים אַ בולטן קאָנטראַסט; זיי קאָנען זיך נישט אונטערוואַרפן דערדאָזיקער מעכאַנישער רעגלמעסיקייט; זיי ווערן שנעלער אונאויפמערקזאַם און מיד; און דערפאַר, ווען ס׳קומט דער סוף פון טאָג, האָבן זיי ווייניקער פּראָדוצירט; אָנשטאָט אַכצנהונדערט שפּולן פירן זיי נאָר צוועלפהונדערט. נאָך קלענער ווערט די שאַפונגס־פעאיקייט, ווען מען קומט טיפער קיין דרום; אַ פּראָווענסאַל, אַן איטאַליענער פילט אַ נויטיקייט צו שמועסן, צו זינגען, צו טאַנצן; ער שלעפט זיך גערן אַרום פוסט און פּאַסט, און לעבט אין טאָג אַריין, און דערפאַר באַגנוגנט ער זיך גאַנץ גוט מיט אַן איינציקן ראָק אַן אָפּגעדאַרכעטן. דאָרט שיינט פוסט און פּאַסטעווען צו זיין אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, און אַפילו אַ כבוד. ד אָ ס אַ ד ע ל י ק ע ל ע ב ן, די פוילקייט פונם מענטשן, וועלכער אַרבעט נישט, צוליב כבוד־מאָטיוון, און וואָס

לעבּט פון וואָס עס לאָזט זיך, און טיילמאָל פון תּעניתים, איז געווען די מכּת־מדינה פון שפּאַניען און פון איטאַליען אין משך פון די לעצטע צוויי־הונדערט יאָר. אין קעגנטייל, אין משך פון דיזעלבע תּקופות האָט דער פלאַמאַנדער, דער האָלענדער, דער ענגלענדער, דער דייטש געהאַלטן פאַר אַ כּבוד זיך ווי געהעריק צו פאַרזען מיט אַלערליי נוצלעכע זאַכן; דער אינסטינקטיווער אָפּשטויס, וואָס טרייבט דעם געוויינלעכן מענטשן אויסצומיידן מי און אָנשטרענגונג, די קינדערישע גאווה, וואָס טרייבט דעם געבילדעטן מענטשן זיך אונטערצושיידן פונם האַנטווערקער, האָבן זיך אונטערגעגעבן זייער געזונטן פאַרשטאַנד און זייער לאָגיק.

דיזעלבע לאָגיק און דערזעלבער געזונטער פאַרשטאַנד גרינדן און האַלטן אויף ביי זיי די פאַרשידענע מינים אינסטיטוציעס און אַלערערשטנס די חתונה־אינסטיטוציע. — איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז ביי די לאַטיינישע פעלקער ווערט זי נישט איבעריק אָפּגעהיט; אין איטאַליען, אין שפּאַניען, אין פראַנקרייך איז אַלעמאָל די אומטריישאַפט פון דער חתונה געווען דער הויפּט־מאָטיוו פונם טעאַטער און פון די ראָמאַנען; לכל־הפּחות נעמט די ליטעראַטור זיך דאָרט די תּאווה אַלס העלדין, שענקט איר אַוועק איר גאַנצע סימפּאַטיע, און אָנערקענט איר אַלערליי רעכט. אַדרבּה, אין ענגלאַנד איז דער ראָמאַן אַ שילדערונג פון ערלעכער ליבע און אַ לויב־געזאַנג דער חתונה; אין דייטשלאַנד ווערט דאָס יאָגן זיך נאָך פרויען באַטראַכט פאַר אַן אומכּבוד, אַפילו ביי די סטודענטן. אין די לאַטיינישע לענדער ווערט אַזאַ זאַך אַנטשולדיקט אָדער טאָלערירט, און טיילמאָל אַפילו באַרעכטיקט. דאָס אונטערוואַרפן זיך די כּללים פון דער חתונה און די איינטאָניקייט פון אַ באַלעבאַטישקייט זעען דאָרט אויס צו זיין אַ פּיינלעכע זאַך. די רייצונג פון די חושים איז דאָרט אַ צו טיפע; די קאַפּריזן פון דער פאַנטאַזיע זענען דאָרט צו שראָף; דער גייסט שמידט זיך דאָרט אַ חלום פון תּענוגים, פון שטאַרקער פרייד און פון באַגייסטערונג, אָדער ווייניקסטנס אַ ראָמאַן פון שטאַרקער און פאַרשידנאַרטיקער זינלעכער באַפרידיקונג; און דערנאָך ביי דער ערשטער געלעגנהייט, גיסט דער שטראָם אויס איבער די ברעגן און וואַרפט אום אַלע צוימען פון פליכט און געזעץ.

באַטראַכט נאָר שפּאַניען, איטאַליען און פראַנקרייך, אין דער צייט פונם 16־טן יאָרהונדערט; לייענט די נאָוועלן פון באנדעלאָן, די קאָמעדיעס פון לאָפּען, די דערציילונגען פון בראנטאמען, און הערט גלייכצייטיק די באַמערקונגען, וואָס גוּאיטשיאַרדיני, אַ מענטש פון זייער צייט, מאַכט וועגן די זיטן פון די נידערלענדער. „זיי פילן אַן עקל צו אומטרייַשאַפט... זייערע פרויען זענען אויסערגעוויינלעך אָרנטלעך, הגם מען לאָזט זיי זייער פריי". זיי גייען אַליין אויף באַזוכן און מאַכן אַליין רייזעס און קיינער רעדט נישט וועגן זיי קיין שלעכט וואָרט; זיי פאַרשטייען אַליין געבוּג, ווי זיך צו היטן. איבריקנס זענען זיי באַלעבאָסטעס; זיי האָבן ליב זייער באַלעבאַטישקייט. ערשט לעצטנס נאָך, האָט מיר אַ רייכער, אַן אַדעליקער האָלענדער אויסגערעכנט מערערע יונגע פרויען פון זיין פאַמיליע, וואָס האָבן נישט געוואָלט קומען זעען די אַלוועלטלעכע אויסשטעלונג און זענען ליבער פאַרבליבן ביי זיך אינדערהיים, בעת די מענער און ברידער זייערע זענען געפאָרן קיין פּאַריז. אַזאַ רואיקע און היימזיצערישע נאַטור פאַרשפּרייט אַ סך גליק אויפן הויזלעכן לעבן; ווען די נייגיריקייט און די תאוות שווייגן איז די הערשאַפט פון ריינע אידייען אַ שטאַרקערע; היות מען לאַנגווײַלט זיך נישט, ווען מען געפינט זיך כסדר מיט דערזעלבער פּערזאָן, איז מעגלעך, אַז דער זכרון וועגן דער געגעבענער שבועה, דאָס געפיל פאַר פליכט און די אַכטונג פאַר זיך גופא זאָלן לייכט באַקומען די אויבערהאַנט איבער נסיונות, וואָס זענען אַנדערשוווּ מנצח, צוליב זייער שטאַרקערקייט. — איך וועל זאָגן דאָסזעלבע וועגן אַלערליי אַנדערע פאַרבאַנדן, און באַזונדערס וועגן פרייהייטס־פאַרבאַנד. עס איז זייער שווער זיך ביי אים צו האַלטן; כדי די מאַשין זאָל פונקציאָנירן רעגלמעסיק און אָן הינדערניש, איז נויטיק, אַז די מענטשן פון וועלכע זי שטעלט זיך צוזאַמען, זאָלן האָבן רואיקע נערוון און אַז אַלע זאָלן באַהערשט זיין דורך איין ציל־געדאַנק. מ'איז מחויב צו זיין געדולדיק בעת אַ מיטינג, צו לאָזן זיך אַנטקעגן־רעדן און אַפילו דערנידריקן, אָפּצוואַרטן די ריי אויף צו ענטפערן, אָפּצוענטפערן געמעסיקט, צו דולדן צוואנציק מאָל נאָכאַנאַנד דיזעלבע אַרגומענטאַציע מיט אירע ציפערן און מיט אירע פּאָזיטיווע דאָקומענטן. מען טאָר נישט אָוועקוואַרפן די

ציַיטונג, ווען די פּאָליטיק הערט אויף צו זיַין אינטערעסאַנט, זיך מיט איר פאַרנעמען סתּם צוליבן פאַרגעניגן, וואָס מ׳האָט צו פירן וכּוחים און צו האַלטן לאַנגע דרשות, זיך אויפהויבן קעגן די פירער, באַלד ווי זיי הערן אויף צו געפעלן; דידאַקטיק מאָדע הערשט אין שפּאַניען און אין אַנדערע לענדער; און איר ווייסט פון אַ לאַנד, ווו מ׳האָט אַראָפּגעוואָרפן די רעגירונג, נאָר דערפאַר, וואָס זי איז געווען ווייניק טעטיק און ווייל דאָס פאָלק „האָט זיך געלאַנגווײַלט״. ביַי די גערמאַנישע פעלקער שאַפט מען אַ פאַראיין נישט אויף צו רעדן, נאָר אויף צו טאָן; די פּאָליטיק איז אַן ענין, וועלכן מען דאַרף דערפירן צו אַ גוטן סוף; מען פירט אין איר אַריַין דעם געשעפטס־גייסט, דאָס וואָרט איז בלויז אַ מיטל, די ווירקונג, מעג זי זיַין ווי וויַיט — דער ציל, דעמדאָזיקן ציל וואַרפן זיי זיך אַלע אונטער, זיי זענען פול מיט פאַרערונג פאַר די מענטשן, וואָס זענען זייַנע פאָרשטייער. אַ מאָדנע זאַך! דאָרט אַכטן די רעגירטע זייערע רעגירער; אויב די רעגירער זענען שלעכט, שטעלט מען זיך זיי אַנטקעגן, אָבער אויף אַ לעגאַלן אופן, מיט געדולד, און אויב די אינסטיטוציעס זענען פעלערהאַפטע, פאַרבעסערט מען זיי ביסלעכווייז, און מען צעשטערט זיי נישט. די גערמאַנישע לענדער זענען דאָס פאָטערלאַנד פונם פאַרלעמענטאַרן און פריַיען רעגירונגס־סיסטעם; איר זעט אים היינט צו טאָג איינגעפּירט אין שוועדן, און נאָרוועגן, אין ענגלאַנד, אין בעלגיען, אין האָלאַנד, אין פּרייסן און אפילו אין עסטרייך; די קאָלאָניסטן, וואָס צעגראָבן די ערד פון אויסטראַליען און פון מערב־אַמעריקע פלאַנצן אים דאָרט איין מיט זיך גופא; ווי רוי דידאָזיקע פריש אָנגעקומענע זאָלן נישט זיַין, איז דידאָזיקע רעגירונגס־סיסטעם דאָרט תּיכּף מצליח און זי האַלט זיך דאָרט גאַנץ לייכט. מען באַגעגנט זי באַלד ביַי דער אַנטשטייאונג פון בעלגיען און פון האָלאַנד; די אַלטע שטעט פון די נידערלענדער זענען געווען רעפּובליקן, און זענען עס פאַרבליבן, טראָץ זייערע פעאָדאַלע אויבערהערשער, אין משך פונם גאַנצן מיטלאַלטער. דער פריַיהייטס־פאַרבאַנד גרינדעט זיך און האַלט זיך דאָרט אָן אָנשטרענגונג, און קודם, דער קלײנער פאַרבאַנד, ווי דער גרויסער, און דער קליינער אין דעם גרויסן. אין 16־טן יאָרהונדערט געפינען מיר אין יעדער שטאָט און

אפילו אין יעדן שטעטל, חברות שיסער און שיינרעדנער; זייער צאָל איז דערגאַנגען ביז איבער צוויי הונדערט. נאָך היינט בליען אין בעלגיען אָן אַ שיעור אַזעלכע חברות. חברות בויגן־שיסער, זינגער, טויבן־ און זינגפויגל־ציכטער. אין האָלאַנד דערליידיקן פּריוואַטע מענטשן, וואָס האָבן זיך פּרייוויליק פאַראייניקט, אַלע ענינים פון עפנטלעכער וווילטעטיקייט. געזעלשאַפטלעך טעטיק זיין, און דערביי זאָל קיינער קיינעם נישט אונטערדריקן — דאָס איז אַ טאַלאַנט, אַ ריין גערמאַנישער; דאָס איז דערזעלבער טאַלאַנט, וואָס גיט זיי אַזאַ גרויסע שליטה איבער דער מאַטעריע; זיך צופּאַסן מיט געדולד און מיט ישוב־הדעת צו די פיזישע און מענטשלעכע נאַטור־געזעצן און אָנשטאָט זיך זיי אַנטקעגנצושטעלן, אַרויסציען פון זיי אַ נוצן.

אויב מיר גייען אַצינד איבער פון טאַט צו געדאַנק, דאָס הייסט צום אופן באַגרייפן און פאָרשטעלן זיך די וועלט, וועלן מיר דאָרט געפינען דעם חותם פון דערזעלבער מיושבדיקער און וויניק ליידנשאַפטלעכער נאַטור. די לאַטיינישע פעלקער האָבן אַ זייער לעבעדיקן חוש פאַר דעם אויסערן אויסזען און פאַר דער דעקאָראַציע פון די זאַכן, פאַר דער פרעכטיקער פאָרשטעלונג וועלכע צערטלט די חושים און די מענטשלעכע איינרעדעניש, פאַר לאָגישער רעגלמעסיקייט, פאַר אויסערלעכער סימעטריע, פאַר שיינעם סדר, קורץ — פאַר פאָרם. להפך, די גערמאַנישע פעלקער האָבן זיך מיט מער ליבשאַפט צוגעבונדן צו דעם אינערלעכן ווערט פון די זאַכן, צום אמת גופא, דאָס הייסט — צום תוך. זייער אינסטינקט טרייבט זיי זיך נישט צו לאָזן גענאַרן דורך דעם אויסערלעכן אויסזען, אויפצוהויבן די שלייערן, אָנצוטאַפּן דאָס באַהאַלטענע, מעג עס אפילו זיין אָפּשטויסנד און טרויעריק, נישט אַרונטערצונעמען און נישט צו באַהאַלטן דערפון קיין שום פּרט, מעג ער אפילו זיין גראָב און מיאוס. צווישן צוואַנציק ווערק פון דעמדאָזיקן אינסטינקט, זענען פאַראַן צוויי, וואָס ווייזן אים אַרויס אין זיין גאַנצן ליכט, ווייל די סתירה צווישן פאָרם און תוכן איז אין זיי שטאַרק בולט: דאָס זענען די ליטעראַטור און די רעליגיע. — די ליטעראַטורן פון די לאַטיינישע פעלקער זענען קלאַסישע און זענען מער וויניקער נאָענט צו דער גריכישער דיכטונג, צו דער רוימישער רעדנער־קונסט, צו

דעם איטאַליענישן רענעסאַנס אין דער צייט פון לואי 14־טן; זיי לייטערן און פאַראיידעלן, זיי פאַרשענערן און וואַרפן אָפּ דאָס, וואָס איז איבעריק, זיי זענען מסדר און שאַפן די געהעריקע פּראָפּאָרציע. זייער לעצט מייסטער־ווערק איז דאָס טעאַטער פון ראַסינען — דער מאָלער פון הערשער־מאַניערן, פון הויף־מנהגים, פון וועלטלעכע מענטשן, פון קולטורעלע נשמות, דער מייסטער פונם רעדנער־סטיל, פון געניטער קאָמפּאָזיציע, פון ליטעראַרישער עלעגאַנץ. להפך, די גערמאַנישע ליטעראַטורן זענען ראָמאַנטישע און שטאַמען פון דער „עדדא" און פון די אַלטע „זאַגאַס" פונם צפון; זייער גרעסט מייסטערווערק איז דאָס טעאַטער פון שעקספּירן, דאָס הייסט די רויע און פולשטענדיקע שילדערונג פונם רעאַלן לעבן מיט אַלע זיינע אכזריותדיקע, אומווירדיקע און נידריקע פּרטים, מיט אַלע העכסטע און גראָבסטע אינסטינקטן, מיט דער גאַנצער בולטקייט פון דער מענטשן־נאַטור, וועלכע איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאַר אַלעמענס בליקן אַמאָל אין אַ סטיל אַ פּראָסטן, וועלכער דערגייט אַזש ביז גראָבקייט, אַמאָל אַ פּאָעטישן — אַזש ביז ליריזם, אַלעמאָל פריי פון יעדער כּלל, נישט בינדלעך, איבערגעטריבן, אומפאַרגלייכלעך אָבער בנוגע דעם כּח, וואָס ער פאַרמאָגט, איבערצוגיסן אין די נשמות פון אַנדערע דאָס נאָך גאַנץ וואַרעמע און צאַפּלענדיקע געפיל, וואָס שרייט דורך אים אַרויס. — אַזוי אויך לאָמיר נעמען די רעליגיע און זי באַטראַכטן אינם אַנטשיידענעם מאָמענט, ווען די אייראָפּעאישע פעלקער ווערן אויפגעפּאָדערט זיך אויסצוקלייבן אַן אמונה, דאָס הייסט אינם 16־טן יאָרהונדערט: די, וואָס האָבן געלייענט די אָריגינעלע דאָקומענטן, ווייסן וועגן וואָס עס האָט זיך דעמאָלט געהאַנדלט, וואָסערע פאַרבאָרגענע פּניות עס האָבן צוריקגעהאַלטן אייניקע אינם אַלטן וועג און געטריבן אַנדערע אינם נייעם. אַלע לאַטייניש פעלקער, ביזן לעצטן, זענען געבליבן קאַטויליש; זיי האָבן לחלוטין נישט געוואָלט אַרויס פון זייערע גייסטיקע געוווינהייטן; זיי זענען געבליבן טריי דער טראַדיציע; זיי זענען געבליבן געהאָרכזאַם דער מאַכט; זיי זענען געצירט געווען פון די זינלעכע אויסערלעכקייטן, פון דער פּרעכטיקייט פונם קאַטוילישן גאָטעסדינסט, פון דער שיינער אָרדנונג פון דער קירכלעכער ראַנגן־הערשאַפט, פון דער הויכער אידייע פון

דער קאַטוילישער איינהייט און דער אייביקייט. ביי זיי האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָל מנהגים, אויסערלעכע צערעמאָניעס, זעבאַרע אַקטן, דורך וועלכע עס קומט צום אויסדרוק די גאָטס־פּאָרכטיקייט. פאַרקערט ווידער, כמעט אַלע גערמאַנישע פעלקער האָבן אָנגענומען דעם פּראָטעסטאַנטיזם; אויב בעלגיע, וואָס האָט געניגט צו דער רעפאָרם, איז פון איר אָפּגעריסן געוואָרן, איז דאָס געשען דורך געוואַלט, אַדאַנק פאַרנעזס נצחונות און דעם טויט און דעם אַנטלויפן פון אַזוי פיל פּראָטעסטאַנטישע פאַמיליעס, אַדאַנק אַ ספּעציעלן מאָראַלישן קריזיס, וועלכן איר וועט טרעפן אין רובענסעס געשיכטע. די איבעריקע גערמאַנישע פעלקער האָבן אונטערגעוואָרפן דעם אויסערלעכן קולט — דעם אינערלעכן; די אויסלייזונג באַשטייט ביי זיי אין דער אינערלעכער פאַרוואַנדלונג און אין דער רעליגיעזער גערירטקייט פון הארצן; זיי האָבן געבראַכט דערצו, אַז די אָפיציעלע מאַכט פון דער קירכע האָט זיך געבויגן פאַר דער פּערזענלעכער איבערצייגונג פונם יחיד; אַדאַנק דערדאָזיקער אויבערהערשאַפט פון דאָס טיף־אינערלעכע, איז די פאָרם געוואָרן אַ זאַך אַ צווייטראַנגיקע, און דער קולט, די מנהגים זענען איינגעשרומפּן געוואָרן. מיר וועלן גלייך זען, אַז אין די קונסטן האָט דערזעלבער ווידערשטאַנד פון די אינסטינקטן געשאַפן אַ ענלעכן קאָנטראַסט פון געשמאַק און פון סטיל. דערווייל וועט אונז אָבער גענוג זיין אויסצושיילן די עיקרדיקע שטריכן, וואָס אונטערשיידן דיביידע ראַסעס. אויב די צווייטע, פאַרגליכן מיט דער ערשטער, שטעלט פאָר מיט זיך אַ ווייניקער־סקולפּטוראַלע פאָרם, גרעבערע אַפּעטיטן און אַ טעמפּערן טעמפּעראַמענט, איז זי דערפאַר, דורך דער רואיקייט פון אירע נערוון און דער קאַלטקייט פון איר בלוט, מער צוגעפּאַסט פאַר דער ריינער אינטעליגענץ; איר געדאַנק, ווייניקער אָפּגעלענקט פון גלייכן וועג דורך דער פאַרלאָקונג פון זינלעכע תענוגים, דורך אויסברוכן פון אימפּראָוויזאַציע, דורך דער אילוזיע פון אויסערלעכער שיינקייט, קאָן זיך בעסער צופּאַסן צו די אָביעקטן, סיי כדי זיי צו פאַרשטיין, סיי כדי זיי צו באַהערשן.

II

דידאָזיקע ראַסע, וואָס איז אַזוי באַגאַבט, טראָגט אויף זיך פאַרשיידענע סמנים, לויט די פאַרשיידענע סביבות, אין וועלכע זי האָט געלעבט. זעצט איין מערערע קערנדלעך פונם זעלבן פלאַנצן-מין אויף פאַרשידענע באָדנס און אונטער פאַרשידענע טעמפעראַטורן; לאָזט זיי שפראָצן, וואַקסן, זיך פרוכפּערן און זיך מערן אָן אַ שיעור יעדעס קערנדל באַזונדער; זיי וועלן זיך צופּאַסן יעדעס צו זיין באָדן, און איר וועט באַקומען מערערע סאָרטן פון דעמזעלבן מין, וואָס וועלן זיין צווישן זיך פאַרשידן, אויף אַזוי פיל מער, אויף וויפל די קאָנטראַסטן צווישן די באַזונדערע קלימאַטן וועלן זיין שטאַרקערע. אָט אַזוי זעט אויס די געשיכטע פון דער גערמאַנישער ראַסע אין די נידערלענדער: טויזנט יאָר איינגעזעסנקייט האָבן געהאַט זייער ווירקונג: אינם סוף פונם מיטלאַלטער באַגעגענען מיר ביי איר, אַחוץ איר אייגענעם איינגעבוירענעם כאַראַקטער, א צוגעקריגענעם כאַראַקטער.

מיר מוזן אַלזאָ באַטראַכטן דעם באָדן און דעם הימל; נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט דאָס לאַנד צו באַרייזן, קוקט אַדורך לכל-הפּחות די לאַנד-קאַרטע. מיט דער אויסנאַם פון דער געבירגיקער געגנט, אין דרום-מזרח, זענען די נידערלענדער אַ פאַרגאָסענע פלאַך; דריי גרויסע טייכן, די מאַאַס, דער רהיין, די שעלדע און מערערע קלענערע האָבן זי געבילדעט פון דער ערד, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָגן. צו דעם אַלעם גיט צו די נעבן-פלוסן, די סטאַוון און די גרויסע צאָל קאַלוזשעס, איז די געגנט אַ זאַמלפּונקט פאַר גרויסע וואַסערן, וואָס אַז זיי קומען אַהין אָן, ווערט זייער גאַנג לאַנגזאַמער, ביז זיי בלייבן אינגאַנצן שטיין, ווייל זיי פעלט שפּועים, ווייטער אָפּצולויפן. גראָבט אויס אַ לאָך, ווו נישט ווו, שפּריצט באַלד אַרויס וואַסער. ווען איר וואָלט אָנקוקן די לאַנדשאַפטן פון וואַן-דער-נער, וואָלט איר געהאַט אַ באַגריף פון דידאָזיקע ברייטע, פוילע טייכן, וואָס ביים דערנענטערן זיך צום ים, האָבן זיי אַ מייל די ברייט; זיי שלאָפן זיך אויסגעצויגן אין זייער בלאָטע-בעט, ווי אַ ריזיקער, קלע-

בעריקער און פלאַטשיקער פיש, און גלאַנצן בלייפאַרביק, שלאַ־מיק, מיט מאַטאָווע ליסקע טענער; ס׳טרעפט אָפטמאָל, אַז די פלאַך ל׳גט נאָך נידריקער ווי זיי, און שיצט זיך קעגן זייער פאַרטרענקונג בלויז דורך ערד־וואַלן; עס מאַכט דעם איינ־דרוק, אַז אָט, אָט גיסן זיי זיך אויס איבער די ברעגן; פון זייער רוקן שלאָגט כסדר אַ פּאַרע און ביינאַכט, ביים ליכט פון דער לבנה, הילט איין דער געדיכטער נעפּל דאָס גאַנצע פעלד מיט זיין בלוילעכער פייכטקייט. קוקט זיי נאָך ביז צום ים; דאָרט וועט איר טרעפן אַן אַנדער וואַסער, נאָך אַ שטורמישערס, וואָס דערהויבט זיך יעדן טאָג, מיט דער פלוט, און פאַרענדיקט דאָס וואָס דאָס ערשטע האָט נישט פאַרענדיקט; דער צפון־אָקעאַן איז פאַר דעם מענטשן פיינטלעך: דערמאָנט זיך די „עסטאַקאַדע״ פונם מאָלער רואיסדאעל און טוט אַ טראַכט וועגן די אָפטע שטורמ־ווינטן, וואָס שליידערן די רויט־געלע כוואַליעס און די אומגע־הויערע שוים־בערג אויף דעם שמאָלן און פלאַטשיקן ערד־פּאַס, וואָס איז שוין אַזוי אויך האַלב־דערטרונקען, דורכן פאַרברייטערן זיך פון די טייכן. אַ גאַרטל פון אינדזלען צווישן וועלכע איי־ניקע זענען אַזוי גרויס, ווי אונזערע אַ האַלבע פּראָווינץ, ווייזן אָן, לענגאויס דעם גאַנצן ים־ברעג, דידאָזיקע אויפזאַמלונג פון רעגן־וואַסערן און דעם שטורמישן שטויס פון די ים־וואַסערן — וואַלכערען, בעוועלאַנד פון צפון און בעוועלאַנד פון דרום, טאָלן, סכאָוווען, וואָרן, ביירלאַנד, טעקסעל, וויליעלאַנד און נאָך אַנדערע. טיילמאָל דרינגט דער ים אַריין און שאַפט אינווייניקסטע ימים ווי דעם ים האַרלעם, אָדער טיפע זאַטאַקעס, ווי זואידערזעען אויב בעלגיען איז אַן אָנשווימונג פון ערד, וואָס די טייכן האָבן אָנגעוואָרפן, איז האָלאַנד נישט מער ווי אַ הויפן בלאָטע, וואָס שטייט אין וואַסער. צו דערדאָזיקער אומגינסטיקייט פונם באָדן, לייגט נאָך צו די שאַרפקייט פונם קלימאַט, און איר וועט, ווי פון זיך גופא, קומען צו דער אויספירונג, אַז דאָסדאָזיקע לאַנד איז נישט געאייגנט פאַרן מענטשן, נאָר פאַר לאַנגפיסיקע בלאָטע־פויגל און פאַר ביבערס.

ווען די ערשטע גערמאַנישע שבטים זענען אַהינגעקומען אום דאָרט צו לאַגערן, איז נאָך ערגער געווען. אין דער צייט פון צעזאַרן און פון סטראַבאָנען איז האָלאַנד געווען בלויז אַ

בלאָטיק וואַלד; ווי רייזנדער פלעגן דערציילן האָט מען געקאָנט
דורכגיין פון בוים אויף בוים גאַנץ האָלאַנד און אַפילו מיטן פוס
די ערד נישט אָנרירן. פון די אויסגעריסענע דעמבעס, וואָס
זענען אַריינגעפאַלן אין די טייכן האָבן זיך געבילדעט טראַטוועס,
ווי היינט אויפן מיסיסיפי, און פלעגן באַשווערן דעם גאַנג פון
דעם רוימישן פלאָט. יאָר=יערלעך פלעגן די טייכן וואהאל, מאאס
און שעלדע אויסגיסן און גאַנץ ווייט פאַרטרינקען דעם פלאַטשיקן
באָדן. יעדעס יאָר פלעגן די האַרבסטיקע שטורעמס פאַרטרענקען
די באטאווישע אינדזלען; אין האָלאַנד פלעגט זיך אָן אויפהער
ענדערן דאָס אויסזען פון די ים=ברעגן. ס'האָט כסדר גערעגנט
און דער נעפל איז געווען זייער געדיכט, ווי אינם רוסישן אַמע=
ריקע; דער טאָג האָט געדויערט בלויז אַ דריי, פיר שעה. אַ
פעסטער שיכט אייז פלעגט יאָר=יערלעך צודעקן דעם רהיין. דער=
מיט, וואָס די ציוויליזאַציע צעגראָבט דעם פאַרוואָרלאָזטן באָדן,
מילדערט זי תמיד גלייכצייטיק דעם קלימאַט. דאָס ווילדע האָלאַנד
האָט דעמאָלט געהאַט אַזאַ קלימאַט, ווי נאָרוועגן. פירהונדערט
יאָר נאָך דער אינוואַזיע, האָט נאָך פלאנדערן געהייסן „דער
אומענדלעכער און אומברחמנותדיקער וואַלד". אין יאָר 1197 איז
די געגנט וואַעס, וואָס היינט שטעלט זי מיט זיך פאָר אַ גאָרטן
פון ירקות, געווען לחלוטין אומבאַארבעט, און די גלחים וואָס
האָבן דאָרט געוווינט, פלעגן כסדר זיין באַלאַגערט פון וועלף. נאָך
אינם 14=טן יאָרהונדערט פלעגן אין די וועלדער פון האָלאַנד
אַרומבלאָנדזשען גאַנצע סטאַדעס ווילדע פערד. דער ים פלעגט
פאַרכאַפן שטיקער יבשה. געגנט איז געווען אַ ים=פאָרט. אינם
ניינצטן יאָרהונדערט, טהעראן, סאנט=אָמער און בריגגע — אינם
12=טן, דאס אין 13=טן און סלואיס אינם 14=טן יאָרהונדערט.
ווען מען קוקט אָן האָלאַנד אויף די אַלטע מאַפעס, דער=
קענט מען עס שוין נישט *) — נאָך עד=היום זענען די איינ=
וווינער געצוווּנגען צו שיצן דעם באָדן פאַר די טייכן און
פאַרן ים. אין בעלגיען איז דער באָרטן פונם אָקעאַן נידדי=
קער, ווי די הויך=פלוט. די „פאָלדערס", וואָס זענען אַזוי=

*) מישיעלס, געשיכטע פון דער פלאַמענדישער מאָלעריי. ב.1. זייט
230; און שייעס, די נידערלענדער פאַר און בשעת דער רוימישער הערשאַפט

ערנאָך אַרויסגעריסן געוואָרן פֿונם ים, צעשפּרייטן זייערע ברייטע לימיקע פֿלאַכן, מיט זייער קלעביקער ערד, וואָס איז ווי געפֿאַרבט מיט פּיאָלעט-בלוילעכע אָפּגלאַנצן, צווישן דעמונגען, וואָס אַפֿילו אין אונזערע צייטן, טרעפֿט אויך אַמאָל, אַז די ערן דורכגעבראָכן. אין האָלאַנד איז די סכנה נאָך גרעסער, און יעדער אופֿן פֿון לעבן שיינט דאָרט צו זיין אַ דערווייליקער, שוין פֿון דרייצנהונדערט יאָר צייט, ווי מען ציילט דאָרט דורכשניטלעך איין גרויסע פֿאַרטרענקונג יעדע זיבן יאָר, אַ חוץ די קלענערע פֿאַרטרענקונגען: 100,000 מענטשן זענען דאָרט דערטרונקען געוואָרן אינם יאָר 1230, 80,000 אין 1287, 20,000 אין 1470, 30,000 אין 1570, 12000 אין 1717. אין די יאָרן 1776, 1808, 1825, און נאָך ערשט נישט לאַנג, זענען פֿאָרגעקומען ענלעכע חרבונות. די דאָלאַרט-בוכטע, וואָס איז 12 קילאָמעטער ברייט, און 35 טיף, דער זואידערזעע, וואָס פֿאַרנעמט אַ שטח פֿון 44 קוואַדראַט מיילן, זענען ים-אויסגוסן פֿונם 13-טן יאָרהונדערט. כדי צו באַשיצן די פּריז-פּראָווינץ האָט מען פֿאַרברויכט אַן ערך פֿון 22 מייל בוילן, איינגעגראָבענע אין דריי רייען, און וואָס קאָסטן צו 7 פֿלאָרינען יעדער בויל. כדי צו פֿאַרטיידיקן דעם ברעג פֿון האַרלעם, האָט מען געמוזט האָבן אַ דעמונג פֿון נאָרוועגישן גראַניט, וואָס זאָל האָבן 8 קילאָמעטער די לענג, 40 פֿוס די הייך, וואָס זאָל אַריינדרינגען 200 פֿוס ווייט צווישן די כוואַליעס. אַמסטערדאַם, וואָס ציילט אַן ערך 260,000 איינוווינער, איז אינגאַנצן געבויט אויף בוילן, וואָס האָבן ערטערווייז ביז 30 פֿוס די לענג. אַלע פּלעצער וווּ עס זענען געבויט די שטעט און דערפֿער פֿון דער פּריז-פּראָווינץ זענען קינסטלעך געשאַפֿענע. מען שאַצט אָפּ די פֿאַרטיידיקונגס-אַרבעטן צווישן דער שעלדע אינם דאָלאַרט, אויף אַ סכום פֿון זיבן און אַ האַלבן מיליאַרד. אָט פֿאַר וואָסער אַ פּרייז מען לעבט אין האָלאַנד; און ווער עס האָט געזען אין האַרלעם אָדער אין אַמסטערדאַם, ווי אַזוי די אומגעהויערע, געלבלעכע שטויס-כוואַליע קלויצעט זיך פֿאָראויס און כאַפּט אַרום, אויף ווי ווייט דאָס אויג זעט, דעם שמאָלן בלאָטיקן זוים פֿון דער שטאָט, דער וועט איינזען, אַז צוואַרפֿנדיק דעם ריז אַזאַ פּעטן ביסן,

האָט נאָך אַלץ דער מענטש זיך געראַטעוועט פאַר געגנוג ביליק *).
איצט שטעלט זיך פאָר, אין דעמדאָזיקן זומפּ, די אַלטע
גערמאַנישע שבטים, פישער און יעגער, וואָס בלאָנדזשען אויף
לעדערנע לודקעס, און זענען אָנגעטאָן אין אַ קאַפּטאַן פון פאָ-
קענע פעל, און באַרעכנט, אויב איר קענט, וואָסער אַן אָנ-
שטרענגונג דידאָזיקע באַרבאַרן האָבן געמוזט מאַכן איידער זיי
האָבן זיך אויסגעאַרבעט אַ באַוווינבאַרן באָדן און זיך פאַר-
וואַנדלט אין אַ ציוויליזירט פאָלק. מענטשן מיט אַנדערע כאַראַק-
טערן וואָלטן דאָס נישט באַוויזן אויפצוטאָן; די סביבה איז גע-
ווען אַ צו שלעכטע. ביי ענלעכע באַדינגונגען זענען די נידרי-
קערע ראַסעס פון קאַנאַדא און פונם רוסישן אַמעריקא פאַרבליבן
אין אַ ווילדן צושטאַנד; אַנדערע גוט באַגאַבטע ראַסן, די סעלטן
פון אירלאַנד און פון הויך-שאָטלאַנד זענען בלויז דערגאַנגען צו
ריטערלעכע זיטן און צו פּאָעטישע לעגענדן. דאָ האָט מען גע-
מוזט האָבן גוטע מיושבדיקע קעפּ, וואָס זאָלן פעאיק זיין אונ-
טערצוואַרפן דאָס געפיל אונטער דער ממשלה פונם געדאַנק,
איבערצוטראָגן מיט געדולד לאַנגווייל און מידקייט, אויף זיך צו-
נעמען דחקות און אַרבעט מיטן אויסזיכט אויף אַ שפּעטערן רע-
זולטאַט; בקיצור — אַ גערמאַנישע ראַסע; איך מיין מענטשן, וואָס
זענען מסוגל זיך צו פאַראייניקן, צו מאַטערן זיך, צו קעמפן, אָנ-
צוהויבן פון דאָסניי און כסדר צו פאַרבעסערן, צו דעמען די
טייכן, אָפּצושטעלן דעם ים, אויסצוטריקענען דעם באָדן, אויס-
צונוצן דעם ווינט, דאָס וואַסער, דעם פלאַכן באָדן, די ליימיקע
בלאָטע, צו שאַפן קאַנאַלן, שיפן, מילן, ציגל, רינדער-צוכט, אינ-
דוסטריעס און האַנדלס-פאַרבינדונגען. היות די שווערקייט איז
געווען געוואַלטיק גרויס, האָט דער פאַרשטאַנד אויסגענוצט אַלע
זיינע כחות, כדי זי בייצוקומען, ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגע-
געבן דעמדאָזיקן ציל, ובמילא האָט ער זיך אָפּגעקערט פון אַלעם
איבריקן. זיי האָבן אַלץ אָנגעווענדט כדי צו קענען עקזיסטירן,
זיך קליידן, עסן, זיך באַוואָרענען קעגן קעלט און פייכטקייט,
זיך צו פאַרזען מיט פרנסה, רייך צו ווערן, ווען עפּעס אַנדערש

*) זעט Alph. Espuiros, La Néerlande et la vie néerlan-
daise, 2 vol. in -8

האָבן זיי גאָר קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטן; דער גייסט איז געוואָרן דורך און דורך פּאָזיטיוו און פּראַקטיש. אין אַזאַ לאַנד איז נישט מעגלעך צו חלומען, צו פילאָזאָפירן אויפן דייטשן שטייגער, אַרומצוואַנדערן צווישן די חלומות פון דער פאַנטאַזיע און צווישן די מעטאַפיזישע שיטות *). מען ווערט תיכף צוריקגעריסן צו דער ערד; דער רוף צו טעטיקייט איז צו אַלגעמיין, צו דרינגנד און צו אומאויפהערלעך; אויב מען דענקט, איז עס מיט דער כוונה צו טאָן. אונטערן דרוק פון הונדערטער יאָרן בילדעט זיך אויס דער כאַראַקטער; דאָס וואָס איז געווען בלויז געוווינהייט ווערט אינסטינקט, די געשטאַלט, וואָס דער טאַטע האָט זיך דערוואָרבן, ווערט דורכן קינד געירשנט. אַרבעטער, אינדוסטריעלער, סוחר, געשעפטס-מענטש, באַלעבאַטישער מענטש, מענטש מיט שכל-הישר און נישט מער — ער איז פון געבורט אָן, און אָן מי, דאָס, וואָס זיינע אבות זענען געוואָרן דורך נויט און געצוווּנגענקייט **).

און חוץ דעם איז דערדאָזיקער פּאָזיטיווער גייסט געווען אַ רואיקער. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע פעלקער פון דעמזעלבן שטאַם, און ביי וועלכע דער גייסט איז נישט ווייניקער פּראַקטיש ווי זיינער, ווייזט זיך דער מענטש פון די נידערלענדער אַרויס אַלס בעסער גלייכגעוויכטיקט און אַלס מער פעאיק צופרידן צו זיין. מען באַמערקט נישט ביי אים די שטורמישע ליידנשאַפטן, די קריגערישע שטימונג, דעם אָנגעצויגענעם רצון, די בולדאָגישע אינסטינקטן, די גראַנדיעזע און פינצטערע גאווה וואָס דריי דעראָבערונגען אויף תמיד, און דאָס הונדערטיעריקע שלעפּן זיך פונם פּאָליטישן קאָנפליקט, האָבן איינגעפלאַנצט אין די הערצער פון די ענגלענדער. מען זעט נישט ביי אים די אומרואיקייט און דעם איבערגעטריבענעם באַדאַרף טעטיק צו זיין, וואָס די טרוקנקייט פון דער לופט, די שראָפע איבערגענג פון וואַרעמקייט צו קעלט,

---

*) אַלפרעד מישיעלס, געשיכטע פון דער פלאַמענדישער מאָלעריי, ב. 1, ז. 238. דערדאָזיקער ערשטער באַנד אַנטהאַלט מערערע אידייען אַלגעמיינע, וועלכע פאַרדינען אויפמערקזאַמקייט.

**) פּראָפעסער לוקאַס, וועגן דער ירושה, און דאַרווין, דער נאַטירלעכער אפקלייב.

און די שפע פון עלעקטרישער קראַפט, האָבן איינגעפלאַנצט אינם כאַראַקטער פון די אַמעריקאַנער פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ער לעבט אין אַ פייכטן אין איינפאָרמיקן קלימאַט, וואָס לאָזט נאָך די נערוון, אַנטוויקלט דעם לימפאטישן טעמפעראַמענט, מילדערט די אויפשטאַנדן, די אויסברוכן און די היציקייטן פון דער נשמה, מאַכט טעמפ די שאַרפקייט פון די תאוות, און לענקט דעם כאַראַקטער אין דער ריכטונג פון זינלעכן פאַרגעניגן און פון גוטער שטימונג. איר האָט שוין געהאַט באַגעגנט דידאָזיקע השפעה פונם קלימאַט, ווען מיר האָבן פאַרגליכן דעם גייסט פון דער ווענעציאַנער קונסט צום גייסט פון דער קונסט אין פלאָרענץ. — דאָ, איבעריקנס, זענען די געשעעענישן צוהילף געקומען דעם קלימאַט, און די געשיכטע האָט געאַרבעט אינם זעלבן זין, וואָס די פיזיאָלאָגיע. די מענטשן פון דידאָזיקע לענדער האָבן נישט געהאַט אויסצושטיין, ווי זייערע שכנים פון יענער זייט לאַמאַנש־קאַנאַל, אַ צוויי אָדער דריי אינוואַזיעס. דאָס אַריינרייסן זיך צו זיי פון א גאַנץ פאָלק, זאַקסן, דענער, נאָרמאַנען, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף זייער ערד; זיי האָבן נישט איבערגענומען בירושה די שנאה, וואָס די אונטערדריקונג, דער ווידערשטאַנד, די פאַרביטערונג, די דויערנדיקע אָנשטרענגונג, דער תחילת אָפענער און אַכזריותדיקער, דערנאָך שטילער און געזעצלעכער קריג גיבן איבער פון דור צו דור. זייט ימים קדמונים טרעפט מען זיי זיך באַשעפטיקן, ווי אין דער צייט פון פליניוסן, מיט אויסאַרבעטן זאַלץ, „זיי פאַראייניקן זיך לויט זייער אַלטן מנהג, כדי צו פאַרוואַנדלען אין אַקער־ערד די זומפּיקע שטחים" *), פריי אין זייערע גילדן, פאָדערן זיי זייער אומאָפהענגיקייט, זייער רעכט אויף אַן אייגן געריכט־וועזן, זייערע אוראַלטע פריווילעגיעס, זייערע עסקים באַשטייען אין גרויסן פיש־פאַנג, אין מסחר און אין אינדוסטריע, זיי רופן אָן זייערע שטעט פאָרטן, קורץ, מען טרעפט זיי געצוי, ווי גוואיטשאַרדיני האָט זיי געטראָפן אין 16־טן יאָרהונדערט, „זייער להוט נאָך פאַרדינסט און אויסקוקנדיק אויף רוח", דאָסדאָזיקע שטרעבן זייערס

*) מאָקע, זיטן און מנהגים פון די בעלגיער, 111, 115, Capitulaire du Xe Siécle.

זיך מיט אַלעם צו פֿאַרזען, האָט אָבער אין זיך נישט געהאַט קיין שום פֿיבער און קיין שום אומזין.״ זייער נאַטור איז אַ רויִקע און אַ פֿאַלשטענדיק געזעצטע. זיי געניסן פֿאָרזיכטיק און לויט געלעגנהייט פֿונם פֿאַרמעגן און פֿון אַנדערע וועלטלעכע זאַכן, קומען נישט לייכט אויס די כּלים, דאָס באַמערקט מען באַלד אין אָנהויב לויט זייער ריידן און לויט זייער אויסזען. זיי זענען נישט איבעריק מסוגל אין כּעס צו ווערן אָדער זיך צו גרויסן, נאָר זיי לעבן צווישן זיך, ווי גוטע מענטשן, און זענען ס׳רוב אין אַ פֿריילעכער און יוגנטלעכער שטימונג״. לויט זיין מיינונג, פֿאָדערט זייער אַמביציע נישט קיין סך און איז נישט צו ברייט אין איר פֿאַרנעם. אַ סך פֿון זיי לאָזן איבער באַצייטנס זייערע עסקים, און ווילן זיך מיט בויען, מיט לאָזן זיך וווילגיין, און מיט געניסן פֿונם לעבן. — אַלע פֿיזישע און מאָראַלישע אומשטענדן, די געאָגראַפֿישע און די פּאָליטישע לאַגע, דער הווה און דער עבר האָבן מיטגעווירקט צו דעמזעלבן ציל, דאָס הייסט צום אַנטוויקלען זיך פֿון איין פֿעאיקייט און איין ביייגונג אויפֿן חשבון פֿון די איבעריקע: געשיקטע אויפֿפֿירונג און געזעצטקייט, פּראַקטישן פֿאַרשטאַנד און מעסיקע תאוות; זיי ווייסן ווי אַזוי צו פֿאַרבעסערן די רעאַלע וועלט, און וואָס עס טוט זיך פֿון יענער זייט, קימערט זיי נישט.

ובאמת, באַטראַכט זייער ווערק: לויט זיין פֿאָלקאָמקייט און לויט זיינע חסרונות, גיט עס אַ באַגריף פֿון דער באַגרעניצטקייט און גלייכצייטיק פֿון דער מעכטיקייט פֿון זייער גייסט. די גרויסע פֿילאָזאָפֿיע, וואָס איז אין דייטשלאַנד אַזוי נאַטירלעך, די גרויסע דיכטונג, וואָס איז אַזוי בליִענד אין ענגלאַנד, האָבן ביי זיי לגמרי געפֿעלט. זיי זענען נישט ביכולת צו פֿאַרגעסן די זינלעכע וועלט און די ממשותדיקע ענינים, און אָפּגעבן זיך דעם ריין ספּעקולאַטיוון דענקען, נאָכצוגיין די דרייסטקייטן פֿון דער לאָגיק, זיך צו גריבלען אין די פֿיינסטע אַנאַליזן, זיך צו פֿאַרטיפֿן אין די טיפֿקייטן פֿון דער אַבסטראַקציע. זיי קענען נישט יענע געמיטס־באַוועגונגען, יענע געוואַלטיקייט פֿון פֿאַרדרענגטע געפֿילן, וואָס גיבן צו דעם סטיל אַ טראַגישן קלאַנג, און יענע בלאָנדזשנדיקע פֿאַנטאַזיע, יענע ליבע און מעכטיקע חלומות, וואָס שפּאַנען אַריבער איבער די קליינלעכקייטן פֿונם געוויינלעכן לעבן

און עפענען אויף פאַר די בליקן אַ נייעם קאָסמאָס. זיי פאַרמאָגן נישט קיין איין פילאָזאָף פון גרויסן פאַרנעם; זייער שפינאָזאַ איז אַ ייד, אַ שילער פון דעקאַרטן און פון די רבנים, אַן אָפגעזונדערטער פרוש, פון אַ גאַנץ אַנדער זשעני און אַ גאַנץ אַנדער ראַסע. קיין איינס פון זייערע ביכער איז נישט געוואָרן אייראָפעאיש, ווי די ביכער פון בערנס, קאָמאָענס, וואָס זענען דאָך אויך געבאָרן געוואָרן ביי אַזעלכע קליינע פעלקער. בלויז איין-איינציקער פון זייערע שרייבערס איז געלייענט געוואָרן דורך אַלע מענטשן פון זיין יאָרהונדערט — עראַזם, אַ סובטעלער שרייבער, ער האָט אָבער געשריבן לאַטיין, און לויט זיין דערציאונג, זיינע געשמאַקן, זיין סטיל, זיינע אידייען, געהער ער צו דער משפחה הומאַניסטן און געלערנטע פון איטאַליע. די אַלטע האָלענדישע דיכטער, יאַקאָב קאַטס, למשל, זענען ערנסטע און מיושבדיקע מאָראַליסטן, אַביסל צעצויגענע, וואָס לויבן די פריידן פון היימישקייט און פאַמיליען-לעבן. די פלעמישע דיכטער פון XIII-טן און XIV-טן יאָרהונדערט דערקלערן זייערע צוהערער, אַז זיי וועלן זיי נישט דערציילן קיין ריטערלעכע משלים, נאָר אמתע געשיכטעס, און גיבן איבער אין פערזן פראַקטישע סענטענציעס אָדער יענצייטיקע געשעענישן. זייערע רעטאָרישע שולעס האָבן אומזיסט קולטיווירט און אינסצעניזירט די פאָעזיע, — קיין איין טאַלענט האָט נישט געשאַפן פון דאָזיקן מאַטעריאַל קיין גרויס און שיין ווערק. ס'האָט זיך געטראָפן ביי זיי אַ כראָניקער, ווי שאַטעלען, אַ פאַמפלעטיסט, ווי מאַרני דע סענטאַלדעגאַנד; אָבער זייער דערציילונג ציט זיך ווי פון טייג און איז אָנגעשוואָלן; זייער באַרעדעוודיקייט איבערגעלאָדן, ברוטאַל און רוי, און דערמאָנט, נישט גרייכנדיק צו איר הויך, די גראָבע פאַרב און די ענערגישע שווערקייט פון זייער נאַציאָנאַלער מאַלעריי. ביי היינטיקס טאָג איז זייער ליטעראַטור כמעט אַ זעראָ. זייער איינציקער ראָמאַניסט, קאָנסיאַנס, הגם אַ גאַנץ גוטער אָבסערוואַטאָר, שיינט אונז צו זיין צו שווערוואַגיק און צו וווּלגאַר. ווען מען באַזוכט זייער לאַנד און מען לייענט זייערע זשורנאַלן, לכל הפחות די יעניקע, וועלכע ווערן נישט פאַבריצירט אין פאַריז, דאַכט זיך,

אַז מען פֿאַלט אַראָפּ ערגעץ אין אַ פּראָווינץ-שטאָט און אַפּילו נאָך נידריקער. די פּאָלעמיק זייערע איז אַ פֿאַרגרעבטע. זייערע מליצה-בלימלעך זענען פֿאַרעלטערט, זייער שפּאַס איז, ווי אַ קלאַפּ מיט אַ האַמער, זייערע וויצן — טעמפּ; גראָבע פֿריילעכקייט אָדער גראָבער כּעס — איז זייער גאַנצער אינהאַלט; אַפּילו די קאַריקאַטורן גופא זענען אונדז אויס אומגעלומפּערט. אויב מען זוכט דעם טייל, וואָס זיי האָבן אינם בנין פֿונם מאָדערנעם געדאַנק, געפֿינט מען איין, אַז זיי האָבן געדולדיק, מעטאָדיש און ווי אָרנטלעכע אַרבעטער, אויסגעהאַקט עטלעכע שטיינער פֿאַרן בנין. זיי קאָנען אָנווייזן זייער אַ וויסנשאַפֿטלעכע פֿילאָלאָגישע שול אין לעידען, יוריסטן, ווי גראָטיוס, נאַטורפֿאָרשער און מעדיצינער, ווי לעווענהעק, שוואמערדאם און בערהאווע, פֿיזיקער, ווי הויגענס, קאָסמאָגראַפֿן, ווי אָרטעליוס און מערקאַטאָר. קורץ, אַ קאָנטינגענט מענטשן ספּעציאַליסטן און נוצלעכע, אָבער נישט פֿון יענע שעפֿערישע גייסטער, וואָס עפֿנען אויף דער וועלט גרויסע, אָריגינעלע בליקן, אָדער, וואָס פֿאַרקערפּערן זייערע געדאַנקען אין שיינע פֿאָרמען, וואָס זענען פֿעאיק צו ווירקן אויף דער גאַנצער וועלט. זיי האָבן איבערגעלאָזט פֿאַר זייערע שכנישע פֿעלקער די ראָליע וואָס עס האָט געשפּילט די פֿאַרחלומטע מרים ביי די פֿיס פֿון ישוען; זיי האָבן פֿאַר זיך פֿאַרהאַלטן די ראָלע פֿון מאַרטהען: אין 17-טן יאָרהונדערט האָבן זיי געגעבן קאַטעדרעס די געלערטע פּראָטעסטאַנטן, וואָס זענען אויסגעוויזן געוואָרן פֿון פֿראַנקרייך, אַ פֿאָטערלאַנד פֿאַרן פֿרייען געדאַנק, וואָס איז גרודפֿט געוועזן אין גאַנץ אייראָפּע, פֿאַרלייגער פֿאַר כלערליי וויסנשאַפֿטלעכע און פּאָלעמישע ביכער; שפּעטער האָבן זיי צוגעשטעלט דרוקער פֿאַר אונדזער גאַנצער פֿילאָזאָפֿיע פֿונם 18-טן יאָרהונדערט און צום סוף — בוכהענדלער, מעקלער און אַפּילו נאָכדרוקער פֿון דער גאַנצער מאָדערנער ליטעראַטור. ביי די אַלע זאַכן געווינען זיי, ווייל זיי קענען שפּראַכן, לייענען ביכער און זענען געבילדעט; בילדונג איז אַ זאַך, וואָס מען דאַרף דערווערבן און זיך מיט איר פֿאַרזען אַזוי גוט, ווי מיט אַנדערע זאַכן. אָבער נאָר דערביי האַלטן זיי זיך, און נישט זייער אַלטע ווערק, נישט זייערע נייע ווייזן אַרויס דאָס באַדערפֿעניש און די פֿעאיקייט צו באַטראַכטן די אַבסטראַקטע

וועלט, פון יענער זייט זינלעכער, און די וועלט פון פאַנטאַזיע פון יענער זייט וועלט פוןווירקלעכקייט.

אַדרבה, זיי האָבן זיך אַלעמאָל אויסגעצייכנט און צייכנען זיך נאָך היינט אויס אין אַלע קונסטן, וועלכע מען רופט אָן „בוצלעכע". „זיי זענען געווען די ערשטע צווישן די טראַנסאַלפּי־נישע פעלקער, זאָגט גוואיטשיאַרדיני, וואָס האָבן דערפונדן וואָל־שטאָפן". ביז אין יאָר 1404 זענען זיי געווען די איינציקע, וואָס האָבן פאַרשטאַנען ווי אַזוי זיי צו שפינען און צו פאַבריצירן; ענגלאַנד האָט זיי צוגעשטעלט די וואָל; די ענגלענדער האָבן נאָך דעמאָלט נישט מער געקאָנט, ווי אויפציען שאָף און זיי שערן. אין סוף 16־טן יאָרהונדערט — און דאָס איז געווען אין אייראָפּע אַ חידוש — „קענען זיי כמעט אַלע, און אַפילו די פויערן, לייענען און שרייבן; ס'רוב פון זיי ווייסן אַפילו גראַמאַ־טישע כּללים". דערפאַר טרעפט מען דאָרט רעטאָרישע קלובן, דאָס הייסט געזעלשאַפטן פאַר שיינרעדנער־קונסט און פאַר טעאַ־טער־פאָרשטעלונגען, אַפילו אין די קליינע שטעטלעך. דאָס אַלץ באַווייזט צו וואָסער אַ מדרגה פון פאָלקאָמענהייט זיי האָבן שוין געהאַט דערפירט זייער ציוויליזאַציע. „זיי האָבן, זאָגט גוואיטשאַר־דיני, אַ באַזונדערן טאַלאַנט און אַ באַזונדער הצלחה צו ערפינדן גאַנץ שנעל כּלערליי פאַסיקע און שכלדיקע מאַשינען צו פאַר־לייכטערן, צו פאַרקירצן און צוצואיילן אַלץ, וואָס זיי מאַכן, אַפילו אין קיך־זאַכן". אין אמתן זענען זיי צוזאַמען מיט די איטאַליענער, די ערשטע, וואָס האָבן דערגרייכט אין אייראָפּע צו וווילשטאַנד, רייכקייט, זיכערקייט, פרייהייט, באַקוועמלעכקייט און צו אַלע גוטע זאַכן, וועלכע זעען אונז אויס צו זיין אַן אייגנטום פון דער מאָדערנער צייט. אין 13־טן יאָרהונדערט, איז די שטאָט בריגע געשטאַנען אַזוי הויך, ווי ווענעדיק; אינם 16־טן יאָרהונ־דערט איז אַנטווערפן געווען די הויפּטשטאָט פאַר האַנדל און אינדוסטריע אין צפון. גוואיטשאַרדיני ווערט גאָרנישט מיד צו לויבן דידאָזיקע שטאָט; ובאמת האָט ער זי נאָך געהאַט געזען אומבאַרירט און בליענד, פאַר דער שרעקלעכער באַלאַגערונג פון 1585. אין 17־טן יאָרהונדערט, פאַרנעמט דאָס פרייגעבליבענע האָ־לאַנד אַן ערך הונדערט יאָר צייט דאָס אָרט, וואָס ענגלאַנד פאַרנעמט היינט אין דער וועלט; אַפילו ווען פלאַנדערן פאַלט

אַריין צוריק אין די הענט פון די שפּאַניער, ווען עס ווערט צעטראָטן דורך די מלחמות פון לואי דעם 14־טן, ווען עס ווערט איבערגעגעבן צו עסטרייך, ווען עס דינט אַלס שלאַכטפעלד פאַר די מלחמות פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע; פאַלט עס קיינמאָל נישט אַרונטער צו דעם מצב פון איטאַליען אָדער פון שפּאַניען; דער האַלב־ווילשטאַנד, וועלכן עס באַהאַלט, טראָגט דער ווידערהאָלטער אינוואַזיע און דעם אומגעלומפּערטן דעספּאָטיזם, זאָגט עדות אויף דער ענערגיע פון זיין שטאַרקן שכל־הישר, און אויף דער פרוכטבאַרקייט פון זיין פלייסיקער אַרבעט.

ביים היינטיקן טאָג איז צווישן אַלע לענדער אין אייראָפּע, בעלגיען דאָס איינציקע לאַנד, וואָס שפּייזט אויף אַ שטח ערד, וואָס איז גלייך צו זיינעם, אַממערסטנס איינוווינער; זי דערנערט צוויי מאָל אַזויפיל וויפיל פראַנקרייך; דער דעפּאַרטאַמענט, וואָס איז ביי אונז אַממערסטן באַפעלקערט, דער צפון־דעפּאַרטאַמענט, איז אַ שטיק לאַנד, וואָס לואי דער 14־טער האָט פון בעלגיען אָפּגעריסן. שוין צוקומענדיק נעענטער צו די שטעט ליל און דוהיי, זעט מען זיך אויסשפּרייטן, אין דער פאָרם פון אַן אומבאַגרענעצטן קרייז, אַזש ביז צום האָריזאָנט, דעם גרויסן, פלאַכן ירקות־גאָרטן, דער באָדן איז פרוכטבאַר און טיף, בונט געפאַרבט פון שטייענדיקע בינטלעך תבואה, פון מאָן־פעלדער, פון בייטן בוראַקעס מיט שווערע בלעטער, פעט דורכגעבריטע דורך אַ נידריקן הימל, אַ וואַרעמען, אַ פאַרנעם. צווישן בריסל און מעכעלן הויבט זיך אָן די אומגעהויערע לאָנקע, וואָס איז דאָ און דאָרט דורכגעשטרייפט מיט אַ שורה טאָפּאָלעס, דורכגעשניטן פון פייכטע ראָוועס און אָפּצוימונגען, ווו ס׳פּאַשען זיך בהמות אַ גאַנץ יאָר; אַן אומדערשעפּלעכער לאַגער פון פּאַשע, מילך, קעז און פלייש. אַרום קענט און בריגע, איז די געגנט פון וואַעס „דער קלאַסישער באָדן פאַר אַקערבוי", וואָס ווערט גענערט מיטן מיסט, וואָס מען קלייבט צונויף אין דעם גאַנצן לאַנד, און מיטן מיסט, וואָס מען ברענגט אַזש פון זעלאַנד. אַזוי אויך איז האָלאַנד נישט מער, ווי אַ פּאַשעפעלד, אַ נאַטירלעך־וואַקסנדיקס, וואָס אָנשטאָט אָפּצוצערן דעם באָדן, דערפרישט עס אים, פאַרשאַפט די אייגנטימער זיינע פּראָדוקטן אין דער פולסטער מאָס און גרייט צו פאַר די קאָנסו־

מיגנטן די קרעפטיקסטע נערונגס-מיטלען. אין האָלאַנד, אין בואיקסלאָט, זענען פאַראַן קראָוויאַזשעס מיליאָנערן, און אין אַלע צייטן האָבן, אין די אויגן פון אויסלענדער, די נידערלענדער אויסגעזען צו זיין דאָס פאָטערלאַנד פון זולל-וסובהשאַפט. — אויב פון דער ערד-אַרבעט טראָגט איר איבער אייערע בליקן צו דער אינדוסטריע, באַגעגנט איר אומעטום די קונסט, וואָס זיי באַזיצן, צו עקספלואַטירן יעדע זאַך, און פון איר אַרויסצוציען דעם געהעריקן נוצן. פאַר זיי האָבן זיך די הינדערנישן פאַרביטן אויף הילפס-מיטלען. דער באָדן איז געווען פלאַך און דורכגענעצט פונ׳ם וואַסער; זיי האָבן דאָס אויסגענוצט, און אים צוגעדעקט מיט קאַנאַלן און מיט אייזנבאַנען; אין קיין אָרט אין אייראָפע זענען די קאָמוניקאַציע און טראַנספאָרט-מיטלען נישט אַזוי פאַרצווייגט. עס האָט זיי געפעלט האָלץ, האָבן זיי געגראָבן אין די טיפענישן פון דער ערד, און די בעלגישע שטיינקויל-גרובנס זענען אַזוי רייך, ווי די ענגלישע. די טייכן האָבן זיי געשטערט מיט זייערע פאַרטרענקונגען און אָזיערעס אין לאַנד האָבן ביי זיי צוגענומען גאַנצע שטחים ערד, האָבן זיי אויסגעטריקנט די אָזיערעס, געדעמט די טייכן און נוצן אויס דעם פעטן שלאַם, דעם לאַנגזאַמען אָפזאַץ פון פלאַנצונגס-ערד, וואָס די איבערשטרוימענדע אָדער שטייענדיקע וואַסערן האָבן פאַרשפרייט איבערן באָדן. זייערע קאַנאַלן פירן, מאַכן זיי מיט זייערע שליט-שיך, ווינטער, פינף מייל אַ שעה. דער ים האָט זיי באַדרויט, זיי האָבן אים איינגעהאַלטן און זיך מיט אים באַנוצט צו פאָרן האַנדלען מיט אַלע פעלקער. דער ווינט האָט געבושעוועט אָן אָפהאַלט איבער זייער פלאַכן לאַנד און איבער זייער ברויזנדיקן אָקעאַן, האָבן זיי אים אויסגענוצט אָנצובלאָזן די לייוונטן פון זייערע שיפן, צו באַוועגן די פליגל פון זייערע מילן. אין האָלאַנד וועט איר באַמערקן אומעטום ווו די וועגן קערן זיך, איינעם פון די ריזיקע בנינים, וואָס האָבן הונדערט פוס די הייך, וואָס זענען פאַרזען מיט צאָנרעדער, מיט מאַשינען, מיט פאָמפעס, וואָס ווערן באַנוצט אויסצוליידיקן דעם איבערפלוס פונם וואַסער, צו זעגן בעלקעס און צו פאַבריצירן אייל. פונם דאַמף-שיף, קעגנאיבער אַמסטערדאַם, זעט מען זיך ציען, ווי ווייט דער בליק קען נאָר גרייכן, אַן אומענדלעך שפינגעוועב, אַ דינע פראַנזן-אַרבעט, אַן אומדייטלעכע

און קאָמפּליצירטע, מאַסטן פון שיפן, פליגלען פון מילן, וואָס כאַפּן אַרום דעם האָריזאָנט מיט זייערע אומצאָליקע פאַסן. דאָס אַלץ מאַכט דעם איינדרוק, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ לאַנד, וואָס איז דורך און דורך געענדערט געוואָרן דורך דעם מענטשנס האַנט און קונסט, אָפּטמאָל אפילו פאַבריצירט אין אַלע זיינע חלקים, ביז עס איז געוואָרן באַקוועם און פּראָדוקטיוו.

לאָמיר גיין ווייטער, לאָמיר זיך דערנענטערן צום מענטשן, און לאָמיר באַטראַכטן דאָס ערשטע פון זיינע אויסערלעכקייטן, דאָס הייסט זיין דירה. אין דאָזיקן לאַנד זענען נישטאָ קיין שטיינער; זיי האָבן געהאַט בלויז אַ ליימיקן באָדן, און וועלכן עס זענען געזונקען די פיס פון מענטשן און פערד. זענען זיי אָבער געפאַלן אויפן געדאַנק צו ברענען דידאָזיקע ליימיקע ערד און אַזוי אַרום באַקומען אונטער דער האַנט ציגל און דאַכאָוקעס, וואָס זענען דער בעסטער שוץ קעגן פייכטקייט. איר זעט גוט־פאַרטראַכטע בנינים, אָנגענעמע פאַרן אויג, רויטע, ברוינע, ראָזע ווענט, באַדעקטע מיט גלאַנציקן טינק, ווייסע לאַקירטע פאַסאַדן, אָפּטמאָל באַצירט מיט בלומען און געליימטע חיות, מיט מצבֿליאָנען, מיט זיילכעלעך. אין די אַלטע שטעט האָט די שטוב אָפט אַן איבערבוי, באַקראַנצט מיט אַרקאַדן, מיט אויסגעשניצטע צווייגן און בלעטער, פאַרענדיקט, אויפן שפּיץ, מיט אַ פויגל, אַן עפּל, אַ ביוסט; דידאָזיקע שטוב שטעלט נישט פאָר מיט זיך, ווי אין אונזערע שטעט, אַ המשך פון איר שכן, אַן אָפּטייל פון דער גרויסער קאַזאַרמע, נאָר אַ זאַך פאַר זיך, באַשאַפן מיט אַן אייגענעם אייגנאַרטיקן כאַראַקטער, גלייכצייטיק אינטערעסאַנט און מאַלעריש. נישטאָ עפּעס בעסער אָפּגעהיטס און ריינערס: אין דוע לאָזן די אָרימסטע איינמאָל אַ יאָר אָפּווייסן זייערע שטיבער פון אויסנווייניק און אינעווייניק, און די מאַלערס דאַרף מען באַשטעלן מיט זעקס חדשים פריער. אין אַנטווערפּן, אין גענט, אין בריג, און באַזונדערס אין די קליינע שטעטלעך, זענען די מייסטנס פאַסאַדן תמיד אויס ווי ניי־געפאַרבט אָדער נעכטן אָפּגעפרישט. אומע-

טום האַלט מען אין איין וואַשן און קערן. ווען מען קומט אָן קיין האָלאַנד באַמערקט מען, אַז די זאָרג פֿאַר ריינקייט איז דאָרט נאָך אַ גרעסערע און אַ מער איבערגעטריבענע. פֿון פֿינף אַ אַ זייגער אין דערפֿרי אָן זעט מען שוין שטיין די דינסטן און וואַשן און שאַרן די טראָטואַרן. אַרום אַמסטערדאַם זעען די דערפֿלעך אויס, ווי זיי וואָלטן געווען דעקאָראַציעס פֿון אַן אָפּערן־קאָמעדיע — אַזוי אָפּגעצאַצקעט, אָפּגעשטויבט זענען זיי. פֿאַראַן קי־שטאַלן וואָס די פֿוס־באָדנס זייערע זענען ווי די דילן פֿון אַ וווינונג; מען גייט אין זיי אַריין נאָר אין פּאַנטאָפֿל אָדער אין האָלץ־שיך, וואָס ווערן צו דעם צוועק אָוועקגעשטעלט ביים שטאַל; אַ בלאָטע־פֿלעק וואָלט דאָרט אַרויסגערופֿן אַ גאַנצן סקאַנדאַל, מכּל־שכּן — אַביסל מיסט; די עקן ביי די קי זענען אונטערגעבונדן מיט אַ קליין שטריקל, כּדי זיי זאָלן זיך נישט שמוציק מאַכן. די וועגענער איז פֿאַרבאָטן אַריינצופֿאָרן אין שטאָט אַריין; די טראָטואַרן פֿון ציגל און פֿון בלוילעכן האַלבפּאָרצעלאַן זענען זויבערער, ווי ביי אונז אַ פּאָרצימער. האַרבסטצייט קומען קינדער און נעמען צוזאַמען אויף די גאַסן די אַראָפּגעפֿאַלענע בלעטער און באַגראָבן זיי ערגעץ ווו אין אַ לאָך. די קליינע צימערלעך זענען דאָרט אויס ווי קאַבינעס אין אַ שיף, און אומעטום הערשט אין זיי די זעלבע אָרדנונג און די זעלבע אָפּגעהיטקייט, וואָס אין אַ שיף. אין דער שטאָט ברוק, זאָגט מען, איז פֿאַראַן, אין יעדן הויז, איין הויפּט־צימער, אין וועלכן מען גייט אַריין נאָר איינמאָל אין דער וואָך, כּדי דאָרט אָפּצווישן און אָפּצופּוצן דאָס מעבל, און באַלד דערנאָך שליסט מען עס גאַנץ פֿעסט צו; אין אַ לאַנד, וואָס איז אַזוי פֿייכט, ווערט יעדער פֿלעק באַלד פֿאַרוואַנדלט אין אַן אומגעזונטן שימל; היות דער מענטש איז דאָרט געצוווּנגען צו אַ פֿיינלעכער ריינקייט, שטעקט ער זיך אָן מיט דער געוווינהייט, פֿילט דערצו אַ באַדערפֿניש און קאָן זיך, סוף־כּל־סוף, שוין אָן איר נישט באַגיין. עס וואָלט אייך אָבער הנאה געטאָן צו באַטראַכטן, אין דעם מינדסטן געסל פֿון אַמסטערדאַם, אַן איינפֿאַכע שענק, אירע ברוינע פֿעסער, איר זויבערן לאָדן־טיש, אירע אָפּגעווישטע בענקלעך, יעדע זאַך אויף איר אָרט, דעם גוט אויסגענוצטן שמאָלן רוים, דאָס קלוגע און באַקוועמע אויסשטעלן פֿון אַלע כּלים. גוואַיטשאַר-

דיני האָט שוין געהאַט באַמערקט, אַז „זייערע הייזער און זייערע מלבושים זענען זויבער, שיין, גוט פֿאַרריכט, אַז זיי האָבן אַ מאַסע מעבל, געפֿעס, שטוב-מכשירים, און אַלץ ווערט געהאַלטן אין אַ ווונדערבאַרער אָרדנונג און ריינקייט, בעסער ווי אין אַלע אַנדערע לענדער". מען דאַרף אָנקוקן די באַקוועמע איינאָרדנונג פֿון די דירות, באַזונדערס, אין די בירגערלעכע הייזער: טעפּיכער, סצראַטעס אויף די דילן, ביליקע און וואַרעמע קאַמינען פֿון אייזן אָדער פֿון פֿאַיאַנס, דרייפֿאַכע פֿאָרהאַנגען ביי די פֿענסטער. ליכטיקע שויבן מיט שוואַרצע גלאַנציקע זאַוויאַסעס, וואַזעס מיט ראָזע בלומען און מיט גרינע פֿלאַנצן, אַ מאַסע שפּילערייען, וואָס זאָגן עדות אויף דעם היימזיצערישן געשמאַק, און וואָס מאַכן אָנגענעם דאָס הויזלעכע לעבן, שפּיגלען אויסגעשטעלט אויף אַזאַ אופֿן, אַז זיי זאָלן אָפּשפּיגלען די פֿאַרבייגייער און דאָס זיך בייטנדיקע אויסזען פֿון דער גאַס. יעדע איינצלהייט ווייזט אָן אויף עפּעס אַ שווערקייט, וואָס מ'האָט באַזייטיקט, אויף אַ באַדערפֿעניש, וואָס מ'האָט באַפֿרידיקט, אויף עפּעס אַ וויגאָדע, וואָס מ'האָט זיך געמאַכט, אָדער, אַז מ'האָט פֿאַר עפּעס וואָס געזאָרגט; קורץ — אַ ממשלה פֿון טאַט און פֿאָרזעעוודיקייט און פֿון זאָרגפֿעלטיקן ווילשטאַנד.

און באמת, דער מענטש איז נישט אַנדערש, ווי דאָס ווערק זיינס ווייזט אים. זייענדיק אַזויערנאָך פֿאַרזען און געשטימט, געניסט ער און פֿאַרשטייט צו געניסן. דער פּעטער באָדן שאַפֿט אים אַ שפּעדיקע חיונה, פֿלייש, פֿיש, געמיזן, ביר, בראָנפֿן; ער עסט און טרינקט צו פֿולער זאַטקייט, און, אין בעלגיען האָט זיך דער גערמאַנישער אַפּעטיט, נישט ווערנדיק קלענער, פֿאַרפֿיינערט, און זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ גאַסטראָנאָמיש געפֿיל. די קיך איז דאָרט אַ ראַפֿינירטע און איז אויסגעצייכנט אפֿילו אין די גאַסט-הייזער, וועלכע זענען, דאַכט מיר, די בעסטע אין איירָאָפּע. פֿאַראַן אַ גאַסט-הויז אין דער שטאָט מאָנס, וווהין די מענטשן פֿון די אַרומיקע קליינע שטעטלעך קומען יעדן שבת בכיוון צו עסן מיטאָג און צו געניסן פֿון אַ פֿיינעם מאָלצייט. אייגענער ווײַן פֿעלט ביי זיי, אימפּאָרטירן זיי אָבער פֿון דייטשלאַנד און פֿון פֿראַנקרייך, און רימען זיך, אַז זיי האָבן ווײַן פֿון אונזערע בעסטע טרויבן; לויט זייער מיינונג

האָבן מיר נישט פאַר אונזערע וויינען דעם געהעריקן דרך־ארץ מען דאַרף זיין אַ בעלגיער, כדי צו וויסן, ווי מיט זיי אומצוגיין, און פון זיי צו געניסן, ווי עס דאַרף צו זיין; ס׳איז נישט פאַראַן קיין איין וויכטיקער האָטעל, וואָס זאָל נישט זיין פאַרזען מיט פאַרשיידענערליי בעסערע וויינען; דערדאָזיקער אויסוואַל איז זיין גאַנצער יחוס, און שאַפט אים זיין קליענטעלע; בעתן רייזן אין די באַנען, דרייט זיך גערן דאָס געשפּרעך אַרום די מעלות פון די צוויי וויין־קעלערס, וואָס קאָנקורירן מיט אַנאַנדער. דער איז אַ סוחר, אַן עקאָנאָמישער מענטש, און איר טרעפט אין זיינע קעלערס, באַגראָבענע אין זאַמד, אַ צוועלף טויזנט גוט סאָרטירטע פלעשער וויין — אָט דאָס איז זיין ביבליאָטעק. יענער איז אַ בירגער־מייסטער אין אַ קליין האָלענדיש שטעטל; ער פאַרמאָגט אַ פאַס עכטן יאָהאַניסבערגער, וואָס די טרויבן זיינע זענען געקליבן געוואָרן אין אַ יאָר פון גערעטעניש. און דערדאָזיקער פאַס וויין פאַרגרעסערט נאָך דעם דרך־ארץ, וואָס מ׳האָט פאַר זיין בעל־הבית. דאָרט, אַז אַ מענטש פאַרבעט געסט אויף מיטאָג, פאַרשטייט ער, ווי אַזוי צו סאָרטירן ביים טיש וויינען, אויף אַזאַ אופן, אַז דער חוש־הטעם זאָל נישט אָפּגעשוואַכט ווערן, און אַז די געסט זאָלן קענען טרינקען, וואָס מער. — וואָס איז נוגע די פאַרגעניגנס פון די אויערן און פון די אויגן, פאַרשטייען זיי זיך אויף זיי פונקט אַזוי גוט, ווי אויף די פאַרגעניגנס פונם גומען און פון דעם מאָגן. זיי האָבן בטבע ליב מוזיק, בעת מיר געניסן פון איר אַ דאַנק דער דערציאונג. אין 16־טן יאָרהונדערט זענען זיי די ערשטע אין דערדאָזיקער קונסט; גואיטשיאַרדיני זאָגט, אַז זייערע זינגער און זייערע שפּילער ווערן געזוכט אין אַלע הויפן פון דער קריסטלעכער וועלט; אין אויסלאַנד שאַפן זיך זייערע פּראָפעסאָרן אָנהענגער, און זייערע קאָמפּאָזיציעס ווערן באַטראַכט פאַר געזעצן. נאָך היינט באַגעגנט מען דאָרט, אפילו ביי מענטשן פונם המון, די גרויסע מוזיקאַלישע באַגאַבונג און די פעאיקייט צו זינגען אין כאָר; די קוילן־גראָבן־אַרבעטער שאַפן זיך כאָר־געזעלשאַפטן; איך האָב געהערט אַרבעטער, אין בריסל און אין אַנטווערפן, סמאָלאַזשעס און מאַטראָזן, אין אַמסטערדאַם, וועלכע האָבן געזונגען אין כאָר זייער קאָרעקט, הן בעת דער אַרבעט, הן

בעת זיי זענען אין אָוונט אַרויס אויף דער גאַס. ס'איז נישט פאַראַן אין בעלגיען קיין איין גרויסע שטאָט, ווו דער גלאָק אויפן וואַך־טורם זאָל נישט, יעדעס פערטל שעה, דערפרייען דעם בעל־מלאכה אין זיין ווערקשטאַט, און דעם קרעמער אין זיין קראָם, מיט דער זעלטענער האַרמאָנישקייט פון זיין מעטאַלישן געקלאַנג. אַזוי אויך זענען זייערע ראָט־הייזער, די פאַסאַדן פון זייערע בנינים, אפילו די אַלטמאָדישע טרינק־גלעזער זייערע מיט די קאָמפּליצירטע באַפּוצונגען, געדרייטע ליניעס, אייגנאַרטיקן און טיילמאָל פאַנטאַסטישן איינפאַל, זייער אָנגענעם פאַרן אויג. צו דעם גיט נאָך צו די ליכטיקע און גוט צוגעקליבענע פאַרבן פון די מויערן־ציגל, די שפּע ברוינע און רויטע פאַרבן, אונטערגעשטראָכענע מיט ווייסן, וואָס צעשפּרייטן זיך איבער די דעכער און איבער די פאַסאַדן, זענען אודאי, די נידערלענדישע שטעט, אויף זייער שטייגער, פּונקט אַזוי מאָלעריש, ווי די איטאַליענישע. פון אַלע צייטן האָבן זיי ליב געהאַט די יאַרידים, די פעסטלעכקייט פון געיאַנט, די שפּאַציר־גענג פון די קאָרפּאָראַציעס, דאָס פאַראַדעווען און דאָס ווייזן זיך מיט קאָסטיומען, און שטאָפן; איך וועל אייך ווייזן די פּראַכט, לויט איטאַליענישן שטייגער, פון די אַריינמאַרשן אין די שטעט און פון דעם צערעמאָניאַל פונם 15־טן און 16־טן יאָרהונדערט. זיי זענען נישט ווייניקער פיינשמעקער, ווי נאַשערס אין הילכת ווילשטאַנד, און גאַנץ רעגלמעסיק, געלאַסן, אָן התפעלות און אָן פיבער, קלייבן זיי צונויף אַלע אָנגענעמע צוזאַמענזעצונגען פון טעמים, קלאַנגען, פאַרבן און פאָרמען, וואָס ווערן געבוירן אין זייער מזל־ברכה און אין זייער שפּע, ווי טולפּאַנעס אויף מיסט־ערד. די אַלע זאַכן צוזאַמען זענען גורם צו אַ שכל־הישר, וואָס איז אַביסעלע קורץ, און צו אַ גליק, וואָס איז אַ ביסעלע גראָב; אַ פראַנצויז וואָלט דאָרט גאַנץ שנעל געגענעצט; און ער וואָלט נישט געווען גערעכט; דידאָזיקע קולטור, וואָס זעט אַים אויס שווערפעליק און פּראָסט, פאַרמאָגט אירע אַ באַזונדערע מעלה: זי איז אַ געזונטע; די מענטשן וואָס לעבן דאָרט פאַרמאָגן אַ באַגאַבונג, וואָס פעלט אונז אַממערסטן — געזעצקייט, און אַ באַלוינונג צו וועלכער מיר זענען שוין אפילו נישט ראוי — צופרידנקייט.

אַזוי זעט אויס אין אָט דעם לאַנד דאָס מענטשלעכע געוויקס, עס בלייבט אונז איצט איבער צו באַטראַכטן די בליטן זיינע — די קונסט. דידאָזיקע פלאַנץ איז די איינציקע, צווישן אַלע צווייגלעך פונם שטאַם, וואָס האָט ארויסגעבראַכט אַ פולשטענדיקע בליאונג; די מאָלעריי, וואָס אַנטוויקלט זיך אַזוי גליקלעך און אַזוי נאַטירלעך אין די נידערלענדער, פאַלט דורך ביי די אַנדערע גערמאַנישע פעלקער; און די סיבה פון דערדאָזיקער שיינער פריווילעגיע געפינט זיך אינם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, וואָס מיר האָבן פעסטגעשטעלט.

כדי צו פאַרשטיין און ליב צו קריגן מאָלעריי, איז נויטיק, אַז דאָס אויג זאָל זיין עמפינדלעך אויף פאָרמען און אויף פאַרבן, אַז אָן דערציאונג און לערע, זאָל עס הנאה האָבן אָנצוקוקן אַ פאַרבן־טאָן נעבן אַ פאַרבן־טאָן; אַז עס זאָל זיין פיינפילנד אויף אָפּטישע איינדרוקן; דער מענטש, וואָס איז בטבע אַ מאָלער, מוז קענען פאַרכאַפּט ווערן פון דער רייכער האַרמאָניע צווישן אַ רויט מיט אַ גרין, פון די בהדרגהדיקע ליכט־איבערגענג, וואָס טונקעלן און פאַרענדערן זיך, פונם שימער פון זייד אָדער אַטלאַס, וואָס צעגיסט זיך, לויט די קנייטשן, די פאַרטיפונגען און די דערווייטערונגען זיינע, אין אָפּגלאַנצן פון אָפּאַלשטיינער, אין נעפּלדיקע ליכט־שפּיגלונגען, און קוים באַמערקבאַרע בלוי־פאַרביקייטן. דאָס אויג איז אַ פיינשמעקער, ווי דאָס מויל, און די מאָלעריי איז אַ געשמאַקע סעודה, וואָס מען דערלאַנגט אים. אָט דערפאַר האָבן דייטשלאַנד און ענגלאַנד נישט געהאַט קיין גרויסע מאָלעריי. — אין דייטשלאַנד האָט די צו שטאַרקע ממשלה פון אַבסטראַקטע אידייען נישט געלאָזט קיין אָרט פאַרן אָפּטישן געפיל. די ערשטע שול, די פון קעלן, האָט געמאָלט נישט קיין גופים, נאָר מיסטישע, פרומע און צאַרטע נשמות. דער גרויסער דייטשער קינסטלער פונם 16־טן יאָרהונדערט, אַלבערט דירער, הגם ער האָט געקענט די איטאַליענישע מייסטערס, פאַרבלייבט דאָך ביי זיינע אומחנעוודיקע פאָרמען, ווינקלדיקע פאַלטן, העסלעכע נאַקעטקייטן, מאַטאָווע פאַרבן־שפּילן און ביי זיינע, ווילדע, טריבע אָדער פינסטערע פּנימער; די אויסטערלישע פאַנ־

טאַזיע, דאָס טיפע רעליגיעזע געפיל, די נעפלדיקע פילאָזאָפישע רמזים, וואָס רייסן זיך דורך אין זיינע ווערק ווייזן, אַז ער איז אַ גייסט, וועלכן קיין פאָרמען קענען נישט צופרידנשטעלן. באַטראַכט אין לוווּר אַ קליין קריסטוס-בילד פון וואָהלגעמוט, זיין רבין, און אַ „חוה" פון קראַנאַכן, וועלכער האָט געלעבט אין זעלבן דור, וואָס ער, וועט איר פילן, אַז מענטשן, וואָס האָבן געשאַפן אַזעלכע גרופּעס און אַזעלכע גופים זענען געבוירן געוואָרן זיך צו פאַרנעמען מיט טעאָלאָגיע אָבער נישט מיט מאָלעריי. נאָך עד-היום אַכטן זיי און געניסן מער פונם אינערן, ווי פונם אויסערן; קאָרנעליוס און די מינכענער מייסטער באַטראַכטן די אידייע אַלס די הויפּט-זאַך, און די אויספירונג אַלס אַ נעבנזאַך; דער רבי האָט דעם איינפאַל, דער תלמיד מאָלט; זייער ווערק איז דורך און דורך סימבאָליש און פילאָזאָפיש און האָט אַלס ציל אַרויסצורופן דאָס פאַרטראַכטן זיך פונם צושויער איבער אַ גרויסן מאָראַלישן און געזעלשאַפטלעכן אמת: אַזוי אויך שטעלט זיך אָווערבעך פאַר אַ ציל מחזיר למוטב צו זיין, און פרעדיקט דעם סענטימענטאַלן אַסקעטיזם; אַזוי איז אויך קנויס אַזאַ געשיקטער פסיכאָלאָג, אַז די בילדער זיינע זענען אידיליעס אָדער קאָמעדיעס. — וואָס באַלאַנגט די ענגלענדער, האַלטן זיי ביזן 18-טן יאָרהונדערט רק אין איין אימפּאָרטירן צו זיך פרעמדע בילדער און פרעמדע מאָלער. אין דעמדאָזיקן לאַנד איז דער טעמפּעראַמענט צו קריגעריש, דער רצון — צו שטייף, דער גייסט — ציפיל בעל-תכלית, דער מענטש — צו שטאַרק געהאַרטעוועט, צופיל טרוד און אויסגעמאַטערט, כדי זיך אָפּצושטעלן ביי שיינע און פיינע קאָנטור-און פאַרב-ניואַנסן, און פון זיי צו געניסן. זייער נאַציאָנאַלער מאָלער האָגאַרט האָט געמאַכט בלויז אייניקע מוסר-קאַריקאַטורן. אַנדערע, ווי וואַילקי, באַנוצן זיך מיט זייערע פּענזלען, כדי בולט צו מאַכן כאַראַקטערן און געפילן; אַפילו אין די לאַנדשאַפטן מאָלן זיי אויך רק די נשמה; די קערפּערלעכע זאַכן זענען פאַר זיי נישט מער, ווי אַ סימן און אַן אָנדייטונג: דאָס זעט זיך בולט אַפילו אין זייערע צוויי גרויסע פּייזאַזשיסטן, קאָנסטעבל און טורנער, און אין זייערע צוויי גרויסע פּאָרטרעטן-מאַלער, גענסיאָראָ און ריינאָלדס. אויך הייַנט אין זייער קאָלאָריט אַזאַ רויער. אַז ער רייסט ממש די אויגן,

און זייער צייכנונג — אַ קליינלעכע ביז גאָר. — נאָר די פלאַמענדער און די האָלענדער אַליין האָבן ליב געהאַט פאָרמען און פאַרבן פאַר זיך גופא; דערדאָזיקער חוש דויערט נאָך עד־היום; די מאָלערישקייט פון זייערע שטעט און די באַקוועמלעכקייט אין זייערע וווינונגען באַווייזן דערויף. און פאַראַיאָרן האָט איר געקאָנט זען, אויף דער אַלוועלטלעכער אויסשטעלונג, אַז די אמתע קונסט — אַ מאָלעריי אָן פילאָזאָפישע כוונות און אָן ליטעראַרישע אָפּווייכונגען, אַ פּעאיקע אומצוגיין מיט פאָרם, פריי און אומאָפּהענגיק, און זיך צו באַנוצן מיט פאַרב, אָן ווילדקייט, אַזאַ מאָלעריי איז פאַרבליבן כמעט בלויז ביי זיי און ביי אונז.

אַ דאַנק דערדאָזיקער נאַציאָנאַלער באַגאַבונג האָבן זיי געהאַט די מעגלעכקייט, אינם 15־טן, אינם 16־טן און אינם 17־טן יאָרהונדערט, דעמאָלט ווען די היסטאָרישע באַדינגונגען זענען געוואָרן גינסטיק, צו שאַפן ביי זיך אַ גרויסע מאָלער־שול, מיט וועלכער זיי האָבן זיך נישט געהאַט צו שעמען אַקעגן איטאַליען. היות אָבער זיי זענען געווען גערמאַנער, איז זייער שול געגאַנגען אויף אַ גערמאַנישן וועג. דאָס וואָס טיילט אָפּ זייער ראַסע פון די קלאַסישע ראַסן איז, ווי איר האָט שוין געזען, דאָס ליב האָבן מער דעם תוכן איידער די פאָרם, דעם שטרענגן אמת איידער די שיינע דעקאָראַציע, די פאַרוויקלטע, נישט רעגולערע, נאַטירלעכעווירקלעכקייק, איידער אַ זאַך אַן אויסגעסדרטע, אַן אַרומגעשוירענע, אַ געזויבערטע און אַן איבערגעמאַכטע. דערדאָזיקער אינסטינקט, וועלכן איר האָט געזען הערשן אין זייער רעליגיע און אין זייער ליטעראַטור, האָט אויך גובר געווען זייער קונסט, און באַזונדערס זייער מאָלעריי. „די הויכע באַדייטונג פון דער פלאמענדישער שול, באַמערקט זייער גוט מ. וואַאַגען *), קומט דערפון, וואָס דידאָזיקע שול איז פריי פון יעדער פרעמדער השפעה און אַנטפלעקט אונז דעם קאָנטראַסט, וועלכער איז פאַראַן צווישן די געפילן פון דער גריכישער און פון דער גערמאַנישער ראַסע, די צוויי זיילן־קעפּ פון דער אַלוועלטישער און פון דער נייוועלטישער קולטור. בעת די גריכן האָבן געשטרעבט צו אידעאַליזירן נישט נאָר די קאָנצעפּציעס פון דעם עולם־הרוחני, נאָר

*) מ. וואַאַגען, האַנטבוך פאַר געשיכטע פון מאָלעריי, באַנד 1, ז. 79.

אַפֿילו זייערע פּאָרטרעטן, פֿאַראיינפֿאַכנדיק די פֿאָרמען און באַטאָנענדיק די וויכטיקסטע שטריכן, האָבן די ערשטע פֿלאַמענדער, להיפּוך, איבערגעגעבן, אין זייערע פּאָרטרעטן, די אידעאַלע פֿאַרקערפּערונגען פֿון דער יונגפֿרוי, פֿון די אַפּאָסטאָלן, פֿון די נביאים, פֿון די מאַרטירער, און האָבן זיך באַמיט פֿאָרצושטעלן געטרוי די קלענסטע פּרטים פֿון דער נאַטור. בעת די גריכן האָבן אויסגעדריקט די פּרטים פֿונם לאַנדשאַפֿט, ווי טייכן, פֿאָנטאַנען, בוימער, אין אַבסטראַקטע פֿאָרמען, האָבן די פֿלאַמענדער געשטרעבט זיי איבערצוגעבן געטרוי ווי זיי האָבן זיי געזען אין דער ווירקלעכקייט. אין קעגנזאַץ צו דעם אידעאַל און צו דער טענדענץ פֿון די גריכן אַלצדינג פֿאָרצושטעלן קערפּערלעך, האָבן די פֿלאַמענדער באַשאַפֿן אַ רעאַליסטישע שול, אַ שול פֿאַר לאַנדשאַפֿט־מאָלעריי. אין דער הינזיכט זענען תּחילת די דייטשן דערנאָך די ענגלענדער געגאַנגען אין זייער וועג". קוקט דורך אין אַ מוזעאום פֿאַר קופּערשטיך־זאַמלונגען אַלע ווערק פֿון גערמאַנישער אָפּשטאַמונג, אָנהויבנדיק פֿון אַלבערט דירער, מאַרטין שיינגויער, די ווערק פֿון וואַן־אייק, האָלביין און לוקאַס פֿון לעידען, ביז רובענס, רעמבראַנדט, פּאָול פּאָטער, דזשאַן סטין און האָגאַרט: אויב אייער פֿאַנטאַזיע איז איבערפֿולט דורך איידעלע איטאַליענישע אָדער עלעגאַנטע פֿראַנצויזישע פֿאָרמען, וועלן אייערע אויגן פֿאַרלעצט ווערן; עס וועט אייך שווער אָנקומען זיך אַוועקצושטעלן אויפֿן געהעריקן זע־פּונקט; איר וועט אָפֿט מיינען, אַז דער קינסטלער צילט בכּוונה צום העסלעכן. דער אמת אָבער איז, אַז ער פֿאַלט ביי זיך נישט אַראָפּ, ווען ער שטויסט זיך אָן אויף די געמיינהייטן און אויף די אומרעגלמעסיקייטן פֿונם לעבן. בטבע פֿאַרשטייט ער נישט קיין סימעטרישע אָרדנונגען, קיין לייכטע און געלאַסענע באַוועגונג, קיין שיינע פּראָפּאָרציעס, קיין געזונטקייט און פֿלינקייט פֿון נאַקעטע גלידער. ווען, אין 16־טן יאָרהונדערט, האָבן די פֿלאַמענדער אָנגעהויבן צו מאָלן לויטן שטייגער פֿון דער איטאַליענישער שול, האָט זיך זיי איינגעגעבן בלויז קאַליע צו מאַכן זייער אייגנאַרטיקן סטיל. אין משך פֿון זיבעציק יאָר געדולדיקער נאָכאַמונג, האָבן זיי אויף דער וועלט געבראַכט מפֿלצן פֿון געמישט בלוט. די דאָזיקע לאַנגע תּקופֿה פֿון אומערפֿאָלג, וועלכע געפֿינט זיך צווישן לאַנגע

תּקופֿות פֿון גלאַנץ, זאָגט עדות אויף די גרענעצן און אויף דער קראַפֿט פֿון זייערע אָריגינעלע פֿעאיקייטן. זיי האָבן נישט געווּסט ווי צו שילדערן די נאַטור אין איר איינפֿאַכקייט; זיי האָבן געפֿילט אַ באַדערפֿעניש זי איבערצוגעבן אין איר גאַנצקייט. זיי האָבן זי נישט קאָנצענטרירט אינעם נאַקעטן גוף, זיי האָבן געהאַלטן פֿאַר גלייך וויכטיק אַלץ, וואָס אין איר איז פֿאַראַן*), לאַנדשאַפֿטן, בנינים, חיות, קאָסטיומען, נעבן-זאַכן. זיי זענען נישט פֿעאיק געווען צו פֿאַרשטיין און ליב צו האָבן דעם אידעאַלן גוף; זיי זענען באַשאַפֿן געוואָרן צו מאָלן און צו קרעפֿטיקן דעם רעאַלן גוף.

פֿון דעם שטאַנדפּונקט אויס, קלייבט מען זיך לייכט פֿאַנאַנדער אין וואָס זיי אונטערשיידן זיך פֿון די אַנדערע מייסטערס פֿון דערזעלבער ראַסע. איך האָב אייך באַשריבן זייער נאַציאָנאַלן גייסט, וואָס איז אַזוי מיושבדיק, אַזוי גוט גלייכגעוויכטיקט, פֿריי פֿון העכערע שטרעבונגען, וואָס באַגרעניצט זיך בלויז אינעם יעצט, און איז געשטימט הנאה צו האָבן פֿון אַלע רעאַלע זאַכן. אַזעלכע קינסטלער וועלן בשום אופֿן נישט שאַפֿן קיין טרויעריקע געשטאַלטן, ווייטיקדיק-פֿאַרחלומטע, געבויגענע אונטער דער לאַסט פֿון לעבן, עקשנותדיק רעזיגנירטע פֿון אַ אַלבערט דירער. זיי וועלן זיך נישט אָפּגעבן מיט פֿאָרשטעלן נשמות אָדער כאַראַקטערן, ווי די מיסטישע מאָלער פֿון קעלן, אָדער ווי די מאָלער, בעלי-מוסר, פֿון ענגלאַנד; מען וועט ביי זיי כמעט נישט פֿילן דעם דוחק אין מאָס-פֿאַרהעלטעניש צווישן

*) אין דער הינזיכט איז דער משפּט פֿון מיקל אַנדזשעלאָ „זייער באַלערנד“: „אין פֿלאַנדערן — זאָגט ער — מאָלט מען ליבער דאָס וואָס מען רופֿט לאַנדשאַפֿטן, און אין זיי אַ סך פּנימער, דאָ און דאָרט... נישטאָ דערין נישט קיין טעם און נישט קיין קונסט, קיין שום סימעטריע, קיין שום זאָרג ביים ווײלן דעם מאָטיוו, קיין שום מאָס-פֿאַרהעלטעניש... אויב איך רעד אַזוי פֿיל שלעכטס וועגן דער פֿלאַמענדישער מאָלעריי, איז עס נישט ווייל זי איז אינגאַנצן שלעכט, נאָר ווייל זי וויל איבערגעבן פֿולשטענדיק אַ סך זאַכן, פֿון וועלכע בלויז איינע נאָר וואָלט שוין אויך געווען גענוג, לויט איר וויכטיקייט, בעת זי מאַכט קיין איינע אויך נישט אויף אַ באַפֿרידיקנדן אופֿן“. — מען דערקענט דאָ דעם איטאַליענישן גייסט, דעם קלאַסישן און דעם איינפֿאַכן.

גייסט און קערפּער. אין אַ לאַנד אַ פּרוכטבאַרס און אַ רייכס, צווישן זיטן פרייליכע, פאַר פנימער פרידליכע, גוטמוטיקע אָדער בליענדע, וועלן זיי געפינען מאָדעלן, וואָס זענען אַנטשפּרעכנד צו זייער גייסט. כמעט אַלעמאָל וועלן זיי מאָלן דעם מענטשן, וואָס איז פאַרזען מיט ווילשטאַנד און צופרידן מיט זיין גורל. אויב זיי פאַרגרעסערן אים אַמאָל, וועלן זיי אים אָבער נישט דערהויבן העכער פון זיין ערדישן לעבן. די פלאַמענדישע שול פונם 17־טן יאָרהונדערט פאַרברייטערט נאָר זיינע אַפּעטיטן, זיינע גלוסטונגען, זיין כח און זיין פרייד. מערסטנטיילס וועלן אים די מייסטערס לאָזן אַזוי ווי ער איז: די האָלענדישע שול באַגרעניצט זיך מיט איבערגעבן די רואיקייט פון דער בירגער־לעכער דירה, די רחבות פון דער קראָם אָדער פון דער פאַרמע, די הייטערקייט פונם שפּאַציר און פון דער קנייפּע, אַלע קליינע באַפרידיקונגען פונם רואיקן און באַשיידענעם לעבן. קיין זאַך איז נישט אַזוי אַנטשפּרעכנד פאַר דער מאָלעריי ווי אָט די אַלע זאַכן; צופיל געדאַנקען און געמיטס־באַוועגונגען זענען פאַר איר שעדלעך. ווען אַזעלכע מאָטיוון ווערן פאַרטראַכט דורך אַזאַ גייסט, ברענגען זיי ווערק פון אַ זעלטענער האַרמאָניע; נאָר די גריכן און עטלעכע גרויסע איטאַליענישע קינסטלער האָבן אונז געוויזן דעם ביישפּיל. די מאָלער פון די נידערלענדער טוען דאָסזעלבע, וואָס זיי, נאָר מיט איין שטאַפּל נידריקער; זיי שילדערן אונז דעם מענטשן וואָס איז פולשטענדיק לויט זיין טיפּ, צוגעפּאַסט צו דער רעאַלער סביבה, און דערפאַר איז ער גליקלעך אָן מי און אָנשטרענגונג.

בלייבט נאָך איין פּרט צו באַטראַכטן. איינע פון די הויפּט־מעלות פון דערדאָזיקער מאָלעריי איז די אויסגעצייכנטקייט און די פיינקייט פון איר קאָלאָריט. דאָס איז דערפאַר, ווייל אין פלאַנדערן און אין האָלאַנד איז דאָס אויג גאַנץ אייגנאַרטיק דערצויגן געוואָרן. דאָס לאַנד האָט די געשטאַלט פון אַ פייכטן דעלטאַ*), ווי די געגנט פונם טייך פּאָ, און בריגע, גענט, אַנט־ווערפּן, אַמסטערדאַם, ראָטערדאַם, האַאַג און אוטרעכט זענען מיט זייערע טייכן, מיט זייערע קאַנאַלן, מיט זייער ים און

*) דעלטא — אַ גריכישער „ד", וואָס האָט די פאָרם פון אַ דריי־עק.

מיט זייער לופט ענלעך צו וועגעדיק. דאָ, ווי אין וועגעדיק,
האָט די נאַטור געמאַכט דעם מענטש פאַר אַ פאַרבן=קענער. —
קוקט זיך צו צום פאַרשיידענעם אויסזען, וואָס די זאַכן באַקו=
מען, לויטן אָרט ווו איר זענט, אין אַ טרוקענער געגנט, ווי
פּראָוואַנס און די אומגעגנט פון פלאָרענץ, אָדער אין אַ פייכטן
פליין, ווי די נידערלענדער. אין דער טרוקענער געגנט איז די
ליניע פאָרהערשנד און ציט די ערשטע אויף זיך די אויפמערק=
זאַמקייט; די בערג שלאָגן זיך אָפּ אין הימל אין דער גע=
שטאַלט פון שטאָקיקע אַרכיטעקטור=ווערק פון גרויסן און איידעלן
סטיל, און אַלצדינג שטייגט אַרויף שאַרפקאַנטיק אין דער
דורכזיכטיקער לופט. דאָ ווידער, פאַרמאָגט דער נידריקער
האָריזאָנט נישט קיין שום אינטערעסאַנטעס, און די קאָנטורן פון
די זאַכן זענען צעפלאָסן, פאַרווישט, מוטנע דורך די אומבאַמערקבאַרע
פּאַרעס, וואָס שווימען אייביק אַרום אין דער לופט, דאָס פאָר=
הערשנדע דאָרט — איז דער פלעק. אַ קו וואָס האַלט זיך אין
פּאַשען, אַ דאַך אין מיטן אַ לאָנקע, אַ מענטש אָנגעלענט מיט די
עלנבויגנס אויף אַ פּאָרענטש, זענען דאָרט אויס ווי אַ פאַרבן=
טאָן צווישן אַנדערע פאַרבן=טענער, די זאַך זעט אויס ווי זי
וואָלט אויפטויכן; זי שטאַרצט נישט אַרויס פון איר אומגעבונג
מיט איין מאָל, ווי אַן אויסגעשניטענע מיטן שנייד=אייזן; מען
ווערט פאַרכאַפּט פון איר מאָדעלירונג, דאָס הייסט פון די פאַר=
שיידענע שטופן וואַקסנדיקן ליכט, און פון דעם פאַרשיידנאַר=
טיקן טונקלען זיך פונם פאַרבן=גוס, וואָס פאַרוואַנדלט דעם
אַלגעמיינעם פאַרבן=טאָן אין אַ בולטער געשטאַלט און מאַכט
אויפן אויג אַן איינדרוק, ווי עס וואָלט זען איר דיקקייט*). —

---

*) W. Bürger, Musées de la Holande, 206. „דאָס וואָס איז תמיד
אויפפאַלנד אין דער שיינקייט פונם צפון, איז דער בולטער אויסגוס פון דער
געשטאַלט און נישט די אייגציקע ליניעס. אין צפון באַקומט זיך נישט די
פאָרם דורך אירע קאָנטורן, נאָר דורך איר בולטקייט. די נאַטור באַנוצט זיך
נישט מיט דער עצם צייכנונג, כדי צו קומען צום אויסדרוק. ווען איר שפּאַ=
צירט איין שעה צייט אין אַן איטאַליענישער שטאָט, באַגעגנט איר פּרויען=
געשטאַלטן פּינקטלעך אויסגעהאַקטע, און וואָס דער אַלגעמיינער בוי זייערער
דערמאָנט אָן דער גריכישער בילדהויער=קונסט און דער פּראָפיל זייערער —

איר וועט מוזן פאַרברענגען עטלעכע טעג אינם לאַנד כּדי צו דערפילן אויף וויפיל די ליניע ווערט באַהערשט דורכן פלעק. פון די קאַנאַלן, פון די טייכן, פונם ים, פון דער אָנגעזאַפּטער ערד דערהויבט זיך כּסדר אַ בלוילעכע אָדער גרויע פאַרע, אַן אַלגעמיינער נעפל, וואָס הילט אַרום די זאַכן, ווי מיט אַ פייכטן טיול אַפילו אין די שיינע טעג; אין אָוונט און אין דערפרי, שוועבט איבער די לאָנקעס אַ קריכנדיקער רויך, ווי אַ ווייסער צעריסענער מושלין־געוועב. איך בין אַ סך מאָל געשטאַנען אויפן ברעג פונם טייך שעלדע און זיך צוגעקוקט צום אַש־פאַרביקן וואַסער, וואָס האָט זיך לייכט געריגצלט, און ווו עס זענען אַרומגעשווומען פלאַכע, שוואַרצלעכע שיפן. דער טייך שיינט, און אויף זיין פלאַטשיקן בויך צינדט דאָס מוטנע ליכט דאָ און דאָרט נעפלדיקע אָפגלאַנצן. אויפן גאַנצן קרייז פונם האָריזאָנט שטייגן כּסדר די וואָלקנס, און זייער בלייכע בליי־פאַרביקייט, זייערע אומבאַוועגלעכע שורות מאַכן דעם איינדרוק פון אַ מחנה געשפּענסטער: דאָס זענען די געשפּענסטער פון די נאַסע געגנטן, געשפּענסטער, וואָס האַלטן זיך אין איין באַנייען און וואָס ברענגען אַן אייביקן רעגן. אויף מעריב־זייט ווערן זיי פורפור־רויט, און זייער גראָב־בייכיקע מאַסע, וואָס איז דורכגעקעסטלט מיט גאָלד, דערמאָנט די מיט גאָלד און זילבער געפעדימטע כאָר־מאַנטלען, די בראָקאַטענע שלעפּ־קליידער, די אויסגענייטע זיידן־שטאָפן, אין וועלכע יאָרדאענס און רובענס הילן איין זייערע בלוטיקע מאַרטירער, זייערע פאַרווייטיקטע מאַדאָנעס. אויפן נידריקסטן הימל־זוים זעט די זון אויס, ווי אַ ריזיק־גליענדיקער שייטער, וואָס לעשט זיך און רויכערט. — ווען מען קומט אָן קיין אַמסטערדאַם אָדער קיין אָסטענדע, ווערט דער איינדרוק נאָך שטאַרקער; דער ים און דער הימל האָבן לחלוטין קיין געשטאַלט נישט; דער נעפל און די צווישן־רעגנס לאָזן

אָן די גריכישע, געשניצטע פיינשטיינער (camèes). איר קאָנט פאַרברענגען אַ גאַנץ יאָר אין אַנטווערפּן, און איר זאָלט נישט באַמערקן קיין איין געשטאַלט, וואָס זאָל אייך באַוועגן זי איבערצוגעבן דורך אַ קאָנטור־ליניע, נאָר גיכער דורך געבייכיקטקייט, וואָס טאַקע נאָר פאַרב איז ביכולת אויסצומאָדעלירן... די זאַכן ווייזן זיך נישט דאָרט אַלס סילועטן, נאָר, ווי מען זאָגט, אין זייער פולער פולקייט״.

איבער אינם זכרון בלויז פארבן. דאָס וואַסער ענדערט יעדע האלבע שעה די פאַרב, אַמאָל זעט עס אויס, ווי בלייכע וויין-הייזן, אַמאָל, ווייס ווי קרייד, אַמאָל געלבלעך, ווי נאַסער צעמענט, אַמאָל גאָר שוואַרץ ווי צעלאָזטע סאַדזעס, טיילמאָל טרויעריק פיאָלעט, דורכגעשמיסן מיט ברייטע גרינלעכע פאַסן. אין משך פון עטלעכע טעג באַקומט מען די דערפאַרונג, אַז אין אַזאַ נאַטור איז וויכטיק בלויז שאַטירונג, קאָנטראַסט, האַרמאָניע; קורץ — דער ווערט פון די פאַרבן-טענער.

און חוץ דעם זענען דידאָזיקע טענער פול און רייך. אַ טרוקענע געגנט מיט אַ מאַטאָוון אויסזען, למשל, דרום-פראַנקרייך, צי דער בערגיקער טייל פון איטאַליען, לאָזט אין אויג בלויז דעם איינדרוק פון אַ גרוי-געל שאַך-ברעט. איבעריקנס ווערן אַלע פאַרבן-טענער פונם באָדן און פון די הייזער אויסגעלאָשן דורך דער אַלגעמיינער לופט-באַלייכטונג. דעם אמת געזאָגט, איז אַ שטאָט פון דרום-פראַנקרייך, אָדער אַ לאַנדשאַפט פון פּראָוואַנס און פון טאָסקאַנא נישט מער ווי אַן איינפאַכע צייכנונג; מיט ווייס פאַפּיר, מיט רייס-קויל און מיט די מאַטע פאַרבן פון קאָלירנדיקע בליישטיפטן קאָן מען אים איבערגעבן. — להיפך, אין אַ געגנט, וואָס איז פייכט, ווי די נידערלענדער, איז די ערד גרין, און אַ מחנה שאַרפע פלעקן מאַכן פאַרשידנפאַרביק די איינטעניקייט פון דער ברייטער לאָנקע; אַמאָל איז עס די שוואַרצלעכע אָדער ברוינע פאַרב פונם דורכגענעצטן באָדן, אַמאָל די שטאַרקע רויטקייט פון די דאַכוווקעס און פון די ציגל, אַמאָל דער ווייסער אָדער ראָזער לאַק פון די הייזער-פראָנטן, אַמאָל דער געלער פלעק פון די הויערנדע סטאַדעס און טיילמאָל די גלאַנציקע שוואַרצקייט פון די קאַנאַלן און פון די טייכן. און דידאָזיקע פלעקן ווערן לחלוטין נישט פאַרטונקלט דורך דער צו-שטאַרקער ליכטיקייט פונם הימל. פונקט פאַרקערט, ווי אין דער טרוקענער געגנט, איז דאָ פאַרהערשנד נישט די פאַרב פונם הימל, נאָר די פאַרב פון דער ערד. אין האָלאַנד באַזונדערס *), ווו מערערע חדשים אין יאָר „איז די לופט לחלוטין נישט דורכזיכטיק, אַ מין געדיכטער שלייער, וואָס הענגט אויס-

*) וו. בירגער, מוזעאומס אין האָלאַנד, 213.

געצויגן צווישן הימל און ערד לאָזט נישט צו קיין שום באַשטראַלונג... ווינטער, זעט אויס, ווי די פינסטערניש וואָלט פאַלן פון דער הויך אַראָפּ". און דעריבער האָבן די רייכע פאַרבן, וואָס הילן איין די זאַכן אויף דער ערד, צו זיך קיין גלייכן נישט. — צו זייער שטאַרקן טאָן קומט נאָך צו שאַטירונג און באַוועגלעכקייט. אין איטאַליען בלייבט אַ פאַרבן־טאָן אומבאַוועגלעך. דאָס אומפאַרענדערלעכע ליכט אויפן הימל האַלט אים אויף מערערע שעהן נאָכאַנאַנד, אי דאָס אַלעמאָל אַזוי — נעכטן, ווי מאָרגן. איר וועט אים צוריקגעפינען אַהיימקומענדיק, פונקט ווי איר האָט אים אַוועקגעשטעלט אויף אייער פאַרבן־ברעטל, מיט אַ חודש צוריק. אין פלאַנדערן, ענדערט ער זיך נויטווענדיק צוזאַמען מיט דער ענדערונג פונם ליכט און פון דער אַרומיקער פאַרע. דאָ וואָלט איך אייך נאָכאַמאָל געוואָלט אַריינפירן אין לאַנד גופא, און אייך אַליין לאָזן פילן די אייגנאַרטיקע שיינקייט פון די שטעט און פון די לאַנדשאַפטן. די רויטקייט פון די ציגל, די גלאַנציקע ווייטקייט פון די פאַסאַדן איז אָנגענעם אָנצוקוקן, ווייל זיי ווערן געמילדערט דורך דער גרוילעכער לופט. אויפן צעפלאָסענעם הימל־פּאָן ציען זיך שורותווייז שפּיציקע דעכער, צוגעדעקטע מיט שופן, אַלע זענען זיי טונקל ברוין, דאָ און דאָרט — דער קאָפּ פון אַ גאָטישער קירך, אַ ריזיקער וואַךטורם, און אויף זיין שפּיץ, קליינע קינסטלעריש־אויסגעאַרבעטע גלאָקן־טורעמלעך און פאַרשיידענע העראַלדישע חיות־געשטאַלטן. אָפטמאָל שפּיגלט זיך דער געקאַרבטער זוים פון קוימענס און דאַך־שפּיצן אין אַ קאַנאַל אָדער אין אַן אָפּצווייגונג פון אַ טייך. אויסער די שטעט, ווי אין די שטעט, איז אַלצדינג מאַטעריאַל פאַר בילד; מען וואָלט נאָר דאַרפן קאָפּירן. די אַלגעמיינע גרינקייט פונם פעלד זעט נישט אויס רוי און איינטאָניק; זי ענדערט זיך בהדרגה, דורך די פאַרשיידענע גראַדן רייפקייט פון די בלעטער און גראָזן, דורך דער מער־ווייניקער געדיכטקייט, און די כסדרדיקע ענדערונגען פונם נעפל און פון די וואָלקנס. זי האָט אַלס דערגענצונג אָדער אַלס קאָנטראַסט די שוואַרצקייט פון די וואָלקנס, וואָס צעגיסן זיך פּלוצים אין גוס־און אין שלאַקס־רעגנס, די העלע און טונקעלע פלעקן פונם שטאַרקן נעפל, וואָס צערייסט זיך אָדער צעברעקלט זיך, דער אומדייט-

לעכע בלאָלעכע נעץ, וואָס וויקלט אַרום די ווייטקייט, דאָס פֿינטלען פֿונם ליכט, וואָס בלייבט אין דער פּאַרע, וואָס דאַמפּט זיך אויס, אַמאָל דער בלענדנדיקער אַטלאַס פֿון אַ אומבאַוועגלעכן וואָלקן, אָדער אַן אומגעריכטער שפּאַלט, דורך וועלכן עס רייסט זיך דורך דער תּכלת. אַ הימל, וואָס איז אַזוי אָנגעפּילט, אַזוי באַוועגלעך, אַזוי פֿעאיק אויפֿצונעמען, ענדערן און אַרויסצוציען די פֿאַרבן פֿון דער ערד, איז אַ שולע פֿון קאָלאָריסטן. דאָ, פּונקט ווי אין ווענעציע, האָט די קונסט נאָכגעפֿאָלגט די נאַטור, און די האַנט איז מיט געוואַלט געפֿירט געוואָרן דורך דעם איינדרוק, וואָס דאָס אויג האָט באַקומען.

אָבער, אויב די ענלעכקייטן פֿון קלימאַט האָבן געגעבן דעם אויג פֿונם ווענעציאַנער און פֿונם נידערלענדער אַן ענלעכע דערציאונג, האָבן זיי אָבער די פֿאַרשיידנקייטן פֿונם קלימאַט געגעבן אַ פֿאַרשיידענע דערציאונג. די נידערלאַנדן ליגן דרייהונדערט מייל צו צפֿון פֿון ווענעציע. די לופֿט איז דאָרט קעלטער, דער רעגן אָפֿטער, די זון אָפֿטער פֿאַרדעקט. דערפֿון שטאַמט אַ נאַטירלעכע גאַממאַ פֿון פֿאַרבן, וואָס האָט אַרויסגערופֿן אַ אַנטשפּרעכנדיקע קינסטלעכע גאַממאַ. היות די פֿולע ליכטיקייט איז אַ זעלטנקייט, דעריבער טראָגן נישט אויף זיך די אָביעקטן דעם שטעמפּל פֿון דער זון. איר טרעפֿט דאָ נישט דידאָזיקע גאָלדיקע טענער, דידאָזיקע פּרעכטיקע געלקייטן, וואָס זענען אַזאַ אָפֿטע דערשיינונג אין די דענקמעלער פֿון איטאַליע. דער ים איז נישט גרינלעך־בלאָ, ענלעך צו זיידנס, ווי אין די לאַגונעס פֿון ווענעציע. די לאָנקעס און בוימער האָבן נישט קיין פֿעסטן שטאַרקן פֿאַרבן־טאָן, וועלכן מען זעט אין דעם גרינס פֿון וועראָנאַ און פּאַדואַ. דאָס גראָז איז צעקראָכן און בלייך, דאָס וואַסער טונקל אָדער פֿאַרטרושעט מיט קוילן, דער קערפּער איז ווייס, דאָ ראָזלעך, ווי אַ בלום, וואָס ווערט אויסגעהאָדעוועט אין שאָטן, דאָ רויטלעך דורך דער ווירקונג פֿון די שלעכטע וועטערן, און אָנגעבלאָזן דורך דער שפּייז, און גאָר אָפֿט געלבלעך, צעקראָכן, אַמאָל בלייכזיכטיק,

אָפּגעשטאָרבן, און ווי וואַקס. די פֿלייש-געוועבן פֿונם לעבעדיקן באַשעפֿעניש, מענטש, חיה אָדער פֿלאַנץ, באַקומען צופֿיל וואַסער, און עס פֿעלט זיי דאָס אויסקאָכן פֿון דער זון. — דערפֿאַר טאַקע, ווען מען פֿאַרגלייכט די ביידערליי מאָלערייען, געפֿינט מען דעם אונטערשייד אינם אַלגעמיינעם פֿאַרבן-טאָן. קוקט נאָך, אין אַ מוזעאום, די ווערק פֿון דער ווענעציאַנישער שול, דערנאָך די פֿון דער פֿלאַמענדישער שול; גייט איבער פֿון קאַנאַלעטאָ און גוואַרדין צו רואיסדאַעל, פּאַול פּאָטער, האָבעמאַ, אַדריאַן וואַן-דען-וועלדע, טעניערס, וואַן אָסטאַדע; פֿון טיציאַן און וועראָנעזע צו רובענס, וואַן-דעיק און רעמבראַנדט, און פּרעגט דעם איינדרוק וואָס אייערע אויגן באַקומען. פֿון די ערשטע צו די צווייטע פֿאַרלירט דער קאָלאָריט אַ טייל פֿון זיין וואַרעמקייט. די פֿאַרבן-טענער, וואָס זעען אויס ווי בורשטין, ווי צוגעסמאָלעט, ווי טויטע בלעטער, פֿאַרשווינדן; מען זעט ווי ס׳ פֿאַרלעשט זיך דער גליענדיקער אויוון, וואָס זיינע פֿלאַמען האָבן איינגעהילט „די עליות פֿון דער יונגפֿרוי״; דאָס לייב ווערט ווייס ווי מילך אָדער ווי שניי, די שטאַרקע פּורפּור-רויטקייט פֿון די געוועבנדער ווערט העלער, די זייד-שטאָפֿן זענען בלאַסער און זייערע אָפּגלאַנצן — קעלטער. די טיפֿע ברוינקייט, וואָס האָט ווי צוגעדעקט די בלעטער, די מעכטיקע רויטקייטן, וואָס האָבן געגאָלדיקט די זוניקע ווייטן, די פֿאַרבן פֿון בלוי-געשטרייפֿטן מאַרמאָר, פֿון אַמעטיסט און פֿון סאַפֿיר, וואָס האָבן געשטראַלט פֿון די וואַסערן אַרויס, לעשן זיך אויס, כּדי אָפּצוטרעטן דאָס אָרט פֿאַר דער מאַטאָווער ווייסקייט פֿון די צעגאָסענע פֿאַרעס, פֿאַר דער בלוילעכער ליכטיקייט פֿון די נאַסע בין-השמשותן, פֿאַר די גריפֿל-שטייניקע אָפּגלאַנצן פֿונם ים, פֿאַר די בלאָטיקע טענער פֿון די טייכן, פֿאַר די בלייכע גרינקייטן פֿון די לאָנקעס, פֿאַר דער גרוילעכער לופֿט אין די הייזער.

צווישן דידאָזיקע נייע טענער שטעלט זיך איין אַ נייע האַרמאָניע. — אַמאָל צעגיסט זיך אַ פֿולע ליכטיקייט אויף די זאַכן; זיי זענען צו דעם נישט געוווינט; און דאָס גרינע פֿעלד, די רויטע דעכער, די לאַקירטע פֿאַסאַדן, די זייד-גלאַטיקע לייבער אין וועלכע דאָס בלוט רייסט זיך צום אוי-

בערפלאַך, האָבן דעמאָלט אַן אויסערגעוויינלעכן גלאַנץ. זיי זענען באַשאַפן געוואָרן פאַרן האַלב־ליכט פון דער צפונדיקער און פייכטער געגנט; זיי זענען נישט איבערגעאַנדערשט געוואָרן, ווי די פון ווענעדיק, דורכן לאַנגזאַמען בראָטן פון דער זון; אונטער דער ווירקונג פון אָט דעם אַריינרייסן זיך פון דעם ליכט, ווערן זייערע פאַרבן־טענער צו קרעפטיק, כמעט רוי; זיי ציטערן אַלע צוזאַמען, ווי דאָס קלינגען פון טראָמפייטן, און לאָזן איבער אין דער נשמה און אין די חושים אַן איינדרוק פון שטאַרקער, רוישיקער פרייד. אַזוי זעט אויס דער קאָלאָריט פון די פלאַמענדישע מאָלער, וואָס ליבן דאָס פולע ליכט; רובענס וועט אייך דערצו דינען אַלס בעסטער ביישפּיל; אויב זיינע אָפּגעפרישטע בילדער פונם לוווּר ווייזן אונז טאַקע זיינע ווערק, ווי זיי האָבן אויסגעזען, בעת זיי זענען אַרויס פון זיינע אייגענע הענט, קאָן מען פאַרזיכערן, אַז ער האָט נישט געשוינט די אויגן; אין יעדן פאַל פאַרמאָגט נישט זיין קאָלאָריט די פולע, ווייכע האַרמאָניע פון די ווענעציאַנער; די שטאַרקסטע קאָנטראַסטן ווערן דאָרט צוזאַמענגעפּאָרט; די שניי־ווייסקייט פון די לייבער, די בלוטיקע רויטקייט פון די געוואַנדער, דער בלענדנדער גלאַנץ פון די זייד־שטאָפן, פאַרמאָגן זייער גאַנצע פאַרבן־קראַפט, און ווערן נישט צונויפגעבונדן, געמילדערט און איינגעהילט, ווי אין ווענעדיק, דורך יענער בורשטין־פאַרביקייט, וואָס דערלאָזט נישט, אַז די קעגנזאַצן זאָלן זיך שראָף צוזאַמענשטויסן, און אַז די ווירקונגען זייערע זאָלן מאַכן אַן איינדרוק פון האַרטקייט. — להיפּך, אַמאָל איז דאָס ליכט בלאַס אָדער כמעט נישטיק, דערדאָזיקער פאַל קומט גאַנץ אָפט פאָר, באַזונדערס אין האָלאַנד; די זאַכן רייסן זיך קוים אַרויס פונם שאָטן; זיי מישן זיך כמעט צונויף מיט זייער אומגעבונג; אין אָוונט, אין אַ קעלער־שטוב, ביים שיין פון אַ לאָמפּ, אין אַ חדר, ווו ס'גליטשט זיך דורך אַ פענסטער אַן אָפּשטאַרבנדיקער שטראַל, ווערן זיי פאַרווישט און זענען נישט מער ווי שטאַרקערע שוואַרצע פלעקן אין דער אַרומיקער שוואַרצקייט. דאָס אויג ווערט צוגעוווינט צו באַמערקן דידאָזיקע ניואַנסן פון דער פינסטערניש, דאָס אומדייטלעכע שלעפן זיך פונ'ם טאָגליכט, וואָס מישט זיך אויס מיטן שאָטן, די רעשטלעך ליכט

וואָס קלאַמערן זיך אָן די לעצטע מעבל־גלאַנצן, אַ גרינלעכער שפּיגל־אָפּשיין, אַ שטיקעריי, אַ פּערל, אַ פּאָר גאָלדענע פליטערלעך, וואָס האָבן זיך פאַרוואַלגערט אין אַ האַלז־באַנד. דער קונסט־מאַלער, וואָס האָט זיך צוגעוווינט צו פילן אַזעלכע פיינקייטן, וועט אָנשטאָט צו דערנענטערן די עקסטרעמען פון דער גאַמע, נעמען בלויז זייער אָנהויב; זיין גאַנץ בילד, אויסער איין איינציקער פונקט געפינט זיך אין שאָטן: דער קאָנצערט, וועלכן ער גיט אונז איז אַ כסדרדיקע שטילע מוזיק, און נאָר, ווען־נישט־ווען, הערט מען אַ העכערן אויסברוך פון טענער. אַזויערנאָך אַנטדעקט ער פאַרבאָרגענע האַרמאָניען, די האַרמאָניען פון ליכט און שאָטן, פון מאָדעלירונג, פון זעלישע איבערלעבונגען, האַרמאָניען דורכדרינגנדע, אומענדלעכע; מיט אַ שמיר פון קויטיק־גרין, פון וויין־הייוון־פאַרב, פון מוטנע גרוי, פון אומקלאָרע שוואַרצפאַרביקייטן, דורך וועלכע עס ברעכט זיך דורך דאָ און דאָרט אַ לעבעדיקער פלעק, געלינגט אים צו באַוועגן דאָס אינערסטע פון אונזער וועזן: אָט אין דעם באַשטייט די נייעסטע גרויסע מאָלערישע דערפינדונג; דורך אָט דער דערפינדונג רעדט היינט די מאָלעריי אַמבעסטן צו דער מאָדערנער נשמה, און אָט דאָס איז דער קאָלאָריט, וואָס די האָלענדישע באַליכטונג האָט געשאַפן דורך דעם זשעני פון רעמבראַנדטן.

איר האָט געזען דעם זאָמען, די פלאַנץ און די בליט. אַ ראַסע וואָס איז מיט איר גייסט פולשטענדיק אין קעגנזאַץ צום גייסט פון די לאַטיינישע פעלקער, שאַפט זיך, נאָך זיי, און נעבן זיי, איר באַזונדערן אָרט אין דער וועלט. צווישן דער גרויסער צאָל פעלקער, וואָס געהערן צו דער דאָזיקער ראַסע, איז פאַראַן איינס, וואָס זיין באַזונדערער באָדן און קלימאַט אַנטוויקלען אין אים אַ באַזונדערן כאַראַקטער, וואָס מאַכט אים עלול פאַר קונסט און פאַר אַ געוויסן מין קונסט. די מאָלעריי ווערט דאָרט געבוירן, זי דויערט און ווערט פולשטענדיק, און די פיזישע סביבה, וואָס רינגלט זי אַרום, ווי אויך דער נאַציאָנאַלער גייסט, וועלכער גרינדעט זי, גיבן איר און וואַרפן איר אָן אירע מאָטיוון, אירע טיפן און איר קאָלאָריט. אַזוי זעען אויס די אוראַלטע הכנות, די טיפע

ספות, די אַלגעמיינע באַדינגונגען, וואָס האָבן גענערט דעמ־דאָזיקן זאַפט, געפירט דעם וואַקסונגס־פּראָצעס, און אים דער־פירט צו אַן אַנטגילטיקער בליאונג. איצט בלייבט אונז נישט מער איבער, ווי צו שילדערן די היסטאָרישע אומשטענדן, וואָס דאָס נאָכפאָלגן און דאָס ענדערן זיך זייערס האָבן נאָכאַנאַנד גורם געווען צו די פאַרשיידענע גלגולים פון דער דאָזיקער גרויסער פונאַנדערבליאונג.

א י נ ה אַ ל ט:

הקדמה 3

ע ר ש ט ע ר ט י י ל

ק אַ פּ י ט ל א׳ איבערן מהות פון קונסט־ווערק . . 4

„ ב׳ וועגן דער אַנטשטייאונג פונם קונסט־ווערק 44

צ ו ו י י ט ע ר ט י י ל

די מאַלעריי אין דער רענעסאַנס אין איטאַליע

ק אַ פּ י ט ל א׳ די כאַראַקטער־שטריכן פון דער איטאַליענישער מאַלעריי 20

„ ב׳ אַלערערשטער באַדינג . . . 106

„ ג׳ די נעבן־באַדינגונגען . . . 111

„ ד׳ „ „ (המשך) . . . 129

„ ה׳ „ „ „ . . . 150

„ ו׳ „ „ „ . . . 186

ד ר י ט ע ר ט י י ל

די מאַלעריי אין די נידערלענדער

ק אַ פּ י ט ל א׳ די באַשטענדיקע כיבות. . . 207